STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07948

FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אונזער אלטען אוצר

געקליבענע פערל פון אונזערע אלטע קוואלען און
בל'ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים,
איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

געזאמעלט און בעארבייט
פון ב. יאושזאהן

צווייטער באנד
שמות

שענגאלד פאבל., ניו־יארק

די ערשטע אויסגאַבע „פון אונזער אַלטען אוצר" (ערשינען אין די יאָהרען 1932—1939) איז באַשטאַנען פון אַכט בענדער און איז געווען איינגעטיילט אין פיר באַזונדערע זאַמלונגען: יעדע צוויי בענדער האָבען ענטהאַלטען חמשה חומשי תורה, ימים טובים, חמש מגילות און פרקי־אבות.

אין דער איצטיגער אויסגאַבע — וועלכע ערשיינט אין אַ פאַרגרעסערטען פאָרמאַט — זענען אַלע זאַמלונגען פאַראייניגט. אַזוי אַרום ענטהאַלט דער באַנד אויף ספר שמות, דאָס גאַנצע מאַטעריאַל אויף שמות וואָס איז פריהער געווען איינגעשלאָסען אין די אַכט בענדער — ווי אויך נייעם מאַטעריאַל, וואָס ב. יאושזאָהן ז״ל האָט געהאַט צוגעגרייט פאַר אַ נייער זאַמלונג. און אַזוי וועלען אויך קומען די ווייטערע בענדער.

B. YEUSHSON: FUN UNSER ALT'N OITZER

Printed in U.S.A.

Copyright 1956 by A. H. Justman

All Rights Reserved

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פון טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבערזעצען, פאַרזיכערט.

Sole Representative for U. S. A. & Canada

BERNARD MORGENSTERN

150 East Broadway New York 2, N. Y.

CO 7-1332

געזעצט און געדרוקט ביי וואַלדאָן פרעס, ניו יאָרק

FUN UNSER ALT'N OITZER

SHENGOLD PUBLISHERS, Inc.
45 W. 45 St., New York

Printed in U.S.A.
by Waldon Press, Inc.

341

ספר שמות

שְׁמוֹת

ואלה שמות בני ישראל... (א. א.)

אַלס ראובן ושמעון זענען זיי געקומען קיין מצרים און אַלס ראובן ושמעוֹן זענען זיי אַרויס פון דאָרט: ראובן האָט נישט איבערגעמאַכט זיין נאָמען אויף לוליאַני; יהודה — אויף רופא, און בנימין — אויף אַלכסנדרי.

(ויקרא רבה)

אין זכות פון פיר זאַכען זענען די אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים: ווייל זיי האָבען נישט געענדערט זייערע נעמען, ווייל זיי האָבען נישט געענדערט זייער שפּראַך, ווייל זיי האָבען געפירט אַ ריין פאַמיליען־לעבען און ווייל עס זענען נישט געווען צווישען זיי קיין מוסרים...

(ילקוט שמעוני)

פאַרהאַן אידען, וועלכע שעמען זיך צו רופען מיט זייערע אידישע נעמען ביים לעבען; דידאָזיגע נעמען בעהאַלטען זיי אויף שפּעטער, נאָכ'ן טויט, פאַר דער אויפ־שריפט אויף דער מצבה און אויף הזכרת־נשמות... און דאָס איז דער טייטש: „קראו בשמותם עלי אַדמות" (תהלים מ"ט) — ערשט „עלי אַדמות", נאָכ'ן טויט, לאָזען זיי זיך רופען מיט זייערע ריכטיגע אידישע נעמען...

(לוח ארז)

אין מדרש רבה ווערט אויסגערעכענט, אַז די אַלע נעמען, וואָס מען האָט געגעבען די שבטים, האָבען מרמז געווען אויף דער גאולה: „ראובן — ראה ראיתי את עני עמי, שמעון — וישמע אלקים את נאקתם" וכו', דען די סימני הגאולה — האָט דערויף בעמערקט רבי מענדעלי קאָצקער — הויבען זיך אָן צוזאַמען מיט'ן גלות און — „בתשעה באב נולד משיח"...

ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה... (א. א.)

עס שטעהט נישט „אשר באו", נאָר „הבאים", אַ לשון הווה; זיי האָבען די גאַנצע צייט געהאַט דאָס געפיהל, ווי זיי וואָלטען ערשט נור־וואָס געקומען אַהער, אַז זיי געפינען זיך דאָ נור לפי־שעה, צייטווייליג, אַז נישט דאָס איז זייער לאַנד און נישט דאָ איז זייער היים...

(אהל יהושע)

איש וביתו באו... (א. א.)

אין תשובות רדב״ז ווערט געברענגט, אַז אויב איינער פּאַרט אַרויס צייטווייליג פון ארץ־ישראל צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, האָט ער נישט דעם דין פון „דעתו לחזור״ (און ער איז מחויב צו האַלטען צוויי טעג יום־טוב). וואונדערן זיך די אַחרונים און פרעגען: וואו איז דער מקור דערצו? פונוואַנען האָט עס דער רדב״ז גענומען?

האָט געענטפערט דערויף דער בעל הפלאה, אַז דאָס איז געדרונגען פון דער היינטיגער סדרה, פון פסוק: „ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב, איש וביתו באו״. צוליב וואָס דערצעהלט אונז דער פסוק אַז זיי זענען געקומען „איש וביתו״? נאָר די כוונה איז, אַז דער „הבאים מצרימה״, דאָס קביעות׳דיגע בעזעצען זיך אין גלות, האָט זיך אַנגעהויבען ביי די בני יעקב מיט׳ן מאָמענט, ווען זיי זענען געקומען „איש וביתו״, צוזאַמען מיט די פאַמיליעס; פון דאָזיגען מאָמענט אָן הייסט עס שוין נישט, אַז ס׳איז צייטווייליג און „דעתם לחזור״, דען — די ווייבער וועלען זיי שוין אַזוי גיך צוריק פון גלות נישט אַרויסלאָזען...

ויוסף היה במצרים... (א. ה.)

„וכי לא היינו יודעים שהוא היה במצרים״? (רש״י)

נאָר, מעגליך, אַז דאָס איז אַ המשך צום התחלת הענין: „ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה״ וכו׳, און דערויף ווערט צוגעגעבען: „ויוסף היה במצרים״, אַז בשעת זיי זענען געקומען אַהין, איז שוין יוסף פון פריהער דאָרט געווען...

(משנה כסף)

וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד... (א. ז.)

„וישרצו, שהיו יולדות ששה בכרס אחד״ (רש״י)

אַזוי פיעל קינדער אין אַזאַ ביטערער צייט?

נאָר דערפאַר טאַקי ווערט גלייך דערויף צוגעגעבען: „ויעצמו במאד מאד״, דען ״מאד — זאָגען די חז״ל — זה ממון״, און אַזוי זאָגט אויך אויף די דאָזיגע ווערטער דער כלי־יקר: „שנעשו עשירים גם בממון״, און אויב עשירים, האָבען זיי זיך שוין געמעגט ערלויבען צו האָבען אַ סך קינדער...

(הרב שמעון בצלאל ניימאַרק)

ותמלא הארץ אותם... (א. ז.)

אומעטום — אידען; וואו די מצרים זענען געקומען, האָבען זיי געטראָפען אידען: „בתי טיאַטראות וקרקסאות נתמלאו מהם״, אַלע מצרי׳שע טעאַטערן און צירקען זענען געווען איבערפולט מיט אידען... און דערפאַר איז אַזוי גרויס געווען דער כעס אויף זיי.

(תנחומא)

ויקם מלך חדש... (א. ח.)

אויף דריי חדשים האָט מען פרעה׳ן געהאָט אַראָבגעזעצט פון טראָן, ווייל ער

האָט נישט געוואָלט מסכים זיין צו די פּלענער פון די מצרים. שוטים! — האָט ער געזאָגט צו זיי — מיר לעבען דאָך פון די אידען; ווען נישט יוסף, וואָלטען מיר דאָך געווען פון הונגער אומגעקומען!...
(שמות רבה)

ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף... (א. ח.)

וואָרום ווען ער וואָלט געקענט יוסף'ן, זיין געשיכטע און פערגאַנגענהייט, וואָלט ער דאַן געוואוסט, אַז די אַלע מיטלען, וואָס זענען געגען איהם בענוצט געוואָרען צום שלעכטען, סיי דורך זיינע אייגענע ברידער, סיי דורך פרעמדע, דורך פּוטיפרע'ן, האָבען גאָר באמת געפירט צו זיין גליק און דערהויבונג, און אַז דאָס זעלבע וועט אויך זיין מיט דעם פייניגען די אידען, אַז דווקא דער „וכאשר יענו אותו" וועט ברענגען צום „כן ירבה וכן יפרוץ", צו זייער גאולה און בעפרייאונג...
(אמרי אש)

רב ועצום ממנו... (א. ט.)

עס איז די טענה, וואָס מיר הערען ביז היינטיגען טאָג: „ממנו" — „פון אונז... פון אונז זענען די אידען רייך געוואָרען, פון אונזער האָב־און־גוטס, פון אונזער אַר־בייט"...
(רבי אביש פראַנקפורטער)

הבה נתחכמה לו פן ירבה... (א. י.)

נעמען סתם און אויסראָטען און מאָרדען אַן'אונשולדיגע אומה, וואָס די מצרים זעלבסט האָבען איינגעלאַדען צו זיך אין לאַנד, וואָלט אַרויסגערופען אַ צו־גרויסען רעש אין דער וועלט; און דעריבער — „הבה נתחכמה", מען קאָן דאָסזעלבע דערגרייכען דורך אַ קליגערען וועג, מיט דער הילף פון אונגעוועהנליך גרויסען מס, וואָס דאָס איז דאָך אַ גאַנץ כשר'ע און לעגאַלע זאַך...
(רמב"ן)

לאָמיר זוכען אַנ'עצה צום „לו", צו דער אידישער אחדות, „פן ירבה", אפשר וועט מען געפינען אַ מיטעל, זיי זאָלען זיך צושפּאַלטען און מערען אויף פערשידענע גרופּען; און די עצה איז געווען — „וישימו עליו שרי מסים": שטייערן... עס איז דאָס בעסטע מיטעל צו קנאה־שנאה, מחלוקתן און מסירות... די „שרי־מסים" ווערען פער־וואָרפען מיט טענות און מיט אָנקלאָגען: הלמאַי זאָל ער צאָלען מעהר שטייערן, און יענער ווענינער? יענער איז רייכער פאַר איהם, יענער האָט דאָס יאָהר אַ גרעסערן אומזאַץ געמאַכט, יענער קאָן מעהר צאָלען...
(יד יוסף)

ועלה מן הארץ... (א. י.)

בשעת ישראל געפינט זיך אין דער נידעריגסטער ירידה — קומט דאַן די עליה...
(שמות רבה)

וישימו עליו שרי מסים... (א. יא.)

יעדע מלוכה מוז נעמען מס, קיין שום מדינה שבעולם קאָן אָהן דעם נישט אויסקומען; אָבער פיעל מעהר, ווי פונ'ם מס זעלבסט, האָבען די אידען געליטען פון — די „שרי מסים", די אויפמאַנער פון די שטייערען...

(מדרש)

ויבן ערי מסכנות לפרעה... (א. יא.)

„ערי מסכנות", שטעט פון אָרימקייט (פון לשון „חכמת המסכן בזויה")... דען אַ ווירטשאַפט, וואָס ווערט געבויט אויף מסים און שטייערען, אויף די לעצטע גראָשענס, וואָס ווערען אויסגעפרעסט פון די בירגער, פון אַזאַ ווירטשאַפט ווערט אַ לאַנד נישט אויפגעבויט, נאָר נאָכמער פעראָרימט...

(עוללות אפרים)

וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ... (א. יב.)

ווייל מען האָט זיי געפייניגט האָבען זיי זיך געפרוכפערט און געמערט און עס איז פון זיי אויסגעוואַקסען אַ גרויס אידיש פאָלק. וואָלט זיי אָבער פרעה נישט געפייניגט און נישט גע'רודפ'ט, דאַן — דאַן וואָלטען זיי זיך אַסימילירט און עס וואָלט פון זיי אויסגעוואַקסען אַ גרויס עגיפטיש פאָלק...

(ר' שלמה קלוגער)

עס שטעהט נישט „וכאשר ענו אותו", נאָר „וכאשר יענו", אַ לשון עתיד. די תורה פערזיכערט אונז, אַז שטענדיג, ווען מען וועט די אידען פייניגען, וועט עס דוקא האָבען אַ פערקערטע פעולה: וואָס מעהר רדיפות און לײדען, אַלץ מעהר וועט דאָס אידענטום דערפון געשטאַרקט און געקרעפטיגט ווערען...

(אורח חיים)

עס איז אַ נאַטור־געזעץ: די אברים אינ'ם מענשליכען אָרגאַניזם, וואָס ווערען וועניג בענוצט, ווערען אָבגעשוואַכט, פערלירען ביסלעכווייז זייער קראַפט און מיט דער צייט, במשך פון דורות, ווערען זיי אינגאַנצען אַטראָפירט. אַמשטאַרקסטען און אַמ־קרעפטיגסטען דאַגעגען זענען יענע אברים, וועלכע ווערען בענוצט אַממערסטען. דאָס־זעלבע איז אויך מיט'ן אידישען פאָלק: אַ דאַנק דעם „וכאשר יענו אותו" איז „כן ירבה וכן יפרץ", האָט זיך אונזער שאַרפזין, וואַכזאַמקייט, עמפינדליכקייט און ווידערשטאַנדס־פעהיגקייט פיעל שטאַרקער ענטוויקעלט, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער...

(ספר הדרוש)

„רוח הקודש אומרת כן, אתם אומרים פן ירבה ואני אומר כן ירבה" (רש"י)

„אתם אומרים פן ירבה", איהר, אידישע שונאים, רעכענט דאָך אָודאי, אַז מיט אייערע גזרות, מיט אייער פערביטערען די אידען דאָס לעבען, וועט זיך ביי זיי מערען דער „פן", דער טאָמער, די ספקות און די פערצווייפלונג: פיליכט איז ווירקליך פאַר אונז מעהר קיין שום האָפנונג נישטאָ, פיליכט האָבען באמת רעכט אונזערע שונאים,

וועלכע זאָגען, אַז מיר זענען פערשאָלטען פון גאָט און ער וויל, חלילה, מעהר נישט וויסען פון אונז, וכדומה אַזעלכע טרויעריגע פערצווייפלונגס־געדאַנקען, וועלכע זאָלען, ווי איהר האָפט, סוף־כל־סוף דערפירן דערצו, אַז די אידען זאָלען זיך מוזען אונטערגעבען, רעזיגנירען, און אָבזאָגען זיך פון צו זיין אידען — אָבער איהר האָט אַ ביטערען טעות! „ואני אומר כן ירבה“, איך פערזיכער אייך, אַז דערמיט דערפירט איהר צו פונקט פערקער־טע רעזולטאַטען. אַז וואָס מעהר איהר פייניגט די אידען, אַלץ מערער ווערט ביי זיי דער „כן“, די זיכערקייט, דער שטאָלץ און דער גלויבען אין זיך, אַלץ שטאַרקער דערוועקט עס אין זיי דאָס געפיהל פון טראַציגקייט און פון ווידערשטאַנד, פון נישט נאָכגעבען און אויסהאַלטען פאַר יעדען פרייז, אויסהאַלטען „להכעיס אונזערע שונאים“. ווייל איהר, שלעגער, זאָגט „פן“, זאָגען מיר, די געשלאָגענע, דוקא — „כן“!...

(רבי מרדכי עליאַשבערג)

ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך... (א. יג.)

בפרך — „בפה רך“, מיט גוטע ווערטער, מיט איינרעדענישען און הבטחות...

(שמות רבה)

„ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך — חד אמר בקל וחומר, וחד אמר בגזירה שוה“ (מדרש פליאה)

דער זין פון דאָזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מאמר איז איינפאַך: „חד אמר בקל וחומר“ — פריהער האָט מען די אידען געגעבען לייכטע אַרבייט, און דאַן וואָס־אַמאָל שווערערע; „וחד אמר בגזירה שוה“ — מען האָט באַלד אָנגעהויבען אַרבייטען מיט זיי עבודת־פרך...

(מנחת עני)

„בפרך — שהיו מחליפין מלאכת אנשים לנשים ומלאכת נשים לאנשים“ (מדרש רבה)

וואונדערן זיך די מפרשים: ווי אַזוי איז דער דאָזיגער דרש געדרונגען פון וואָרט „בפרך“?

האָט דערויף רבי מאיר שמחה דווינסקער אָנגעוויזען, אַז אויפ׳ן פסוק „מאיש מדבר תהפוכות“ (משלי ב. יב.) זאָגט דער תרגום: „גברא דממלל מפרכיתא“, פון וועלכען עס איז צו זעהן, אַז דאָס וואָרט „פרך“ האָט די בעדייטונג פון „תהפוכות“, און דערפון דרש׳נען די חז״ל — „שהיו מחליפין מלאכת אנשים לנשים“ וכו׳...

וימררו את חייהם... (א. יד.)

צוליב׳ן קשי־השעבוד — זאָגען די חז״ל — איז דעריבער פערקירצט געוואָרען די צייט פון גלות־מצרים, פון פיר הונדערט אויף צוויי הונדערט מיט צען יאָהר... און דערפאַר איז די נגינה אויפ׳ן דאָזיגען פסוק „קדמא ואזלא“: ווייל „וימררו את חייהם“, דעריבער — „קדמא ואזלא“, זענען זיי אַרויס פון דאָרט פ אַ ר דער צייט...

(ווילנער גאון)

ווראיתן על האבנים... (א. טז.)

דריי מאָל, ווערט אָנגעוויזען אין דער מסורה, געפינען מיר דאָס וואָרט „וראיתם": „וראיתן על האבנים", „וראיתם את הארץ" און „וראיתם אותו". אַ רמז אויפ'ן מאמר אין אבות: „הסתכל בשלושה דברים וכו' דע מאין באת ולאָן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון" (אָבות פרק ג'), ובכן:

„מאין באת?" — „וראיתן על האבנים"...

„לאָן אתה הולך?" — „וראיתם את הארץ"...

„ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון?" — „וראיתם אותו..."

(רבי שמעלקי מניקעלשבורג)

אם בן הוא והמתן אותו... (א. טז.)

וואָס פאַר אַ שוטה! גיכער האָט ער (לויט זיינע מחשבות רעות) געדאַרפט הייסען אומברענגען די נ ק ב ו ת; וואָרום אויב עס וועלען קיין נקבות נישט זיין — פונוואַנען וועלען די זכרים נעמען פרויען? איין פרוי קאָן דאָך קיין צוויי מענער נישט נעמען, אָבער איין מאַן קאָן דאָך נעמען צען און הונדערט פרויען!...

(שמות רבה)

ארורים הם הרשעים, פערשאָלטען זאָלען זיין די רשעים, וועלכע פלייסען זיך איינער דעם צווייטען איבערצושטייגען אין זייערע גזירות אויף אידען. קיין האָט גע'הרג'עט זיין ברודער, איז געקומען עשו און האָט געזאָגט: אַ שוטה איז קין געווען, וועלכער האָט גע'הרג'עט דעם ברודער זיינעם ביי'ם פאָטערס לעבען. האָט ער דען נישט געוואוסט, אַז דער פאָטער קאָן נאָכהער אַנדערע קינדער געבוירען און פרישע הבל'ס ברענגען אויף דער וועלט? איך וועל אַנדערש טון, איך וועל וואַרטען, אַז עס וועלען שוין נישט קענען מעהר געבוירען ווערען קיין אַנדערע ברידער אויף יעקב'ס אָרט. „יקרבו ימי אבל אבי" און ערשט דאַן — „ואהרגה את יעקב אחי"... איז געקומען פרעה דער רשע און האָט געזאָגט: אַ שוטה איז געווען עשו. האָט ער דען נישט גע־וואוסט, אַז ביז יצחק וועט שטאַרבען קאָן דערווייל יעקב זיך פרוכפערען און מערען און איבערלאָזען נאָך זיך אַ דור מיט אַ סך יעקב'לעך? איך וועל אַנדערש טון, איך וועל נישט וואַרטען, ביז זיי וועלען אויפוואַקסען, נאָר אין דער מאַמעס בויך נאָך וועל איך זיי אומברענגען. „אם בן הוא והמתן אותו!"... איז געקומען המן דער ממזר און האָט געזאָגט: אַ שוטה איז געווען פרעה, וועלכער האָט אויסגערופען: „וכל הבת תחיון". האָט ער דען נישט געוואוסט, אַז די טעכטער קענען חתונה האָבען מיט מענער און זיך פרוכפערען און מערען און אַ פריש פאָלק ישראל אויפשטעלען? איך וועל נישט טון אַזוי, נאָר — „טף ונשים ביום אחד". לעתיד־לבוא וועט קומען גוג ומגוג און וועט זאָגען: שוטים זענען זיי אַלע געווען, וועלכע האָבען געפיהרט דעם קאַמף בלויז געגען ישראל, האָבען זיי דען נישט געוואוסט, אַז די בני־ישראל האָבען אַ גאָט אין הימעל און כל־זמן דער אידישער גאָט וועט עקזיסטירען, וועלען אויך די אידען עקזיסטירען? איך וועל אַנדערש טון. דעם קאַמף וועל איך קודם כל געגען זייער גאָט פערפירען. „התיצבו מלכי ארץ ורוזנים נוסדו יחד, על ד' ועל משיחו!"... אָבער — „יושב בשמים ישחק, ד' ילעג למו"...

(מדרש הגדול)

ולא עשו כאשר דבר אליהן מלך מצרים... (א. יז.)

דער דין פון „דינא דמלכותא דינא״ איז נאָר דאַמאָלס פערפליכטענד, ווען דאָס געזעץ ווערט אַרויסגעגעבען פאַר אַלעמען גלייך, פאַר אַלע בירגער אָהן אויסנאַהם; אָבער נישט דאַן, ווען עס איז אַ געזעץ און אַ גזירה בלויז אויף אידען...

(קְצות החושן)

ויהי כי יראו המילדות את האלקים ויעש להם בתים... (א. כא.)

וועגען דער בעדייטונג פון וואָרט „בתים״ ווערען געגעבען פערשידענע פירושים. רש״י זאָגט: „בתי כהונה ולויה ומלכות״. דער אברבנאל טייטשט: „בתים״ — איזאָלי־רונגס־הייזער, ספעציעל געשלאָסענע אַנשטאַלטען פאַר די געווינערינס. לויט׳ן רשב״ם געהען־אַרויף די ווערטער „ויעש להם בתים״ אויף פרעה׳ן און דער פשט איז: ער האָט אויסגעבויט פאַר די מילדות ספעציעלע הייזער, אין וועלכע מען האָט זיי געהאַלטען איזאָלירט און אָבגעזונדערט און געהיטען, זיי זאָלען אויספיהרען פרעה׳ס גזירה. לויט׳ן רמב״ן לייענט זיך דער דאָזיגער פסוק צוזאַמען מיט׳ן ווייטערען פסוק און דער זין איז: „ויהי כי יראו המילדות את האלקים״ — בשעת פרעה האָט געזעהן, אַז די מילדות האָבען מורא פאַר גאָט און זיי ערפילען ווייטער זייערע פליכטען און „ויעש להם בתים״, אַז אַ דאַנק דעם ענטוויקלען זיך ווייטער זייערע הייזער און עס וואַקסט די צאָל פון די אידישע נפשות, דאַן — „ויצו פרעה לכל עמו לאמר כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו״. רבי משה חפץ (אין „מלאכת מחשבת״) טייטשט: „ויהי כי יראו המילדות את האלקים״ — בעת די אידען האָבען זיך איבערצייגט, אַז די מילדות האָבען מורא פאַר גאָט און זיי רעכענען זיך נישט מיט פרעה׳ס גזירה — „ויעש להם בתים״, האָט מען בעקומען צו זיי צוטרוי און עס האָבען זיך געמערט די צאָל הייזער, אין וועלכע מען האָט זיי גע־רופען צו די געווינערינס. אינטערעסאַנט איז אויך די מיינונג פון שד״ל. לויט זיין השערה זענען אין יענער צייט די אַקושערקעס, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער דאָזיגער פּראָפעסיע, בעשטאַנען פון קינדערלאָזע פרויען און „ויעש להם בתים״, אַלס שכר פאַר זייער אויפפירונג, האָבען זיי אויך אַליין אויפגעשטעלט הייזער און געבוירען קינדער...

די צאַרישע רעגירונג אין רוסלאַנד האָט איינמאָל נאָמינירט אַ געוויסען רב אויף אַ הויכען פאָסטען, האָט דאַן דער לאָדזשער רב, רבי אלי׳ חיים מייזעל, געשריבען צו איהם אין אַ בריעף:

„ויהי כאשר יראו המילדות את האלקים״, בשעת פרעה האָט געזעהן, אַז די מילדות זענען יראות שמים, זיי האָבען מורא פאַר גאָט — „ויעש להם בתים״, האָט ער זיי פערזאָרגט מיט „בתים״, מיט פיין־איינגעאָרדענטע הייזער, מיט גוטע פאָסטענס, כדי אַזוי אַרום אַריבערצוציהען זיי אויף זיין זייט און זיי אויסצונוצען צו זיינע שענדליכע פּלענער... אָבער נישט יעדער ירא־שמים — האָט רבי אלי׳ חיים פערענדיגט מיט אידעלע אָנצוהערעניש — קאָן זיך אין אַזעלכע פאַלען פערגלייכען צו יענע „מילדות העבריות״ און זיין זיכער ביי זיך, אַז ער וועט ביישטעהן דעם נסיון...

ויצו פרעה לכל עמו לאמר כל הבן הילוד היארה תשליכהו... (א. כב.)

ווי עס איז צו זעהן פון דאָזיגען פסוק, איז די גזירה מכלומר׳שט אַרויסגעגעבען געוואָרען געגען גאַנצען פאָלק, נאָר אויסגעפיהרט האָט מען זי — געגען אידען...

(שב שמעתתא, אין דער הקדמה)

וילך איש מבית לוי... (ב. א.)

צוליב וואָס ווערט דאָס דערצעהלט? — כדי אונטערצושטרייכען, אַז דער געבורט פון אידישען גואל איז אויף אַ נאַטירליכען אופן, פון אַ מענשליכען טאַטען און מענש־ליכער מאַמע, כדרך כל האדם, וד״ל...

(געהערט)

וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי... (ב. א.)

דערויף פרעגט די גמרא (סוטה י״ב): „אפשר בת מאה ושלשים שנה הויא וקרא לה בת״?

איז אייגענטליך, וואָס איז דאָ די קשיא? צי דערפאַר, ווייל זי איז אַלט געווען הונדערט און דרייסיג יאָהר הערט זי שוין דערמיט אויף צו זיין בת־לוי?

נאָר באמת איז די פראַגע פון די חז״ל דאָ אַ גאַנץ אַנדערע, דען אויף די נעמען, למשל, פון „בן בג בג״, „בן הא הא״, אין אָבות, ווערט ערקלערט (און אַזוי זאָגט דאָרט דער תוספות יום־טוב), אַז ווייל זיי זענען נאָך געווען זעהר יונג און אונבעקאַנט, האָט מען זיי דעריבער נישט גערופען מיט זייערע אייגענע נעמען, נאָר אויף די נעמען פון זייערע פאַטערס, וועלכע זענען געווען מפורסם. און דאָס אַלזאָ איז די פראַגע: „אפשר בת מאה ושלשים שנה הויא וקרא לה בת״? יוכבד איז דאָך שוין אַלט געווען הונדערט און דרייסיג יאָהר, טאָ פאַרוואָס רופט אָן דער פסוק בלויז דעם נאָמען פון איהר פאָטער, „בת לוי״ און נישט איהר אייגענעם נאָמען?...

(רבי אברהם פאַלקאָווער)

„אפשר בת מאה ושלשים שנה הויא וקרא לה בת? — שנולדו בה סימני נערות״

(סוטה י״ב)

לויט׳ן זוהר אָבער פון דער היינטיגער סדרה, וואו עס ווערט געזאָגט דערויף: „הכי אוליפנא, דאיתתא עד דלא אזדווגת נקראת בת פלוני ובתר דאזדווגת נקראת אשת פלוני״ — ווערט שוין ממילא די גמרא׳ס קשיא פערענטפערט...

(תורה תמימה)

„נהפכה להיות נערה ובת ק״ל שנה היתה״ (רש״י)

אין פ׳ ויגש, אויפ׳ן פסוק „כל הנפש הבאה ליעקב מצרימה״ (מו. כו.), פרעגט דער אבן עזרא: „למה לא הזכיר הכתוב הפלא שנעשה עמה שהולידה משה והיא בת ק״ל שנה ולמה הזכיר דבר שרה שהיתה בת תשעים״? פאַרוואָס, הייסט עס, ווערט אין דער תורה נישט דערצעהלט וועגען דעם פלא מיט יוכבד׳ן, וועלכע האָט געבוירען אַ זון צו הונדערט און דרייסיג יאָהר? דאָס איז דאָך אַ פיעל גרעסערע רבותא ווי ביי שרה׳ן?

אויף דער דאָזיגער קשיא האָט דער דובנער מגיד געענטפערט, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ משל:

אַ חברה אַרימעלייט, מחזרים על הפתחים, האָבען זיך אַמאָל צונויפגעטראָפען אונטערוועגנס אין אַ קרעטשמע און גענומען שמועסען וועגען זייער פאַך. דאָס פאַך, האָבען זיי זיך געקלאָגט, געהט אונטער, דער עולם גיט קיין נדבות נישט און דער גרעס־טער נגיד, אויב ער גיט שוין יאָ, איז ער יוצא העכסטענס מיט אַ פרוטה.

— און איך, זעהט איהר — רופט זיך אָן איינער פון דער חברה — האָב דאָ נישט לאַנג בעקומען פון אַ נגיד אַ גאַנץ קערבעל מיטאַמאָל!

— אַ גאַנץ קערבעל? — ווערען אַלע אַרומיגע איבערראַשט — ווען און וואו איז דאָס געווען?

— דאָס איז געווען — דערצעהלט זיי דער מוצלח — אין דעם און דעם שטעטעל. כ׳בין אַריינגעפאַלען אַהין פורים צו דער סעודה און האָב ביים שטאָט־גביר בעקומען אַ גאַנץ קערבעל מיטאַמאָל.

— אַ שעהנע ראיה האָט ער דאָ געברענגט! — צעלאַכט זיך די חברה — ווען איהר וואָלט אונז דערצעהלט, אַז איהר האָט געקריגען אַ קערבעל אין מיטען יאָהר, וואָלט עס געווען פאַר אונז אַ חידוש, אָבער פורים? וואָס איז די רבותא? פורים איז דער עולם אויפגערוימט, בגלופין, נעמט מען אַראָב די האַנד פון הארצען און מען גיט, אַלע געבען דאַמאָלס, אַפילו דער גרעסטער קמצן...

— דאָס זעלבע — פיהרט אויס דער דובנער — איז אויך דאָ. וועגען שרה׳ן געפינט די תורה פאַר נויטיג צו דערצעהלען, אַז זי האָט געבוירען צו ניינציג יאָהר, ווייל דאָס איז דאַמאָלס טאַקי אַ גרויס חדוש געווען; דאָגעגען אין מצרים, וואו אַלע געבורטען זענען געווען בדרך נס, יעדע אשה האָט געבוירען „ששה בכרס אחד״ און אַלע קינדער זענען געווען געזונד און שטאַרק: „וירבו ויעצמו במאד מאד״ — טאָ וואָס פאַר אַנ׳איבערראַשונג איז עס פאַר אונז, מען זאָל אונז דערצעהלען, אַז איינע פון די פרויען האָט געבוירען אין טיפען עלטער, אין דער צייט ווען אַלץ איז געווען לויטער נסים!...

ותרא אותו כי טוב הוא... (ב. ב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: ״ראה תוארו כתואר מלאך אלקים לפיכך מהלו אותו בשמונה״.

וואָס איז דער פשט פון דעם אין פלוג אונפערשטענדליכען מדרש?

נאָר אויף „ותרא אותו כי טוב״ ווערען געבראַכט צוויי פשטים. איין פשט איז: „שנתמלא כל הבית כלו אורה״, און אַ צווייטער פשט: „שנולד מהול״.

לויט׳ן לעצטען פשט האָט מען משה רבינו נישט געקענט מל זיין צו די אַכט טאָג, דען וועגען אַ נולד מהול איז דער דין, אַז ביי איהם איז מילה נישט דוחה שבת און ביי משה רבינו ווערט דאָך געזאָגט אַז „נולד בשבת ומת בשבת״.

און דאָס, אַלזאָ, איז די כונה פון דערמאָנטען מדרש. דער דאָזיגער מאַן דאָמר האַלט, אַז דער פשט פון „ותרא אותו כי טוב״ איז: „ראה תוארו כתואר מלאך אלקים״, אַז „נתמלא כל הבית כלו אורה״, און נישט, אַז „שנולד מהול״, און — לפיכך, קוים איז ער נישט געווען קיין נולד מהול, מהלו אותו בשמונה, האָט מען איהם מל געווען אין אַכטען טאָג, וועלכער איז דאַן אויסגעפאַלען אום שבת...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

„רבי מאיר אומר שמו טוב, רבי נחמיה אומר שנולד מהול, אחרים אומרים שנתמלא אורה".
(מדרש רבה)

ווערט געפרעגט דערויף אין „יפה תואר": די גמרא זאָגט דאָך (עירובין י"ג): „לא רבי מאיר שמו אלא רבי נחמיה", און אין אַ צווייט אָרט (הוריות י"ג) ווערט געזאָגט: „מאן אחרים — רבי מאיר", קומט דאָך, אַלזאָ, אויס אַז אַלע דריי דערמאָנטע מאן דאָמר'ס זענען פּאַקטיש איין און דיזעלבע פּערזאָן?...

ותצפנהו שלשה ירחים... ותשם בסוף על שפת היאר... (ב. ב. ג.)

און דערפון נעמט זיך דער אידישער מנהג צו בעצירען אום שבועות די הייזער מיט גרינס, וואָס וואַקסט ביים טייך. דען אין ז' אדר איז משה רבינו געבוירען געוואָרען, און דאַן איז געווען „ותצפנהו שלשה ירחים" און „ותשם בסוף על היאור", וואָס עס קומט־אויס אין ז' סיון, אין טאָג פון שבועות...

(רבי מרדכי באַנעט)

ולא יכלה עוד הצפינו... (ב. ג.)

צוויי מאָל געפינען זיך די ווערטער „ולא יכלה" אין דער תורה: „ולא יכלה עוד הצפינו"; „ולא יכלה ארץ־מגוריהם לשאת אותם".

די שנאה פון דער שכנ'ישער בעפעלקערונג צו אידען, דער „ולא יכלה ארץ־מגוריהם לשאת אותם", נעמט זיך אָפּט צוליעב'ן „ולא יכלה עוד הצפינו", ווייל מיר פערשטעהען נישט די נויטווענדיגקייט פון בעהאַלטען זיך; ווייל מיר האָבען לײדער אַ טבע אַרויסצוטראָגען אויף דער גאַס אַלץ וואָס מיר פערמאָגען און וואָס מיר פערמאָגען אַפילו נ י ש ט... צו קליידען זיך אין לוקסוס און אויפצורייסען יענעם די אויגען אַפילו דאַן, ווען אין אונזערע הייזער הערשט דער מורא'דיגער דלות...

(מגילת סופר)

ותשלח את אמתה... (ב. ה.)

„את אמתה — את ידה, שנשתרבבה אַמתה אַמות הרבה" (רש"י)

פרעגט זיך: פּרעה'ס טאָכטער האָט דאָך נישט געוואוסט, אַז עס וועט מיט איהר אַזאַ נס געשעהן, טאָ ווי־אַזוי האָט זי באַלד לכתחילה גענומען און אויסגעצויגען די האַנד צו אַזאַ זאַך, צו וועלכער עס איז גאָר אונמעגליך געווען צו דערלאַנגען? — דער תירוץ איז: ווען אַ מענש מיינט ערנסט צו העלפען דעם צווייטען, זאָל ער זיך נישט אָוועק־שטעלען און חקר'ענען, צי עס לוינט די אַרבייט און צי איז עס דערגרייכבאַר; ער פון זיין זייט דאַרף קודם־כל טון דאָס זייניגע — אויסשטרעקען יענעם זיין האַנד...

(רבי יצחק וואָרקער)

ותפתח ותראהו את הילד... (ב. ו.)

„ותרא מבעי ליה? אמר ר' יוסי בר חנינא, שראתה שכינה עמו" (סוטה י"ב)

פונוואַנען איז דאָס געדרינגען?

נאָר דאָס וואָרט „הו", ווי מיר געפינען אין דער גמרא, איז שמו של הקב"ה, ווי „אני והו הושיעה נא" (סוכה ג'), און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט: דערפון, וואָס עס

שטעהט נישט „ותרא״, נאָר „ותראהו״, לייענט זיך עס, ווי צוויי ווערטער: „ותרא הו״ און עס איז משמע — „שראתה שכינה עמו״...

(מפרשים)

ותראהו את הילד והנה נער בוכה... (ב. ו)

„ותראהו״... דאָס אידישע געוויין דאַרף מען נישט הערען, דאָס אידישע געוויין זעהט מען; עס ליגט אויף די פּנים׳ער...

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

„נער בוכה — קולו כנער״ (רש״י)

אַז אַ זויג־קינד זאָל וויינען, ווי אַ דערוואַקסענער נער, דאָס איז אַן׳אויסטערלישע ערשיינונג, און וויבאַלד אַזוי איז נישט אַנדערש, נאָר — „מילדי העברים זה״. אַז דאָס איז אַ קינד פון יענעם אויסטערלישען פאָלק, וואָס זיין גאַנץ לעבען און זיין גאַנצע עקזיסטענץ איז דורך און דורך אַן׳אויסטערלישע, חוץ־לדרך־הטבע...

(רבי יצחק טאַרטשינער)

וועגען אַ בעקאַנטען גאון און שתדלן ווערט דערצעהלט, אַז אַריינקומענדיג איינמאָל צו אַ גרויסען שר, זיך משתדל זיין וועגען אָברופען אַ געוויסע גזירה געגען אידען, האָט ער אָנגעהויבען זעהר הויך צו שרייען. דער שר האָט איהם מיט אַ פערדראָסיגער מינע אויפמערקזאָם געמאַכט, אַז עס איז אונטאַקטיש צו רעדען מיט אַזאַ הויכען טאָן. דערויף האָט איהם דער גאון געענטפערט: וואונדער זיך נישט, אדוני פּריץ, וואָס איך רעד אַזוי הויך, דען נישט איך אַליין רעד, נאָר טויזענדער, טויזענדער געפּייניגטע אידען רעדען אַרויס פון מיר...

און דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט משה׳ן. אַלס דריי־חדשים׳דיג קינד האָט ער שוין געוויינט, ווי אַ דערוואַקסענער, ווי אַ „נער״; ווייל — „מילדי העברים זה״, ווייל טויזענדער, טויזענדער אידישע קינדער, וועלכע זענען אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין נילוס, האָבען אַרויסגעוויינט פון איהם...

דריי זאַכען — פלעגט זאָגען דער רבי ר׳ בער פון מעזריטש — דאַרף זיך דער מענש אָראָבלערנען פון אַ קינד: עס איז שטענדיג פרעהליך, עס זיצט קיינמאָל נישט לעדיג, און אַז עס פערלאַנגט עפּיס אַ זאַך — וויינט עס...

(רבי משה־נתן יונגרייז)

ויגדל הילד ותביאהו לבת פרעה... (ב. י)

ס׳איז געווען דער רצון פון דער השגחה, אַז משה זאָל ערצויגען ווערען אין אַ קעניגליך הויז, וואו ער זאָל אויסוואַקסען, נישט־וויסענדיג פון קיין הכנעה און שפלות... און צוליב נאָך אַ זאַך: ווען משה זאָל געווען ערצויגען ווערען צווישען אידען און זיי וואָלטען איהם פון קינדוויז־אָן געקענט, וואָלטען זיי פאַר איהם קיין דרך־ארץ נישט געהאַט...

(אבן־עזרא)

עס האָט אַמאָל אַ געוויסער משכיל געפרעגט רבי ישראל ריזשינער, הלמאי ער פיהרט אַזאַ מלכות׳דיגען הויף מיט אַזאַ ברייט, לוקסוס׳דיג לעבען, ווערענד אַלס רבי און צדיק וואָלט ער דאָך געדאַרפט ווייזען פאַר אַנדערע אַביישפּיל מיט דער מידה פון הסתפקות און פון חיי־צער?

האָט איהם דער ריזשינער געענטפערט: משה רבינו — דערצעהלט אונז די תורה — איז דערצויגען געוואָרען אין אַ קעניגליכען פּאַלאַץ, אין פּרעה׳ס הויז. צוליב וואָס איז דאָס נויטיג געווען, אַז ער זאָל ווערען געהאָדעוועט אין אַ פּרעמדען רייכסטען מצרי׳שען הויף און נישט צווישען זיינע אייגענע אָרימע אידען? ווייל אויב ער וואָלט דערצויגען געוואָרען אין אָרימקייט, וואָלט ער שפּעטער געקאָנט אַמאָל מוותר זיין אויף דער הבטחה פון „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול״. אַלס אָרימאַן, מיט השגות פון אַן אָרימאַן, וואָלט ביי איהם רעכט געווען און ער וואָלט געהאַלטען פאַר אַ גענוג גרויס גליק, אַז די אידען זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון מצרים אָהן אַ רכוש גדול, מיט׳ן בלויזען העמד אויפ׳ן לייב... און דעריבער איז נויטיג געווען, ער זאָל אויסוואַקסען אין רייכטום און האָבען ברייטע, רייכע השגות...

ותקרא שמו משה וכו׳ כי מן המים משיתהו... (ב. י.)

לויט די חז״ל האָט משה רבינו געהאַט צען נעמען: איין נאָמען, וועלכען די עלטערען האָבען איהם געגעבען; איין נאָמען, מיט וועלכען השי״ת האָט איהם גערופען; איין נאָמען, מיט וועלכען עס האָבען איהם גערופען די בני־ישראל וכו׳, און דאָך, פון אַלע צען נעמען, ווערט די תורה אָנגערופען „תורת משה״, אויפ׳ן נאָמען, וואָס ער האָט בעקומען פון אַ גויה, פון בת־פּרעה, ווייל דער דאָזיגער נאָמען איז מרמז אויף רחמנות און גוטהאַרציגקייט — „כי מן המים משיתהו״, און דאָס איז דער עיקר, דער יסוד פון דער תורה...

(רבי מרדכי באָנעט)

ויהי בימים ההם ויגדל משה ויצא אל אחיו... (ב. יא.)

נישט אַזוי ווי געוויסע היינטיגע כלל־טוער און געזעלשאַפטליכע עסקנים, וואָס צוליב׳ן כלל פערגעסען זיי דעם פּרט, האָבען זיי קיין צייט און געדולד נישט צו בע־שעפטיגען זיך מיט די צרות און ליידען פון איינצעלנעם יחיד. משה רבינו — דערצעהלט אונז די תורה — האָט זיך פערנומען סיי מיט׳ן כלל, סיי מיט׳ן פּרט. „ויצא אל אחיו וירא בסבלותם״, די סבלות און צרות הכלל, דערביי אָבער האָט ער אויך אין זינען געהאַט דעם יחיד און — „וירא איש מצרי מכה איש עברי מאחיו״...

(הגות לבי)

„ויגדל משה, נתגדל שלא כדרך העולם״ (מדרש)

„שלא כדרך העולם״, דען עס איז נישט לויט׳ן דרך־העולם, אַז אַ אידיש קינד, וואָס ווערט אַזאַ נאָענטער מקורב למלכות, אַ בן־בית אין קייזערליכען הויף, זאָל זיך פּלוצים געהן פערנעמען מיט אַזעלכע זאַכען און זיך אינטערעסירען בצרות אחיו...

(ילקוט הדרוש)

וירא בסבלותם... (ב. יא.)

זעענדיג, ווי שווער אידען ווערען געפּייניגט אין זייער אַרבייט, האָט משה געוויינט און ער האָט זיינע פּלייצעס אונטערגעשטעלט און יעדען איד מיטגעהאָלפען...

(שמות רבה)

איש מצרי מכה איש עברי... (ב. יא.)

קיין שום אונרעכט פון מענש געגען מענש האָט משה נישט געקענט פערטראָגען: סיי דאַמאָלס ווען אַ גוי איז אָנגעפאַלען אויף אַ איד — „איש מצרי מכה איש-עברי"... סיי ווען אידען גופא האָבען זיך געקריגט צווישען זיך — „אנשים עברים נצים"... סיי בעת דער אונגערעכטער האַנדלונג פון אַ גוי געגען אַ גוי — „ויבאו הרועים ויגרשום".

(תולדות יצחק)

„אבל מלאכים ראה ונמלך עמהם ואמר: חייב זה הריגה? אמרו לו: הן, מיד ויך את המצרי" (מדרש רבה)

האָט דער מלבי"ם דערויף געזאָגט בדרך חידוד:

די גמרא זאָגט (סנהדרין נ"ח ע"ב): „עכו"ם שהכה לישראל חייב מיתה שנאמר ויך את המצרי", זאָגט וועגען דעם דער רמב"ם אין הלכות מלכים, אַז נור בדיני שמים איז ער מחויב מיתה, אָבער נישט בדיני אדם. פרעגט מען: די ראיה פון דער גמרא איז דאָך פון „ויך את המצרי" און דאָס איז דאָך בדיני אדם, משה האָט דאָך איהם גע־הרג'עט?!... לויט'ן דערמאָנטען מדרש אָבער, אַז „מלאכים ראה ונמלך עמהם", איז שוין די קשיא קיין קשיא נישט, דען קוים איז דער פּסק אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך די מלאכים, הייסט דאָך עס שוין בדיני שמים...

וירא כי אין איש... (ב. יב.)

„כי אין איש"... ער האָט געזעהן, אַז מען האַלט דעם איד פאַר קיין מענש נישט אַז זיינע פּראָטעסטען און אינטערפּעלאַציעס ווערען דורך קיינעם אין אַכט נישט גענומען, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר איהם...

(אוצר החיים)

מי שמך לאיש שר ושופט עלינו... (ב. יד.)

„הלא בן יוכבד אתה"... (מדרש)

אַזוי איז שוין די טבע פון אונזערע מחוצפים און בעלי-מחלוקת: פאַר'ן מינדעסטען גוי האָבען זיי גרויס דרך־ארץ, זיי זענען גרייט צו קריכען פאַר איהם אויף אַלע פיר; דאַגעגען דעם חשוב'סטען און אָנגעזעעהנסטען איד איז מען מבזה און מבטל בתכלית־הביטול — „אויך מיר אַ דעה־זאָגער!" „ווער איז ער דען?" „הלא בן יוכבד אתה!"... „מיר קענען דאָך איהם, דאָס איז דאָך יוכבד'ס זון"...

(רבי יהודה־לייב הוטנער)

ויאמר אכן נודע הדבר... (ב. יד.)

בשעת משה איז צום ערשטען מאָל אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער און ער האָט געזעהן, אַז „איש מצרי מכה איש עברי מאחיו", אַז אַ מצרי שלאָגט אַן'עברי און „ויפן כה וכה וירא כי אין איש", אַרום און אַרום שטעהען אידען און קיינער פון זיי נעמט זיך נישט אָן פאַר זייער געשלאָגענעם ברודער, האָט ער לכתחילה געמיינט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אידען זענען נישט געוועהנט צו שלאָגען זיך, זיי קענען בטבע נישט אויפהויבען געגען וועמען אַ האַנד, אַפילו ווען מען דאַרף זיך פערטיידיגען. אָבער ווען ער איז דעם צווייטען טאָג ווידעראַמאָל געקומען אין דער אידישער גאַס און ער האָט דערזען פלוצים די סצענע פון „והנה שני אנשים עברים נצים", אַז צוויי אידען גופא בעפאַלען איינער דעם צווייטען, האָט ער אויסגערופען אַן'ערשטוינטער: „אָכן נודע הדבר!" איצט, ליידער, ווייס איך שוין אייער אומגליק. בשעת מען דאַרף זיך פערטיידיגען געגען אַן'איש־מצרי, דאַמאָלס רוקט איהר זיך אָלע אָב, ווי פחדנים, ערקלערענדיג, אַז איהר טאָרט זיך חלילה נישט בענוצען מיט קיין פיזישער מאַכט. דאַגעגען אויף אַרומצורייסען זיך און אַרומצושלאָגען זיך מיט אייערע אייגענע ברידער, דאָ ווערט איהר מיטאַמאָל דוקא גרויסע בריות, מוטיגע קעמפער און אונערשראָקענע פויסט־העלדען...
(לויט רבי עזריה פיגו אין בינה לעתים)

ולכהן מדין שבע בנות... (ב. טז.)

און אַז אַ מענש איז געבענשט מיט זיבען טעכטער, איז ער גרייט צו נעמען אַלס אידעם אַפילו אַ „בורח", אַן'אַנטלאָפענעם, נישט פרעגענדיג גאָר, ווער און וואָס ער איז...
(שפתי כהן)

איש מצרי הצילנו... (ב. יט.)

„הוא עברי ולבושו מצרי" (מדרש)

דעריבער, זאָגט דער ב"ח (או"ח סי' מ"ה), מאַכען מיר אויסער די ברכה „מלביש ערומים", אויך אַ בעזונדערע ברכה „אוזר ישראל בגבורה" און „עוטר ישראל בתפארה" — אַנטקעגען די בעזונדערע מלבושים, וואָס אַ איד איז מחויב צו טראָגען און מיט וועלכע ער אונטערשיידעט זיך פון די נישט־אידען...

דאַגעגען, אָבער, שרייבט דער בעקאַנטער איטאַליענישער גאון און פוסק רבי יוסף קלון אין זיין ספר שו"ת מהרי"ק סימן פ"ח, אַז — „אם אין מלבוש הישראלי מורה על היהדות או על הצניעות יותר מאותו שהגוים נוהגים בו אין שום איסור לישראל ללבוש לבוש הנהוג בין הגוים וכו'".

און ער ברענגט דערויף אַ ראיה פון דער גמרא: „פעם אחת גזרה המלכות גזרה וכו' הלך ר' ראובן בן איסטרובלי וסיפר קומי והלך וישב עמהם וכו'" (מעילה י"ז). ווען, אַלזאָ, אַ איד זאָל מחויב זיין צו טראָגען בעזונדערע מלבושים, פאַרוואָס דערצעלט נישט די גמרא, אַז אויסער וואָס „הלך וסיפר קומי" האָט ער אויך, כדי מען זאָל איהם נישט דערקענען, געענדערט די מלבושים?...

דעסגלייכען, אויפ'ן מאמר פון דער גמרא: „מים הראשונים האכילו בשר חזיר" (חולין ק"ו), זאָגט רש"י, אַז עס איז געוועזען אַ מעשה מיט אַ אידישען קצב, וועלכער

האָט פערקויפט בשר כשר צו אידען און בשר טריפה צו גוים און אָט איז אין זיין קראָם איינמאל אַריינגעקומען אַ איד, וועלכער האָט זיך אַוועקגעזעצט עסען און ער האָט נישט געוואַשען די הענד, האָט דער קצב געמיינט, אַז ער איז אַ גוי און ער האָט איהם מאכיל געווען אַ דבר־טמא... אויב, אַלזאָ, אידען זענען פון תמיד אָן מחויב געווען צו טראָגען בעזונדערע מלבושים, ווי אַזוי האָט דער קצב געהאַט אַ טעות און געמיינט, אַז עס איז אַ גוי, ער האָט דאָך איהם געקאָנט דערקענען לויט דער הלבשה?...

ותלד בן ויקרא את שמו גרשם... (ב. כב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן־עזרא: „ואשר כתוב בדברי הימים דמשה אל תאמין וכו׳ וככה ספר זרובבל וגם ספר אלדד הדני והדומה להם״.

אין ספר, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דברי הימים של משה״, ווערט געזאָגט, אַז משה רבינו איז פערציג יאָר געווען מלך אין לאַנד כוש, און אויף דעם זאָגט דער אבן־עזרא: „אל תאמין״, וואָרום אין פרקי דר׳ אליעזר ווערט געזאָגט: „ומשה בן שמונים שנה בעמדו לפני פרעה״, טאָ ווי איז דאָס מעגליך און ווי אַזוי שטימט דאָ דער חשבון?...

אַגב, ווי עס איז צו זעהן פון דער ציטירטער שטעלע, האָט דער אבן־עזרא אויך נישט געגלויבט אין דער ריכטיגקייט פון ספר אלדד הדני, טראָץ דעם, וואָס פיל פון די ראשונים שטיצען זיך אויף איהם און אויף זיינע סיפורים. אַזוי, למשל, דערמאָנט רבי חסדאי אבן שפרוט, אין זיין בריעף צום מלך הכוזרים, די ערצעהלונג פון אלדד הדני וועגען די עשרת־השבטים, וועלכע לעבען אויף יענער זייט סמבטיון. דאָס זעלבע ענטפערט אויך רבי אברהם, דער זון פון רמב״ם, אויף דער שאלה, וואָס מען פרעגט איהם וועגען דעם ענין פון די עשרת־השבטים, שרייבענדיג: „וספור הדני והאגרת שלו ושחיטת חולין שנמסר ממנו כלם ראיה אַמיתית על זאת״. אויך דער ראב״ד אין ספר האשכול פעררופט זיך אויף די דיני שחיטה וטרפות, וואָס זענען איבערגעגעבען גע־וואָרען דורך אלדד הדני.

דאַגעגען האָט אויך דער מהר״ם מרוטענבערג, פונקט ווי דער אבן־עזרא, גע־צווייפעלט אין דער ריכטיגקייט פונ׳ם דאָזיגען ספר, און אין זיינע שו״ת (סי׳ קצ״ג) שרייבט ער: „שאין לסמוך עליו, בפרט בעניני הלכה״...

וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל... (ב. כג.)

און פריער, איידער דער מלך איז געשטאָרבען, האָבען זיי נישט געהאַט צו זיפצען? פריער איז זיי בעסער געווען?

נאָר כל־זמן דער מלך האָט געלעבט האָבען זיי געמיינט, אַז נאָר דער איצטיגער פרעה איז אַזאַ אכזר צו אידען און אויב ער וועט שטאַרבען און עס וועט קומען אַ צווייטער אויף זיין אָרט וועט בעסער ווערען. איצט אָבער, ווען „וימת מלך מצרים״ און די לאַגע האָט זיך אַבסאָלוט נישט געענדערט צום בעסערען — „ויאנחו בני ישראל ויזעקו״, האָבען זיי געזעהן, אַז אומזיסט איז געווען זייער האָפנונג, דען אַלע פרעה׳ס זענען גלייך און אַז נאָר איין בורא קאָן זיי העלפען...

(רבי יצחק וואָלאָזשינער)

נאָכ׳ן טויט פון יעדען עגיפּטישען קעניג פלעגט זיך אָנהויבען אַ פרישע שווערע

אַרבייט צו בויען דענקמעלער, סטאַטועז און פּיראַמידען לכבוד דעם פּערשטאָרבענעם קעניג, און דעריבער, אַז דער מלך מצרים איז געשטאָרבען — „ויאנחו בני ישראל מן העבודה”...

(דר. אהרן יעלינעק)

עס איז אַן איבעראַל־אָנגענומענער מנהג, אַז בשעת אַ נייער מלך פּערנעמט דעם טראָן פון פּערשטאָרבענעם קעניג, איז זיין ערשטע עובדא אַרויסצוגעבען אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע מיני פּערברעכער און געפאַנגענע שקלאַפען, וועלכע ווערען אָדער אינגאַנצען בעפרייט, אָדער לכל־הפחות ווערט זייער שטראָף און פּיין פּערלייכטערט. בשעת די בני ישראל האָבען, אַלזאָ, דערזען, אַז טראָצדעם, וואָס „וימת מלך מצרים” און אַ נייער קעניג האָט פּערנומען זיין פּלאַץ, זענען דאָך זייערע שווערע ליידען אַבסאָלוט נישט לייכטער געוואָרען — „ויאנחו בני ישראל”, האָבען זיי געקרעכצט פון ביטערער ענטוישונג און פּערצווייפלונג, רעזיגנירענדיג פון יעדע האָפנונג, אַז עס זאָל אַמאָל אַ סוף נעמען צו זייערע צרות...

(פענח רזא)

בשעת דער מלך פון מצרים איז געשטאָרבען און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געטרויערט און געזיפצט אויף זיין טויט, דאַן — „ויאנחו בני ישראל מן העבודה”, האָבען דאַן די אידען אויסגענוצט די געלעגענהייט צו זיפצען אויף זייערע שווערע ליידען, מחמת צוליב דעם אַלגעמיינעם טרויער האָט עס געקענט אויסגעטייטשט ווערען, אַז דאָס דריקען זיי אויס צער אויפ'ן קעניג'ס טויט... ווען נישט די דאָזיגע געלעגענהייט וואָלטען זיי זיך נישט ערלויבט דערויף, דען אַפילו זיפצען און בעקלאָגען זיך אויף דער ביטערער לאַגע האָט מען נישט געטאָרט...

(שער השמים)

„וימת מלך מצרים”... דערויף ווערט גע'דרש'ענט אין מדרש־רבה, אַז נישט ער איז געשטאָרבען, נאָר ער איז געוואָרען אַ מצורע.

וואָס האָט געצוואונגען די חז"ל צו ענדערען דעם איינפאַכען פשט? — ווייל איבעראַל, אין גאַנץ תנ"ך, וואו עס שטעהט „וימת מלך”, ווערט גלייך צוגעגעבען: „וימלוך תחתיו מלך”; דאָ אָבער, אַלס אויסנאַם פעלען די־דאָזיגע ווערטער — און דאָס האָט אונזערע חז"ל בעוואויגען צו טייטשען, אַז דאָ מיינט מען נישט „וימת” אין געווענליכען, בוכשטעבליכען זין...

(פנים יפות)

כל־זמן דער פריערדיגער פרעה האָט געלעבט האָבען מסתמא פיל אידען, ווי דער שטייגער איז, איינגערעדט זיך, אַז די אַלע גזירות און צרות זענען אַ צופאַל, זיי נעמען זיך דערפון, וואָס צו דער מאַכט איז גראַד געקומען אַ מלך רשע, אַן אַכזר, מיט'ן מאָמענט אָבער ווען מען וועט פונ'ם דאָזיגען מלך פּטור ווערען און ער וועט שטאַרבען וועט דאָמאָלס אַלץ אַנדערש ווערען. בשעת אָבער „וימת מלך מצרים”, דער אַלטער פרעה איז געשטאָרבען און אַ נייער מלך איז געקומען אויף זיין אָרט און דאָך האָט זיך דער רעזשים בנוגע אידען נישט געענדערט און „ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו”, די אידען האָבען ווייטער געליטען און געזיפצט פון די צרות, ערשט דאַן — „ותעל שועתם אל האלקים”, האָבען די אידען אָנגעהויבען שרייען צו גאָט, האָבען זיי

גענומען פערשטעהן, אַז דאָס אַלץ איז מן השמים, בכדי זיי זאָלען תשובה טהון און אַנדערש ווערען...

(בית שמואל אהרן)

ומשה היה רועה את צאן יתרו... (ג. א.)

דעריבער דערצעהלט אונז די תורה, אַז משה רבינו, דער אב הנביאים, איז געווען אַ פּאַסטוך, דען בכדי צו דערגרייכען צו דער מדרגת הנבואה, איז נויטיג התבודדות, צו זיין מיט זיך אַליין אויף דער פרייער נאַטור, אין פעלד און אין וואַלד, וואו מען האָט די מעגליכקייט צו בעוואונדערען די געטליכע שאַפונג און צו פערטיפען זיך מיט אַלע מחשבות וועגען מציאת השם, ווי עס ווערט געזאָגט: „כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך, ירח וכוכבים אשר כוננת‟, און דערצו איז נישט מסוגל דער יושב בית און נישט דער, וואָס איז בעשעפטיגט מיט אַנ׳אַנדערע מלאכה, נאָר דער פּאַסטוך...

(כלי יקר)

והסנה איננו אכל... (ג. ב.)

השי״ת האָט בעוויזען משה׳ן דעם ברענענדען סנה אַלס סימן אַנטקעגען די אידען: פונקט ווי דער סנה ברענט אין פייער און ווערט נישט פערברענט, אַזוי וועלען אויך די מצריים נישט זיין ביכולת די אידען צו פערניכטען...

דער סנה, בעת ער ברענט, רוישט ער און איז משמיע קול... אויך מיט אידען איז דאָסזעלבע: אַפילו דאַן, ווען עס ברענט אַרום זיי אַ פייער פון צרות, איז איין איד צום צווייטען ווי אַ שטעכיגער דאָרן און עס רוישט צווישען זיי אַ שטענדיגער טומעל פון מחלוקת, שנאָה און קנאָה...

(כלי יקר)

אל תקרב הלום... (ג. ה.)

„מכאן שבקש משה מלכות‟... (מדרש רבה)

משה האָט פערלאַנגט, אַז השי״ת זאָל איהם געבען מלכות און תקיפות, מיט וועלכען ער זאָל קאָנען צווינגען די אידען, פונקט ווי עס פיהרט זיך ביי אַנדערע אומות, זיי זאָלען מקיים זיין די געבאָטען פון דער תורה. דערויף האָט איהם השי״ת געענטפערט: „אַל־תקרב הלום!‟ — די אידישע אמונה נויטיגט זיך נישט אין תקיפות, דען „המקום אַשר אתה עומד עליו אַדמת־קודש הוא‟, די תורה איז בעצם הייליג און אמת; און זאַכען, וואָס זענען הייליג און אמת, געפינען זייער וועג צו די מענשליכע הערצער גערנוויליג, אָהן צוואַנג־מיטלען...

(רבי בעריש מייזעלש)

של נעליך מעל רגליך... (ג. ה.)

געהענדיג אין שיך שפּרייזען די טריט גאַנץ לייכט איבער די קליינע שטיינדלעך, וואָס ליגען אויפ׳ן וועג און מען פילט זיי כמעט נישט. דאַגעגען באָרוויסערהייד איז

מען עמפינדליך אויף דער מינדעסטער שטרויכלונג. משה׳ן, דעם מנהיג ישראל, איז אנגעזאגט געווארען: „של נעליך מעל רגליך!״ א בארוויסער זאלסטו גייען איבער דער וועלט, די מינדעסטע שטרויכלונג אונטער די פיס זאלסטו דערפילען, אויף דער קלענסטער עולה און אונרעכט זאלסטו זיך אבשטעלען און רעאגירען...

(עוללות אפרים)

דאס אויסטון די שיך איז אין יענע צייטען געווען א צייכען פון הכנעה און אונטער־טעניגקייט, און די זעלבע בעדייטונג האט אויך געהאט דער חליצת הנעל ביי א יבם; עס איז דערמיט אויסגעדריקט געווארען די גרינגשעצונג און נידעריגקייט פון אזא איינעם, וועלכער וויל נישט הייראטען מיט זיין פערשטארבענעם ברודער׳ס פרוי...

(ילקוט יהודה)

של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא... (ג. ה.)

„לעולם — זאגען די חז״ל — ימכור אדם כל מה שיש לו ויקנה מנעלים לרגליו״, פון וואס עס איז צו זעהן, אז די שיך, דאס איז אמאל געווען ביים מענש דאס נויטיגסטע און ווערטפולסטע חפץ. אבער אויף צו בעטרעטען די „אדמת קודש״, צו בעזעצען זיך אין ארץ־ישראל, איז „של נעליך מעל רגליך״, איז כדאי צוליב דעם צוועק פון אלעם זיך אבצוזאגען. באדיי אפילו אהן שיך צו געהן — און אין ארץ־ישראל צו וואוינען...

(מטה אהרן)

ויסתר משה פניו... (ג. ו.)

א גביר האט אמאל געזעהן דורכ׳ן פענסטער, ווי דער שטאט־שמש פיהרט אריין צו איהם עפעס א פרעמדען גאסט, אנ׳אורח וועלכער וויל אודאי נעמען ביי איהם א שענע נדבה; האט ער זיך שנעל בעהאלטען אין א זייטיגען חדר און געהייסען זאגען, אז ער איז נישטא אינדערהיים...

דער פרעמדער האט דאס בעמערקט און א ביטערען שמייכעל געטון. איצט — מאכט ער — איז מיר פערענטפערט די גמרא: ״גדולה הכנסת־אורחים מקבלת פני השכינה״. דען ביי משה׳ן, בעת ער האט דערזעהן די שכינה, שטעהט: „ויסתר משה פניו״, ער האט בלויז דאס פנים בעהאלטען; די גבירים אבער, אז זיי דערזעהן אנ׳אורח — בעהאלטען זיי זיך אינגאנצען...

ויאמר ד׳ ראה ראיתי ... (ג. ז.)

„אמר לו הקב״ה למשה, אתה רואה ראיה אחת ואני רואה שתי ראיות, אתה רואה אותן באין להר סיני ומקבלין תורתי, ואני רואה אותן מקבלין תורתי, זה ראה, ראיתי — זה מעשה העגל״ וכו׳ (מדרש רבה)

פארוואס האט טאקי משה, דער אב הנביאים, נישט געזעהן מעהר ווי איין ראיה, בלויז קבלת התורה און נישט מעשה העגל?

ווייל — האט געענטפערט דערויף רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — דער צדיק, וואס זעהט, אז אידען וועלען זינדיגען, דער איז נישט קיין צדיק און נישט קיין חוזה...

משה רבינו האָט נאָר געזעהן דאָס גוטע ביי אידען, די קבלת־התורה, אָבער נישט — די מעשה העגל...

(נפלאות חדשות)

ואת צעקתם שמעתי מפני נוגשיו... (ג. ז.)

אמת, זיי אַליין שטעהען נאָכנישט אויף דער געהעריגער מדרגה, און לויט זייערע אייגענע מעשים זענען זיי נאָכנישט ראוי צו דער גאולה; אָבער — „ואת צעקתם שמעתי מפני נוגשיו", אין פערגלייך מיט דער אויפפירונג פון זייערע שכנים, אין פערגלייך מיט די נוגשים און צוררים, זענען זיי צדיקים גמורים...

(רבי יצחק מלובלין)

מי אנכי כי אלך אל פרעה... (ג. יא.)

צוליעב צוויי זאַכען האָט משה רבינו, דער עניו מכל האדם, ערקלערט, אַז ער איז נישט ראוי צום דאָזיגען שליחות. ערשטענס, „מי אנכי כי אלך אל פרעה", ער אַליין מצד עצמו איז נישט כדאי דערצו, און צווייטענס, „וכי אוציא את בני ישראל", ווי קומט ער צו זיין דער שליח פון אַזאַ אויסדערוועלטער אומה, די בני ישראל, בני אברהם יצחק ויעקב!... און דערויף איז געקומען די תשובה: „וזה לך האות כי אנכי שלחתיך", אַט דערפאַר טאַקי, ווייל דו ביזט אַזאַ עניו און אַזוי שפל'דיג ביי זיך, האָב איך דיך אויסגעקליבען, און „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה", אויך די תורה וועט געגעבען ווערען שפעטער אויפ'ן דאָזיגען באַרג, אויפ'ן סיני, דוקא דערפאַר ווייל ער איז קלענער און נידריגער פון אַלע אַרומיגע בערג...

(כלי יקר)

מי אנכי כי אלך אל פרעה וכי אוציא את בני ישראל ממצרים... (ג. יא.)

„מי אנכי — מה אני חשוב לדבר עם המלכים, וכי אוציא את בני ישראל — במה זכו ישראל שיעשה להם נס" (רש"י)

דער זון פון חתם־סופר, רבי שמעון, האָט אַמאָל פאַרגעלייענט פאַר זיין פאָטער, בשעת ער איז שוין געווען אַלט און שוואַך, די ערהאַלטענע שאלות ותשובות, וואָס פלעגען טאָג־טעגליך אָנקומען צו איהם מכל תפוצות ישראל. איינמאָל, לייענענדיג פאַר איהם אַ בריעף פון אַ געוויסען רבי, האָט ער אויך פאַרגעלייענט די שבחים און טיטולען, מיט וועלכע דער רב האָט אָנגעהויבען דעם בריעף. דערהערענדיג די דאָזיגע שבחים האָט דער חתם־סופר גענומען זיפצען.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו זיפצען — רופט זיך אָן דער זון — צי דען ווייסטו נישט, טאַטע, אַז דו ביזט היינט דער גדול־הדור ביי אידען?

— אויף דערויף קרעכץ איך — האָט געענטפערט דער חתם־סופר און נאָך אַ שטאַרקערען זיפץ געטון — ווי פעריתומ'ט מוז שוין זיין דער דור, אַז איך בעוונותינו הרבים בין עס שוין דער גדול־הדור...

— אויך משה רבינו — האָט בעמערקט דערויף רבי שמעון — האָט דאָס זעלבע געענטפערט, און איצט ווערען מיר פערשטענדליך רש"י'ס ווערטער אויפ'ן פסוק „מי

אנכי כי אלך אל פרעה". משה רבינו האָט אין זיין גרויס ענִיוּת געטענה'ט צו השי"ת: ערשטענס, "מה אנכי חשוב לדבר עם המלכים", ווי קום איך צו זיין אַ מנהיג־ישראל? צווייטענס, אויב די אידען זענען שוין צוגעקומען צו אַזאַ מצב, אַז איך בין שוין ביי זיי דער גדול־הדור, בעווייזט דאָך עס, אַז זיי געפינען זיך נעביך אויף אַ זעהר נידריגע מדרגה, און אויב אַזוֹ — "במה זכו ישראל שיעשה להם נס?" טאָ מיט וואָס פאַר אַ זכות וועלען זיי זוכה זיין צו דער גאולה?...

אהי' אשר אהי'... (ג. יד.)

אַזוי ווי איהר וועט זיין צו מיר, וועל איך זיין צו אייך: אויב איהר וועט עפענען אייערע הענד און געבען צדקה, וועל איך אויך צו אייך מיין האַנד עפענען...

(שמות רבה)

דערויף פלעגט צוגעבען רבי נפתלי ראָפּשיצער:

— "יאַק קובאַ באַגו, טאַק בוג קוביע"... (אין פויליש מיינט דאָס: אַזוי ווי קובאַ — ד. ה. יעקב — איז צו גאָט, אַזוי איז גאָט צו קובאַ'ן).

זה שמי לעולם וזה זכרי לדור דור... (ג. טו.)

דערויף ווערט געזאָגט אין רשב"ם: "ומה שכתב בי"ה מפרש בא"ת ב"ש צפ"ת דפנ"ת וכו' ואין מגלין אותם אלא לצנועים".

וואָס איז דער פּשט דערפון?

דער רשב"ם וויל ערקלערען, פאַרוואָס אין פריהערדיגען פסוק רופט זיך השי"ת מיט'ן נאָמען "אהי' שלחני אליכם" און דאָ, אין פסוק ט"ו, ווערט געזאָגט "זה שמי לעולם" אויפ'ן שם הוי'. און צוליעב דעם, וואָס דער ענין בעציהט זיך אויפ'ן שם הקודש, וועגען וועלכען מען דאַרף זיין נזהר נישט צו רעדען עפענטליך, שרייבט דעריבער דער רשב"ם זיין ערקלערונג מיט געענדערטע אותיות, מיט די אותיות פון א"ת ב"ש (א' אַנשטאָט ת', ב' אַנשטאָט ש' וכו'): צפ"ת דפנ"ת זהי"ף וכו', פון וועלכע עס בעקומען זיך פאָלגענדע ווערטער און נעמליך: "הוא קורא עצמו אה"י ואנו קוראים יהי', ויו במקום יוד כמו כי מה הוה לאדם". עס הייסט: דער אמת'ער שם איז "אה"י", נאָר מיר רופען איהם "יה"י". און די ו' אינ'ם שם הוי' איז אַנשטאָט אַ יוד, פונקט ווי מיר געפינען אין פסוק (קהלת ב'): "כי מה הוה לאדם" אַנשטאָט — "כי מה יהי' לאדם".

די דאָזיגע ערקלערונג פערענדיגט דער רשב"ם מיט די ווערטער: "ואין מגלין אותם אלא לצנועים", אַ רמז אויפ'ן בעקאַנטען מאַמר אין דער גמרא: "הצנועים שבכהונה היו' מבליעין אותו בנעימה"...

כי לא יתן אתכם מלך מצרים להלוך... (ג. יט.)

דריי אופנים זענען געווען דורך וועלכע די אידען וואָלטען געקענט אויסגעלייזט ווערען פון מצרים: א) פרעה אַליין זאָל זיי מיט זיין גוטען ווילען פריילאָזען; ב) די אידען זאָלען מאַכען געגען איהם אַנ'אויפשטאַנד, פערפירען געגען איהם אַ מלחמה, און ג) בדרך נס און מופת. אַלזאָ, וועגען ערשטען אופן, אַז פרעה אַליין זאָל געדנוויליג פריילאָזען

די אידען, איז אויסגעשלאָסען — „כי לא יתן אתכם מלך מצרים להלך”, אַזאַ איידעלער זשעסט איז פון איהם אַבסאָלוט נישט צו ערוואַרטען... אויך וועגען צווייטען אופן, וועגען פערפירען אַ מלחמה, איז נישטאָ וואָס צו ריידען — „ולא ביד חזקה”, אייערע קרעפטען צו קענען איהם מנצח זיין בדרך־הטבע זענען צו־שוואַך דערצו... בלייבט, אַלזאָ, איבער נור דער איינציגער, דריטער וועג — „והכיתי את מצרים בכל נפלאותי אשר אעשה בקרבו”. בדרך נס און מופת...

(רבי שמעון סופר)

והיה כי תלכון לא תלכו ריקם... (ג. כא.)

דען אַזוי דאַרף מען, לויט דער עטיק פון דער אידישער תורה, בעהאַנדלען אַ פריי־געוואָרענעם קנעכט: „וכי תשלחנו חפשי מעמך לא תשלחנו ריקם — העניק תעניק לו וכו׳”...

(הכורם)

ושאלה אשה משכנתה ומגרת ביתה... (ג. כב.)

און אין וויטערען פסוק ווערט געזאָגט: „וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה” (יא. ב.) און אין דריטען פסוק: „ובני ישראל עשו כדבר משה וישאלו ממצרים” (יב. לה.), פאַרוואָס איז אין יעדען פסוק געשריבען מיט אַנ׳אַנדער לשון?

נאָר בשעת מען קומט צו עמיצען לייען אַ גמילת־חסד האָט דערביי אַ סך צו זאָגען דער אויסערליכער איינדרוק, ווי אַזוי מען געהט געקליידעט. זאָל אַנ׳אָבגעריסענער און אָבגעשליסענער אָרימאַן אַריינקומען צו וועמען אין הויז און פאַרשלאָגען, מען זאָל איהם באָרגען די זילבערנע לייכטער און די גאָלדענע בעכערס וכדומה, וועט מען זיך פשוט אויסלאַכען פון איהם און איהם ווייזען די טיר... מען האָט דעריבער די אידען געראָטען, אַז קודם־כל — „ושאלה אשה משכנתה ומגרת ביתה כלי כסף וכלי זהב ושמלות ושמתם על בניכם ועל בנותיכם”, אַז די אידישע פרויען און זייערע קינדער זאָלען זיך אָנטון אין שענע קליידער און אין פערשידענע זילבערנע און גאָלדענע צירונג, וואָס זיי זאָלען באָרגען ביי זייערע אידישע פערמעגליכע שכנים, בכדי זיי זאָלען אויסזען ווי עשירים און ווערען קרעדיט־פעאיג. דאָס זעלבע ווערט אויך אָנגעזאָגט אין צווייטען פסוק: „דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב”, אַז איין אידישער שכן ביים צווייטען און איין אידישע שכנ׳טע ביי דער צווייטער זאָלען זיך באָרגען פערשידענע חפצים און זיך אָנטון לייטיש, און דאַן ווערט דערצעהלט: „ובני ישראל עשו כדבר משה”, אַז די אידען האָבען אַזוי געטהון און דאָס מיטעל האָט געווירקט און — „וישאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב ושמלות”...

(חומת אנך)

ושאלה אשה משכנתה וכו׳ ושמתם על בניכם... (ג. כב.)

פאַרוואָס שטעהט נישט „ושמתם עליכם”, נאָר „על בניכם”? איז פון דאַנען, אַלזאָ, — ווערט אָנגעוויזען בדרך הלצה — געדרונגען, אַז די אידען זענען דאַמאָלס געגאַנגען געקליידעט אין לאַנגע און די מצריים אין קורצע מלבושים, און דעריבער האָבען די מלבושים, וואָס זיי האָבען געבאָרגט ביי די מצריים, נישט געטויגט פאַר זיי אַליין און זיי האָבען עס איבערגעמאַכט פאַר די קינדער...

ויען משה ויאמר והן לא יאמינו לי... (ד. א.)

אויפ׳ן פסוק „ותאמרנה איש מצרי הצילנו״ זאָגען די חז״ל: „הוא עברי ולבושו מצרי״.

משה האָט, אַלזאָ, געצווייפעלט אינ׳ם ערפאָלג פון זיין שליחות, טענה׳דיג: „והן לא יאמינו לי״, די אידען וועלען מיר נישט גלויבען, דאָס פאָלק וועט נישט האָבען קיין צוטרוי צו אַזעלכען, וועלכער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרען ביי פרעה׳ן אין הויז און געהט געקליידעט ווי אַ מצרי, אַז ער זאָל זיין ראוי צו ברענגען די גאולה...

(רבי נפתלי צבי יהודה בערלין)

ווי פאַלט אויס משה רבינו חושד צו זיין די אידען, אַז זיי וועלען חלילה נישט האָבען קיין אמונה אין גאָט׳ס ווערטער?

נאָר משה רבינו — האָט געזאָגט דערויף דער „שפת אמת״ — האָט געוואוסט, אַז דער גלות מצרים איז בלויז אַ התחלה צו די שפּעטערדיגע גלות׳ן, און אַז אין דער גאולה פון מצרים ליגט אויך דער שורש פון די קינפטיגע גאולות, און זיין כוונה איז געווען מיט די איצטיגע ווערטער אויסצופועל׳ן, אַז אויך לעתיד וועט די גאולה קומען אַפילו דאַן, ווען די אידען וועלען נישט זיין שטאַרק אין דער אמונה. און ער האָט זיך דעריבער בעמיט צו הערען פון השי״ת דעם בעפעל צו געהן אויסלייזן די אידען אַפילו ווען — „לא יאמינו לי״...

והי׳ אם לא יאמינו לך וכו׳ והאמינו לקול האות האחרון... (ד. ח.)

דערויף זאָגט דער אבן־עזרא: „ואמר הכתוב האות האחרון אעפ״י שיש שם אות שלישי בעבור שלא הראה לו רק שני האותות, כי השלישי עתיד לעשותו״.

דערפון קומט אַלזאָ אויס, אַז אויב עס וואָלטען איצט געווען דריי אותות וואָלט מען נישט געקענט זאָגען אויפ׳ן צווייטען — „האות האַחרון״. פרעגט זיך: עס איז דאָך אַ בפירוש׳ער פסוק אין וישלח (לג. ב.): „וישם את השפחות ואת ילדיהן ראשונה ואת לאה וילדיה אחרונים ואת רחל ואת יוסף אחרונים.״ זעהט מען דאָך, אַז דאָס וואָרט „אַחרון״ קאָן בענוצט ווערען אויך אויפ׳ן צווייטען פּערזאָן, אָדער זאַך, אַפילו דאַן ווען ס׳איז נאָך פאַרהאַן נאָכדעם אַ דריטער...

(זאב בערענט)

לא איש דברים אנכי וכו׳ כי כבד פה וכבד לשון אנכי... (ד. י.)

דער רשב״ם איז נישט מסכים מיט׳ן געוועהנליכען אָנגענומענעם פשט, אַז משה רבינו זאָל האָבען געווען אַ שטאַמלער. „וכי אפשר — פרעגט ער — נביא אשר ידעו השם פנים אל פנים וקבל תורה מידו היה מגמגם בלשונו״?... און לויט׳ן רשב״ם ווערט געמיינט מיט׳ן „כבד פה וכבד לשון אנכי״, אַז — „איני בקי בלשון מצרים בחתוך לשון״, אַז צוליעב דעם, וואָס ער איז צענדליגער יאָהרען געווען דערווייטערט פון מצרים פונוואַנען ער איז געהאַט אַנטלאָפען נאָכ׳ן הרג׳נען דעם מצרי, איז איהם שווער געווען צו רעדען פליסיג אין דער דאָרטיגער לאַנדעס־שפּראַך...

דער פערשטאָרבענער ראַבינער מזא״ה פון מאָסקווע פלעגט זאָגען: ווען משה וואָלט

נישט געווען קיין כבוד־פה וואָלטען די אידען אַזוי גיך נישט אויסגעלייזט געוואָרען, דען מען וואָלט די גאַנצע צייט געווען גע׳פטר׳ט אויף רעדעס, רעפעראַטען און דיס־קוסיעס...

וראך ושמח בלבו... (ד. יד.)

„אלו ידע אהרן שהתורה תכתוב עליו וראך ושמח בלבו, היה הולך בתופים ובמחולות"
(מדרש)

אַזוי ליב האָט אהרן געהאַט כבוד, אַז ווען ער זאָל וויסען, אַז די תורה וועט איהם דערפאַר ריהמען, וואָלט ער אַזש געטאַנצט פון פרייד?

נאָר די כוונה איז: אהרן איז פון גרויס עניוות געווען בלויז אַ „שמח בלבו", נישט וועלענדיג אַרויסווייזען די שמחה עפענטליך, אָבער ווען ער זאָל דאַן געווען וויסען, אַז די תורה וועט סיי־ווי די דאָזיגע אינערליכע שמחה זיינע מגלה זיין, וואָלט ער זיך נישט געווען דערמיט בעהאַלטען און — „היה הולך בתופים ובמחולות"...
(אבן סופרים)

כי מתו כל האנשים המבקשים את נפשך... (ד. יט.)

„שירדו מנכסיהון ועניות כמיתה" (נדרים ס"ד)

מעגליך, אַז דאָס, וואָס עס צווינגט די חז"ל צו טייטשען, אַז „כי מתו" מיינט מען דאָ נישט מיתה ממש, איז דערפאַר, ווייל עס שטעהט נישט „כל האנשים אשר בקשו את נפשך", נאָר „המבקשים", פון וואָס עס איז אַלזאָ משמע, אַז זיי עקזיסטירען און לעבען אויך איצט און דעריבער מוז מען זאָגען, אַז דער פשט איז — „שירדו מנכסיהון"...
(תורה תמימה)

ויקח משה את אשתו ואת בניו... (ד. כ.)

ווען משה וואָלט געבליבען זיצען מיט זיין פאַמיליע אין מדין, אויף דער פרייהייט, וואָלטען די אידען צו איהם קיין צוטרוי נישט געהאַט. ער האָט דעריבער אָוועקגעפיהרט דאָס ווייב מיט די קינדער קיין מצרים, זיי זאָלען ליידען צוזאַמען מיט׳ן כלל...
(רמב"ן)

דעריבער האָט משה אַריבערגעפיהרט זיין הויז־געזינד קיין מצרים, כדי דערמיט צו פערשטאַרקען אינ׳ם פאָלק דעם בטחון אין דער נאָנטער גאולה. אויב משה אַליין — האָט עס פאַר אַלעמען געדיענט אַלס בעוויז — נעמט זיין פרוי און קינדער און פיהרט זיי אין גלות אַריין, איז עס זיכער דערפאַר, ווייל ער ווייסט, אַז דער דאָזיגער גלות וועט שוין לאַנג נישט דויערען און אַ ליאַדע טאָג וועט די גאולה קומען...
(רבי יוסף אבן כספי)

ויאמן העם וישמעו כי פקד ד׳ את בני ישראל... (ד. לא.)

אין פלוג וואָלט דאָך געדאַרפט דאָס לשון זיין אַנדערש: „וישמעו כי פקד ד׳ את בני ישראל ויאמן העם"?

נאָר דער רמב״ם ערקלערט אין הלכות מלכים (סוף פרק י״א), אַז דער סימן צו גלויבען אין משיח־האמת וועט נישט זיין דורך נסים ונפלאות, נאָר אויב די גאַנצע וועלט וועט גלויבען אין איהם, וועט דאָס גופא זיין דער עיקר הסימן, אַז ער איז דער „משיח אלקי יעקב״, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק „כי אָז אהפוך אל עמים שפה ברורה״ (צפניה ג. ט.).

און דעריבער, בשעת „ויאמן העם״, בעת דאָס פאָלק האָט געגלויבט אין משה׳ן — וישמעו — האָבען זיי דערפון גופא שוין פערשטאַנען — כי פקד ד׳ את בני ישראל, אַז דאָס איז אַ סימן, אַז די גאולה איז נאָענט...

(רבי מנחם קרענגיל)

ואחר באו משה ואהרן... (ה. א.)

וואו זענען אַהינגעקומען די זקנים? הש״י האָט דאָך געזאָגט צו משה׳ן: „ובאת אתה וזקני ישראל״? — נאָר די זקנים האָבען זיך אויפ׳ן וועג איינציגווייז אַוועקגע־גנב׳עט... אַזוי, אַז צוקומענדיג צו פרעה׳ס פּאַלאַץ, איז שוין קיינער פון זיי נישט געבליבען!

(שמות רבה)

למה משה ואהרן תפריעו את העם ממעשיו לכו לסבלותיכם... (ה. ד.)

עס איז אַן׳אַלטער סיסטעם, אין וועלכען עס האַלטען זיך עד־היום די רעגירונגען פון פערשידענע לענדער, צו בעשענקען מיט געוויסע פּריווילעגיעס די גייסטיגע און רעליגיעזע פאַרשטעהער פון די אונטערדריקטע מינדערהייטען, בכדי די פאַרשטעהער, זייענדיג אַליין צופרידען, זאָלען נישט מתרעם זיין געגען די עוולות און אומרעכטען, וואָס ווערען געגען זייערע אונטערדריקטע ברידער בעגאַנגען... אויך פרעה, ווייזט אויס, האָט זיך אײַנ׳ם דאָזיגען סיסטעם געהאַלטען און, ווי עס ערקלערען אונז די חז״ל זענען משה ואהרן, צוזאַמען זאָגאַר מיט זייער גאַנצען שבט, שבט לוי, פריי געווען פון דער שקלאַפען־אַרבייט... אָבער ווען די רעליגיעזע פאַרשטעהער האָבען, נישט קוקענ־דיג אויף די פּריווילעגיעס, פון וועלכע זיי האָבען אַליין גענאָסען, גענומען מאָנען די רעכט פון זייער פאָלק און אַרויסשטעלען די פאָדערונג פון „שלח את עמי״, איז פרעה בייז געוואָרען און ער האָט אויסגעשריען צו זיי: „למה משה ואהרן תפריעו את העם ממעשיו!״ אייך פערזענליך האָב איך דאָך צופרידענגעשטעלט, טאָ ווי קומט איהר עפּיס צו מישען זיך אין פּאָליטיק און אָנצונעמען זיך די עוולות פון אייער פאָלק?

ואת מתכונת הלבנים... לא תגרעו ממנו... (ה. ח.)

אָנשטאָט דער גזירה, נישט צו געבען די אידען קיין שטרוי, האָט דאָך פרעה אייגענטליך אַ ברירה געהאַט אַרויסצוגעבען אַן׳אַנדער גזירה: זיי זאָלען אַרבייטען דאָפּעלט, אַ דאָפּעלטע צאָהל ציגעל ליפערן, פון וואָס די מלוכה וואָלט מעהר נוצען געהאַט?

נאָר ס׳ווייזט אויס, אַז דאָס רשעות צו אידען איז ביי איהם געשטאַנען העכער, ווי די מלוכה־אינטערעסען; און געוואוסט האָט ער, דער רשע, אַז פון דאַגות און קאָפּ־אַרבייט ווערט אַ מענש מעהר געפּייניגט, ווי פון פיזישער אַרבייט...

(רבי העניך מאַלעקסאַנדער)

כי נרפים הם על כן הם צועקים לאמר נלכה נזבחה... (ה. ח.)

קלמן שולמאַן ברענגט אין זיין קובץ „גן פרחים" (תרמ"ב) אַ ריי ציטאַטען פון דער אַלטער וועלט־ליטעראַטור, פון וועלכע עס איז צו זעהן, אַז די נישט־אידישע וועלט האָט אַ לאַנגע צייט אויסגעלאַכט דעם שבת, וואָס די אידען האָבען איינגעפיהרט אַלס אַ אַבלי־גאַטאַרישען רו־טאָג, אַנוויזענדיג, אַז די אידען פראַווען שבתים וימים־טובים צוליב פוילקייט. נישט־נאָר המן האָט גע'טענה'ט, אַז די אידען זענען עוסק בשה"י ופה"י, „בשבת היום ופסח היום". דאָס זעלבע שרייבט אויך דער בעקאַנטער רוימישער סאַ־טיריקער אַפענאַל (וועלכער האָט געלעבט אין אַנהויב פון צווייטען יאָרהונדערט). דער אידישער פיהרער משה — חוזק'ט ער — איז געווען אַנ'עצל און דאָס עצלות האָט ער אויך איבערגעטראָגען אויף זיין פאָלק, ער האָט זיי אָבגעוועהנט פון אַרבייט און פעראָר־דענט, אַז זיי זאָלען אַ גאַנצען טאָג אין דער וואָך אַרומגעהן לעדיג... אויך דער רוימישער שרייבער סענעקאַ איראָניזירט וועגען אידישען שבת, אויפווייזענדיג, אַז עס איז זעהר אונגעוואונשען צו רוען יעדען זיבעטען טאָג און אַז נאָר ביי אַזאַ פויל פאָלק, ווי אידען, האָט געקענט ענטשטעהן אַזאַ משונה'דיגער מנהג, צו זיצען אַ זיבעטל טייל פון לעבען מיט פערלעגטע הענד און גאָרנישט טהון...

אָט אַזוי האָט די אַלטע וועלט, וועלכע איז ערשט מיט טויזענדער יאָהרען שפעטער געקומען צום זעלבען „ווילדען שכל", אויסגעטייטשט די גרויסע רעליגיעזע און סאָציאַלע אידישע דערגרייכונגען, און ווי מיר זעהען האָט אויך דער „הומאַניטאַרער" פּרעה דאָס זעלבע גע'טענה'ט: „כי נרפים הם", אידען זענען פויל, אידען ווילען נישט אַרבייטען, „על כן הם צועקים לאמר נלכה נזבחה לאלקינו"...

וועגען גלות מצרים — פלעגט זאָגען דער חדושי הרי"ם — וועלכער האָט זיך געצויגען צוויי הונדערט און צען יאָהר, און וועגען די צרות, וואָס אידען האָבען דאָרט געליטען, האָבען מיר נישט מעהר ווי איין פרשה, פרשת שמות, דאַגעגען מיט די הכנות צו דער גאולה, וועלכע האָבען געדויערט אינגאַנצען פירציג יאָהר פערנעמט זיך די גאַנצע תורה; דען דער גלות, ווי לאַנג ער זאָל נישט זיין, איז ער בעצם נישט מעהר ווי אַ קליינע פאַרבייגעהענדע הקדמה צום גרויסען עיקר...

ויכו שוטרי בני ישראל... (ה. יד.)

מען האָט געשלאָגען די שוטרי בני ישראל, ווייל זיי האָבען נישט געשלאָגען די אידישע אַרבייטער... אַזוי דאַרף זיין די מדה פון אַנ'אמת'ען איד: אונטערשטעלען די פלייצע און לאָזען זיך שלאָגען פאַר זיין חבר, פאַר אַ צווייטען איד...

(רבי משה לייב סאַסובער)

תבן אין נתן לעבדיך וכו' וחטאת עמך... (ה. טז.)

ווען עס ווערען ביי אידען די פרנסות צוגענומען, ווען מען גיט זיי נישט די מעגליכקייט צו לעבען אויפ'ן ערליכען, כשר'ן וועג — „וחטאת עמך", מוז דאָן, לײדער, דאָס פאָלק זינדיגען און זיך פערנעמען מיט נישט קיין איבעריג־שעהנע פרנסות...

(חמדת שלמה)

נרפים אתם נרפים... (ה. יז.)

צום ראַדזינער רבי׳ן, רבי גרשון העניך, איז אַמאָל געקומען אַ חסידישער יונגער־מאַן, וועלכער איז נאָר־וואָס אַראָב פון דער קעסט און ער איז דעריבער געקומען פרעגען דעם רבי׳ן אַן עצה, צו וואָס פאַר אַ פרנסה ער זאָל זיך נעמען. רבי גרשון העניך האָט איהם געראָטען, ער זאָל פרובען ווערען אַ סוחר, אָנהויבען מיט עפּיס צו האַנדלען. דער יונגערמאַן אָבער האָט דערצו קיין חשק נישט געהאַט און ערקלערט, אַז ער וואָלט וועלען בעסער זיך אויסלערנען שחיטה און ווערען ערגיץ אַ שוחט.

דערויף האָט איהם רבי גרשון העניך געענטפערט:

— „נרפים אתם נרפים״ — דו ביזט פויל, ווילסטו נישט אַרבייטען — „על כן אתם אומרים נלכה נזבחה״, ווילט זיך דיר אַ שוחט ווערען, אַ כלי־קודש׳ניק...

פונוואַנען נעמט זיך דער מנהג, נישט צו לערנען אין דער נאַכט פון ניטל?

דערפון, וואָס אין די אַלטע צייטען פלעגט דער קריסטליכער המון איינאָרדנען אין דער דאָזיגער נאַכט אַ געיעג אויף אידען, וועלכע מען פלעגט שלאָגען מכות־רצח און צוליב דעם, וואָס עס איז געווען אַ סכנה צו ווייזען זיך דאַן אין די גאַסען, האָבען דערי־בער די רבנים אין יענע צייטען מתקן געווען, אַז מען זאָל אין דער דאָזיגער נאַכט נישט לערנען, עס זאָלען געשלאָסען ווערען אַלע חדרים, ישיבות און בתי־מדרשים און יעדער זאָל זיצען ביי זיך אין דער היים...

(לקוטי פרחים)

ווי אַזוי קאָן עס דער כלל אידען אין דער וועלט מבטל זיין אַ גאַנצע נאַכט פון לערנען, עס שטעט דאָך: „אם לא בריתי יומם ולילה, חוקות שמים וארץ לא שמתי״?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף דער חידושי הרי״ם — קוים איז עס אַ אידישער מנהג, איז דאָס גופא אַזוי גוט, ווי געלערענט, דען — „מנהג ישראל תורה״...

ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך הרע לעם הזה... (ה. כג.)

אַזוי — האָט געזאָגט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — דאַרפען טענה׳ן צום רבונו של עולם אַלע אידישע מליצי יושר: „ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך — הרע לעם הזה״, די גאַנצע שנאה צו אונז נעמט זיך פון דעם „באתי אל פרעה לדבר בשמך״, וויל מיר רעדען צו אַלעמען אין דיין נאָמען און אין נאָמען פון דיינע הייליגע גע־באָטען... צוליב דיר, רבונו של עולם, ליידען מיר, צוליב דיר האָט מען אונז אַזוי פיינד, האָבען מיר אַזוי פיל צרות אויסצושטעהן, און עס ליגט דעריבער אויף דיר דער חוב צו העלפען אונז!...

ויאמר ד׳ אל משה עתה תראה... (ו. א.)

די גאולה, איז אָנגעצייכענט געוואָרען, וועט קומען בהיסח הדעת. „אין בן דוד בא עד שיתייאשו מן הגאולה״ (סנהדרין ל״ח), און היות ווי עס איז שוין איצט דערגאַנגען צו אַזאַ מצב, אַז נישט בלויז די אידען האָבען זיך מייאש געווען און אויס־גערופען: „ירא ד׳ וישפוט אשר הבאשתם את ריחנו בעיני פרעה ובעיני עבדיו לתת חרב בידם להרגנו״, נאָר אויך משה רבינו איז שוין אַריינגעפאַלען אין יאוש און גע־

טענה׳ט: „למה הרעותה לעם הזה, למה זה שלחתני״, איז דעריבער — „עתה תראה!״ איז שוין איצט דער העכסטער זמן, די סאַמע ריכטיגסטע צייט...

(פרדס יוסף)

ביד חזקה ישלחם וביד חזקה יגרשם מארצו... (ו. א.)

וואָס עפּיס צוויי מאָל: „ישלחם״ און „יגרשם״? און דער עיקר — פאַרוואָס עפּיס „יגרשם מאַרצו״, ער זאָל זיי גאָר דאַרפען טרייבען?...

נאָר די חז״ל זאָגען (אין ראש השנה), אַז זעקס חדשים איידער די אידען זענען אַרויס פון מצרים איז בטל געוואָרען דער שעבוד. די ווערטער „ביד חזקה ישלחם״ האָבען אַלזאָ די בעדייטונג פון לשון „לחפשי ישלחנו״. פריער, הייסט עס, וועט זיי פרעה בעפרייען פון שווערען עול, פון דער עבודה קשה. ליידער, אָבער, קענען מיר דאָך די טבע פון אונזערע אידען, אַז קוים דערפילען זיי אַ געוויסע פערלייכטערונג אין זייער מצב, אַזוי פערגעסען זיי דאָן אין אַלעם און זיי ווילען מעהר נישט הערען און נישט וויסען פון „יציאת מצרים״, איז דעריבער — „וביד חזקה יגרשם מארצו״, וואָרום אַליין וועלען זיי שוין דאָן נישט וועלען געהן...

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

וָאֵרָא

וידבר אלקים אל משה... (ו. ב.)

„דבר אתו משפט על שהקשה לדבר ולומר למה הרעותה לעם הזה" (רש"י)

דער רבונו של עולם — פלעגט זאגען דערויף רבי מאיר'ל פרימישליאנער — וויל נישט, אז די צדיקים זאלען איהם חנפ'ענען, ווי דער ירושלמי זאגט אין סנהדרין: „יודעים הצדיקים ברבונם שאמת הוא ואינם מחניפים לו". ער וויל נישט, אז בשעת עס קומען ל"ע צרות אויף אידען, זאלען זיי מצדיק את הדין זיין, און געבען דעם רבונו של עולם גערעכט. דער אמת'ער צדיק דארף אין אזעלכע פאלען זיך תמיד שטעלען אויף דער זייט פון כלל־ישראל און מלמד זיין בזכותם, דען דער רבונו של עולם נויטיגט זיך נישט אין קיין חניפה... און דאס איז דער פשט: „דבר אתו משפט על שהקשה לומר למה הרעותה לעם הזה". השי"ת האט אנערקענט, אז דאס, וואס משה רבינו האט זיך אוועקגעשטעלט און געטענה'ט „למה הרעותה לעם הזה", האט ער געטהון עפ"י דין, עפ"י משפט, דען אזוי טאקי דארף זיך פיהרען דער אמת'ער צדיק...

(רבי יצחק וואלאזשינער)

„וידבר אלקים אל משה — הדא הוא דכתיב, מי יבא ומי יהרהר אחרי המלך אשר כבר עשהו" (מדרש רבה)

וואס איז דער מדרש דערמיט אויסען?

נאר צוויי מאל, געפינען מיר, האט זיך משה רבינו געווענדעט צו השי"ת מיט דער טענה פון „למה". איינמאל דא: „למה הרעותה לעם הזה", און א צווייט מאל אין פ' תשא, ביים מעשה העגל: „למה ד' יחרה אפך". אויף יענעם „למה" האט ער באקומען א תשובה: „ויאמר ד' סלחתי כדבריך", דאגעגען דא, ווי עס זאגען אונז די חז"ל, אויף דער פראגע פון „למה הרעותה", איז ער נענש געווארען. פארוואס?... ווייל דארט האט משה רבינו געפרעגט אויף א זאך, וואס איז נאך נישט געשעהען: „למה ד' יחרה אפך", א לשון עתיד, און דערויף איז געקומען דער ענטפער, אז זיין בקשה ווערט ערפילט און — „סלחתי כדבריך". דא אבער איז ער געקומען מיט א טענה אויף א זאך, וואס איז שוין געשעהען: „למה הרעותה לעם הזה", א לשון עבר, און אויף א געשעענע זאך דארף מען נישט מהרהר זיין און נישט פרעגען קיין קשיות, דען — „מי יבא ומי יהרהר אחרי המלך אשר כבר עשהו"...

(עיר דוד)

וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב... (ו. ג.)

„שהרי הבטחתי ולא קיימתי" (רש"י)

אלץ קשה. פארוואס טאקי האבען די אבות געשוויגען און קיין טענות נישט געהאט,

הלמאי השי״ת איז נישט מקיים זיין געגעבענע הבטחה? פאַרוואָס האָבען אויך זיי נישט נאָכגעטהון דעם ביישפיל פון משה רבינו, וועלכער האָט, זעהענדיג די שוועריגקייטען פון דער גאולה, געשטורעמט: „למה הרעותה לעם הזה?״

ווייל ביי די אָבות, ביי אברהם, יצחק ויעקב, האָט די הבטחה וועגען ארץ־ישראל נוגע געווען נור זיי אַליין, קיין אידיש פאָלק איז נאָך דאַמאָלס נישט געווען, און וועגען זיך אַליין מאָהנט מען נישט מיט אַזאַ דרייסטקייט, דאַגעגען ביי משה האָט זיך שוין געהאַנדעלט וועגען אידישען פאָלק און בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען כלל־ישראל מוז מען שוין דאַן ריידען מיט אַ גאַנץ אַנדערען טאָן...

(ילקוט יהודה)

„וארא — אל האבות״ (רש״י)

די קשיא איז בעקאַנט: וואָס איז דאָ רש״י מחדש? דער פסוק אַליין זאָגט דאָך עס גאַנץ דייטליך: „וארא אל אַברהם, אל יצחק וכו׳״?

נאָר דער פשט איז — פלעגט זאָגען דערויף רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער אין אַ גלייכוועדטעל — אַז יצחק, למשל, האָט נישט גע׳שמ׳ט אַלס צדיק דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַברהמ׳ס אייניקעל, נאָר אַלע דריי זענען געווען „אָבות״, צדיקים — טאַטעס, נישט קיין צדיקים — „אייניקלעך״...

והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים... (ו. ו.)

„סבלות״ איז פון לשון „סבלנות״... דער ערגסטער גלות איז — ווען מען הערט־אויף צו פיהלען דעם גלות, ווען מען ווערט צוגעוואוינט צו דעם שעבוד און הכנעה. „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים״ — אויב איהר האַלט שוין ביי אַזאַ מצב, אַז איהר קאָנט שוין סובל זיין דעם גלות און עס אַרט אייך גאַרנישט — דאַן טאָר מען מעהר נישט וואַרטען, איז שוין די העכסטע צייט אַרויסצופירען אייך פון דאָרט...

(רבי בונם מפשיסכע)

„כי כן הבטחתי, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול״ (רש״י)

ערשט היינט ווערט אונז פערשטענדליך אַז עס איז נויטיג געווען אַ בעזונדערע הבטחה, דאָס בשעת די אידען וועלען אויסוואַנדערען פון גלות וועלען זיי קענען מיטנעמען פון דאָרט זייערע פערמעגענס...

והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים והצלתי אתכם מעבודתם... (ו. ו.)

דער „והצלתי אתכם מעבודתם״ וואָלט דאָך אייגענטליך געדאַרפט שטעהן פריהער, פאַר׳ן „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים״, דען פריהער האָט דאָך אויפגעהערט דער שעבוד און ערשט נאָכהער איז געווען די גאולה, די יציאה פון מצרים?

נאָר דער אמת איז, אַז ערשט נאָכ׳ן „והוצאתי אתכם״, נאָכ׳ן אַרויסגעהן פון גלות, ערשט דאַן דערפיהלט מען איהר ביטערקייט, ערשט דאַן איז מען מסוגל תופס צו זיין די בעדייטונג פון „והצלתי אתכם מעבודתם״...

(תפארת עוזיאל)

ס'איז אַ משל — זאָגט דערויף דער חדושי הרי"ם — צו אַ בן־מלך, וועלכער איז נישט געגאַנגען בדרך הישר און דער פאָטער האָט אויף איהם געצאָרנט און אַלס שטראָף פאַר זיין פאַרשווענדעריש לעבען, האָט ער איהם פערשיקט צווישען בעטלער, כדי ער זאָל דערפיהלען דעם טעם פון אָרעמקייט.

האָט דער בן־מלך אַזוי לאַנג געלעבט צווישען די בעטלער, ביז ער האָט זיך איינגעלעבט מיט זיי און האָט פאַרגעסן אָן זיין אָבשטאַמונג.

לימים האָט דער פאָטער, דער מלך, זיך דערבאַרימט אויף איהם און ער האָט געשיקט צו איהם פרעגען, וואָס איהם פעהלט און וואָס זיין פערלאַנג איז.

דערויף האָט דער בן־מלך געענטפערט מיט פרייד, דאָס זיין פאַרלאַנג איז, אַז דער פאָטער זאָל איהם קויפען אַ נייע בעטעל־טאָרבע... מחמת זיין אַלטע טאָרבע איז שוין צוריסען...

אויך מיר אידען — האָט דער חדושי הרי"ם אויסגעפירט — זענען שוין אַזוי טיעף פערזונקען אין גלות, אַז גאַנץ אָפט דערגרייכען אונזערע השגות נישט ווייטער, ווי מתפלל צו זיין אויף אַ נייע טאָרבע... ערשט ווען די גאולה וועט קומען און מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות, ערשט דאַמאָלס וועלען מיר דערפיהלען, אַז אַ חוץ אַ בעטלער־טאָרבע זענען נאָך פאַראַן אַ סך העכערע זאַכען, וועלכע האָבען אונז געפעהלט אין אונזער פינסטערען גלות־לעבען...

והוצאתי אתכם... והצלתי אתכם... וגאלתי אתכם... ולקחתי אתכם... (ו. ו.)

די פיר כוסות פון פסח — ווי די גמרא ערקלערט — זענען אַנטקעגען די פיר „לשונות של גאולה", וואָס ווערען אויסגערעכענט אין פסוק: „והוצאתי", „והצלתי", „וגאלתי", „ולקחתי"... באמת אָבער געפינען מיר פ י נ ף לשונות, דען אויך דער „והבאתי" אינ'ם ווייטערדיגען פסוק — „והבאתי אתכם אל הארץ" — איז דאָך אַ לשון של ג א ו ל ה; און מעגליך, אַז דערפאַר טאָקע גיסען מיר אָן ביים סדר אַ פינפטען כוס, וועלכען מיר רופען „כוס של אליהו", אַלס רמז, אַז דער תכלית און דער ענדע־ציעל פון די אַלע „לשונות של גאולה", נעמליך דער „והבאתי אתכם אל הארץ", וועט מקוים ווערען ערשט דאַמאָלס, ווען אליהו הנביא וועט קומען...

(תורה תמימה)

כדי צו ווערען אַ פאָלקאָם פריי און זעלבסטשטענדיג פאָלק, זענען נויטיג דערצו פיערליי פרייהייטען. קודם־כל: „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" — עקאָנאָמישע פרייהייט, נישט צו זיין אונטערגעוואָרפען נגישות, שיקאַנעס, ספּעציעלע שטייערן, נישט געצוואונגען צו ווערען צו בויען פּתום ורעמסס פאַר פּרעמדע; דאַן „והצלתי אתכם מעבודתם", פון דער „עבודה־זרה" — רעליגיעזע פרייהייט; דאַן „וגאלתי אתכם בזרוע נטויה" — נאַציאָנאַלע פרייהייט, צו מעגען געהן מיט אויסגעגלייכטע רוקענס, נישט צו דאַרפען זיך ערנידריגען און מכניע זיין פאַר קיינעם; און דאַן „ולקחתי אתכם לי לעם" און „והבאתי אתכם אל הארץ" — פּאָליטישע פרייהייט אַלס זעלבסטשטענדיג פאָלק אין אייגענעם לאַנד, די קרוין און דאָס ענדע־ציעל פון אַלע פרייהייטס־שטרע־בונגען...

(אוצר החיים)

וגאלתי אתכם בזרוע נטויה... (ו. ו.)

„בזכות נשים צדקניות נגאלו ישראל ממצרים" (סוטה)

אין אַ צווייט אָרט זאָגען דאָך גאָר די חז"ל, אַז די גאולה איז צוגעאיילט געוואָרען פאַר'ן בעשטימטען טערמין צוליעב קושי־השעבוד?

נאָר — האָט דערויף געענטפערט בדרך־הלצה רבי משה לעלעווער — ביידע מאמרים זענען ריכטיג און עס איז צווישען זיי קיין שום סתירה נישטאָ: צום קושי האָבען גורם געווען די ווייבער, די „נשים צדקניות", וועלכע האָבען די מענער דאָס לעבען פאַרביטערט, און זיי טאַקי האָבען עס ממילא צוגעאיילט דעם קץ...

ולא שמעו אל משה... (ו. ט.)

דערפאַר האָבען זיי משה'ן נישט געהערט און זיך בעצויגען צו איהם מיט אונ־צוטרוי, ווייל ער האָט נישט געלעבט מיט זיי צוזאַמען, קומענדיג פון דער פרעמד, פון מדין, וואו ער האָט נישט געפיהלט, נישט אָנטייל גענומען אין זייערע צרות און נישט געוועהטאָגט מיט זייערע וועהטאָגען...

(צרור המור)

ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה... (ו. ט.)

געוועהנליך ווערט געטייטשט, אַז דער „מקוצר רוח" בעציהט זיך אויף די בני־ישראל. דער רלב"ג דאַגעגען טייטשט: „מקוצר רוח של משה". משה רבינו איז אונטער דעם שווערען איינדרוק פון די אידישע צרות געווען אונגעדולדיג און דענערווירט און ער האָט זיך אָפטמאָל נישט געקענט בעהערשען, אויסשרייענדיג: „למה הרעותה לעם הזה"! און דעריבער האָבען די בני־ישראל נישט געהאַט צו איהם אין תחילת קיין צוטרוי, דען אַ מנהיג און גואל דאַרף זיך הויפּטזעכליך אויסצייכענען מיט זיין רוהיגקייט און פעסטען כאַראַקטער, נישט אַראָבצולאָזען די הענד און נישט פאַלען פון מוט, נישט נתפעל צו ווערען פאַר קיין שום שוועריגקייטען און צייטווייליגע דורכפאַלען, צו געהן מיט לאַנגזאַמע און זיכערע שריט צום אָנגעצייכענטען ציעל, און זיי האָבען, אַלזאָ, מורא געהאַט, אַז צוליעב זיין אונגעדולד און דענערווירונג וועט משה נישט פעהיג זיין דורכצופירען זיין גרויסע אויפגאַבע...

דאָס וואָרט „מקוצר" געהט אַרויף אויך אויפ'ן „עבודה קשה". די אידען האָבען זיך נישט צוגעהערט צו משה'ן, ערשטענס, „מקוצר רוח", ווי דער רלב"ג טייטשט: „מקוצר רוח של משה"; צווייטענס, „מקוצר עבודה קשה", ווייל משה האָט געהערט צום שבט לוי און דער שבט לוי, כידוע, איז געווען פריי פון שעבוד, פון דער שווערער אַרבייט און אַ מענש וועלכער פיהלט אַליין נישט דעם צער־השעבוד — קאָן קיין גואל נישט זיין...

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

די שווערסטע אַרבעט איז נישט שווער דאַן, ווען מען ווייסט צוליב וואָס און צוליב וועמען מען אַרבעט, ווען מען האָט דערביי דאָס געפיהל און די טרייסט, אַז מיט דער דאָזיגער אַרבעט בויט מען פאַר זיך אַ צוקונפט, אַז על־כל־פנים דער קומענדיגער דור,

די קינדער, וועלן פון די פּרוכטען געניסען. עס איז אָבער שווער און אוממעגליך איבערצוטראָגען די „עבודה קשה" דאַן, ווען עס הערשט דערביי דער „קוצר רוח", דאָס נידערגעשלאָגענע געמיט, ווען עס זענען נישטאָ קיין שום אויסזיכטען און קיין שום פּערספּעקטיווען, ווען מען זעהט נישט פאַר זיך קיין שום תכלית פון דער אַרבעט...
(חכמה עם נחלה)

„ולא שמעו אל משה — אמר לו הקב"ה חבל על דאבדין ולא משתכחין"... (רש"י)

חבל, וועה — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער — „על" דאבדין — די בע־סערע, די העכערע מענשען, די אַנשי־מעלה, געהען פערלוירען — „ולא" משתכחין — די נישטיגע און נידריגע ברואים, זיי געפינען זיך און זיי זענען אויבענאָן...

הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה... (ו. יב.)

„זה אחד מעשרה קל וחומר שבתורה" (רש"י)

וואָס פאַר אַ קל־וחומר איז דאָס? אין פּסוק ווערט דאָך דייטליך ערקלערט: „ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה", איז די אידען, קאָן זיין, האָבען איהם טאַקי נישט צוגעהערט, דערפאַר, ווייל זיי זענען געוועזען פערביטערט און פערהאָרעוועט, דאַגעגען פּרעה וועט איהם יאָ הערען?

נאָר בשעת מען געהט מיט אַ פּעטיציע צום מלך זיך משתדל זיין פאַר'ן כלל, זענען פאַראַן דערביי צוויי מעגליכקייטען, וואָס געבען אַ גרונד צו האָפען, אַז די שתדלנות וועט האָבען די געהעריגע ווירקונג: אָדער מען שטיצט זיך דערויף, וואָס דער אויסגע־וועלטער שליח, דער דעלעגאַט, איז אַ גלענצענדער רעדנער און מיט זיין רעדנער־קראַפט וועט ער בכח זיין איבערצייגען דעם מלך אין דער גערעכטיגקייט פון דער פאָדערונג, אָדער, אויב דער דעלעגאַט פערמאָגט גראד נישט די דאָזיגע פעהיגקייט, שטיצט מען זיך דערביי אויף אַ צווייטע האָפנונג, אויף דעם, וואָס דער שליח קומט מיט זיין בקשה אין נאָמען און מיט דער פולמאַכט פון די ברייטע מאַסען, פון דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג, און דאָס וועט בעווירקען דעם מלך, ער זאָל זיך בעציהען צו דער דערלאַנגטער פאָדערונג מיט דער געהעריגער ערנסטקייט.

משה רבינו האָט דעריבער גע'טענה'ט, אַז דאָ, ביים דאָזיגען שליחות, פעהלען איהם בײדע אָטוטען: ערשטענס, „הן בני ישראל לא שמעו אלי", ער האָט נישט פון די אידען קיין פולמאַכט צו קענען ריידען אין זייער נאָמען; צווייטענס, האָט ער אויך נישט די האָפנונג, אַז ער זאָל קענען ווירקען אויף פּרעה'ן מיט זיין רעדנער־קראַפט, דען „ואיך ישמעני פרעה — ואני ערל שפתים"...

(כבוד שמים)

דער קל־וחומר — האָט געזאָגט דער „שפת אמת" — פון „הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה" שטיצט זיך דערויף, וואָס ס'איז לייכטער אַריינצוברענ־גען אַ הרהור־תשובה אין אַ אידיש האַרץ אַפילו ווען עס איז פערשטיינערט „מקוצר רוח ומעבודה קשה", ווי אַריינצוברענגען אַ גוטע מחשבה אין טמא'דיג האַרץ פון אַ פּרעה...

איצט, אַז די אידען הערען מיך נישט, האָב איך נאָך די מעגליכקייט צו פער־ענטפערען זיי, מלמד־זכות צו זיין אויף זיי; „ואיך" — ווי וועט אָבער זיין — „ישמעני

פרעה״ — ווען פרעה וועט מיך יאָ הערען, פרעה יאָ — און די אידען נישט, ווי־אַזוי וועל איך דאַמאָלס אויסזעהן? ווי־אַזוי וועל איך שוין דאַן קאָנען זאָגען אַ גוט וואָרט אויף אידען? דאַן איז דאָך „ואני ערל־שפתים״, בלייב איך דאָך ממש, חלילה, אָהן לשון פאַר דיר, רבונו־של־עולם!...

(רבי יצחק וואָרקער)

דעריבער איז ער אַן „ערל שפתים״, ווייל „הן בני ישראל לא שמעו אלי״, דער מנהיג שעפּט זיין כוח און מוט פון׳ם צוטרוי און פון דער התעוררות אין פאָלק. ווען דאָס פאָלק הערט נישט די רייד פון זיינע מנהיגים, לאָזען זיך אַראָב ביים מנהיג די הענד און עס ווערט אָבגעשוואַכט זיין ענערגיע און זיין מויל ווערט פערשלאָסען. אויב די אידען וואָלטען איהם געהערט — דאַן וואָלט ער נישט געווען קיין כבד־פה און קיין ערל־שפתים...

(אהבת יהונתן)

אויף „ערל שפתים״ מאַכט דער תרגום — „יקיר ממל״.

דער פשט פון תרגום איז — פערטייטשט דער רבי ר׳ בונם — אַז דאָס וואָרט איז ביי מיר טייער. אַ שאָד די רייד. איך קאָן נישט געהן און רעדען מיט פרעה׳ן דאַן, ווען איך ווייס פאָראויס, אַז דאָס רעדען וועט זיין נוצלאָז, די ווערטער — דברים בטלים...

דעריבער איז משה רבינו געווען אַ שטאַמלער, כדי מען זאָל נישט קאָנען נאָכדעם זאָגען, אַז מיט זיין שען מויל האָט ער געווירקט אויף די אידען, מיט זיינע שענע, גלאַטיגע רעדעס...

(באר יצחק)

נאָכ׳ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס האָט רבי שמואל מאָהילעווער צונויפגערופען קיין ביאַליסטאָק אַן אַסיפה פון אַלע ציוניסטישע מורשים. עפענענדיג די אַסיפה, ווענדעט זיך רבי שמואל צו די צונויפגעפאָרענע דעלעגאַטען און זאָגט:

— רבותי, צוויי זאַכען פערלאַנג איך פון אייך: זיצען אין די היטלען און רעדען אידיש...

צווישען די דעלעגאַטען האָבען זיך אָבער געפונען אַזעלכע, וואָס זייער אומגאַנגס־שפּראַך איז געווען רוסיש. הויבט זיך אויף איינער פון זיי, ד״ר כהן־בערנשטיין, און ערקלערט:

— רבי! אייער בקשה, צו זיצען אין די היטלען, ווילען מיר אייך צוליב־טון, כאָטיאָ עס איז אַ ביסעל שווער; אָבער רעדען אידיש קענען מיר נישט, מיר ווילען פּראָסטאָ נישט קענען אַרויסזאָגען, וואָס מיר ווילען. אויב עמיצער אין דער סאָבראַניע פערשטעהט נישט קיין רוסיש, טאָ זאָל מען אָנקוקען אַ פערוואַדטשיק (איבערזעצער)...

— ניין, — רופט זיך דערויף אָן רבי שמואל מאָהילעווער מיט אַ שמייכעל, — כ׳האָב אייך אָלעמען געבעטען צו רעדען אידיש, נישט מחמת מען פערשטעהט דאָ נישט קיין רוסיש, נאָר לטובת־העניך. איר ווייסט דאָך, אַז משה רבינו איז געווען אַ „כבד־פה וכבד־לשון״, איז דאָך עס אין פלוג טאַקע אַ פראַגע, פאַרוואָס האָט דער רבונו־של־עולם אויסגעקליבען צו שיקען צו פרעה׳ן אַ שליח, וואָס איז שווער אויפ׳ן לשון? דוכט זיך, צו אַזאַ וויכטיגער שליחות, פועל׳ן ביי אַ מלך ער זאָל בעפרייען אַ פאָלק, פאַסט זיך

אַ מענש מיט אַ מויל, מיט אַ געשליפענער צונג, ער זאָל מאַכן אַ רושם מיט זיינע רייד... די מעשה איז אָבער, רבותי, פאַרקערט: ווען צו פרעה׳ן וואָלט געקומען אַ דעלעגאַט אַ בעל־לשון, אַ גוטער רעדנער, וואָלט ער, ווי דער שטייגער איז, אָוועקגעלעגט פאַר איהם אַ פייערדיגע רעדע מכח פרייהייט, יושר און גערעכטיגקייט און ער וואָלט אַזוי לאַנג מאַריך בדרוש געווען אַז ער וואָלט פאַרגעסען דעם עיקר — די אידישע גאולה; אַז משה איז אָבער געווען אַ „כבד־פה וכבד־לשון", איז ער געקומען צו פּרעה׳ן און האָט געזאָגט קורץ און שאַרף: „שלח את עמי"!...

— דאָס זעלבע — פיהרט ער אויס — איז מיט אונזער אַסיפה. כ׳ווייס דאָך, אַז איהר זענט ב"ה אַלע בעלי־לשון, גרויסע רעדנער, איז דאָך פשוט אַ מורא, אַז איטליכער פון אייך וועט זיך פלייסען צו האַלטען אַ שענערע דרשה וועגען ארץ־ישראל, און מיר וועלען גאַרנישט בעווייזען צוצוקומען צום עיקר פון סדר־היום; אַז איהר וועט אָבער רעדען אידיש, וואָס עס קומט אייך אָן אַ ביסעל שווערליך, וועט יעדער רעדען בקיצור און צו דער זאַך...

ויצום אל בני ישראל... (ו. יג.)

וויסען זאָלט איהר — האָט גאָט געזאָגט צו משה און אהרן — אַז די קינדער מיינע זענען עקשנים, דערצערנער, בעלעסטיגער („סרבנים, רגזנים, טרחנים"). נאָר אויף **דעם** תנאַי קאָנט איהר נעמען אויף זיך צו זיין אידישע מנהיגים... איהר מוזט זיין גרייט דערצו, אַז זיי וועלען אייך שעלטען, אַז זיי וועלען אייך מיט שטיינער בעוואַרפען...

(שמות רבה)

„ויצום אל בני ישראל — צוה עליהם להנהיגם בנחת ולסבול אותם" (רש"י)

רבי ישראל סאַלאַנטער, שמועסענדיג אַמאָל וועגען דער דאָזיגער מדה פון נחת און סבלנות, מיט וועלכע אַ אידישער מנהיג דאַרף זיך אויסצייכענען, האָט ער זיך אויסגעדריקט: ווען איך וואָלט געווען אין חתם־סופר׳ס דור, וואָלט איך זיך נישט גע־פיהרט, ווי ער, מחרים צו זיין די רעפאָרמירער און זיי אַרויסצושטויסען פון כלל־ישראל. נייך. איך, זעט איהר, וואָלט דאַן געגאַנגען צום פירער פון די רעפאָרמירער, אברהם גייגער, און וואָלט מכלומרשט מיט איהם מסכים געווען אויפצובויען אַ סינאַגאָגע מיט אַנ׳אָרגעל, מיט אַלע איבריגע זאַכען, נאָר שפּעטער וואָלט איך אין דער דאָזיגער סינאַגאָגע אַריינ־געזעצט צען תלמידי־חכמים, יראי־שמים, וועלכע זאָלען זיצען יום ולילה און לערנען און ממילא וואָלט די סינאַגאָגע פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בית־המדרש... דאָס וואָלט געווען אַ סך ווירקזאַמער, ווי די אַלע קאַמפען און מחלוקת!...

(אור ישראל)

„על מה צום? — על פרשת שילוח עבדים. ואתיא כהאי דא"ר הילא, לא נענשו ישראל אלא על פרשת שילוח עבדים, הדא היא דכתיב מקץ שבע שנים תשלחו איש את אחיו העברי" (ירושלמי ר"ה פרק ג׳).

ווי קומט דאָ אַהער די מצוה פון שילוח עבדים?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי מאיר שמחה דווינסקער — אויך אין מצרים האָבען זיך געפונען אַ סך רייכע אידען, וועלכע האָבען געהערשט איבער די אָרימע אידען און געהאַלטען אידישע קנעכט, ווי עס איז צו זעהן פון די ווערטער אין מדרש:

„כל השבטים לא הנהיגו שררה במצרים, ראובן ושמעון ולוי הנהיגו שררה במצרים" (מדרש רבה נשא פרשה י"ג), און אַט צו די דאָזיגע בני ישראל, וועלכע האָבען נוהג שררה געווען, זענען משה ואהרן געשיקט געוואָרען מיט דער אויפפאָדערונג, אַז קודם־כל זאָלען זיי אַליין ווייזען דעם ביישפיל פון „שלח את עמי ויעבדוני", פריהער פון אַלעם מוזען די אידען בעפרייט ווערען פון אידישען שעבוד און פון אידישען גלות און ערשט דאַן וועלען זיי ראוי זיין בעפרייט צו ווערען פון גלות פרעה... און דאָס איז אויך געווען איינע פון די ערשטע הויפט־פאָדערונגען, וואָס עס איז פערלאַנגט געוואָרען פון די אידען בשעת זיי האָבען זיך אומגעקערט פון גלות בבל, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „ועתה כבשר אחינו בשרינו, כבניהם בנינו, והנה אנחנו כובשים את בנינו ואת בנותינו לעבדים וכו' ויחר לי מאד כאשר שמעתי את זעקתם" (נחמיה ה. ה.). מען קאָן נישט אויסגעלייזט ווערען פון די גויים, כל־זמן מען ווערט נישט פריהער אויסגעלייזט פון די אייגענע, אידישע הענד...

(משך חכמה)

ויצום אל בני ישראל וכו' להוציא את בני ישראל מארץ מצרים... (ו. יג.)

נאָכוואָס האָט מען זיי געהייסען נאָכאַמאָל זאָגען די אידען דאָס זעלבע, נאָכדעם ווי משה רבינו האָט ערקלערט, אַז די אידען ווילען איהם נישט הערען?

נאָר ביים פריהערדיגען שליחות איז משה געקומען צו די אידען מיט אַ גאַנצע רייהע הבטחות: „וגם הקימותי את בריתי אתם לתת להם את ארץ־כנען", „ולקחתי אתכם לי לעם", „והבאתי אתכם אל הארץ", „ונתתי אותה לכם למורשה" און הערענדיג מיט איינמאָל אַזוי פיל גליקען איז עס ביי די אידען אויסגעקומען אונגלויבליך און „ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה".

השי"ת האָט זיי, דעריבער, איצט נאָכאַמאָל געהייסען געהן צו די בני ישראל, און דאָס מאָל בלויז מיט איין הבטחה, די סאַמע אַקטועלסטע און סאַמע דרינגענדסטע: „להוציא את בני ישראל מארץ מצרים", אַז מען וועט זיי בעפרייען פון מצרים און פון די ענויים קשים! וועגען די איבריגע הבטחות זאָל מען דערוויל נישט ריידען מיט זיי און עס אָבלעגען אויף שפּעטער. אַז מען וועט קומען צו זיי בלויז מיט דער איינער הבטחה וועלען זיי גיכער נוטה זיין צו גלויבען און גיכער הערען...

(משך חכמה, בדרך צחות)

„ויצום אל בני ישראל... אלה ראשי בית־אבותם" — אָט דאָס גופא טאַקע איז געווען דער צווי, וואָס משה זאָל זאָגען צו די בני־ישראל: „אלה ראשי בית־אבותם!" — דערמאָנט אייך אָן אייער יחוס און אָבשטאַמונג, ווער אייערע עלטערן זענען געווען, פונוואַנען איהר קומט אַרויס; פאַסט עס פאַר אייך צו זיין עבדים, פערשקלאַפּט ביי די מצרים?...

(רבי העניך מאַלעקסאַנדער)

אויף דער טענה פון משה רבינו: „הן בני ישראל לא שמעו אלי", אַז די אידען ווילען נישט הערען וועגען דער גאולה, האָט איהם השי"ת דערויף געענטפערט: „אלה ראשי בית אבותם", דאָס איז נישט די שולד פון פאָלק, שולדיג דערין זענען די „ראשי

בית אבותם״, זיינע ראשים און מנהיגים, וועלכע שטעהען ווייט פונ׳ם רעיון־הגאולה און זיי לאָזען נישט רעדען דערפון...

די גאולה וועט קומען דאַן, ווען די אידישע הערצער וועלען דערוואַכען און זיי וועלען זאָגען: איז דען אייך גוט, וואָס איהר וואוינט אין דרויסען, פערזאָגט פון טאַטענ׳ס טיש? האָט איהר דען הנאה פון אייער לעבען אין דער פרעמד? — און די גדולי־ישראל וועלען דאַרפען אויף דעם אָבגעבען אַ דין־וחשבון דעם בורא־עולם און פון זיי וועט ער מאָנען די שאַנד פון זיינע באַליידיגטע קינדער...

(אור החיים)

רבי אליהו גריידיצער שרייבט אין איינעם פון זיינע בריעף צו רבי חיים אלעזר וואַקס:

...״די גרויסקייט דערפון (פון בנין הארץ) איז צו זעהן פון דעם, וואָס דער גאַנצער כח־הקליפה האָט זיך פערנומען דערויף צו שטערען דאָס גוטע, און די דאָזיגע קליפה איז מאַנכעס מאָל גובר ר״ל אַפילו ביי די גרעסטע צדיקים״...

ושני חיי לוי שבע ושלשים ומאת שנה... (ו. טז.)

בעת רבי שניאור זלמן, דער בעל ה״תניא״, איז געקומען קיין מעזריטש, האָבען איהם די חסידים געוואָלט מאַכען פאַר אַ רבי, אויף וואָס רבי שניאור זלמן האָט זיי גע־ענטפערט, אַז ער איז נאָכנישט ראוי דערצו, ער איז נאָך צו יונג. רופט זיך אָן צו איהם רבי מענדעלי וויטעבסקער (געווען איז דאָס פאַר זיין נסיעה קיין א״י): וואו געפינען מיר דען, אַז צווישען די אַלע מעלות, וועלכע די חכמים רעכענען אויס, וואָס אַ מנהיג דאַרף אַלץ בעזיצען, זאָל ער אויך דאַרפען זיין אַ בא בשנים?

— מיר געפינען עס — ענטפערט רבי שניאור זלמן — בפירוש אין דער תורה, אין פ׳ וארא. ביים אויסרעכענען די אַלע ״ראשי בית אבותם״ דערמאָנט נישט די תורה ביי קיינעם פון זיי, ווי אַלט ער איז געווען, נאָר ערשט צוקומענדיג צו לוי׳ן ווערט געזאָגט: ״ושני חיי לוי שבע ושלשים ומאת שנה״. שפעטער ווידער, ביים אויסרעכענען די בני לוי ווערט ביי קיינעם פון זיי נישט דערמאָנט די יאָהרען, נאָר ביי קהת: ״ושני חיי קהת שלש ושלשים ומאת שנה״. פון די ווייטערע אויסגערעכענטע בני קהת ווערט ווידעראַמאָל נישט דערמאָנט קיינעמס יאָהרען אַ חוץ ביי עמרם׳ן: ״ושני חיי עמרם שבע ושלשים ומאת שנה״. דערפון איז אַלזאָ צו זעהן, אַז ביים מנהיג איז די צאָל יאָהרען אַזאַ וויכטיגע זאַך, אַז די תורה געפינט זאָגאָר פאַר נויטיג צו דערצעהלען, ווי אַלט עס איז געווען עמרם, קהת און לוי; זיין טאַטע, זיידע און עלטער־זיידע...

הוא אהרן ומשה אשר אמר ד׳ להם הוציאו את בני ישראל וכו׳ הם המדברים אל פרעה — הוא משה ואהרן... (ו. כו. כז.)

אויף צו רעדען מיט די אידען איז ״הוא אהרן ומשה״, איז געגאַנגען אהרן פאָראויס, דען ער האָט די גאַנצע צייט געלעבט צוזאַמען מיט זיי אין גלות, ווערענד משה האָט זיין יוגענד פערבראַכט ביי פרעה׳ן אין פאַלאַץ און נאָכהער פירציג יאָהר אין כוש און אין מדין, דאַגעגען אויף אונטערצוהאַנדלען מיט פרעה׳ן איז ״הוא משה ואהרן״, משה פריהער, ווייל איהם האָט פרעה געקענט, ער איז דאָך ביי איהם אין הויז נתגדל געוואָרען...

(רבי ר׳ בונם)

„בכל מקום מקדים משה לאהרן ובמקום אחד הוא אומר: הוא אהרן ומשה"
(תוספתא סוף כריתות)

צו דער גאולה זענען נויטיג געווען צוויי פירער מיט בעזונדערע כאַראַקטערען; די אידען האָבען זיך געגויטיגט אין אַ גוטמוטיגען מענש, אַ טרייסטער, וואָס זאָל זיי לינדערען די צרות און פערשטאַרקען אין זיי די גאולה־האָפנונג, אַזעלכער איז געווען אהרן, אַ נח לבריות, אַן אוהב שלום ורודף שלום; דאַגעגען פאַר דער אויסערליכער וועלט, פאַר פרעה׳ן, האָט מען געדאַרפט האָבען אַ מענש מיט אַ שטרענגען ווילען, וועלכער זאָל זיך נישט לאָזען בויגען, וועלכער זאָל אויספיהרען זיין שליחות אָהן שום פחד, און צו דער דאָזיגער ראָלע איז משה געווען מעהר צוגעפּאַסט, רעדענדיג צו פרעה׳ן מיט אַ דרייסטען טאָן: „למען תדע כי לד׳ הארץ"... „גם אתה תתן בידנו זבחים ועולות"... „לא אוסיף ראות פניך!"...

און דעריבער: „הוא אהרן ומשה אשר אמר ד׳ להם הוציאו את בני ישראל", בשעת עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ווירקען אויף די בני־ישראל ווערט אַהרן געשטעלט פאַר משה׳ן, דערצו איז ער געווען מעהר מסוגל, דאַגעגען: „הם המדברים אל פרעה וכו׳ הוא משה ואהרן", צו פיהרען די פערהאַנדלונגען מיט פרעה׳ן — איז משה פריהער...

(כתב סופר)

הוא אהרן ומשה...

„לומר ששקולים כאחד" (רש"י)

ווי איז עס מעגליך — האָט דערויף געפרעגט דער חוזה פון לובלין — אַז צוויי מענשען זאָלען זיין אינגאַנצען גלייך אין זייערע מדרגות. מיר האָבען דאָך אַ כלל, אַז „כשם שאין פרצופיהם של בני אדם דומים זה לזה כך אין דעותיהם שוות?"

נאָר — האָט דער חוזה געענטפערט — די גמרא זאָגט: „גדול מה שנאמר במשה ואהרן ממה שנאמר באברהם וכו׳" (חולין פ"ט), דען אַברהם האָט זיך אויסגעדריקט: „ואנכי עפר ואפר", דאַגעגען משה ואהרן האָבען געזאָגט וועגען זיך: „ונחנו מה", און דאָס איז שוין אַ פיל גרעסערע מדרגה פון עניוות, דאָס הייסט, אַז מען איז ביי זיך לגמרי גאָרנישט, נאָך ווייניגער, ווי עפר ואפר... נישט גלייך זענען נאָר מענשען, וועלכע האַלטען זיך נאָך פאַר „עפּיס", קוים אָבער האַלטען זיי זיך ביידע פאַר גאָרנישט, איז שוין שייך צו זאָגן „שניהם שקולים", אַזעלכע קענען שוין זיין ביידע גלייך...

„הם המדברים אל פרעה", אַזוי זאָלען אויך אויסזעהן להבא די אַלע, וואָס וועלען רעדען מיט די פרעה׳ס. אַלס אידישע פאָרשטעהער און שתדלנים כלפי־חוץ זאָלען בעשטימט ווערען נאָר אַזעלכע, „אשר אמר ד׳ להם", וועלכע הערען גאָט׳ס וואָרט, וואָס זענען טרייע, אָבגעהיטענע אידען, נישט אַזעלכע, וואָס אַליין שטעהען זיי ווייט פון אידישקייט...

(חתם סופר)

הן אני ערל שפתים וכו׳ ראה נתתיך אלקים לפרעה... (ו. ל. ז. א.)

לויט׳ן פשט פון אבן־עזרא איז דער טייטש פון „אני ערל שפתים", אַז משה האָט נישט בעהערשט די מצרי׳שע שפּראַך און זיין טענה איז געווען גאַנץ איינפאַך, אַז ער

האָט פשוט נישט די מעגליכקייט צוניפצורעדען זיך מיט פרעה׳ן... לויט׳ן דאָזיגען פשט בעדייט אַלזאָ דער ענטפער: „ראה נתתיך אלהים לפרעה״ — דו קומסט צו פרעה, נישט אַלס אַ געוועגליכער שליח, נאָר אַלס דער מנהיג און הערשער פון אידען, און ווען צוויי הערשער פון צוויי פעלקער קומען זיך צונויף, איז יעדער פון זיי מקפיד צו רעדען אויף זיין מוטער־שפּראַך דורך דער פערמיטלונג פון אַנ׳איבערזעצער. אויך דו, אַלזאָ, זאָלסט זיך האַלטען אינ׳ם דאָזיגען אָנגענומענעם קעניגליכען מנהג, אַלס צייכען, אַז די אידישע שפּראַך שטעהט נישט נידריגער, ווי די מצרי׳שע, דער אידישער מנהיג איז נישט קיין קלענערער חשוב, ווי דער מצרי׳שער און „ואהרן אָחיך יהי׳ נביאך״...

(חתם סופר)

ואני אקשה את לב פרעה... (ז. ג.)

כדי צו טהון גוטס, נויטיגט זיך דער מענש אין אויסערגעוועגליכע אַנשטרענגונגען, אין סייעתא דשמיא: ״הבא לטהר — מסייעין לו״... דאַגעגען שלעכטס צו טון — דאָס קומט איהם נישט שווער אָן: „יצר לב האדם רע מנעוריו״... די כונה איז אַלזאָ: „ואני אַקשה את לב פרעה״, כ׳וועל איהם נישט העלפען בעסער־ווערען, כ׳וועל איהם לאָזען אין זיין נאַטירליכען צושטאַנד... און דערמיט פאַלט־אָב ממילא די בעקאַנטע קשיא פון די מפרשים...

(רבי אברהם־מרדכי פיורקא)

ומשה בן שמונים שנה ואהרן בן שלש ושמונים שנה בדברם אל פרעה... (ז. ז.)

צוליעב וואָס דערצעהלט אונז דער פסוק ווי אַלט זיי זענען געוועזען?

ווייל געוועהנליך איז ביי אונז אַנ׳אָנגענומענע מיינונג, אַז נאָר די יוגענד איז מסוגל צו מאַכען רעוואָלוציעס און אויסצוקעמפען פאַר׳ן פאַלק די גאולה און די פרייהייט. בעמערקט אונז די תורה, אַז ס׳איז לאו דוקא, אַז בשעת עס איז נויטיג, דער אויבערשטער הייסט עס און עס איז די ריכטיגע צייט, קענען אויך עלטערע אידען, אַכציג און דריי־און־אַכציג־יעריגע אידען, מאַכען רעוואָלוציעס...

(שערי ירושלים)

תנו לכם מופת... (ז. ט.)

עס איז ווייניג דאָס, וואָס איהר רעדט אין גאָט׳ס נאָמען און פערלאַנגט פון אַנדערע. „תנו לכם מופת״ — פריהער דאַרפט איהר בעווייזען, אַז איהר אַליין גלויבט אין דעם, וואָס איהר פּרעדיגט...

(„חיי יצחק״ פון רבי חיים־אייזיק יוסטמאַן)

רבי אייזיקל קאָמאַרנער האָט, כידוע, געהאַט אַ שם אין גאַליציען אַלס גרויסער בעל־מופת. איינמאָל איז געקומען צו איהם אַ טשערנאָוויצער משכיל, וועלכער האָט זיך „אינקאָגניטאָ״ אַרומגעדרעהט אַ וואָך צייט אין הויף, וואו ער האָט גענוי נאָכגעפאָלגט דעם רבי׳נס התנהגות, צוגעהערט זיך צו אַלע דערצעהלטע מופתים, און דאַן האָט ער בעשריבען זיינע איינדרוקען אין „המגיד״, וואו ער האָט אויפגעוויזען, אַז די אַלע מופתים, מיט וועלכע גאַליציען קאָכט אַזוי, זענען בעצם נישט מעהר, ווי „היפנאָז״

און אַז די גאַנצע צייט, וואָס ער איז דאָרט געווען, האָט ער קיין איין מופת נישט געזעהען.

ווען מען האָט דעם קאָמאַרנער געוויזען דעם „המגיד", האָט ער געזאָגט:

די תורה דערצעהלט אונז: „ויעש האותות לעיני העם, ויאמן העם" (ד. ל.), דאַגעגען ביי פּרעה'ן שטעהט: „ויחזק לב פרעה ולא שמע אליהם" (ז. יב.). עס איז דער זעלבער מופת געווען, מיט'ן זעלבען משה, דאָך האָבען די אידען יאָ געגלויבט און פּרעה — נישט, דען ביי אַ מופת איז געווענדעט, מיט וועלכע אויגען מען קוקט דערויף, צי מיט אידישע אויגען, צי מיט די אויגען פון אַ פּרעה...

אין דער תורה — פלעגט זאָגען רבי אייזיל סלאָנימער בדרך הלצה — געפינען מיר צוויי אויסדריקען: „מופת" און „אות", אָבער, ווי עס ווייזט אויס, מוז „אות" זיין אַ העכערע מדרגה, ווי „מופת", מחמת איך קען אַ סך רביים, וועלכע קענען נישט קיין אות און דאָך בעוויזען זיי מופתים...

רבי שמעון סופר האָט אַמאָל געשריבען אַ בריעף צו אַ געוויסען גאַליציאַנער רבי, וועלכען מען האָט געהאַלטען פאַר אַ בעל־מופת און דער בריעף האָט זיך אָנגעהויבען מיט'ן טיטול: „בעל המופת הגדול, דומה למלאך ד' צבאות". אויף דער פערוואונדערונג פון די מקורבים, הלמאי ער פאַרגלייכט איהם צו אַ מלאך, האָט ער זיי געענטפערט:

— דער דאָזיגער רבי, פערשטעהט איהר מיך, איז מיט צוויי זאַכען בבחינת מלאך, ערשטענס דערמיט, וואָס ער בעווייזט מופתים, צווייטענס, ווייל — „לא ניתנה תורה למלאכי השרת"...

רבי חיים צאַנזער פלעגט נישט האַלטען פון קיין רבי'שע מופתים; עס פלעגט איין צאַנז אַרומגעהן אַ ווערטעל: „אותות ומופתים באדמת בני חם". מופתים איז אַנ'ענין פאַר בני חם, פאַר עמי־הארצים און פראַסטאַקעס...

קח את מטך והשלך לפני פרעה יהי לתנין... (ז. ט.)

זאָל עס דינען אַלס אַ וואָרנונג פאַר פרעה'ן און אויך פאַר די פּרעה'ס פון אַלע צייטען, אַז זיי וועלען מיט די אידען גאָרנישט מאַכען און זיי אויף קיין פאַל נישט בייקומען, אַז מיט זייערע מעטאָדען צו דערנידריגען די אידען צום סאַמע שפּל'דיגסטען מצב פון קריכענדיגע בעשעפענישען, וועלען זיי גאַנץ אָפט דערפירען דערצו, אַז די אידען זאָלען פערוואַנדעלט ווערען אין בייסענדיגע שלאַנגען, פון וועלכע די פּרעה'ס וועלען קיין רוה און מנוחה נישט האָבען...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

ויחזק לב פרעה ולא שמע אליהם... (ז. יג.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן־עזרא: „ויחזק — מעצמו. בעבור שראה שעשו החרטומים כמעשה אהרן".

פרעגט זיך: אויך ביי דער מכת־כנים שטעהט דאָך „ויחזק לב פרעה ולא שמע אליהם", הגם דאָרט ווערט געזאָגט: „ויעשו כן החרטומים וכו' ולא יכולו"?...

ויהי הדם בכל ארץ מצרים... (ז. כא.)

„ממכת דם נתעשרו ישראל" (מדרש רבה)

און דערפון טאַקי נעהמט זיך דאָס בעקאַנטע וואָרט: „דמים תרתי משמע": פאַר די מצרים איז „דמים" געווען בלוט, און פאַר די אידען — „דמים", געלד...

(דגל מחנה אפרים)

די חז"ל זאָגען: „קשה עניות בתוך ביתו של אדם יותר מחמשים מכות" (בבא בתרא קט"ז), און אַט דעריבער איז אַלזאָ נויטיג געווען, אַז ווי נור עס האָבען זיך אָנגעהויבען די מכות אויף די מצרים, זאָלען די אידען קודם־כל נתעשר ווערען, וואָרום ווען זיי וואָלטען פערבליבען ביי זייער אָרימקייט, וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז אַפילו לויט'ן חשבון פון די תנאים, אַז די מצרים זענען געשלאָגען געוואָרען מיט גאַנצע פופציג מכות, וואָלט נאָך אַלץ די אידען געווען ערגער פון זיי, דען עניות איז דאָך האַרבער — „יותר מחמשים מכות"...

ויעשו כן חרטומי מצרים... (ז. כב.)

דעם דאָזיגען מופת, צו פערוואַנדלען די טייכען אין בלוט, דאָס האָבען די חרטומים לייכט געקענט נאָכמאַכען. דערויף זענען זיי פון שטענדיג אָן בריות, דאָס איז זייער אַלטע ספּעציאַליטעט...

(רבי יצחק וואָלאָזשינער)

אין פלוג זעהט עס אויס אונפערשטענדליך. צוליב וואָס האָט השי"ת געבראַכט אויף די מצרים עטליכע אַזעלכע מכות, וואָס זיי זאָלען קאָנען נאָכמאַכען, ווי דער מופת מיט'ן שטעקען און די מכה פון דם און צפרדע?

נאָר בשעת עס קומט צוגעהן, למשל, אַ געלערטער און ער ריהמט זיך, אַז ער האָט ערפינדען עפּיס גאָר אַ געניאַלע, וואונדערליכע ערפינדונג, וועלכע ער האָט דעמאָנסטרירט פאַר אַ גרופּע אונבעקאַנטע מענשען ערגיץ אין אַ פּערוואָרפען פּראָווינץ־שטעטעל און ער האָט ביי זיי שטאַרק אויסגענומען, מאַכט עס נישט אויף קיינעם קיין גרויסען איינדרוק. דערפון, וואָס די דאָזיגע ערפינדונג האָט אַזוי אויסגענומען ביי עטליכע אונוויסענדע מענשען אינ'ם קליינעם שטעטעל, איז נאָך נישט קיין בעוויז, אַז די ערפינדונג האָט טאַקע אַזאַ גרויסען ווערט. אַנדערש אָבער איז, ווען בייצוואוינען די דעמאָנסטרירונג פון זיין ערפינדונג רופט דער געלערטער צונויף די גרעסטע אָנערקענטע פאַכמענער און וויסענשאַפטס־לייט, וועלכע זענען אַליין אויך בעריהמט אַלס ערפינדער, און זיי אַלע דריקען אויס זייער ענטציקונג מיט דער דאָזיגער ערפינדונג, וועגען וועלכע זיי זענען מודה, אַז זיי וואָלטען דאָס נישט אומשטאַנד געווען צו בעווייזען, דאַמאָלס האָט עס די געהעריגע ווירקונג; דער ערפינדער איז זיך קונה־שם און זיין נאָמען ווערט שנעל פּאָפּולער און בעריהמט אין דער וועלט.

אויף צו דעמאָנסטרירען די וואונדערליכע מכות האָט השי"ת אויסגעקליבען דאָס לאַנד מצרים, וועלכע איז געווען בעריהמט מיט איהרע געלערטע און חרטומים, און בכדי אויך די שפּעטערדיגע דורות זאָלען האָבען אַ בעגריף וואָסערע גרויסע געלערטע און ערפינדער די דאָזיגע חרטומים זענען געווען, דערצעהלט אונז די תורה, אַז זיי זענען זאָגאַר אימשטאַנד געווען נאָכצומאַכען עטליכע פון די געוויזענע מופתים, ווי דאָס פּער־

וואַנדלען אַ שטעקען אין אַ שלאַנג, וואַסער — אין בלוט, פערפלייצען דאָס לאַנד מיט צפרדעים, זאַכען, וואָס קיין שום געלערטער ביז'ן היינטיגען טאָג וועט זיך נישט אונ־טערנעמען צו בעווייזען, און אויב אַזעלכע געניאַלע חכמים האָבען ענדליך, אַנהויבענדיג פון דער דריטער מכה, זיך געמוזט אונטערגעבען און מודה זיין: „אצבע אלקים היא!" איז עס, אַלזאָ אַ גענוגענדער בעוויז, אַז דאָס זענען געטליכע איבערנאַטירליכע וואונדער, וועלכע זענען למעלה פון יעדען מענשליכען שכל...

(שמן המאור)

ותעל הצפרדע ותכס את ארץ מצרים... (ח. ב.)

„ותעל הצפרדע, רבי עקיבא אומר, צפרדע אחת היתה ומלאה כל ארץ מצרים, אמר לו רבי אלעזר בן עזריה, עקיבא מה לך אצל הגדה וכו' צפרדע אחת היתה, שרקה להם והם באו" (סנהדרין ס"ז)

אין וואָס זענען זיי דאָ אייגענטליך מחולק און למאי נפקא מינה?

נאָר, ווי בעקאַנט, האָבען אונזערע חכמים אין זעהר פיל פאַלען זיך נוהג געווען צוריידען אַלעגאָריש, בדרך משל ומליצה, וועגען פערשידענע פאַסירונגען, וואָס זענען פאַרגעקומען אין זייער צייט און וועגען וועלכע מען האָט מורא געהאַט צו ריידען אָפען. ווי עס ווייזט אויס, איז אין יענער צייט פאַרגעקומען אַנ'ענליכע טרויעריגע ערשיינונג, ווי אין אונזער היינטיגער צייט, ווען אין אַ מדינה איז געקומען צו דער מאַכט אַ שונא־ישראל און מיט איינמאָל זענען אַלע איינוואוינער פון דער דאָזיגער מדינה פער־וואַנדעלט געוואָרען אין מורא'דיגע אידען־פיינד. עס איז דאַן ענטשטאַנען צווישען די אידישע געלעהרטע דער זעלבער ויכוח, ווי אין אונזער איצטיגער צייט וועגען דייטש־לאַנד; צי האָט היטלער געשאַפען דעם איצטיגען דייטשען אַנטיסעמיטיזם, אָדער דער דייטשער אַנטיסעמיטיזם האָט געשאַפען היטלער'ן... רבי עקיבא זאָגט „צפרדע אחת היתה ומלאה כל ארץ מצרים", אָנגעהויבען האָט זיך עס בסך־הכל פון איין צפרדע, די איינע צפרדע האָט מיט איהרע באַצילען דאָס גאַנצע לאַנד פערגיפטעט און פול געמאַכט די מדינה מיט צפרדעים... דערויף האָט איהם רבי אלעזר בן עזריה געענטפערט: ניין, דאָס איז אויסגעשלאָסען. עס איז אונמעגליך, אַז איין צפרדע זאָל קענען געבוירען אַזוי פיל צפרדעים, אַז איין רשע זאָל איבער נאַכט אימשטאַנד זיין צו פערוואַנדלען מיליאָנען מענשען אין רשעים, און דער אמת איז: „צפרדע אחת היתה, שרקה להם והם באו". דאָס לאַנד איז אויך פריהער פול געווען מיט צפרדעים, נאָר זיי זענען געלעגען פער־שטעקט, בעהאַלטען, מען האָט דאָס בעהאַלטענע רשעות נישט אַרויסגעוויזען, מחמת עס האָט געפעהלט דער מנהיג און פיהרער, וועלכער זאָל די אַלע צפרדעים אַרום זיך קאָנצענטרירען, און מיט'ן מאָמענט, ווען ער האָט זיך בעוויזען — „שרקה להם והם באו", האָט ער אַ פייף געטהון, אַ סיגנאַל געגעבען, און מיט איינמאָל האָבען זיך אַלע געשטעלט אויפ'ן פלאַץ און זיך ענטדעקט אין זייער ריכטיגען, ווירקליכען געשטאַלט...

(הרב יקותיאל ארי' קאַמעלהאַר)

רק ביאור תשארנה... (ח. ה.)

דער בעריהמטער רייזענדער, ר' יעקב אבן ספיר, שרייבט אין זיינע מסעות וועגען מצרים, אַז דער דאָזיגער אָנזאָג: „רק ביאור תשארנה", איז געבליבען לדורות, אַלס

זכר פון די צפרדעים, און בכדי די דאָזיגע מכה זאָל קיינמאָל פון די מצרים נישט פאַר־געסען ווערען, זענען עד היום פערבליבען אין נילוס די קראָקאָדילען, וועלכע וואַרפען אויף אַלעמען אַ פחד אַן...

וימותו הצפרדעים מן הבתים... (ח. ט.)

פאַרוואָס ווערט ביים ערוב געזאָגט: „ויסר הערוב מפרעה מעבדיו ומעמו", אַז דער ערוב איז בלויז אַוועק פון פרעה'ן און פון זיין פאָלק, דאַגעגען די צפרדעים זענען נישט בלויז אַוועק, נאָר זיי זענען אויך אויסגעפגר'ט?

ווייל ביים ערוב זענען נישט בעשאַפען געוואָרען קיין ספּעציעלע חיות, נאָר די חיות פון וואַלד זענען אַנגעלאָפען קיין מצרים און מיט'ן מאָמענט, ווען די מכה האָט זיך געענדיגט, זענען זיי צוריק אַוועק אין וואַלד אַריין און נישט אויסגעפגר'ט, ווייל זיי זענען דאָך נויטיג צום קיום־העולם. דאַגעגען ביי דער מכה פון צפרדע שטעהט: „ושרץ היאור צפרדעים", אַז די צפרדעים זענען צו דער דאָזיגער מכה ספּעציעל בע־שאַפען געוואָרען, און דעריבער זענען זיי שפּעטער אויסגעפגר'ט, דען די וועלט האָט זיי מעהר נישט געדאַרפט, זי האָט זיך נישט גענויטיגט אין אַזוי פיל צפרדעים...

(מציאת יצחק)

והיה לכנים בכל ארץ מצרים... (ח. יב.)

לויט'ן סדר פון פּסוק איז די מכה פון כנים געווען פאַר דער מכה פון ערוב. פאַר־וואָס אין תהלים איז דער סדר פאַרקעהרט: „ויהי ערוב כנים בכל גבולם" (קה. לא.)?

נאָר די מכה איז פאַקטיש געשעהן צוויי מאָל, איינמאָל אַלס זעלבסטשטענדיגע מכה, און אַ צווייט מאָל — „ויהי ערוב כנים", זענען זיי געקומען אַלס מחותנים צו דער מכה פון ערוב, וועלכע איז בעשטאַנען פון אַלע מיני גרויסע און קליינע בעשעפענישען...

(קהלת יצחק)

ושמתי פדת בין עמי ובין עמך... (ח. יט.)

דערויף ווערט געזאָגט אין בעל־הטורים „דין חסר וכו' כי זה לא היה פדות שלם וכו' אבל לעתיד הרבה עמו פדות ויהי' גאולה שלימה".

און דאָס — האָט דערויף צוגעגעבען רבי דוד'ל לעלעווער — פיהרט טאַקי אויס דער פּסוק: „למחר יהיה האות הזה". „למחר" — ביי דער שפּעטערדיגער גאולה — „יהיה האות הזה", וועט שוין נישט פעלען דער אות אינ'ם וואָרט „פדות", דאַן וועט דער פדות שוין זיין מלא מיט אַ ו', אַלס רמז אויף אַ גאולה שלמה...

דריי מאָל געפינט זיך אין תנ"ך דאָס וואָרט „פדות": דאָ; דאַן „פדות שלח לעמו" (תהלים קי"א) און „והרבה עמו פדות" (תהלים קל.). דאָס איז אַנטקעגען די דריי־ערליי מיני גלות... דער ערשטער גלות איז, ווען דער איד איז אין גלות ביים גוי; דערויף קומט די בטחה „ושמתי פדות בין עמי ובין עמך", אַז מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גוי'אישע הענד... דער צווייטער גלות איז, ווען איין איד איז אין גלות ביים צווייטען איד — דערדאָזיגער גלות איז פיל גרעסער פאַר'ן ערשטען; און דערויף איז „פדות שלח לעמו", מיר זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון צו זיין אין גלות ביי אידען... דער דריטער גלות איז, ווען דער מענש איז אין גלות ביי זיך זעלבסט, ביי זיינע שלעכ־

טע מדות און געוואוינהייטען; דאָס איז דער סאַמע ערגסטער גלות, וועגען וועלכען עס ווערט געזאָגט: „והרבה עמו פדות"...

(רבי שלום רוקח מבעלז)

לא נכון לעשות כן כי תועבת מצרים נזבח... (ח. כב.)

לויט'ן פירוש פון אבן־עזרא איז דער פשט פון „תועבת־מצרים", אַז די מצרים זענען שטאַרק נזהר געווען אין צער בעלי חיים, זיי האָבען נישט געגעסען קיין פלייש, ובכלל קיין שום דבר היוצא מן החי, און זיי האָבען זיך גע'מיאוס'ט און עס האָט זיי שאָקירט, ווען אַ צווייטער האָט דאָס געטון.

און דעריבער איז „לא נכון לעשות כן", דען דער דין אין יורה־דעה (סימן קי"ד) איז, אַז „דבר שנמאס להדיוט אסור להקריב לגבוה", און קוים איז עס נמאס פאַר די מצרים טאָר מען די דאָזיגע קרבנות דאָ נישט מקריב זיין, נאָר — „דרך שלשת ימים נלך במדבר", מען מוז זיי אָוועקפירען ווייט מחוץ למדינה, דאָרט, וואו עס איז קיינעם נישט נמאס...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

לא נכון לעשות כן... הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו... (ח. כב.)

ווי קומט צו משה'ן אַזאַ שוואַכער בטחון? — נאָר דער פשט איז אַזוי: „הן" — אמת — „נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו" — כ'בין פולקאָם זיכער, אַז קוים איז אַזוי דער רצון פון השי"ת, האָבען מיר נישט פאַרוואָס מורא צו האָבען, ווער אונז קיין שום שלעכטס נישט געשעהן; אָבער — „לא נכון לעשות כן" — עס פאַסט דאָך נישט, עס איז נישט אָנשטענדיג און דאָס האַרץ לאָזט נישט צו נעמען זייערע געטער און צו שעכטען זיי פאַר זיי אין די אויגען...

(חתם סופר)

„לא נכון לעשות כן"... עס איז נישט רעכט, אַז מענשען, וועלכע זענען אַזוי „הומאַניסטיש" געשטימט, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיל רחמנות צו די בהמות, אַז אַזעלכע צער־בעלי־חיים'ניקעס זאָלען אין דער זעלבער צייט זיין אַזעלכע אכזרים צו מענשען, צו אַרבייטען מיט די אידען עבודת־פרך און צו וואַרפען זייערע קינדער אין טייך...

(אמרי חן)

והנה לא מת ממקנה ישראל עד אחד ויכבד לב פרעה... (ט. ז.)

וואָרום קוים זענען די „מקנה ישראל" גאַנץ געבליבען, האָט ער שוין קיין זאָרג נישט, ווערט ער זיך אָבנעמען דעם שאָדען ביי אידען — רעקוויזירען די אידישע בהמות...

(רבי אביש פראַנקפורטער)

ויחזק ד' את לב פרעה ולא שמע אליהם... (ט. יב.)

פאַרוואָס שטעהט ביי אַלע אַנדערע מכות סתם: „ויכבד את לב פרעה", בלויז דאָ, ביי מכת שחין, ווערט געזאָגט: „ויחזק ד' את לב פרעה".

מחמת ביי יעדע מכה — זאָגט דערויף דער רמב״ם — האָבען די חרטומים מיטגעהאָלפען פרעה׳ן אין זיין עקשנות און איהם צוגערעדט דערצו. דאָ אָבער, ביי דער מכה פון שחין, ווערט געזאָגט אין פסוק: „ולא יכלו החרטומים לעמוד לפני משה מפני השחין״, אַז זיי האָבען זיך געשעמט צו ווייזען פאַר משה׳ן בשעת ער איז געקומען צו פרעה׳ן און זיי האָבען נישט געקענט זיין דאָרט. פרעה איז אַלזאָ דאָס מאָל, בעת ער האָט געדאַרפט משה׳ן געבען אַנ׳ענטפער, געבליבען אַליין, אָהן די חרטומים, און דע־ריבער איז דאָס מאָל נויטיג געווען, אַז — „ויחזק ד׳ את לב פרעה״...

(מורה נבוכים)

כי בפעם הזאת אני שולח את כל מגפותי... (ט. יד.)

דערויף זאָגט רש״י: „למדנו מכאן שמכת־בכורות שקולה כנגד כל המכות״...

ווי קומט דאָ אַהער „מכת־בכורות״, דאָ רעדט זיך דאָך גאָר פון „ברד״? — עס איז אַנ׳אַלטע וועלט־קשיא, אויף וועלכער עס זענען שוין אָהן אַ שיעור תירוצים געשריבען געוואָרען. ווי עס ווייזט אָבער אויס, איז דאָ פשוט דער בחור הזעצער נכשל געוואָרען אין אַ טעות; אינ׳ם כתב־יד, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך, איז געווען געשריבען מיט ראשי־תיבות: „מכאן שמ״ב קשה מכולן״, האָט ער זיך טועה געווען און אַנשטאָט „שמכת ברד״, האָט ער אויסגעזעצט „שמכת בכורות״ — און אינ׳ם דאָזיגען נוסח האָבען זיך שוין נאָכדעם געהאַלטען אַלע שפּעטערדיגע מדפיסים.

אויף דער דאָזיגער פראַגע פון די מפרשים ווי קומט דאָ אַהער מכת בכורות ענטפערט דער רבינו תם מאורלינוש, אַז מכת בכורות און מכת ברד זענען בעצם געווען עהנליך צווישען זיך: ביי מכת בכורות זענען געשלאָגען געוואָרען די בכורי אדם און ביי מכת ברד — די בכורי התבואה, ווי עס ווערט ערקלערט אין די וויטערע פסוקים: „והפשתה והשעורה נכתה כי השעורה אביב והפשתה גבעול, והחטה והכסמת לא נכו, כי אפילות הנה״, אַז געשלאָגען איז נאָר געוואָרען די צייטיגע תבואה, די בכורים, און דער „מכת בכורות קשה מכל המכות״ בעציט זיך דאָ, אַלזאָ, אויף דער מכה פון ברד...

אין מדרש ווערט געזאָגט: „שלשה לגיונות של הקב״ה שנפרע בהם מעוברי רצונו: אש, רוח ומים. בסדום — באש, במבול — במים, בדור הפלגה — ברוח, ובמצרים בשלשתן: דם צפרדע — במים, ארבה — ברוח, שחין — באש״.

אַלס אויסנאַם פון די איבעריגע מכות, איז די מכה פון ברד גופא בעשטאַנען פון אַלע דריי עלעמענטען: „הנני ממטיר כעת מחר ברד״ (מים), „ואש מתלקחת בתוך הברד״ (אש), „וד׳ נתן קולות״ (רוח), און דעריבער ווערט ביי דער דאָזיגער מכה געזאָגט: „כי בפעם הזאת אני שולח את כל מגפותי״, אַלע דריי זאַכען מיטאַמאָל...

(ווילנער גאון)

ויך הברד בכל ארץ מצרים... (ט. כה.)

די ווערטער פון אבן־עזרא אויפ׳ן דאָזיגען פסוק: „זאת היתה מכה קשה שהרג אָדם ובהמה ושבר עץ השדה רק שהשם חמל עליהם ועל מקניהם״ — זענען אין פלוג אונפערשטענדליך. וואָס בעדייטען די ווערטער „רק שהשם חמל עליהם״, וועלכע זענען דאָך אין סתירה צו די פריהערדיגע ווערטער? — מען דאַרף דעריבער אָננעמען,

אַז פונ׳ם וואָרט „רק" הויבט זיך אָן אַ בעזונדערער זאַץ, אַלס התחלה פונ׳ם ווייטערדיגען פסוק — „רק בארץ גושן וכו'".

(ר׳ שמחה לעדערמאַן)

ד׳ הצדיק ואני ועמי הרשעים... (ט. כז.)

אַזש מיט אַזוי פיל מכות האָט פרעה געדאַרפט געשלאָגען ווערען, בכדי צו קומען ענדליך צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס פייניגען אידען איז געווען פון זיין זייט אַ רשעות... ביז איצט, אַפּנים, האָט ער עס געהאַלטען פאַר אַ צדקות, פאַר אַ וואוילטאָט...

(מור ואהלות)

רבי יהושע׳לע אָסטראָווער האָט געזאָגט בדרך־הלצה: ווי געשיקט זיך עס, אַז פּרעה דער בעל־גאוה זאָל וועגען זיך אַליין מודה זיין, אַז ער איז אַ רשע?... נאָר דער טייטש איז: „ד׳ הצדיק", גאָט איז דער צדיק, „ואני", און איך בין אויך אַ צדיק —„ועמי הרשעים", בלויז מיין פאָלק זענען רשעים...

כצאתי את העיר אפרוש את כפי... (ט. כט.)

„אבל בתוך העיר לא התפלל לפי שהיתה מלאה גלולים" (רש״י)

פאַרוואָס איז משה אַרויסגעגאַנגען מחוץ לעיר נור ביים מתפלל זיין אויף דער מכה פון ברד, און נישט ביי דער מכה פון ערב און פון ארבה, וואו עס שטעהט סתם: „ויצא משה מעם פרעה ויעתר אל ד׳"?

נאָר אַלס גלולים פון מצרים ווערען געמיינט די צאן, די שאָף, וועלכע זענען ביי די מצרים געווען פערגעטערט, ווי עס ווערט געזאָגט אויפ׳ן פסוק: „כי תועבת מצרים כל רועה צאן" — „לפי שהם להם אלהות". די צאן ווערען געוועהנליך געהאַלטען אין פעלד, מחוץ לעיר. דעריבער ביי די אַנדערע מכות, בעת וועלכע די צאן, די גלולים, האָבען זיך געפינען אויסער דער שטאָט, האָט משה מתפלל געווען בתוך העיר, אין שטאָט. ביי ברד אָבער ווערט דאָך געזאָגט: „הירא את דבר ד׳ מעבדי פרעה הניס את עבדיו ואת מקנהו אל הבתים", אַז די צאן האָבען זיך דאַן געפינען אין שטאָט, איז דעריבער משה אַרויס מתפלל זיין מחוץ דער שטאָט...

(רבי ר׳ העשיל)

דער בעריהמטער וואַרשאָווער גביר, ר׳ זלמן פויזנער, האָט, ווי בעקאַנט, געפיהרט צווישען די פּוילישע אידען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע, זיי זאָלען זיך נעמען צו לאַנדווירט־שאַפט, און אין זיין אַגיטאַציע פלעגט ער זיך בענוצען מיט׳ן דאָזיגען פסוק:

„כצאתי את העיר אפרוש את כפי אל ד׳", נאָר ווען מען געהט אַרויס פון שטאָט און מען בעזעצט זיך אויפ׳ן דאָרף איז מען אימשטאַנד צו דינען דעם אויבערשטען און צו פיהרען אַ נאָרמאַל און עהרליך לעבען...

אַלס התחלה דערצו האָט ער בעזעצט עטליכע אידישע פאַמיליעס אין זיין גוט אין קובאַרי, וואו ער האָט יעדען פון זיי געגעבען אַנ׳אומזיסטען שטח באָדען מיט אַ דירה און מיט אַלע נויטיגע מכשירים און זיי געמאַכט פאַר פּויערען.

איינמאָל איז אָראָבגעקומען צו איהם צו גאַסט רבי יהושע׳לע קוטנער, וועלכער איז געווען טשיקאַווע צו זעהן, ווי אַזוי די אידען זענען עוסק אין ערד־אַרבייט, וואָס צו יענער צייט איז עס אין פוילען געווען אַ חדוש גדול.

רבי זלמן, וועלכער איז גראָד נישט איבריג צופרידען געווען פון זיינע ערשטע „חלוצים״, פיהרט איהם אַרויס אויפ׳ן פעלד. געווען איז דאָס אין דער אַקער־צייט. אויף איין זייט פעלד זענען געשטאַנען גוים און געאַקערט און אויף דער צווייטער זייט — אידען.

— איהר זעהט, רבי — מאַכט צו איהם ר׳ זלמן — גויים אַקערען און אידען, להבדיל, אַקערען. די קוקען אויפ׳ן הימעל און די זענען מתפלל. די גוים זענען מתפלל אויף אַ גוט גערעטעניש, ס׳זאָל געהן רעגען צו דער צייט, דער שניט זאָל זיך איינגעבען וכדומה. די אידען אָבער, אַז זיי קוקען אין הימעל אַריין, איז איטליכער פון זיי מתפלל: שיק מיר צו, רבונו של עולם, אונטער׳ן אַקער, עפּעס אַ טייערען אוצר, כ׳זאָל פּטור ווערען פון דער דאָזיגער מלאכה בזויה...

והחטה והכסמת לא נכו... (ט. לב.)

פאַרוואָס האָט מען עפּעס דאָס איבערגעלאָזט, הלמאַי איז טאַקי נישט אַלץ פאַר־ניכטעט געוואָרען?

ווייל דראָהען קאָן מען נאָר אַזעלכען, וועלכער פערמאָגט נאָך עפּעס. דער, וואָס פערמאָגט שוין גאָרנישט, דעם קאָן מען מעהר נישט דראָהען, ער האָט שוין נישט וואָס צו פערלירען... און דעריבער האָט מען פרעה׳ן עפּעס איבערגעלאָזט — ער זאָל נאָך האָבען פאַר וואָס מורא צו האָבען...

(יד יוסף)

ויחדלו הקולות והברד ומטר לא נתך ארצה... (ט. לג.)

פרעה, ווי עס איז צו זעהן פון זיין בקשה, האָט נור געבעטען אויף צוויי זאַכען: „העתירו אל ד׳ ורב מהיות קולות א׳ וברד״, דאַגעגען, אַז אויך דער מטר זאָל אויפ־הערען, דאָס האָט ער נישט פערלאַנגט. פערקעהרט, דער בלויזער מטר, אָהן דעם ברד וקולות, האָט ער געוואָלט, זאָל בלייבען, וואָרום דאָס איז דאָך אַ ברכה פאַר׳ן לאַנד מצרים, וואו עס געהט קיינמאָל נישט קיין רעגען... מען האָט עס איהם אָבער נישט צוליב געטהון און — „ויחדלו הקולות והברד ומטר לא נתך ארצה״, אויך דער רעגען האָט אויפגע־הערט...

(רבי יעקב, ליסער רב)

צוויי מאָל, איז אָנגעצייכענט אין דער מסורה, געפינט זיך אין דער תורה דאָס וואָרט „ויחדלו״: דאָ — „ויחדלו הקולות״, און „ויחדלו לבנות העיר״ (בראשית יא. ח.). אַ רמז אויף דער טראַגעדיע פון אידישען לאַנד, אין וועלכען מיר דערמאָנען זיך נאָר דאַן, ווען עס דערהערען זיך די קולות, דער „הקול קול יעקב״, ווען די צרות שטאַרקען זיך און דער באַדען הויבט אָן ברענען אונטער אונזערע פיס. דאַמאָלס ווערען מיר אַלע דערוואָרימט, דאַמאָלס האָט דער רעיון וועגען בנין־הארץ גרויס ערפאָלג ביי אַלעמען. מיט׳ן מאָמענט אָבער ווען עס איז „ויחדלו הקולות״, ווען עס דוכט זיך, אַז עס הויבט אָן ווערען אַ ביסעל לייכטער, איז — „ויחדלו לבנות העיר״...

(הרב נתן פרידלאַנד)

אין מדרש פון דער היינטיגער סדרה (מדרש רבה פרשה ו׳) ווערט געזאָגט: „עתידה גן־עדן להיות צועקת ואומרת, תן לי צדיקים, אין לי עסק ברשעים, ועתידה גיהנום להיות צועקת ואומרת, אין לי עסק בצדיקים״. איז דאָך אין פלוג קשה: נאָכוואָס דאַרפֿען זיי שרייען? ווי קאָן דען זיין גאָר אַ הוה־אמינא, אַז מען זאָל די צדיקים פיהרען אין גיהנום און די רשעים אין גן־עדן אריין?

נאָר מוז זיין — האָט דערויף געזאָגט רבי זושאַ האַניפּאָלער — אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט, ווען עס וועט זיין שווער מבחין צו זיין צווישען אַ צדיק און אַ רשע און די מלאכים וועלען זיך טועה זיין און פערבייטען די יוצרות, פיהרענדיג די רשעים אין גן־עדן און די צדיקים אין גיהנום, און ביידע, דער גן־עדן מיט׳ן גיהנום, וועלען דאַן דאַרפען שרייען און אויפמערקזאָם מאַכען, אַז מען זאָל, חלילה, קיין טעות נישט האָבען אין חשבון...

בא

בא אל פרעה... (י. א.)

דערויף ווערט געזאָגט אין זהר: „רבי יהודה פתח ואמר, אַשרי העם יודעי תרועה וכו׳״.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צום דאָזיגען פסוק?

ווייל דאָ רעדט זיך וועגען דער מכה פון אַרבה, און אַרבה איז איינע פון די פורעניות׳ן, אויף וועלכע מען דאַרף בלאָזען שופר, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער משנה: „על אלו מתריעין בכל מקום, על השדפון ועל הירקון ועל האַרבה וכו׳״ (תענית י״ט)...

(רבי נפתלי הערץ דינאַווער)

ולמען תספר באזני בנך... וידעתם כי אני ד׳... (י. ב.)

אויב איהר ווילט איינפלאַנצען אין אייערע קינדער אמונה — „וידעתם כי אני ד׳״, מוזט איהר פריהער אַליין זיין מאַמינים...

(רבי יהושע רוקח)

ויפן ויצא מעם פרעה... (י. ו.)

„לפי שראה שעבדיו מתלחשים״ (מדרש)

רבי דוד בעכאָווער איז אַמאָל אַרעסטירט געוואָרען אין פעטערבורג צוליב עפּיס אַ מסירה און נאָכ׳ן אָבהאַלטען איהם עטליכע טעג אין אַרעסט האָט מען איהם געשטעלט אויפ׳ן פערהער פאַר די אויספאָרשונגס־ריכטער. בשעת דער אויספאָרשונג האָבען די ריכטער געוואָלט זיך וועגען עפּיס מיישב זיין און, בכדי דער אַרעסטאַנט זאָל נישט פערשטעהן זייער געשפּרעך, האָבען זיי גענומען רעדען צווישען זיך אויף פראַנצויזיש.

רבי דוד בעכאָווער האָט אָבער געקענט פראַנצויזיש און בשעת זיי האָבען אָנגעהויבען רעדען האָט ער דעריבער אָבגעקערט דעם קאָפּ אָן אַ זייט.

איינער פון די ריכטער האָט איהם דערביי מיט כעס אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז אונטאַקטיש אָוועקצודרעהען דעם קאָפּ. אַן׳אַרעסטאַנט דאַרף שטעהן ביי דער אויספאָרשונג גלייך, מיט דרך־ארץ.

דערויף האָט זיך רבי דוד פערענטפערט אויף פראַנצויזיש, אַז טאַקי צוליב דרך־ארץ דרעהט ער אָוועק דעם קאָפּ, ווייל היות, ווי זיי האָבען אָנגעהויבען צו רעדען צווישען זיך אויף אַ פרעמדע שפּראַך דערפאַר, ווייל זיי מיינען, אַז ער פערשטעהט נישט, און היות ווי ער פערשטעהט גראָד יאָ די דאָזיגע שפּראַך, איז דעריבער קיין דרך־ארץ נישט אונטערצוהערען...

די דאָזיגע אונערוואַרטעטע תשובה האָט אויף זיי אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט און זיי האָבען איהם גלייך בעפרייט.

— דאָס האָב איך אַראָבגעלערנט — האָט רבי דוד נאָכהער ערקלערט פאַר זיינע מקורבים — פון משה רבינו. אויפ׳ן פסוק „ויפן ויצא מעם פרעה״ זאָגט דער מדרש: „לפי שראה עבדיו מתלחשים״, אַז צוליב דעם, הייסט עס, וואָס ער האָט געזען, אַז זיי רעדען צווישען זיך עפּיס אין דער שטיל, נישט וועלענדיג אַז ער זאָל הערען זייער געשפּרעך, האָט ער זיך דעריבער אויפגעהויבען און איז אַרויסגעגאַנגען, בכדי נישט אונטערצוהערען קיין פרעמדע סודות...

פאַרוואָס ווערט נישט ביי קיין שום אַנדערע מכה געזאָגט: „ויפן ויצא מעם פרעה״, נאָר גראָד דאָ, נאָך דער התראה פון מכת אַרבה?

ווייל דאָ האָט איהם השי״ת פאַראויס ערקלערט, אַז „כי אני הכבדתי את אפו, למען שתי אותותי אלה בקרבו״. אַז די דאָזיגע מכה וועט אויף פּרעה׳ן קיין שום ווירקונג נישט האָבען און ער וועט נישט נאָכגעבען. משה רבינו האָט אַלזאָ דאָס מאָל געהאַלטען פאַר איבריג צו וואַרטען אויף פּרעה׳ס ענטפער, וויסענדיג פאַראויס, אַז ער האָט קיין גינסטיגען ענטפער נישט צו ערוואַרטען, און ווי נאָר ער האָט ערפילט זיין שליחות און איהם איבערגעגעבען דעם אויבערשטענס ווערטער — „ויפן ויצא מעם פרעה״, האָט ער זיך גלייך אויפגעהויבען און אַוועקגעגאַנגען...

(דובנער מגיד)

בנערינו ובזקנינו נלך... (י. ט.)

פריהער דאַרף מען ראַטעווען און אַרויסשלעפּען פון די שערי־טומאה, פון גלות־מצרים, די „נערינו״, די יוגענד, ווייל אויף זיי לאָקערט אַ גרעסערע געפאַר צו ווערען מיטגעריסען מיט׳ן מצרי׳שען שטראָם; ערשט נאָך זיי דאַרפען געהן די „זקנינו״, דער עלטערער דור, מיט וועלכען מען איז זיכערער, וועלכער איז טיעף איינגעוואָרצעלט אין אידישקייט...

(ספר הדרוש)

לכו נא הגברים וכו׳ כי אותה אתם מבקשים... (י. יא.)

אַזוי איז שוין דער שטייגער, דער דרך התגרנים: יעדע פאָדערונג ווערט לכתחילה געשטעלט דאָפּעלט, כדי עס זאָל זיין פון וואָס אָבצודינגען און מען זאָל כאָטש פועל׳ן אויף אַ העלפט. און דעריבער — „לכו נא הגברים״, דען „כי אותה אתם מבקשים״, נאָר דאָס אייגענטליך, איז דאָך אייער פּאָקטישער פערלאַנג, און נור בכיוון, כדי דאָס צו פועל׳ן, האָט איהר לכתחילה געפאָדערט מעהר...

(חמדה גנוזה)

לפניו לא היה כן ארבה כמוהו ואחריו לא יהיה כן... (י. יד.)

דערויף שרייבט דער רמב״ן אין נאָמען פון רבינו חננאל, אַז זינט משה רבינו האָט מתפלל געווען, אַז דער אַרבה זאָל פערשווינדען פון מצרים, האָט ביז היינט דאָרט דער היישעריק מעהר קיין שליטה נישט, און זאָגאַר ווען ער בעוויזט זיך אין ארץ־ישראל

און ער רייסט זיך פון דאָרט אַריין אין די גרעניצען פון מצרים, רירט ער אַבסאָלוט נישט אָן די תבואה פון לאַנד און — פיהרט ער אויס — „זה כבר ידוע הוא לכל"...

ויסר מעלי רק את המות הזה... (י. יז.)

די פריהערדיגע מכות, ווי „כנים" און „ברד", זענען דאָך פיל האַרבערע און שווערערע געווען, טאָ הלמאַי האָט פרעה אַזוי אויסטערליש געציטערט און איז געפאַלען פון די הענד דוקא ביי דער מכה פון „אַרבה"? — ענטפערט מען דערויף בדרך־הלצה: אויפ'ן פסוק „וינח בכל גבול מצרים" זאָגט דער בעל־הטורים: דאָ שטעהט דאָס וואָרט „וינח", און אין אַ צווייטען פסוק שטעהט „וינח ביום השביעי" — „מלמד שנח בשבת", איז דערפון, הייסט עס, געדרונגען, אַז דער היישעריק איז נישט טעטיג געווען אום שבת... און דערפאַר האָט זיך עס פרעה אַזוי דערשראָקען: אַ פרומע מכה גאָר? אַ מכה, וואָס איז אום שבת נישט טעטיג? אָ, מיט אַזאַ מכה איז אַ מורא אַנצוהויבען; אַ פרומע מכה, רחמנא ליצלן, איז איינס פון די געפערליכסטע זאַכען!...

נטה את ידך על השמים ויהי חשך... (י. כא.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „שלח חשך ויחשך ולא מרו את דברו, מלמד שהסכימו כל פמליא ולא הי' בהם אחד שהמרה. ולמה הביא עליהם חשך? שהיו ישראל באותו הדור רשעים שלא הי' רוצים לצאת ומתו בשלשת ימי אפילה וכו' ועוד שחפשו ישראל וראו את כליהם וכו'".

פרעגט זיך: פאַרוואָס ווערט נישט די פראַגע פון „למה הביא עליהם" געפרעגט ביי אַלע אַנדערע מכות, נאָר גראָד דאָ, ביי דער מכה פון חשך?

ענטפערט דערויף דער רבי ר' העשיל: דער דין איז אין דער גמרא (סנהדרין י"ז), אַז „סנהדרין שראו כלם לחובה פוטרין אותו מיד", אַז אויב דער בעשולדיגטער ווערט פעראורטיילט דורך אַלע סנהדרין אָהן אויסנאַם, ווערט דער אורטייל איבער איהם נישט אויסגעפיהרט און ער ווערט אינגאַנצען פרייגעשפּראָכען. דערויף זאָגט דער סמ"ע, אַז דאָס איז נור אין דעם פאַל, ווען דער אורטייל לחובה ווערט דורך אַלע סנהדרין בעגרינדעט מיט איין מאָטיוו, מיט איין און דעם זעלבען טעם, וואָס עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען זיך אַלע געווען פריהער צונויפגערעדט און עס האָט זיך קיינער פון זיי די מיה נישט געגעבען צו זוכען אויף איהם אַ זכות, דאַגעגען ווען עס ווערען געגעבען דערביי פערשידענע מאָטיוען, דאַן איז כאָטש עס איז „ראו כלם לחובה" ווערט דער אורטייל איבער איהם יאָ אויסגעפיהרט.

און אָט דאָס, אַלזאָ, איז די קשיא פון מדרש. קוים ווערט פריהער דערצעהלט, אַז „שהסכימו כל פמליא ולא היה בהם אחד שהמרה", הייסט דאָך עס אַז עס איז געווען „ראו כלם לחובה", איז אויב אַזוי „ולמה הביא עליהם חשך?" דער דין איז דאָך, אַז „סנהדרין שראו כלם לחובה פוטרין אותו מיד"? דערויף פיהרט אויס דער מדרש, אַז ביי דעם דאָזיגען אורטייל לחובה זענען געגעבען געוואָרען פערשידענע טעמים, אַ טייל האָבען עס בעגרינדעט דערמיט, ווייל „שהיו ישראל באותו הדור רשעים וכו'". אַנדערע — „שחפשו ישראל וראו את כליהם וכו'" און אין אַזאַ פאַל, ווי געזאָגט, איז שוין דער אורטייל פון „ראו כלם לחובה" אַ געזעצליכער...

(דבש לפי)

„ולמה הביא עליהם חשך וכו׳ ?״... (מדרש)

ביי יעדע אַנדערע מכה איז פאַר די מצרים קענטיג געווען דער מופת. עס איז פאַר זיי קענטיג געווען דערפון, וואָס זיי האָבען געזעהען, אַז בלויז זיי, די מצרים, ווערען געשלאָגען, דאַגעגען אין גושן, אויף דער אידישער בעפעלקערונג, האָבען די מכות קיין שליטה נישט, און דאָס איז געוועזען דער הויפּט-צוועק פון יעדע מכה. אָבער ביי דער מכה פון חשך האָבען זיי דאָך נישט געקענט זעהען דעם אונטער־שיעד און זיי האָבען דאָך אַ ברירה געהאַט צו מיינען, אַז אויך אין גושן איז פינסטער, אַז אויך דאָרט הערשט דערזעלבער חשך און דאָס איז נישט מעהר ווי אַ צופעליגע נאַטור־ערשיינונג, און וויבאַלד אַזוי: „למה הביא עליהם חשך״? נאָכוואָס האָט השי״ת געבערענגט אויף זיי אַזאַ מכה, ביי וועלכע מען האָט נישט געקענט גענוג קלאָר און בולט אַרויסזעהען דעם נס?...

(תוספת ברכה)

ויהי חשך אפלה וכו׳ לא ראו איש את אחיו... (י. כא.)

דאָס גרעסטע חשכות אויף דער וועלט איז דאַן, ווען „לא ראו איש את אחיו״, ווען איין מענש זעהט נישט און וויל נישט וויסען פון צווייטען, ווען יעדער איינער לעבט בלויז פאַר זיך...

(אשכול מאמרים)

לא ראו איש את אחיו ולא קמו איש מתחתיו... (י. כא.)

ווען עס איז „לא ראו איש את אָחיו״, ווען עס הערשט ביי אידען פירוד און שנאָה, און איין איד קאָן דעם צווייטען נישט אָנקוקען — איז „ולא קמו איש מתחתיו״, איז דאָס גורם, אַז מיר זאָלען זיך נישט קאָנען פון אָרט ריהרען...

(חדושי הרי״ם)

ויאמר לו פרעה לך מעלי... (י. כח.)

דער בעפעל איז געווען אַ דאָפּעלטער. ערשטענס: „לך מעלי״, ער זאָל תיכף ומיד אַוועקגעהן. צווייטענס: „אַל תוסף ראות פני״, אַז מעהר זאָל ער זיך פאַר איהם נישט ווייזען, מעהר זאָל ער נישט קומען. דערויף האָט איהם משה רבינו געענטפערט „כן דברת לא אוסיף עוד ראות פניך״, די צווייטע פאָדערונג וועט ער איהם צוליב טהון, מעהר וועט ער צו איהם נישט קומען, דאַגעגען די ערשטע פאָדערונג: „לך מעלי״ — דאָס האָט ער איהם נישט געפאָלגט, ער איז נאָך פערבליבען דאָרט און איז פריהער נישט אַוועק ביז ער האָט איהם אויספירליך איבערגעגעבען די לעצטע התראה וועגען מכת־בכורות...

(אלשיך)

אל תוסף ראות פני כי ביום ראותך פני תמות... (י. כח.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „אַרום ביומא דאת חמי סבר אפי, יתקוף רוגזי בך ואמסור יתך ביד בני נשא אילין דהוו תבעין נפשך למיסב יתה״.

פרעה האָט איהם, הייסט עס, געדראָהט, דאָס אויב ער וועט זיך נאָך איינמאָל וויזען פאַר איהם וועט ער איהם איבערגעבען אין די הענד פון דתן ואבירם, וואָס צוליב זייער מסירה, בשעת ער האָט דערהרג׳עט דעם מצרי, איז ער געהאַט אַנטלאָפען קיין מדין.

ווי עס איז, אַלזאָ, צו זעהען פון דער דאָזיגער דראָהונג, האָט משה רבינו, אַ סך מעהר נאָך ווי פאַר פרעה׳ס שטראָף, מורא געהאַט פאַר די היימישע אידען — פאַר די מוסרים...

כלה גרש יגרש אתכם מזה וכו׳ וישאלו איש מאת רעהו... (יא. א. ב.)

צוליב וואָס איינענטליך ווערט פריהער, פאַר׳ן „וישאלו איש מאת רעהו״, ער־קלערט, אַז „כלה גרש יגרש אתכם מזה״, וואָס פאַר המשך האָבען דיביידע זאַכען צווישען זיך?

נאָר דער דין איז אין דער גמרא ביי אַ בעל־הבית און אַ פועל, אַז „כל המשנה וכל החוזר ידו על התחתונה״, אַז אויב דער בעל־הבית איז חוזר בחצי יום, נאָכדעם ווי דער פועל האָט אָבגעאַרבייט ביי איהם אַ האַלבען טאָג, מוז ער איהם בעצאָלען שכירות פאַר אַ גאַנצען טאָג. פערקעהרט ווידער, אויב דער פועל איז חוזר בחצי יום, דאַן איז ער מחויב צו ליידען און דער בעל־הבית דאַרף איהם גאָרנישט בעצאָלען. דער אַנזאָג „וישאלו איש מאת רעהו״, אַז די אידען זאָלען נעמען ביי די מצרים כלומרשט אויף באָרג וואָס מעהר כלי כסף וכלי זהב, ווערט, כידוע, בעגרינדעט דערמיט, וואָס די מצרים האָבען הונדערטער יאָהרען עקספּלואַטירט די אידען, אַרבייטענדיג מיט זיי בחומר ובלבנים, און אויב זיי האָבען זיי מיט׳ן גוטען ווילען נישט געוואָלט בעצאָלען דעם שכר פאַר דער שווערער אַרבייט, האָבען די אידען געהאַט דאָס רעכט מוציא צו זיין דעם אַרבייטס־לוין בדרך ערמה... נגזר איז געוואָרען אויף די אידען צו אַרבייטען אין מצרים פיר הונדערט יאָהר, נאָר שפּעטער איז דער קץ צוגעאיילט געוואָרען און זיי האָבען אָבגעאַרבייט בלויז אַ האַלבען טערמין, נישט מעהר, ווי צוויי הונדערט און צען יאָהר. איז אויב אַזוי, ווי אַזוי האָבען די אידען געמעגט אויפמאַנען זייער אַרבייטס־לוין? דער דין איז דאָך, אַז אויב אַ פועל איז חוזר בחצי יום, אָבאַרבייטענדיג נור אַ האַלבען טערמין, איז ידו על התחתונה, קומט איהם גאָרנישט צו בעצאָלען? און אָט דערויף קומט די ערקלערונג: „כשלחו כלה גרש יגרש אתכם״, עס וועט צוגעפירט ווערען דערצו, אַז פרעה גופא זאָל אייך אַרויסטרייבען, ער מצדו זאָל חוזר זיין, און אויב דער בעל־הבית איז חוזר איז דאָך שוין דער דין פערקעהרט, איז ידו על התחתונה און ער דאַרף בעצאלען דעם פועל פאַר אַ גאַנצען טאָג אַרבייט, און דעריבער — „דבר נא באָזני העם וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב״...

(משנת דר׳ אליעזר)

דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו... (יא. ב.)

אַפילו צו נעהמען געלד, קוים איז עס אַ מצוה, אַ בעפעהל, טהוט עס שוין דער מענש אָהן חשק, און מען מוז איהם איינרעדען, בעטען — „דבר־נא באָזני העם וישאלו״!...

(ספר הדרוש)

„עם״ מיינט מען דעם פשוט׳ן המון, די אָרימע שיכטען פון פאָלק, זיי דאַרף מען אַממעהרסטען אויפמערקזאַם מאַכען אויפ׳ן „וישאַלו כלי־כסף וכלי־זהב״, וואָרום צום

„ועבדום וענו אותם״, צו אַרבייטען און געפּייניגט צו ווערען, איז „קיים ב ה ם ״, זענען זיי געווען די ערשטע, האָבען זיי געליטען מעהר פון אַנדערע, דען די נגידים האָבען זיך זיכער אַרויסגעדרעהט פון די אַלע זאַכען, ווי דער שטייגער איז... דאַגעגען ביים „ויצאו ברכוש גדול״ איז „לא קיים בהם״, דען דאָ וועלען די נגידים זיין די ערשטע, וואָרום דעם נגיד וועט מען נישט אָבזאָגען, דעם נגיד וועט מען גיכער לייהען... און דעריבער: „דבר־נא באזני העם״ — זאָג דעם המון, די אָרימעלייט — „וישאלו וכו׳ כלי־כסף וכלי־זהב״, זיי זאָלען זיך צואיילען און נישט וואַרטען אויף קיין יושר; אַנ־דערש — וועט פאַר זיי גאָרנישט בלייבען!...

(ספר הדרוש)

„כדי שלא יאמר אותו צדיק אברהם, ועבדום וענו אותם קיים בהם ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם״ (רש״י)

בעסער וואָלט געווען, כ׳זאָל זיי אַרויסנעהמען פון מצרים אָהן דעם „רכוש גדול״, דען באמת איז דאָס דאָזיגע גאָלד־און־זילבער אַ שעדליכע זאַך פאַר אידען און קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען; פון דעם גאָלד־און־זילבער וועלען זיי שפּעטער מאַכען אַן׳עגל... כ׳מוז עס אָבער טהון — „כדי שלא יאמר אותו צדיק״ וכו׳...

(זרע ברך)

נור דערפאַר בלויז „כדי שלא יאמר אותו צדיק״? און ווי וואָלט זיין, ווען דער אותו צדיק, אַברהם, וואָלט נישט קומען מיט קיין טענה, איז דען השי״ת נישט מחויב מקיים צו זיין זיין הבטחה?

נאָר דער אמת איז, אַז די אידען זענען דאַן גרייט געווען מוותר צו זיין אויפ׳ן געלד און אויף דער הבטחה פון „רכוש גדול״, האָבענדיג פאַר זיך אַ פיעל העכערען ציעל: די גאולה... השי״ת האָט אָבער פערלאַנגט פון זיי, זיי זאָלען אויך דערפון זיך נישט אָבזאָגען, „כדי שלא יאמר אותו צדיק ועבדום וענו אותם קיים בהם״, כדי אַברהם זאָל נישט טענה׳ן: אויף די גזירה פון „ועבדום וענו אותם״ האָסטו דאָך מקיים געווען געגען דעם ווילען פון די אידען, צווינגענדיג זיי דערצו בעל־כרחם, און אויב אַזוי דאַרפסטו זיי אויך צווינגען צו דער צווייטער העלפט, צו דער הבטחה פון „רכוש גדול״, כאָטש זיי ווילען עס נישט...

(רבי יצחק מאיר גאָסטינינער)

געהייסען האָט מען דאָס די אידען טהון איינפאַך צוליעב דעם, כדי זייענדיג אַזעלכע גרויסע בעלי־חובות, האָבענדיג אָנגעבאָרגט ביי זייערע קרעדיטאָרען אַזאַ הון־רב, זאָלען זיי מורא האָבען צוריקצוגעהן קיין מצרים...

(רבי משה לעלעווער)

פאַרוואָס עפּיס נור צוליעב „שלא יאמר אותו צדיק״?

דען עס ווערט גע׳פּסקנ׳ט, אַז „אין אדם מת ומשלם״: מיטביידע זאַכען, הייסט עס, אי מיט מיתה, אי מיט ממון, איז מען נישט מעניש. טאָ פאַרוואָס האָט מען די מצרים יאָ מעניש געווען מיט ביידע זאַכען? נאָר דער דין איז, אַז אויב „חייב מיתה לזה ותשלומין לאחר״, דאַן איז יאָ מת ומשלם, וממילא האָט מען שוין געקענט אָנווענדען אויף די מצרים ביידע עונשין, דען מיתה זענען זיי מחויב געווען צוליעב׳ן פּייניגען די אידען, און תשלומין — צוליעב אַברהם׳ן, „כדי שלא יאמר אותו צדיק וכו׳״...

(רבי נפתלי הורוויץ)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט אַמאָל געהערט, ווי אַ פשוט׳ער איד טענה׳ט זיך אויס מיט אַ מתנגד׳ישען מגיד און ער קלאָגט זיך פאַר איהם אויף זיין ביטערע לאַגע, באשר עס איז איהם נעביך זעהר און זעהר שלעכט, ער איז אַרומגערינגעלט ל״ע מיט אָהן אַ שיעור צרות, אין דער צייט, וואָס ער בעמיהט זיך מיט אַלע כחות צו זיין גוט און פרום און ער האָט נאָך קיינעם חלילה קיין שלעכטס נישט געטהון און ער פערשטעהט נישט, פאַרוואָס עס קומט איהם אַזוי צו ליידען, היתכן — זיפצט דער איד — זו תורה וזו שכרה? צי דאַרף מען שוין אויף דער וועלט גאָר קיין שום מינדעסטען שכר נישט בעקומען, אַפילו קיין שטיקעל ברויט צו דער זעט? — דערויף טרייסט איהם דער מגיד און גיט איהם צו פערשטעהן, אַז אַ טייל שכר פאַר די גוטע מעשים בעקומט מען אויך אויף דער וועלט, אָבער דער דאָזיגער שכר בעשטעהט נישט פון פשוט׳ע גראָבע גשמיות, נאָר פון רוחניות און פון תענוגים רוחניים...

— גלויבט איהם נישט, ר׳ איד — רופט זיך אָן רבי לוי יצחק — ס׳איז נישט אמת!... אויך די צרות, וואָס דער רבש״ע גיט אייך, זענען נישט קיין רוחניות׳דיגע, נאָר גשמיות׳דיגע, דאַרף ער אייך דעריבער אויך דעם שכר געבען אַ גשמיות׳דיגען... איהר זענט מיט אייערע תביעות, ליעבער איד, פאָלקאָם גערעכט!

און צום מגיד ווענדעט ער זיך און זאָגט:

— אָט דאָס איז דער פשט: „שלא יאמר אותו צדיק אברהם״... לעולם האָט דער רבונו של עולם מיט זיין הבטחה „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול״ געמיינט אפשר גאָר אַ רוחניות׳דיגען רכוש — די תורה, וואָס ער וועט געבען די אידען נאָכ׳ן אַרויסגעהן פון מצרים, דאָס איז אַן׳אונגעוועהנליך רכוש, אַן׳אונשעצבאַר פאַרמעגען, „יקרה היא מפנינים״ און „טוב לי תורת פיך מאַלפי זהב וכסף״ און ער וואָלט זיכער געקענט יוצא זיין דערמיט זיין געגעבענע הבטחה... און דאָך האָט ער זיי געגעבען פשוט׳ע כלי כסף וכלי זהב, „כדי שלא יאמר אותו צדיק אברהם״, כדי אברהם זאָל נישט קומען מיט אַ טענה, אַז „ועבדום וענו אותם קיים בהם״, האָט ער מקיים געווען „בהם״, אין זיי אַליין, אין זייערע קערפּער, אויפ׳ן פשוט׳ן גשמיות׳דיגען אופן, דאַגעגען „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם״, האָט ער נישט מקיים געווען „בהם״, אין זייערע גופים, נאָר אין זייערע נשמות, אַבצאָהלענדיג זיי מיט רוחניות...

צוועלף חדשים זענען די געבאָרגטע חפצים געלעגען בעהאַלטען ביי אידען, ביז זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און דאָך האָט די גאַנצע צייט, די גאַנצע צוועלף חדשים, קיין איין איד נישט גע׳מסר׳ט דעם צווייטען. דאָס האָט בעוויזען, אַז זיי האָבען שוין אויסגעוואָרצעלט פון זיך די העסליכע מדה פון מלשינות און זיי זענען שוין דעריבער ראוי צו ווערען אויסגעליזט פון גלות...

(ילקוט שמעוני, רמז קע״ב)

„וישאלו איש מאת רעהו״... „איש מאת רעהו״ מיינט מען — איין איד ביים צווייטען. דאָס איז אַן׳אָנזאָג אויף שפּעטער, לדורות: שטענדיג, ווען און וואו אידען זאָלען זיך נישט געפינען, זאָלן זיי זיך געגענזייטיג שטיצען און עוסק זיין אין גמילות־חסדים...

(רבי יוסף קאַרלינער)

דאָס וואָרט „וישאלו״ איז דאָ נישט טייטש באָרגען, נאָר בעטען, „חיים שאל ממך״ „אחת שאלתי מאת ד׳״, „שאל ממני ואתנה גוים נחלתך״ א. אַ. די אידען

האָבען די כלי־כסף וכלי־זהב ביי די מצרים נישט געבאָרגט, נאָר געבעטען אַלס מתנה — וממילא איז עס שוין נישט געווען קיין רמאות און גזל...

(רשב״ם)

איינער פון די אַנטיסעמיטישע אָנפיהרער אין וויען איז געהאַט געווען, מיט יאָהרען צוריק, אַ געוויסער גלח קלינקשטראָם, אַ מורא׳דיגער שונא־ישראל, וועלכער פלעגט אָפט האַלטען עפענטליכע אַנטיסעמיטישע רעפעראַטען.

צו איינעם אַזאַ רעפעראַט איז אַמאָל געקומען ד״ר אהרן יעלינעק. דער רעפערענט האָט געגאָסען פעך און שוועבעל אויף אידען: די אידישע מאָראַל איז אַ פערדאָרבענע, אַ באַרבאַרישע און אַן׳ענג שאָוויניסטישע. אַלע אַנדערע מענשען, וועלכע געהערען נישט צום אידישען דת, ווערען לויט דער אידישער תורה געשטעלט אויסער׳ן געזעץ, און עס איז ערלויבט זיי צו בעשווינדלען און צו בע׳גנב׳ענען. אַרויסגעהענדיג פון מצרים האָבען די אידען בע׳גנב׳עט זייערע שכנים, ביי וועלכע זיי האָבען אויף אַ שווינדלערישען אופן אויסגענאַרט דאָס גאַנצע פערמעגען, די כלי כסף וכלי זהב. אַפילו דער געבאָט פון „ואהבת לרעך כמוך״, מיט וועלכען די אידען שטאָלצירען אַזוי, איז אין דער ווירקליכקייט אַ ריין עגאָאיסטישער, דען דאָס וואָרט „רעהו״, בעציהט זיך נור אויף אַ חבר, אַ איד, אין געגענזאַץ צו דער קריסטליכער לעהרע, וועלכע בעפעהלט ליעב צו האָבען אַלע מענשען אָהן אויסנאַהם...

נאָכדעם, ווי דער גלח האָט געענדיגט, האָט ד״ר יעלינעק געבעטען אַ וואָרט. ער האָט קודם־כל ערקלערט פאַר די צוהערער, אַז דאָס ביסעל כלי כסף וכלי זהב, וואָס די אידען האָבען מוציא געווען ביי די מצרים, האָבען זיי זיך כשר פערדיענט, נאָכדעם, ווי זיי האָבען אָבגעאַרבעט ביי זיי פיער הונדערט יאָהר בחומר ובלבנים. צווייטענס, איז פון דער דאָזיגער שטעלע גופא אין דער תורה, וואו עס רעדט זיך וועגען די כלי כסף וכלי זהב, אַ בפירוש׳ע ראיה, אַז די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך״ בעציהט זיך אויף אַלע מענטשען אָהן אויסנאַהם, דען עס שטעהט דאָרט: „וישאלו איש מאת רעהו״, זעהט מען דאָך, אַז מיט׳ן וואָרט „רעהו״ מיינט מען נישט דוקא דעם איד, אַז זאָגאַר דער שונא, דער מצרי, ווערט אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „רעהו״... די קריסטליכע לעהרע האָט, אַלזאָ, גאָרנישט מוסיף געווען צום דאָזיגען אַלטען אידישען געבאָט, מיט׳ן אונטערשיעד בלויז, וואָס ביי איהר איז די מצוה געבליבען אין עוואַנגעליום און ביי אונז גילט זי — אין לעבען...

דעריבער האָט מען געזאָגט די אידען, אַז זיי בעקומען דאָס אַלץ נאָר בדרך השאלה, בתור הלואה, ווייל ווען מען וואָלט די אידישע פרויען אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס כסף וזהב בלייבט אויף אַן׳אמת זייערס, וואָלטען זיי עס זעהר שנעל פערתכליוועט, זיי וואָלטען צעטרענצעלט דאָס ביסעל געלד אויף פערשיעדענע לוקסוס־זאַכען און טואַלעט־קליידער, אַזוי, אַז דער גאַנצער „רכוש״ וואָלט ווידער אַמאָל געבליבען אין מצרים, ביי די מצרי׳שע קרעמער און מצרי׳שע שניידערינס...

(לחמי תודה, בדרך צחות)

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ בונם, פונוואַנען עס איז די ראיה, אַז דער מנהג צו טראָגען לאַנגע מלבושים עקזיסטירט ביי אידען מדורי־דורות און אַז אויך אונזערע עלטערען האָבען אַזעלכע מלבושים געטראָגען?

האָט ער דערויף געענטפערט בדרך הלצה, אַז עס איז אָנגעוויזען אין דער תורה.

עס שטעהט: „ושאלה אשה משכנתה וכו׳ כלי כסף וכלי זהב ושמלות ושמתם על בניכם ועל בנותיכם״ (שמות ג. כב.). פאַרוואָס שטעהט נישט: „ושמתם עליכם״? איז דערפון אַ ראיה, אַז די אידען האָבען שוין דאַמאָלס געטראָגען לאַנגע מלבושים און די געבאָרגטע מצרי׳שע מלבושים האָבען נישט געטויגט פאַר זיי, נאָר פאַר די קינדער...

רבי יצחק מאיר זינקאָווער׳ס טאָכטער, רחל, רבי אהרן קאַרלינער׳ס ווייב, האָט אַמאָל געמוסר׳ט אַ חסיד, הלמאי ער האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך די אידישע הלבשה און זיך גענומען קליידען אין אייראָפּעאישע מלבושים, מעשה גוי.

האָט איהר דער חסיד דערויף געענטפערט: הלמאי איהר, רביצין, טראָגט נישט קיין ספּעציעלע אידישע הלבשה און איהר געהט געקליידעט פּונקט אַזוי, ווי די נישט-אידישע פרויען?

ענטפערט איהם די קאַרלינער רביצין: אין פרשת שמות ווערט געזאָגט: „ושאלה אשה משכנתה וכו׳ כלי כסף וכלי זהב ושמלות״, דאַגעגען אין פרשת בא שטעהט: „וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב״. פאַרוואָס ווערט דאָ אויך נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „ושמלות״?

נאָר דאָרט, אין פ׳ שמות, ווערען קיין מענער אינגאַנצען נישט דערמאָהנט און עס רעדט זיך בלויז וועגען פרויען: „ושאלה אשה משכנתה״, ווערט דעריבער געזאָגט, אַז אַ חוץ כסף וזהב זאָלען זיי אויך באָרגען שמלות, קליידער, ווייל אידישע פרויען, איז פונדאַנען אַ בעוויז, דאַרפען זיך נישט אויסצייכענען מיט קיין בעזונדערע אידישע הלבשה און זיי מעגען טראָגען די קליידער פון די מצריות... דאָ אָבער, אין פ׳ בא, רעדט זיך אויך וועגען מענער: „וישאלו איש מאת רעהו״, און דעריבער ווערט נישט דערמאָהנט קיין שמלות, דען מענער טאָרען נישט טראָגען קיין גוי׳אישע מלבושים...

גם האיש משה גדול מאד... (יא. ג.)

פאַרהאַן אַזעלכע פּערזענליכקייטען, וואָס בלויז יחידי-סגולה, די בעסערע מענשען, ווייסען אָבצושאַצען זייער גרויסקייט, דאַגעגען ביים פּראָסטען עולם, ביים המון-עם זענען זיי נישט איבעריג פּאָפּולער, מחמת זיי זענען אויף זיי קיין מבינים נישט. פאַרהאַן ווידער אַזעלכע, וועלכע זענען מסוגל אויסצונעהמען דוקא ביי די פשוט׳ע פאָלקס-מאַסען, דאַגעגען די העכערע לייט, די גדולים, בעציהען זיך צו זיי מיט ביטול.

וועגען משה רבינו דערצעהלט אונז דער פסוק, אַז ער איז ביי אַלעמען געווען געאַכטעט און האָט ביי אַלעמען אויסגענומען. „גם האיש משה גדול מאד בארץ מצרים בעיני פרעה ובעיני העם״, סיי ביי די הויכע מלוכה-לייט, ביי די שרים וחרטומים, סיי ביים פשוט׳ן פאָלק...

(הרב ברוך עפשטיין)

ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו... (יא. ז.)

צוליעב וואָס איז אַזש נויטיג געווען אַ בעזונדערע הבטחה, אַז די הינט וועלען נישט בילען, פאַרוואָס עפּעס איז געווען אַ הוה-אמינא, אַז זיי וועלען יאָ בילען?

דען די גמרא זאָגט: „שלש משמרות הוי הלילה וכו׳ שניה כלבים צועקים״ (ברכות ג׳), און היות ווי מכת בכורות איז פאַרגעקומען בחצות הלילה, אין דער צווייטער

משמורה, אינ׳ם זמן ווען עס איז „כלבים צועקים״, איז דעריבער געקומען די הבטחה, אַז — „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו״...

(קטורת סמים)

אַזאַ בשורה טובה איז עס, אַז אין מאָמענט פון אַזעלכע גרויסע געשעהענישען וועלען די הינט אויף זיי נישט בילען?

נאָר, כידוע, איז דער הונט דאָס געטריישטע בעשעפעניש פון צווישען אַלע שטוב־חיות און איז אויך אַממעהרסטען עמפינדליך אויף אַלע געשעהענישען. בשעת עס פּאַסירט אין הויז אַ טויט־פאַל, אָדער אַן־אַנדער אומגליק, צעיאָמערט זיך דער הונט אויף אַ מורא׳דיגען אופן, אויסדריקענדיג אַזוי אַרום זיין טיפען צער און מיט־געפיהל.

פריהער ווערט אין פסוק געשילדערט וואָס פאַר אַ שרעקליכע מהומה עס וועט ענטשטעהן אין מצרים בשעת דער מגפה פון די בכורים: „והיתה צעקה גדולה בכל ארץ מצרים אשר כמוהו לא נהיתה וכמוהו לא תוסיף״, דאַגעגען אין די אידישע קוואַרטאַלען — קומט דערויף דער אויספיהר — „לא יחרץ כלב לשונו״, וועט זיין שטיל און רוהיג און עס וועט נישט פּאַסירען קיין שום סיבה און קיין שום אומגליק, צוליעב וועלכען די הינט זאָלען זיך דאַרפען בעאונרוהיגען...

(ישעיהו הורוויץ, וויען)

בשעת אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע, אָדער עפּידעמיע, זענען די בעלי־חיים און בע־זונדערס די הינט די ערשטע, וועלכע דערפיהלען די דערנעהנטערונג פונ׳ם אומגליק און זיי הויבען דאַן אָן מורא׳דיג צו בילען; און דעריבער איז ביי דער געפעהרליכסטער פון אַלע מכות, ביי דער מכת־בכורות, געווען „לא יחרץ כלב לשונו״, כדי מען זאָל נישט זאָגען, אַז עס איז געווען אַ נאַטירליכער עפּידעמיע־אויסברוך, והראיה: די הינט האָבען עס דערשפּירט און בעצייטענס גענומען בילען...

(קול אומר קרא)

„לפיכך אמרה תורה בטריפה לכלב תשליכון אותו, ללמדך שאין הקב״ה מקפח שכר כל בריה״ (מכילתא פ׳ משפטים)

אין מורה נבוכים חלק ג׳ פ׳ י״ז געפינען מיר פאָלגענדע שטעלע: „אמנם ענין זה הגמול לבעל־חיים שאינו מדבר לא נשמע כלל באמונתנו לפנים, וגם חכמי התלמוד לא זכרוהו כלל.״

ווי־זשע איז עס מעגליך, אַז דער רמב״ם, אויסדריקענדיג זיך, „וגם חכמי התלמוד לא זכרוהו כלל״, זאָל האָבען פערזעהען דעם דערמאָהנטען מאַמר חז״ל, אין וועלכען עס ווערט דאָך דייטליך געזאָגט פערקעהרט?!... סיידען מען זאָל אפשר אָננעהמען, אַז מיט דעם וואָרט „הגמול״ מיינט דער רמב״ם „גמול נצחי״, עולם־הבא?...

(תורה תמימה)

צו אַ געוויסען רב — דערצעהלט מען — זענען אַמאָל געקומען צוויי בעלי־דינים אויף אַ דין־תורה. איינער פון די בעלי־דינים, וועלכער האָט געוואוסט, אַז דער רב איז אַן׳אוהב בצע, האָט איהם איינגערוימט אויפ׳ן אויער, אַז ער איז איהם גרייט צו געבען אַ געוויסע בעלוינונג בתנאי, ער זאָל זיך שטעלען אויף זיין זייט און ער זאָל די דין־תורה אָבלעגען אויף אַ געוויסע צייט, און דער רב איז דערויף איינגעגאַנגען. דער צווייטער בעל־דין האָט זיך ביני־לביני דערוואוסט דערפון און ער איז אַוועק צום רב און

איהם מכלומר׳שט פאַרגעלעגט אַ גרעסערע סומע. אַז עס איז געקומען דער בעשטימטער טאָג און די דין־תורה האָט זיך אָנגעהויבען, האָט דער רב, זייענדיג משוחד פוןביידע זייטען, נישט געקענט זיך קיין עצה געבען און ער האָט כסדר געשוויגען.

צושמייכעלט זיך דער צווייטער בעל־דין און ער ווענדעט זיך צום רב און זאָגט:

— כל־ימי, רבי, איז מיר שווער געווען דער פסוק „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו", פאַרוואָס האָבען עפּיס די הינט נישט געבילט, וואָס איז דער טעם דערפון? נאָר די מעשה דערפון איז אַזוי: די חז"ל זאָגען, אַז „מלאך המות בא לעיר כלבים בוכים", דאַגעגען „אליהו בא לעיר כלבים שוחקים"; דאָס מאָל האָבען זיך גראָד צונויפ־געטראָפען ביידע זאַכען צוזאַמען: פון איין זייט איז געווען אַ מגפה אויף די מצרים — „מלאך המות בא לעיר", און פון דער צווייטער זייט אַ גאולה אויף די אידען, און דאַן איז דאָך — „אליהו בא לעיר". די הינט זענען, אַלזאָ, געבליבען אין אַ פערלעגענהייט, נישט וויסענדיג ווי אַזוי צו בילען: זאָלען זיי בילען טרויעריג, קענען זיי נישט צוליעב׳ן מלאך־המות, זאָלען זיי בילען פרעהליך — קענען זיי ווידער נישט צוליעב אליהו׳ן. און נישט קענענדיג זיך קיין עצה געבען האָבען די הינט זיך מיישב געווען און — „לא יחרץ כלב לשונו", זיי האָבען לגמרי פערמאַכט די מיילער און געשטימט... אויך איהר, רבי, ווי איך זעה — פיהרט אויס דער בעל־דין — געפינט זיך, נעביך, אין דער זעלבער לאַגע.

אין בריסק איז אַמאָל אויסגעבראָכען אַ געוויסע שטאָטישע מחלוקת, ביי וועלכער עס האָבען זיך, ווי דער שטייגער איז, געבילדעט צוויי צדדים. האָט דער דעמאָלסדיגער בריסקער רב, רבי יאָשע בער, זיך געווענדעט צו אייניגע בעלי־בתים, וועלכע האָבען געהאָט אַ שטאַרקע השפעה אויפ׳ן עולם, זיי זאָלען זעהן צו ווירקען אויף די קעמפּפענדע צדדים און אַ סוף מאַכען צו דער מחלוקת, אָבער די בעלי־בתים האָבען ערקלערט, אַז זיי ווילען זיך נישט מישען, זיי ווילען בלייבען נייטראַל.

— אינ׳ם דאָזיגען „נייטראַלען" דרך — האָט זיי רבי יאָשע בער אָבגעענטפערט מיט הקפדה — האָבען זיך אַמאָל געהאַלטען די כלבים פון מצרים, דען די חז"ל זאָגען (בבא קמא ס׳): „כלבים בוכים — מלאך המות בא לעיר, כלבים משחקים — אליהו הנביא בא לעיר", און היות ווי אין מצרים האָט זיך דאַמאָלס געפינען סיי דער מלאך־המות, וועלכער איז געקומען שלאָגען די בכורים, סיי אליהו הנביא, דער גואל, האָבען זיי, אַלזאָ, נישט געוואוסט, וואָס זיי האָבען צו טהון, און דעריבער — „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו", האָבען די כלבים בעשלאָסען צו בלייבען „נייטראַל" און אינגאַנצען דאָס מויל נישט צו עפענען...

לא ישמע אליכם פרעה למען רבות מופתי... (יא. ט.)

דערפאַר וועט אייך פרעה נישט הערען — „למען רבות מופתי", ווייל ער האָט שוין אַזוי פיעל מופתים בייגעוואוינט, וממילא איז ער שוין געוואָרען צוגעוואוינט צו זיי און זיי מאַכען אויף איהם מעהר קיין איינדרוק נישט...

ויאמר ד׳ אל משה לא ישמע אליכם פרעה וכו׳ ומשה ואהרן עשו את כל המופתים האלה... (יא. ט. י.)

הגם השי"ת האָט זיי בפירוש געזאָגט, אַז זייער איצטיגע אַרבייט איז אומזיסט, אַז

„לא ישמע אליכם פרעה", דאַך „ומשה ואהרן עשו את כל המופתים האלה", האָבן זיי געטהון דאָס זייעריגע... ביים ערפילען דאָס דאָזיגע שליחות דאַרף מען זיך נישט אָבשרעקן און זיך נישט מתיאש זיין צוליעב דעם, וואָס מען זעהט נישט קיין מאָמענטאַלע פעולה אין דער אַרבייט, דען — אַזוי איז דער דרך־הגאולה...

(רבי אלי' גריידיצער)

ויאמר ד' אל משה ואל אהרן... (יב. א.)

דאָס רוב דברות זענען געזאָגט געוואָרען נאָר צו משה'ן, אַ טייל צו משה ואהרן, „חוץ משלשה מקומות" — ווערט דערויף געזאָגט אין דער מכילתא — וואו דער דבור איז געווענדעט געווען בלויז צו אהרנ'ען — „מפני שאי אפשר", ווייל אַנדערש, הייסט עס, האָט נישט געקענט זיין.

אין וועלכע שלשה מקומות? און וואָס איז דער פשט „מפני שאי אפשר"?

דער מגן אברהם אין ספר „זית רענן" ווייזט־אָן, אַז די שלשה מקומות זענען: „וידבר ד' אל אהרן לאמר יין ושכר אל תשת" (ויקרא י. ה.), „ויאמר ד' אל אהרן אתה ובניך וכו' תשאו את עון המקדש" (במדבר יח. א.) און „ויאמר ד' אל אהרן בארצם לא תנחל" (במדבר יח. כ.), און דאָס איז דער פשט: „מפני שאי אפשר", אין די דריי פאַלען האָט מען נישט געקענט ריידען מיט משה'ן, נאָר מיט אהרן, ווייל די אַלע זאַכען זענען דאָך נאָר איהם, אהרנ'ען, נוגע געווען.

החדש הזה לכם ראש חדשים... (יב. ב.)

ביז היינט, זייענדיג אונטערטעניג און פערשקלאַפט צו די מצרים, זענען די חדשים נישט געווען אייערע. פרעמדע האָבן געהערשט איבער אייער צייט און איהר זענט געצוואונגען געווען צוצופאַסען אייערע אַרבייטס־טעג און רוה־טעג צו זייערע געזעצען, לויט זייער ווילען און בעפעהל... ערשט איצט — „החודש הזה לכם", פון היינטיגען חודש אָן וועלען די חדשים אָנהויבען געהערען צו אייך, און איהר וועט קענען דיספּאָנירען מיט דער צייט לויט אייער אייגענעם ווילען און איינזעהן...

(ספורנו)

פאַרוואָס איז דאָס גראַד געווען די ערשטע מצוה, וועלכע איז געגעבען געוואָרען די אידען בשעת זייער אַרויסגעהן פון מצרים?

ווייל, ווי בעקאַנט, זענען די עגיפּטער געווען די ערפינדער פון לוח, זיי האָבן די ערשטע איינגעפיהרט די צעהלונג פון זון־יאָהר, נישט פון לבנה־חודש, ווי עס איז געווען אָנגענומען ביי אַנדערע פעלקער, און דאָס איז דערפאַר, ווייל עס איז פאַר זיי נויטיג געווען צו צעהלען די טעג פון יאָהר, בכדי אויסצורעכענען ווען דער נילוס דאַרף זיך אויסגיסען און ניי־יאָהר איז טאַקי ביי זיי אויסגעפאַלען אינ'ם טאָג פון נילוס־אויסגוס.

און דעריבער, ווייל די ערפינדונג פון לוח האָט זיך דאַן גערעכענט אַלס איינע פון די וויכטיגסטע דערגרייכונגען אין דער עגיפּטישער קולטור, איז דעריבער אַלס מצוה ראשונה אָנגעזאָגט געוואָרען: „החודש הזה לכם ראש חדשים!" אַלס זעלבסשטענדיג, אונאָבהענגיג פאָלק, זאָלט איהר קודם־כל נישט פייערען דאָס מצרי'שע ניי־יאָהר און איינפיהרען ביי זיך אייגענע, אידישע חדשים...

(הרב זאב יעבץ)

דער ערשטער חודש פון יאָהר איז פאַקטיש דער חודש תשרי, דער חודש פון בריאת־העולם, דען עס ווערט דייטליך געזאָגט: „וחג האסיף בצאת השנה" (שמות כג. טז.) און „וחג האסיף תקופת השנה" (שמות לד. כב.). דער פסוק דאָ איז, אַלזאָ, מדייק און בעטאָנט: „החדש הזה לכם ראש חדשים", בלויז „לכם", אַלס זכר פון אייער גאולה, וועט זיך דער חודש ניסן רעכענען אַלס ראש־חדשים, אָבער נישט אַלס פאַקטישער אָנ־הויב און ערשטער חודש פון יאָהר...

(רמב"ן)

אין שבת מברכים, ביים בענשען ראש־חודש, איידער מען רופט־אויס דעם טאָג פון גייעם חודש, זענען מיר מתפלל: „מי שעשה נסים לאבותינו וגאל אותם מעבדות לחירות הוא יגאל אותנו בקרוב" וכו'. וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס דאָ צו דערמאָנען, ביים בענשען ראש־חודש, דעם „מי שעשה נסים לאבותינו" און די תפלה פון „הוא יגאל אותנו בקרוב"?

נאָר, ווי מיר זעהען דאָ אין דער תורה, איז די מצוה פון קדוש החודש געווען די ערשטע מצוה, וועלכע איז געגעבען געוואָרען די אידען בשעת זיי זענען אַרויס מעבדות לחירות; בעטען מיר דעריבער יעדעס מאָל, בעת מיר זענען מקיים די דאָזיגע מצוה, אַז, „מי שעשה נסים לאבותינו וגאל אותם מעבדות לחירות", אַז פונקט ווי אין יענער צייט, בשעת די דאָזיגע מצוה איז געגעבען געוואָרען זענען דאַן געשעהען אונ־זערע עלטערען גרויסע נסים און זיי זענען געוואָרען אויסגעלייזט פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, אַזוי זאָל אויך איצט מיט אונז דאָס זעלבע פאַסירען און — „הוא יגאל אותנו בקרוב ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ".

(תוספת ברכה)

דעריבער זענען מיר זיך נוהג ביי קדוש החודש צו זאָגען: „דוד מלך ישראל חי וקים", כדי מרמז צו זיין דערמיט, אַז מלכות בית דוד איז געגליכען צו דער לבנה, וואָס הגם זי ווערט יעדעס מאָל נעלם אויף אַ געוויסע צייט, איז דאָך פאַר קיינעם דער מינדעסטער ספק נישט פאַרהאַן, און עס איז קלאָר און זיכער, אַז זי וועט זיך צוריק בעוויזען און צוריק בענייט ווערען...

(רמ"א)

צו רבי חיים צאַנזער איז אַמאָל געקומען אַ געוויסער רב, אַ גרויסער למדן, אויף וועלכען מען האָט אין דער שטיל געמורמעלט, אַז ער איז אַ קנאַפּער ירא־שמים, און דער צאַנזער האָט איהם דעריבער נישט איבריג פריינדליך אויפגענומען. גלייכצייטיג מיט איהם איז אויך געקומען צופאָהרען עפּעס איינער אַ רייכער מגושם׳דיגער איד, וועלכער האָט נישט אויסגעזעהען צו זיין פון די שטאַרק אָבגעהיטענע שומרי תורה ומצוות, און דער צאַנזער האָט זיך דערפרעהט מיט איהם און איהם זעהר מקרב געווען.

ביים געזעגענען זיך האָט דער רב אויסגעדריקט זיין תרעומות און געפרעגט: היתכן? מיט וואָס, רבי, איז יענער איד מעהר יחסן פאַר מיר, צי דערפאַר, וואָס ער האָט געלד?

— חס ושלום! — ענטפערט רבי חיים צאַנזער — נישט דערפאַר, נאָר ווייל ביים בענשען ראש־חודש זאָגען מיר: „חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא" און נאָכהער זאָגען מיר נאָכאַמאָל: „חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים". נאָכוואָס בעטען מיר עפּעס צוויי מאָל אויף יראת־שמים? ווייל — ווענדעט ער זיך צום רב מיט אַ שטרענגען בליק — צו אהבת־תורה דאַרף מען האָבען גאָר אַ בעזונדער יראת־שמים!...

פאַרוואָס הייסט דער חודש ניסן „ראש חדשים״? — ווייל דערדאָזיגער חודש מיט זיינע שווערע פּסח־הכנות פערשאַפט אידען זעהר פיעל דאגות און צער, און — „כל המיצר לישראל נעשה ראש״...

(אַ פאָלקס־ווערטעל)

איש לפי אכלו תכוסו על השה... (יב. א.)

„אין הפסח נאכל אלא למנויו״ (זבחים נ״ו)

עס האָבען זיך געפינען ביי יציאת מצרים אויך אַזעלכע אידען, וואָס פריהער האָבען זיי נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז די גאולה וועט טאַקי ווירקליך קומען און זיי האָבען זיך די גאַנצע צייט אויסבעהאַלטען, מורא געהאַט צוזשטעהן עפענטליך צו דער „רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג״ און זיך בעמיהט ביז דער לעצטער מינוט צו גילטען אַלס טרייע, לאָיאַלע בירגער. ערשט ווען מען האָט שוין געהאַלטען ביים סאַמע סוף, ווען מען האָט זיך שוין אָנגעקגעזעצט פּראָווען דעם קרבן־פּסח — האָבען זיי זיך מיטאַמאָל בעוויזען, קומענדיג צום גרייטען, צו דער סעודה... אָבער — האָט מען דאַן די דאָזיגע אידען געענטפערט — „אין הפסח נאכל אלא למנויו״! מחותנים צו דער דאָזיגער סעודה זענען נור די יעניגע אידען, וועלכע האָבען זיך פריהער פערשריבען, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין די הכנות צו דער גאולה, בשעת עס זענען נאָך נויטיג געווען דערצו געוויסע אָנשטרענגונגען, אַ געוויסע מאָס מסירת־נפש, אָבער נישט די דאָזיגע לייט, וועלכע האָבען געוואַרט ביז דער סאַמע לעצטער מינוט!...

(דבר בעתו)

ומצות על מרורים יאכלוהו... (יב. ח.)

עס האָט זיך אַמאָל אַ חסיד בעקלאָגט פאַר׳ן קאָצקער רבי׳ן, אַז עס איז איהם נעביך זעהר ביטער און ער וואָלט שוין וועלען וואָס שנעלער איבערקומען די שלעכטע צייט.

— וואָס איילסטו זיך אַזוי? — האָט איהם דער קאָצקער געענטפערט — דער דין איז: „בלע מרור לא יצא״, מרור איז מען נישט יוצא מיט׳ן בלויז אַראָבשלינגען, מרור מוז מען גוט צוקייען, מרור מוז מען עסען מיט כונה און זיך דערביי טיעף אַריינטראַכטען און פערשטעהען, צוליב וואָס און פאַרוואָס מען האָט איהם מכבד געווען מיט מרור, וואָס מען איז דערמיט אויסען און וואָס מען פערלאַנגט פון איהם...

אל תאכלו ממנו נא ובשל מבושל במים כי אם צלי אש... (יב. ט.)

„אמר רב חסדא, פסח שבשלו בחמי טבריה חייב שעבר משום צלי אש״ (פסחים מ״א)

דערויף ווערט געפרעגט אין „מראה כהן״, אין נאָמען פון אַ חכם ירושלמי: ווי איז דען איבערהויפּט גאָר מעגליך דער פאַל פון „פסח שבשלו בחמי טבריה״, דער דין איז דאָך, אַז „אין הפסח נאכל אלא בירושלים״, און אויב מען האָט עס שפּעטער געבראַכט קיין טבריה, איז עס דאָך שוין ממילא פסול געוואָרען?

באמת אָבער איז עס גאָר קיין קשיא נישט, דען פאַקטיש ווערט נישט געמיינט דער אויסדרוק „בחמי טבריה״ אין בוכשטעבליכען זין, מחמת רש״י פערטייטשט אויפ׳ן אָרט:

„חמי טבריה — מעינות רותחין", איז אין פלוג, וואָס לאָזט אונז דאָ רש"י הערען, ווער ווייסט עס נישט, אַז די חמי טבריה בעשטעהען פון מעינות רותחין, פון הייסע קוואַלען? נאָר מוז זיין, אַז רש"י מיינט דערמיט צו זאָגען, אַז אַלע מעינות רותחין ווערען אָנגעגערופען „חמי טבריה".

אַ ראיה דערצו איז אויך פון דער גמרא (סנהדרין ק"ח): „א"ר יוחנן שלשה נשתיירו ממי המבול ואחד מהם חמי טבריה". איז דאָך אייגענטליך קשה: דער זעלבער רבי יוחנן האַלט דאָך, אַז „לא ירד מבול לארץ־ישראל" (זבחים קי"ג), טאָ ווי געשיקט זיך אויף אַזאַ אופן צו זאָגען, אַז די חמי טבריה זענען איבערגעבליבען פון די מי המבול, וויבאַלד אין גאַנץ ארץ־ישראל איז בכלל גאָר דער מבול נישט געווען? עס איז, אַלזאָ, נישט אַנדערש, נאָר אַז לויט'ן אויסדרוק פון די חז"ל ווערען אַלע מיני הייסע קוואַלען, נישט נור אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין חוץ־לארץ, אָנגערופען מיט'ן נאָמען „חמי טבריה"...

(תורה תמימה)

אל תאכלו ממנו נא...

דערויף זאָגט רש"י: „נא לשון ערבי".

דאַגעגען אין פסחים מ"א ערקלערט רש"י אויפ'ן וואָרט „נא" — „נא לשון קדש"...

והיה הדם לכם לאות... (יב. יג.)

דער זין פון קרבן־פסח איז געווען, צו פערשטאַרקען ביי אידען אין דער העכסטער מאָס דאָס געפיהל פון חירות, צו ווייזען די מצרים, אַז זיי האָבען אַבסאָלוט מעהר פאַר זיי קיין מורא נישט. די אידען זענען דעריבער אויפגעפאָדערט געוואָרען אויסצופיהרען די פאָלגענדע דריי זאַכען: ערשטענס, אָוועקשטעלען זיך בפהרסיא און שעכטען די שאָף, וועלכע זענען ביי די מצרים פערהייליגט און פערגעטערט; צווייטענס, נישט קאָכען דאָס פלייש, נאָר דוקא ב ר אָ ט ע ן, „צלי אש", פון וועלכען דער שאַרפער ריח זאָל זיך פונאַנדערטראָגען און אַריינדרינגען אין אַלע מצרי'שע הייזער; דריטענס, נעהמען דאָס בלוט פון די געשאָכטענע הייליגטימער און דעמאָנסטראַטיוו פונאַנדערשמירען עס איבער אַלע טירען און איינגאַנגען — אָט די אַלע זאַכען, איבערהויפט דאָס לעצטע, וואָס האָט אַממעהרסטען געדאַרפט רייצען די מצרים, האָט געזאָלט דיענען „לאות", אַלס צייכען פון אונגעוועהנליכען מוט און דרייסטקייט, אַלס בעווייז אויף זייער טיעפען גלויבען און אויף זייער גרייטקייט צו מסירת־נפש...

(בינה לעתים)

אין איינער פון זיינע תשובות דערצעהלט דער רשב"א, אַז אַ געוויסער פילאָזאָף האָט איהם אַמאָל געפרעגט: וועגען צווייטען בית־המקדש ווערט געזאָגט אין חגי: „גדול יהיה כבוד הבית האחרון מן הראשון"; אויב־זשע דאָס צווייטע בית־המקדש ווערט אָנגערופען „אַחרון", הייסט דאָך עס, אַז אידען האָבען מעהר נישט צו האָפען אויף אַ דריטער גאולה און מעהר קיין בית־המקדש וועלען זיי נישט האָבען?...

דערויף האָט איהם דער רשב"א געענטפערט, אַז דאָס וואָרט „אַחרון" בעדייט נישט „דאָס לעצטע", נאָר — „דאָס ש פּ ע ט ע ר ע"; אַ ראיה פון פסוק אין שמות: „והיה אם לא יאמינו... לקול האות הראשון והאמינו לקול האות האחרון, והיה אם לא יאמינו

גם וכו׳... ולקחת ממי היאור... והיו לדם״ — זעהט מען דאָך, אַז „אַחרון״ איז נישט טייטש „דער לעצטער״, דען נאָכ׳ן „אַחרון״ קומט ערשט די מכה פון דם...

דערדאָזיגער ענטפער — בעמערקט דערויף דער גאון רבי יהושע הורוויץ — איז טאַקע בפירוש מרומז אין פסוק: „והיה הדם לכם לאות על הבתים״... דער אות פון „דם״, וועלכער שטעהט נאָכ׳ן וואָרט „אַחרון״, איז אַ צייכען „על הבתים״, אויפ׳ן בנין פון דריטען בית־המקדש, אַז פונקט ווי דער „אַחרון״ ביי דער מכה פון דם, אַזוי אויך דער „אַחרון״ אינ׳ם פסוק „גדול יהיה כבוד הבית האחרון״, איז נישט טייטש — דער לעצטער...

אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם... (יב. טו.)

דריי אופנים ווייזען אָן די חז״ל, ווי אַזוי מבער צו זיין דאָס חמץ. ערשטענס: פערברענען, „אין ביעור חמץ אלא שריפה״; צווייטענס: „אף מפזר וזורה לרוח״; דריטענס: „או מטיל לים״ (פסחים כ״א).

דאָס איז דערפאַר — בעמערקט דערויף דער חתם סופר — ווייל אויך די פערניכ־טונג פון די מצרים איז דורכגעפיהרט געוואָרען לויט די זעלבע דריי אופנים: „ויולך ד׳ אלקים ברוח קדים עזה״, דאַן — „וישקף ד׳ אל מחנה מצרים בעמוד אש״ און — „וינער ד׳ את מצרים בתוך הים״...

תאכלו מצות עד יום האחד ועשרים לחודש בערב... (יב. יח.)

דערויף מאַכט דער תרגום־יונתן: „עד יומא דעשרין וחד לירחא, ברמשא דעשרין ותרין תיכלון חמיע״.

צי די לעצטע ווערטער פון תרגום־יונתן זענען בלויז אַנ׳אייגענע בעמערקונג, אָדער זיי זענען גענומען פון ערגיץ אַ מדרש — איז שווער פעסטצושטעלען; יעדענ־פאַלס, ווי עס ווייזט אויס, איז פון דאַנען נעהמט זיך דער מנהג טועם צו זיין חמץ אין דער נאַכט פון מוצאי־פסח, און אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען דער ווילנער גאון, וועלכער פלעגט יעדען מוצאי־פסח מאַכען הבדלה איבער ביער.

(תורה תמימה)

ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגוף... (יב. כג.)

אין פלוג איז עס דאָך אַ סתירה צו די ווערטער פונ׳ם בעל־הגדה און בעלי־המדרש, וועלכע זאָגען: „אני ולא מלאך, אני ולא שליח״?... נאָר דער פשט איז, אַז כדי די מצרים זאָלען נישט זאָגען, אַז אויך די אידען שטאַרבען פון דער מגפה, ווערט אין דערדאָזיגער נאַכט אַפילו דער געוועהנליכער, נאַטירליכער „משחית״, דער טאָג־טעגליכער מלאך־המות, אויף די אידען קיין שליטה נישט האָבען...

(ווילנער גאון)

והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם... (יב. כו.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מכילתא: „בשורה טובה נתבשרו ישראל באותה שעה, שעתידים לראות בנים ובני בנים להם״.

פרעגט מען: אין דער פרשה ווערט דאָך בלויז דערמאָהנט בנים, טאָ פונוואַנען דרינגט מען עס, אַז דאָס בעציהט זיך אויך אויף בני בנים?

ווייל אויף בנים וואָלט נישט נויטיג געווען דער „והיה כי יאמרו אליכם בניכם" און „והיה כי ישאלך בנך", דען לויט'ן דין איז דאָך „חייב אדם ללמד את בנו תורה", ביי אייגענע קינדער דאַרף מען גאָרנישט וואַרטען, ביז זיי וועלען פרעגען, און דעריבער דרינגען דערפון די חז"ל, אַז דאָ רעדט זיך נישט בלויז וועגען בנים, נאָר אויך וועגען בני בנים...

(זית רענן פון מגן אברהם)

לויט'ן דרש, איז דאָס די שאלה פון רשע. פרעגט זיך: פאַרוואָס ביי די איבעריגע בנים שטעהט „כי־ישאלך", און ביים רשע — „כי־יאמרו"? ווייל אַזוי איז שוין דער שטייגער פונ'ם רשע: נישטאָ ביי איהם קיין שאלות און קיין ספקות; ער פרעגט נישט, נאָר ער זאָגט, מיט אַ טאָן פון זיכערקייט, פון אַ מורה־דרך, וואָס לערענט און דיקטירט...

ביי דער שאלה פון חכם ווערט געזאָגט בלשון יחיד: „כי ישאלך בנך מחר לאמר מה העדות וכו'". דאָס זעלבע אויך ביי דער שאלה פון תם: „והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת". בלויז דאָ ביי דער שאלה, וועלכע בעציהט זיך, לויט די חז"ל, אויפ'ן רשע, ווערט געזאָגט: „והי' כי יאמרו אליכם בניכם", אַ לשון רבים.

דען, ליידער, איז דער דאָזיגער טיפ קינדער ביי אונז דער רבים, די מערהייט...

(הרב מ. א. עמיאל)

מה העבודה הזאת לכם...

„לכם — ולא לו", צו איהם געהער נישט דאָס אידישקייט, ער האָט זיך שוין דערפון לאַנג בעפרייט, און דאָך רופט ער עס אָן „עבודה", דאָך איז עס איהם נאָך אַלץ לעול ולמשא...

(ברכת השיר)

דער זשיטאָמירער רב, רבי צבי הירש סעגאַל, דער „בעל עטרת צבי", האָט געהאַט אַ זוהן, וועלכער איז אַוועק אויף גאָר אַנדערע וועגען, האָט געוואוינט אין פעטערבורג און זיך גערופען דר. גריגאָרי פעטראָוויטש. איינמאָל איז ער געקומען צום טאַטען צו־גאַסט און פערבראַכט ביי איהם שבת. אין שוהל אַריין איז ער נישט געגאַנגען, דאַווענען האָט ער נישט געוואָלט, דערפאַר אָבער די שבת'דיגע סעודה האָט ער געפראַוועט כהלכתה, געסמאַקעוועט פון די פיש, געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט דעם קוגעל, שטאַרק הנאָה געהאַט פונ'ם שבת'דיגען צימעס. נאָכ'ן עסען איז ער אַריין אין אַ חדר־מיוחד און אויסגערויכערט אַ ציגאַר און נאָכהער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און פערפיהרט מיט'ן טאַטען אַ שמועס וועגען דער נויטיגקייט צו רעפאָרמירען דאָס אידישקייט.

— אַ מאָדנע זאַך — מאַכט צו איהם דער פאָטער — מיר איז דאָס אידישקייט לגמרי נישט שווער, און דוקא דו, וואָס קיין שום עול פון תורה ומצוות טראָגסט דו נישט אויף זיך, דאַווענען דאַווענסטו נישט, רופען רופסטו זיך גריגאָרי פעטראָוויטש, רויכערסט אום שבת סיגאַרעטען, און דערביי געניסטו סיי פון די גוי'אישע, סיי פון די אידישע בעקוועמליכקייטען, עסענדיג אי חזיר, אי שבת'דיגען קוגעל — דוקא אַזעלכע ווי דו איז דאָס אידישקייט אַזוי שווער און רק זיי פערלאַנגען רעפאָרמען...

ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר... (יב. כב.)

דאָס וואָס השי״ת האָט בעפויהלען: „ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו״, אַז די בני ישראל זאָלען נישט אַרויסגעהן פון זייערע הייזער אין דער נאַכט פון מכת־בכורות, איז געווען צוליעב דעם איינפאַכען טעם, כדי זיי זאָלען נישט צוזעהען מיט די אויגען די מפלה פון זייערע שונאים, ווי אַזוי זיי שטאַרבען־אויס מאַסענווייז און זיי זאָלען נישט דורכגעדרינגען ווערען מיט׳ן מיאוס׳ן געפיהל פון נקמה...

(מוסר היהדות)

ואמרתם זבח פסח הוא... (יב. כז.)

דאָ, ביי דער תשובה, וועלכע ווערט געגעבען אויף דער שאלה פון רשע, שטעהט נישט, ווי ביי די תשובות פון די אַנדערע דריי בנים, „ואמרת אליו״, נאָר סתם: „ואמרתם״. צו איהם, דעם רשע, זאָלט איהר נישט רעדען, מיט איהם זאָלט איהר זיך אין קיין געשפּרעכען נישט אַריינלאָזען, נאָר — „ואמרתם״, ענטפערען זאָלט איהר די אַרומיגע, וועלכע זענען געשטאַנען דערביי און געהערט דעם רשע׳ס שאלה...

(„חסד לאברהם״ פאַר׳ן ווילנער גאון)

ויקוד העם וישתחוו... (יב. כז.)

„על בשורת הבנים שיהי׳ להם״ (רש״י)

ווי קומט דאָ אַהער „בשורת הבנים״, און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס? — נאָר די בעלי־המדרש האָבען זיך געשטעלט אויפ׳ן פריהערדיגען פסוק: „והיה כי יאמרו אליכם בניכם״, וועלכער בעציהט זיך אויף דער שאלה פון רשע. איז דאָך אַ קשיא: „והיה״ — האָבען מיר דאָך אומעטום אַ כלל — איז אַ לשון־של־שמחה, טאָ וואָס איז עס פאַר אַ שמחה מיט׳ן רשע?... דערויף קומט דער ענטפער: „על בשורת הבנים״ — מען האָט זיי ערקלערט, אַז אַפילו פון אַ רשע דאַרף מען זיך אויך נישט מייאש זיין, דען הגם ער אַליין איז שלעכט, קאָן ער אָבער האָבען גוטע קינדער, גוטע אייניקלעך... און דעריבער — „ויקוד העם וישתחוו״...

(חתם־סופר)

ויעשו בני ישראל כאשר צוה ד׳ את משה ואהרן כן עשו... (יב. כח.)

„ומהו כן עשו — אף משה ואהרן כן עשו״ (רש״י)

וואָס איז די רבותא? צי וואָלט דען געקענט גאָר זיין אַ הוה־אמינא צו מיינען, אַז אַלע אידען האָבען מקיים געווען די מצוה פון קרבן־פסח, נאָר משה ואהרן נישט?

נאָר די כוונה איז — האָט געזאָגט דערויף רבי מענדעלי וואורקער — אַז די אידען האָבען דאַמאָלס אַזוי גוט און פּינקטליך מקיים געווען די דאָזיגע מצוה מיט אַלע פּרטים און דקדוקים, אַז — „אף משה ואהרן כן עשו״, בעסער האָבען עס שוין אַפילו משה ואהרן נישט געקאָנט מאַכען...

(גדולת הצדיקים)

ויהי בחצי הלילה... (יב. כט.)

„מלמד שזרחה השמש כצהרים" (מדרש)

פונוואַנען דרינגט עס דער מדרש? וואו איז עס דען מרומז אין פסוק?

נאָר אין בראשית, אויפ'ן פסוק „ויקרא אלקים לאור יום ולחשך קרא לילה", ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „ולחשך קרא אלקים לילה אין כתיב כאן, אלא ולחשך קרא לילה", ווייל „אין הקב"ה מייחד שמו על הרעה אלא על הטובה", איז דאָך אַלזאָ קשה: פאַרוואָס ווערט דאָ יאָ דערמאָהנט דעם אויבערשטענס נאָמען, „ויהי בחצי הלילה וד' הכה כל בכור"? און דערפון דרינגט דער מדרש, אַז נישט אַנדערש, נאָר „מלמד שזרחה השמש כצהרים".

(רבי ר' העשיל)

וד' הכה כל בכור בארץ מצרים... (יב. כט.)

ביי די אַלטע פעלקער זענען די בכורים געווען שטאַרק פערהייליגט. אין וויכטיגע פאַלען פלעגט מען זאָגאַר דעם בכור מקריב זיין אַלס קרבן, גלויבענדיג, אַז דער דאָזיגער הייליגער קרבן איז עלול אויסצוקויפען די זינד פון גאַנצען פאָלק און איהם צו רעטען פון דער דראָהענדיגער געפאַהר, ווי מיר געפינען אין מלכים ב' (ג. כו.), אַז דער מלך פון מואב, בשעת זיין מלחמה מיט ישראל, האָט גענומען זיין עלטסטען זוהן, דעם בכור, און — „ויעלהו עולה על החומה", און דאָס האָט אויך געמיינט דער נביא מיט די ווער־טער: „האתן בכור פשעי" (מיכה ו. ז.), צי דען — האָט ער איראָניזירט — וועל איך אויסקויפען מיינע זינד מיט'ן קרבן פון אַ בכור?... אַממעהרסטען זענען די בכורים געווען פערהייליגט אין מצרים, וואו מען האָט זיי אָבגעגעבען געטליכען כבוד און מען פלעגט זאָגאַר זיך בוקען צו זיי און דינען, און דאָס, אַלזאָ, איז געווען דער זין פון מכת־בכורות, דען — „כשהקב"ה נפרע מן האומה נפרע מתחלה באלהיה"...

ולכו עבדו את ד' כדברכם... (יב. לא.)

דיענט דעם אויבערשטען „כדברכם", אַזוי ווי איהר רעדט. זאָל דאָס פרומקייט נישט זיין ביי אייך בלויז מויל־מלאכה. זייט נישט קיין נאים דורשים און אין נאים מקיימים...

(אילנא דחיי)

ובני ישראל עשו כדבר משה וישאלו ממצרים כלי כסף וכו'... (יב. לה.)

„כדבר משה — שאמר להם במצרים וישאלו איש מאת רעהו" (רש"י)

וואָס איז דאָ רש"י מחדש? דער פסוק זאָגט דאָך דייטליך, וואָס זיי האָבען געטהון: „וישאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב ושמלות"?

נאָר — זאָגט דערויף דער ווילנער גאון — די בקשה פון משה רבינו „וישאלו איש מאת רעהו" איז געווען, אַז איין איד זאָל באָרגען דעם צווייטען, אידען גופא זאָלען אָנהויבען עוסק זיין צווישען זיך אין גמילות־חסדים, דען דאָס וואָרט „רעהו" בעציהט זיך אויף אַ אידישען חבר („רעהו ולא של נכרי" — ב"ק ל"ז), און דעריבער ווערט

דערביי געזאָגט: „דבר נא באזני העם״ („אין נא אלא לשון בקשה״), וואָרום אויף צו באַרגען ביי די מצרים, דאָס האָט מען זיי נישט געדאַרפט אַזוי שטאַרק בעטען. די בקשה איז געווען, אַז זיי אַליין זאָלען איינער דעם צווייטען גומל חסד זיין און באָרגען און דערפאַר וועט זיין — „ויתן ד׳ את חן העם בעיני מצרים״.

און דאָס בעמערקט רש״י: צוליעב דעם, וואָס די בני ישראל האָבען מקיים געווען משה׳ס בקשה, „שאמר להם במצרים וישאלו איש מאת רעהו״, אַז זיי זאָלען עוסק זיין אין גמילות־חסדים, זענען זיי בעלויהנט געוואָרען און — „וישאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב ושמלות״...

וגם צדה לא עשו להם... (יב. לט.)

וויזט אויס, אַז ביז דער לעצטער מינוט האָבען די אידען נאָך אַלץ געטראַכט, אַז פונ׳ם גאַנצען עסק וועט גאָרנישט ווערען...

(רבי אהרן שמואל תמרת)

ומושב בני ישראל... שלשים שנה וארבע מאות שנה... (יב. מ.)

די 430 יאָהר רעכענען זיך פונ׳ם „ברית בין הבתרים״, דער שעבוד גופא אָבער איז נגזר געוואָרען אויף 400 יאָהר — „ועבדום וענו אותם אַרבע מאות שנה״. אַי פאַרוואָס האָט דער שעבוד אין מצרים געדויערט נישט מעהר ווי 210 יאָהר, מיט 190 יאָהר ווענ׳גער? — ענטפערט דערויף דער מדרש, אַז השי״ת האָט צו דעם חשבון מצרף געווען די נעכט, וואָס די מצרים האָבען געאַרבייט מיט די אידען.

און דאָס, קאָן מען זאָגען, איז די כונה פונ׳ם פסוק אין תהלים: „קץ שם לחשך״ — „ק״ץ״, די 190 יאָהר, זענען אַראָפּגערעכענט געוואָרען צוליעב׳ן „חשך״, צוליעב די נעכט...

(רבי ר׳ העשיל)

עס איז בעקאַנט די פראַגע, אויף וועלכער עס ווערט געגעבען אָהן אַ שיעור תירוצים: לויט׳ן חשבון זענען דאָך נור די אידען געווען אין מצרים נישט מעהר, ווי צוויי הונדערט און צעהן יאָהר?

באמת אָבער לאָזט זיך עס פערענטפערען גאַנץ איינפאַך: לויט די נייעסטע אַרכעאָלאָגישע שריפטען ווערט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס לאַנד כנען האָט זיך צו יענער צייט געפינען אונטער דער הערשאַפט פון די מלכי מצרים, וממילא זענען שוין אויך די איבעריגע יאָהרען, זינט אברהם האָט זיך בעזעצט אין כנען, פערערעכענט געוואָרען צום חשבון...

ומלתה אותו אז יאכל בו... (יב. מג.)

דעריבער האָט מען זיי געהייסען זיי זאָלען זיך מל זיין פאַר׳ן אַרויסגעהן פון מצרים, כדי זיי זאָלען זיך נישט סומך זיין אויף זייערע אייגענע כחות. דוקא פערשלאָפטע, אָבגעשוואַכטע, זאָלען זיי זיך לאָזען אויף דעם געפעהרליכען מדבר־וועג, בעוויזענדיג דערמיט זייער אמונה און בטחון אינ׳ם אויבערשטען...

(קטורת סמים)

לא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה ועצם לא תשברו בו... (יב. מו.)

פאַרוואָס הויבט אָן דער פסוק בלשון יחיד: „לא תוציא מן הבית" און ענדיגט בלשון רבים: „ועצם לא תשברו"?

ווערט דערויף נאָכגעזאָגט אַ שאַרפזיניגער ענטפער אין נאָמען פון רבי זלמן ווילנער:

דער רמב"ם (אין פרק ט' מקרבן פסח הלכה א') פסקנ'ט, אַז „אין מוציא אחר מוציא", אַז אויב איינער האָט אַרויסגעטראָגען דאָס פלייש פון קרבן פסח מחוץ לבית, עובר זייענדיג דערמיט אויפ'ן לאו „לא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה", און נאָכהער איז געקומען אַ צווייטער און האָט דאָס זעלבע פלייש איבערגעפיהרט אין דרויסען אויף אַ צווייט אָרט, איז נור דער ערשטער חייב, אָבער דער צווייטער איז פטור, דאַגעגען „יש שובר אחר שובר", אויב איינער האָט אײנ'ם פלייש פון קרבן פסח איבערגעבראָכען אַ ביין, און דאַן האָט אַ צווייטער צום צווייטען מאָל איבערגעבראָכען דעם זעלבען ביין, האָבען ביידע גלייך עובר געווען אויפ'ן „ועצם לא תשברו בו" און ביידע זענען חייב.

איז דעריבער ביים ערשטען לאו פון הוצאה שטעהט „לא תוציא", בלשון יחיד, דען אין פאַל פון אַ „מוציא אַחר מוציא" איז נור איינער, אַ יחיד, חייב, און די איבעריגע זענען פטור. דאַגעגען דער לאו פון „ועצם לא תשברו בו" איז געשריבען בלשון רבים, דען דערביי איז חייב אָפילו אַ „שובר אַחר שובר"...

תורה אחת יהיה לאזרח ולגר... (יב. מט.)

עס זענען פאַרהאַן דריי קאַטעגאָריעס גרים. אַ גר, וועלכער איז זיך מגייר צוליעב אַ פרוי — וועגען אַזעלכען איז געזאָגט געוואָרען: „לגר אַשר בשעריך תתננה", אַזאַ גר פערדיענט, מען זאָל איהם אַוועקשענקען די נבילות... אַ צווייטער, וועלכער איז זיך מגייר צוליעב פרנסה — וועגען אַזעלכען ווערט געזאָגט: „ובקצרכם את קציר", בעת מען שניידט די תבואה אויפ'ן פעלד, זאָל מען אויך דעמדאָזיגען גר אין זינען האָבען... און אַזעלכער, וועלכער איז זיך מגייר לשם-שמים, צוליעב איבערצייגונג — דאָס איז דער אמת'ער גר, און וועגען איהם זאָגט די תורה: „הקהל! חוקה אחת לגר ולאזרח"... — „תורה אחת יהיה לאזרח ולגר!"... (אליהו זוטא)

קדש לי... וכל פטר חמור תפדה בשה... (יג. ב.)

דער חמור האָט צוויי סימני טומאה (ער איז נישט „מעלה גרה" און נישט „מפריס פרסה"); ביי איהם איז די טומאָה פיעל בולט'ער, ווי ביים חזיר, אָדער גמל, ביי וועלכע עס איז פאַרהאַן איין סימן טהרה, — און דאָך איז דער חמור אין כלל פון „קדש לי"... דען אַזעלכען, וואָס זיין טומאָה איז עפענטליך, איז אָפט לייכטער מקרב צו זיין צו דער קדושה, איידער אַ פערשטעלטען טמא'ניק, וועלכער טראָגט זיך אַרום מיט זיין כלומר'-שטען סימן-טהרה...

(ילקוט מרגליות)

ולא יראה לך שאור... (יג. ז.)

„שלך אי אתה רואה, אבל אתה רואה של אחרים ושל גבוה" (פסחים)

ד יי נ ע פעהלערן ווען קיינמאָל נישט זעהן, דאַגעגען ווען אָבער שטענדיג

זעהן די פעהלערן פון אַנדערע, און איבערהויפּט „ושל גבוה", פון די, וואָס שטעהען העכער פון דיר...

(תולדות יעקב-יוסף)

וכל בכור אדם בבניך תפדה... (יג. יג.)

דער ווילנער גאון, וועלכער איז געווען אַ בכור, פלעגט זעהר אָפט דורכפיהרען איבער זיך די מצוה פון „פּדיון", אויסלייזענדיג זיך פון פערשיעדענע כהנים, מחמת ער איז קיינמאָל נישט געווען זיכער ביי זיך, צי ער האָט אַנגעטראָפען אויף אַ ריכטיגען כהן, און קומענדיג קיין האַמבורג האָט ער זיך „אויסגעלייזט" ביים בעריהמטען גאון, רבי נפתלי הכהן, וועלכער האָט געהאַט אַ יחוס-בריעף ביז עלי הכהן...

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת... (יג. יד.)

לויט'ן דרש, געהערט דידאָזיגע שאלה צום דריטען פון די ארבעה בנים — צום „תם", און די פראַגע פון „מה-זאת" בעציהט זיך אויף דער מצוה פון „פּדיון". פאַרוואָס — פרעגט ער — דאַרף מען יעדען „בכור בהמה" אָוועקשענקען דעם כהן, און דער „בכור אָדם" ווערט אויסגעלייזט מיט געלד?...

וואָרום בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען עפּעס אָוועקשענקען און בשעת עס קומט צו געלד — דאַמאָלס ווערט אויך דער תם אַ גאַנצער חכם...

(לויט'ן כלי-יקר)

דער „והיה כי ישאלך" שטעהט נישט נאָכ'ן „מצות יאכל את שבעת הימים" (דאָרט שטעהט בלויז „והגדת לבנך"), נאָר נאָך דער מצוה פון תפלין. וואָרום אויפ'ן עסען פרעגען נישט די קינדער אונזערע קיין קשיות, הלמאַי מיר געבען זיי צו עסען און צו טרינקען, הלמאַי מיר האָרעווען און אַרבייטען פאַר זייערטוועגען. קומט עס אָבער צום דאַוונען, צום תפלין לעגען, דאָ שטעלען זיי זיך אָוועק געגען טאַטען אין אַ העלדישער פּאָזע, פרעגענדיג: מה זאת? נאָכוואָס דאַרף מען דאָס, די דאָזיגע „זאַבאַבאָנעס"?...

(מטה אהרן)

והיה לאות על ידכה ולטוטפות בין עיניך... (יג. טז.)

און גלייך דערויף ווערט געזאָגט: „ויהי בשלח פרעה את העם וכו'".

וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָט די סמיכות פון די דאָזיגע צוויי פסוקים?...

האָט געזאָגט דערויף רבי יונתן אייבעשיץ:

אויפ'ן פּסוק „ויהי בשלח פרעה" ווערט געזאָגט אין מדרש תנחומא: „מי קרא וי? (וי-הי) פרעה קרא וי", אַז פרעה האָט זיך שוין דאַמאָלס מייאש געווען פון די אידען, און די גמרא זאָגט: „עבד שברח ורבו מתייאש הימנו חייב בתפלין"...

די תפלין של ראש בעשטעהען פון פיער „בתים", דאַגעגען של יד — נור פון איין „בית", וואָרום ביים „של ראש", בנוגע דעם קאָפּ, קענען מיר זיין מחולק צווישען זיך און האָבען פערשיעדענע דעות, פערשיעדענע מיינונגען, פערשיעדענע אַנשויאונגען, אָבער ביים „של יד", ביי דער האַנד, בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען מעשים, דאָ מוזען מיר אַלע זיין אייניג צווישען זיך און בילדען איין „בית"...

(תחית ישראל)

בְּשַׁלַּח

ויהי בשלח פרעה... ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים... (יג. יז.)

צוליעב דעם ווייל „בשלח פרעה את העם", ווייל די אידען זענען נישט אַרויסגע־גאַנגען מיט'ן אייגענעם ווילען, נאָר זיי זענען אַרויסגעשיקט און אַרויסגעטריבען גע־וואָרען פון מצרים („כי גורשו ממצרים"), דעריבער — „ולא נחם א' דרך ארץ פלשתים וכו' פן ינחם העם", דעריבער איז מען מיט זיי נישט זיכער געווען...

(מוסד היהדות)

„מי צוח וי? (וי—הי) — משה צוח וי"... (מדרש)

געשריען האָט משה „וי" אויפ'ן „ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים", ווייל אויב מען וואָלט די אידען נישט געפיהרט דורכ'ן „דרך המדבר", נאָר דורך אַ ישוב, וואָלט דאָך דאַן נישט געווען קיין פראַגע וועגען וואַסער און עס וואָלט נישט געקומען צום חטא פון מי־מריבה, צוליב וואָס משה איז געשטראָפט געוואָרען נישט אַריינצוקומען אין ארץ־ישראל...

(כתב סופר)

ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא... (יג. יז.)

אַ מלך האָט געהאַט אַ זוהן, ווענען ער האָט געוואָלט אַוועקשענקען אַ טייל פון זיינע גיטער. האָט ער זיך געטראַכט: אויב כ'זאָל עס איהם שוין איצט געבען, וועט ער נישט וויסען ווי זיך דערמיט אומצוגעהן, דען ער איז נאָך נישט־דערוואַקסען און נישט־געלערנט; נאָר זאָל ער זיך פריהער אויסלערנען לייענען און שרייבען, זאָל ער זיך פריהער ערווערבען די נויטיגע קענטעניסען, און ערשט דאַן וועל איך איהם קאָנען אָנטרויען דאָס פערמעגען... דאָסזעלבע האָט גאָט געזאָגט וועגען די אידען: פריהער מוזען זיי זיך פאַרבערייטען און האָבען אַ תורה, און ערשט נאָכדעם וועל איך זיי אריינ־פיהרען אין ארץ־ישראל...

(מדרש רבה)

„כי קרוב הוא" — עס איז צו־נאָהענט, צו־שנעל, און עס איז נישט אין דער טבע פון מענש, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אויף קנעכטשאַפט, אויף עבודות פון חומר ולבנים, צו קאָנען מאָמענטאַל זיך פערוואַנדלען אין אַ גבור, אין אַ העלדישען קעמ־פער... עס איז דעריבער געווען דער רצון פון השי"ת, זיי זאָלען וואַנדלען פירציג יאָהר אין מדבר, וואו דאָס שווערע לעבען זאָל זיי פערהאַרטעווען און אָנזאַפּען מיט גבורה, און עס זאָל געבוירען ווערען פון זיי אַ דור, וועלכער זאָל נישט געוואוינט זיין צו קיין שפלות און עבודות...

(מורה נבוכים)

מען האָט זיי נישט געפיהרט מיט'ן איינפאַכען, געוועהנליכען וועג, דען דער אידישער וועג קיין ארץ־ישראל, סיי ביי יציאת־מצרים, סיי אין די שפּעטערדיגע צייטען, געהט נישט לויט'ן נאַטירליכען, גלייכען אופן; ער ווערט פלוצים ווייט, בשעת מען מיינט, אַז מען איז שוין נאָהנט, און נאָהנט — בשעת עס דוכט זיך, אַז מען איז נאָך ווייט...

(נדחי ישראל)

כי אמר אלקים פן ינחם העם... (יג. יז.)

ווירקען ווירקט שטענדיג אויפ'ן מענש דער לעצטער איינדרוק; אויב דער לעצטער איינדרוק איז אַ גוטער, פערגעסט ער דאָס פריהערדיגע, דאָס שלעכטע. אויך דער לעצטער מאָמענט אין מצרים האָט אויף זיי אַ גאַנץ גוטען רושם איבערגעלאָזען: פּרעה איז געוואָרען צו זיי אַזוי ווייך, אַזוי ליעבהאַרציג, ער האָט זיך אַזוי פיין געזעגענט מיט זיי („וברכתם גם אותי"), די מצרים האָבען זיי מיטגעגעבען אויפ'ן וועג „כלי־כסף וכלי־זהב"... און דעריבער — „פן ינחם העם"...

(שער בת־רבים)

בראותם מלחמה ושבו מצרימה... (יג. יז.)

„כגון מלחמת וירד העמלקי והכנעני" (רש"י)

דעריבער וועלען זיי, אויב דער וועג וועט זיין נאָהנט, צוריקגעהן קיין מצרים, ווייל נאָך דער גרויסער מפלה, וואָס די מצרים וועלען ליידען, ווען עס וועט זיין „לא נשאר בהם עד אחד", וועלען זיך די אידען טראַכטען: נאַכוואָס זאָלען זיי געהן קיין ארץ־ישראל און אויסשטעהן פערשידענע מלחמות אויפ'ן וועג, פריהער מיט עמלק'ן, מיט סיחון ועוג און דאַן ערשט מיט די מלכי כנען, וויבאַלד זיי האָבען פאַר זיך אַ פאַרטיג, אונבעהערשט און אונבעוואָפענט לאַנד, מצרים, וואָס זיי קענען איצט זעהר לייכט איינעהמען און זיך בעזעצען דאָרט, שוין נישט אַלס קנעכט, נאָר אַלס בעלי־בתים!...

(ביאור ומדרש תורה)

וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים... (יג. יח.)

„אין חמושים אלא מזוינים" (רש"י)

וואו האָבען זיי זיך דען פערטיידיגט געגען די מצרים מיט געוועהר? עס שטעהט דאָך בלויז: „ויצעקו בני ישראל אל ד'"?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף דער חוזה פון לובלין — אויפ'ן פסוק „אשר לקחתי מיד האמורי בחרבי ובקשתי", מאַכט דער תרגום: „די נסיבת מידא דאמוראה בצלותי ובבעותי". די תפלות ובקשות — אָט דאָס איז דאָס אידישע געוועהר, דאָס האָבען זיי מיט זיך מיטגענומען פון מצרים...

ויקח משה את עצמות יוסף עמו... (יג. יט.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „וחכם לב יקח מצוות זה משה, שכל ישראל עסקו בבזה והוא עסק בעצמותיו של יוסף".

איז דאָך די קשיא: אויך „ביזת מצרים" איז דאָך געווען אַ מצוה, מען האָט דאָך זיי אָנגעזאָגט און בעפוילען: „וישאלו איש מאת רעהו וכו' כלי כסף וכלי זהב"?

נאָר מוז זיין, אַז אַ מצוה, ביי וועלכער מען האָט היזק געלד (ווי משה, וואָס צוליעב'ן בעשעפטיגען זיך מיט די עצמות יוסף, האָט ער זיך נישט געקענט בעטייליגען אין דער ביזה) איז חשוב'ער ביים אויבערשטען, ווי אַ מצוה, ביי וועלכער מען מאַכט נאָך דערביי ריוח און מען פערדינט געלד...

(באר יצחק)

משה האָט גענומען די עצמות־יוסף „ע מ ו" — מיט זיך, זיי זאָלען איהם דיענען אַלס סימבאָל, אַלס שטענדיגער ביישפיעל אין זיין בעציהונג צו די אידען: אויסצושטעהן זייערע קאַפּריזען, איבערצוטראָגען זייערע רכילות און לשון־הרע און — ווי יוסף — אָבצוצאָהלען זיי מיט טובות פאַר רעות...

(ספר הדרוש)

יוסף, ווייל ער האָט זיך נישט געשעמט מיט זיין לאַנד, ערקלערענדיג עפענטליך: „כי גונוב גונבתי מארץ העברים" — האָט ער זוכה געווען בעגראָבען צו ווערען אין ארץ־ישראל; משה, ווייל ער האָט געלייקענט אין זיין לאַנד, שווייגענדיג, בעת מען האָט געזאָגט אויף איהם: „איש מצרי הצילנו מיד הרועים" — האָט ער דעריבער נישט זוכה געווען צו ווערען בעגראָבען אין ארץ־ישראל..

(הכורם)

ויוגד למלך מצרים כי ברח העם... (יד. ה.)

מעגליך, אַז דערפאַר האָט זיך פּרעה געכאַפּט, אַז די אידען זענען אַנטלאָפען און האָבען נישט בדעה מעהר צוריק צוקומען, ווייל מען האָט איהם דערצעהלט, אַז „ויקח משה את עצמות יוסף עמו" און קוים וואָלטען זיי געהאַלטען ביי צוריקקומען, וואָלטען זיי, געהעענדיג אויף עטליכע טעג אין דער מדבר אַריין, נישט מיטגענומען מיט זיך יוסף'ס ביינער...

(מדרש)

ויקח שש מאות רכב בחור... (יד. ז.)

דער מהר"ם שיף פערענדיגט איינעם פון זיינע בריעף מיט דעם דאָזיגען פּסוק, וואָס ער ברענגט אין דער פאָרם פון אַ „חידה" און פון וועלכען דער פּתרון איז:

— ויקח — בעת מען נעהמט אַראָב — שש — זעקס — מאות רכב — פון אות, פון וואָרט „רכב" (וואָס בעטרעפט 222), בלייבט איבער — בחור — דער בעטרעף פון וואָרט „בחור" (216)...

ובני ישראל יוצאים ביד רמה... (יד. ח.)

דערויף מאַכט דער תרגום: „ובני ישראל נפקו בריש גלי".

וואָס בעדייטען די ווערטער „בריש גלי"?

דען אין אַזיען איז אָבדעקען דעם קאָפּ עד־היום נישט קיין נימוס ודרך־ארץ,

נאָר אַ צייכען פון פּריקת־עול. בעת אַ בונט דעקט מען אָב דעם קאָפּ פאַר׳ן הערשער, וואָס עס באַדייט, אַז זיי זאָגען זיך אָב פון צו זיין איהם אונטערטעניג, ווי מיר זעהען עס פונ׳ם מאמר (שבת קנ״ז) „כסי רישך כי היכי דתהוי עליך אימתא דשמיא״, און אַזוי ווערט אויך בפירוש געזאָגט אין רש״י (אין שבת ע״ז און אין קדושין ל״א), אַז אָבדעקען דעם קאָפּ איז אַ סימן פון פּריקת־עול...

און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין: „ובני ישראל נפקי בריש גלי״, מיט אָבגעדעקטע קעפּ, אַלס צייכען פון מרידה, רעוואָלוציע און פרייהייט...

(קול אומר קרא)

ופרעה הקריב... (יד. י.)

„הא אתמר דקריב לון לתשובה״. דער פּשט איז פון „ופרעה הקריב״, אַז ער האָט די אידען מקרב געווען צו תשובה... ווי אין פסוק שטעהט: „ד׳ בצר פקדוך צקון לחש וכו׳... בצר פקדוך, לא פקדין ישראל לקודשא בריך הוא בשעתה דנייחא, אלא בשעתא דעקין להו, וכדין פקדין ליה״... די אידען געדענקען נישט אין אויבער־שטען בשעת זיי האָבען מנוחה, נאָר דאַן, ווען מען דריקט זיי, ערשט דאַן דערמאָהנען זיי זיך אין איהם...

(זהר בשלח מ״ז)

והנה מצרים נוסע אחריהם... (יד. י.)

דערויף מאַכט רש״י: „כאיש אחד, בלב אחד״, ווי איין מענש, מיט איין האַרץ... פונוואַנען נעהמט זיך צו די מצרים אַזאַ זעלטענע אַחדות? — אָט דאָס איז דער רעזול־טאַט פון גלות: דער גוי נעהמט־צו ביים איד דאָס בעסטע, וואָס ער פערמאָגט... די מדות, מיט וועלכע די אידען דאַרפען זיך אויסצייכענען, געהען אַריבער צו די גויים...

(רבי יצחק־מאיר מגור)

ויצעקו בני ישראל... (יד. י.)

די אידען — זאָגט דערויף דער מדרש — האָבען זיך דאַן צוטיילט אין פיר כתות. איין כתה האָט געזאָגט: „נפול לים״, לאָמיר זיך אָבזאָגען פון די אַלע חלומות און אוטאָפּיעס און לאָמיר זיך אַריינוואַרפען אין אַלגעמיינעם ים און זיך אַסימילירען צווישען די פעלקער. די צווייטע כתה האָט געזאָגט: „נשוב למצרים״, מיר זענען בעשאַפען גע־וואָרען צו עבדות, אונזער בערוף איז צו זיין קנעכט ביי די מצרים און מיר מוזען זיך אונטערגעבען דעם גורל. די דריטע כתה האָט געזאָגט: „נעשה מלחמה״, מיט דער שווערד אין האַנד מוזען מיר, פונקט ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אויסקעמפען אונזער פרייהייט. די פירטע כתה האָט געזאָגט: „נצווח כנגדן״, לאָמיר אויפהויבען אַ פּראָ־טעסט־געשריי, לאָמיר אַפּעלירען צום געוויסען פון דער וועלט — די וועלט וועט געוויס נישט שווייגען, זי וועט זיך געוויס אָננעהמען פאַר אונזער עוולה... דערויף איז געקומען דער ענטפער: די אַלע מיטלען וועלען נישט העלפען; דאָס זיכערסטע און ווירקזאַמסטע מיטעל איז — „ד׳ ילחם לכם, ואתם תחרישון״...

(מנחת שי)

התיצבו וראו את ישועת ד׳... (יד. יג.)

דער דור־המדבר, כאָטש ער איז בעשטאַנען פון זעקס הונדערט טויזענד נפשות, איז נישט פעהיג געווען צו קעמפען מיט זיינע פיינד און זיך זעלבסט צו פערטיידיגען, זייענדיג דורך־און־דורך פערשקלאַפט, געוואוינט צו עבדות און אונטערדריקונג... דאָסזעלבע זעהען מיר אויך ביי מלחמת עמלק, כאָטש די אַנפאַלער זענען בעשטאַנען פון לערך אַ גאַנץ קליינער מחנה... און דעריבער איז געווען דער רצון פון השי״ת, אַז די אַלע זכרים, וואָס זענען אַרויס פון מצרים, זאָלען אויסשטאַרבען אין וועג, ווייל זיי וועלען נישט אימשטאַנד זיין מלחמה צו האַלטען מיט די כנענים, און אַריינקומען זאָל אין לאַנד דער פרישער דור, וועלכער האָט דעם גלות נישט געזעהן און איז בעשאַנקען געווען מיט אַ שטאַרקערן גייסט...

(אבן-עזרא)

לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם... (יד. יג.)

רבי ברוך עפשטיין, דער מחבר פון „מקור ברוך״, דערצעהלט אין זיין ספר: ער איז אַמאָל געזעסען ביי רבי הערש־לייב וואָלאָזשינער צוזאַמען מיט אַ חברותא פון בעריהמטע תלמידי־חכמים. פּלוצלינג עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין אַ מגושם׳דיגער איד, אַ קצב, וועלכער ווענדעט זיך צו רבי הערש־לייב׳ן מיט אַ שאלה. וואָס איז? מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט ער געהאַנדעלט מיט אַ שותף, אויך אַ קצב. בינתים איז אויסגעבראָכען צווישען זיי אַ סכסוך, ער האָט זיך מיט יענעם שטאַרק צוקריגט, און פון גרויס כעס האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיך און געשוואוירען, אַז ער וועט קיינמאָל מעהר יענעמס פּרצוף נישט אַנקוקען — און פון דאַמאָלס אָן זענען זיי געוואָרען צווישען זיך דם־שונאים... זיין שבועה האָט ער שטאַרק געהאַלטען: ער האָט אויסגעמיטען צו בעגעגענען זיך מיט איהם, אויפגעהערט צו דאַווענען מיט איהם אין איין קלויז; און אַז ער פלעגט איהם זעהן אויפ׳ן גאַס, פלעגט ער אַריבערלויפען אויף דער צווייטער זייט, בכדי נישט אַנצוקוקען זיין פּנים... אַזוי זענען אַריבער עטליכע יאָהר. ויהי היום, דערוויסט ער זיך פּלוצים, אַז דערדאָזיגער געוועזענער שותף זיינער איז געשטאָרבען. די טרויעריגע בשורה האָט אויף איהם אַ שווערען רושם געמאַכט. אַנשטאָט דער שנאָה, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געפיהלט צו איהם, האָט זיך אין זיין האַרצען דערוועקט אַ געפיהל פון חרטה, ער וואָלט וועלען דעם נפטר מחילה בעטען און זיין ביי דער קבורה, אַנדערש וועט ער קיין רוה נישט האָבען... פון דער צווייטער זייט איז ער דאָך אָבער געבונדען מיט דער שבועה, וואָס ער האָט געגעבען, אַז ער זאָל איהם קיינמאָל מעהר נישט אַנ־קוקען... וואָס־זשע זאָל ער דאָ טהון? זאָל דער רבי פּסק׳ענען...

דידאָזיגע שאלה האָט צווישען די תלמידי־חכמים, וואָס זענען געזעסען ביים טיש, אַרויסגערופען אַ שאַרפע שקלא־וטריא. „הללו אוסרין — והללו מתירין״. עס האָט געבליצט מיט אונגעהויערע חריפות און בקיאות, יעדער האָט דערביי געשטיצט זיין מיינונג אויף פערשיעדענע שטעלען אין ש״ס און פּוסקים, דורכגעפלאָכטען מיט שאַרפ־זיניגע סברות און איינפאַלען, כנהוג.

— רבותי, — האָט זיך דאַן אָנגערופען רבי ברוך עפשטיין — לפי־דעתי זענען די אַלע פּלפּולים איבריג. אין דער סדרה פון היינטיגער וואָך געפינען מיר אויף דער־דאָזיגער שאלה אַ גאַנץ פּשוט׳ן און קלאָרען ענטפער.

גראָד איז דאַן געווען די וואָך פון פּרשת בשלח... און דער עולם האָט זיך פער־

וואונדערט איבערגעקוקט: אין דער היינטיגער סדרה? — האָט רבי ברוך אויפגעמישט אַ חומש און געוויזען:

— אַט האָט איהר, רבותי... עס שטעהט: „כי אֲשר ראיתם את מצרים היום, לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם“ — און דעם אויבערשטענס אַ הבטחה איז דאָך זיכער אַזוי חשוב, ווי אַ מענשליכע שבועה. תיכף אָבער, אין עטליכע פסוקים ווייטער, ווערט דערצעהלט: „וירא ישראל את מצרים מת“... און דערויף ווערט נאָך צוגעגעבן אין מדרש, אַז יעדער איינער פון די בני־ישראל האָט דערקענט אין די פּנים׳ער פון די מתים זיין „נוגש ולוחץ“ פון מצרים; איז דאָך עס אין פלוג אַ שאַרפע סתירה צום פריהערדיגען פסוק: „לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם“?... פון דאַנען איז, אַלזאָ, אַ בפירוש׳ער בעוויז, אַז דער אויסדרוק „ראה“ — זעהן — איז נאָר חל ביים לעבען, אָבער נישט נאָכ׳ן טויט...

בעמערקונג פונ׳ם זאַמלער:
דידאָזיגע ערקלערונג, אַז דער „לא תוסיפו לראותם“ ווערט געמיינט ביים לעבען, געפינען מיר דייטליך אין זוהר...

ד׳ ילחם לכם ואתם תחרישון... (יד. יד.)

„ד׳ ילחם לכם“ — אָבער בתנאי: „ואתם תחרישון“, איהר זאָלט זיך פערהאַלטען שטיל, רוהיג, נישט אַרומקריעגען זיך, נישט פיהרען קיין מחלוקת...
(שער בת־רבים)

„ואתם תחרישון“... גאַנץ איינפאַך: איהר זאָלט נישט שרייען, כדי די מצרים זאָלען זיך נישט דערוויסען פון אייערע קולות, וואו, אויף וועלכען אָרט איהר געפינט זיך...
(רלב״ג)

רבי חיים יוסף זאָנענפעלד האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט הרב קוק וועגען די פרייע חלוצים, זיך אויסגעדריקט, אַז ער זעהט נישט אין וואָס פאַר אַ זכות דידאָזיגע יונגעלייט, וועלכע האָבען פון זיך אַראָבגעוואָרפען דעם עול־תורה ומצוות, זאָלען ראוי זיין צו דער אמת׳ער גאולה.

זאָל איהם הרב קוק האָבען דערויף געענטפערט: בשעת די אידען זענען אַרויס פון מצרים האָט זיי השי״ת געהייסען, זיי זאָלען זיך פערזאָרגען מיט פערשידענע מצוות און קודם־כל זאָלען זיי מקיים זיין די מצוה פון קרבן־פסח, בכדי זיי זאָלען אין זכות פון די דאָזיגע מצוות זוכה זיין צו ווערען אויסגעלייזט. בשעת אָבער זיי זענען געשטאַנען פאַר׳ן ים־סוף, וואו זיי האָבען אַרויסגעוויזען זייער גרייטקייט צו מסירת־נפש און „זה אומר אני יורד תחלה לים וזה אומר אני יורד תחלה לים“, איז דערויף געקומען דער ענטפער: „ד׳ ילחם לכם ואתם תחרישון!“ די דאָזיגע מסירת־נפש איז שוין אַליין אַ גאַנץ גרויסער זכות...

ויאמר ד׳ אל משה מה תצעק אלי... (יד. טו.)

די ווערטער „מה תצעק אלי“ ווערען דורכ׳ן תרגום־אונקלוס איבערזעצט — „קבלית צלותך“.

דער „נתינה לגר", ווי אויך אַנדערע מפרשים, בעמיהען זיך אויף פערשידענע אופנים צו ערקלערען דעם טעם, וואָס עס האָט בעוואויגען דעם תרגום צו דער דאָזיגער מערקווירדיגער איבערזעצונג, לויט וועלכער עס קומט אויס, אַז דער „מה תצעק אלי" איז נישט קיין שאלה, נאָר פאַרקעהרט גאָר — אַן'ענטפער, אָבער די אַלע געגעבענע ערקלערונגען בעפרידיגען נישט.

גיכער ווייזט אויס, אַז דער תרגום האָט זיך דאָ געשטיצט אויף די טעמי־הנגינה, דען די נגינה אויף די ווערטער „מה תצעק אלי" איז — „מרכא טפחה אתנחתא", און דער פשט איז אַזוֹ: „מה תצעק", דאָס וואָס דו שרייסט, און בעטסט — „אלי", איז אָנגעקומען צו מיר, כ'האָב דאָס געבעט דערהערט און אָנגענומען — „קבלית צלותך"...

(ר. סלוזשעווסקי)

מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו... (יד. טו.)

פאַרהאַן אַ צייט — האָט גאָט געזאָגט צו משה'ן — ווען מען דאַרף מקצר זיין בתפלה, און פאַרהאַן אַ צייט, ווען מאַריך צו זיין. מיינע קינדער זענען שרויים בצער, דער וועג דורכ'ן ים איז פאַר זיי אָבגעשלאָסען און דער שונא יאָגט זיי נאָך, איז דען איצט אַ צייט אָבצוגעבען זיך מיט תפלות? — „דבר אל בני־ישראל ויסעו"!

(שמות רבה)

פאַניק און היסטעריע זענען נישט קיין מיטעל, מיט אַזעלכע זאַכען דערגרייכט מען גאָרנישט. נישט קיין סתם געשרייען און געוואַלדען, נאָר מעשים, אַקטיווע מעשים זענען נויטיג אין אַזאַ מאָמענט — „דבר אל בני ישראל ויסעו!"...

(רבי משה חפץ)

ויהי הענן והחשך ויאר את הלילה... (יד. כ.)

„ויאר עמוד האש את הלילה לישראל" (רש"י)

דאַגעגען אין תהלים אויפ'ן פסוק „ואומר אַך חושך ישופני ולילה אור בעדני" (תהלים קלט. יא.) זאָגט רש"י: „אור זה לשון אופל הוא כמו לא יפוץ ענן אורו וכו' וכן ויאר את הלילה", לויט יענעם פירוש פון רש"י איז אַזוֹ דער טייטש: „ויאר את הלילה", ער האָט פערפינסטערט די נאַכט. להיפוך צו רש"י'ס ווערטער דאָ אויפ'ן אָרט... אַ פלא!

(ש. זאַקאַן)

בשעת דאָס חשכות איז זיך מתגבר און עס איז שוין שטאָק־פינסטער איז אַ סימן, אַז דאָס ליכט און די הילף דערנעהנטערט זיך... בשעת עס איז „עת צרה ליעקב — דאַן — וממנה יושע", דאַרף מען ערוואַרטען די ישועה...

(בינה במקרא)

ולא קרב זה אל זה כל הלילה... (יד. כ.)

„מאי דכתיב ולא קרב זה אל זה כל הלילה? בקשו מלאכי השרת לומר שירה, אמר הקב"ה מעשה ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה?" (מגילה י')

בשעת עס ווערט דורכגעפיהרט אַן׳אָפּעראַציע איבער אַ חולה, כאָטש די אָפּעראַציע איז אַ נויטיגע און כאָטש די דאָקטוירים גיבען די פולסטע פערזיכערונג, אַז די אָפּעראַציע וועט דעם חולה ראַטעווען דאָס לעבען און ער וועט ווערען פולקאָם געזונד, דאָך זינגט מען נישט בשעת־מעשה און מען פרעהט זיך נישט. פרעהען פרעהט מען זיך ערשט שפּעטער, נאָך דער אָפּעראַציע.

די מלאכי השרת האָבען געוואָלט זאָגען שירה אין יענעם מאָמענט, בשעת די מצרים האָבען זיך געטרונקען אין ים, איז דערויף געקומען דער ענטפער: „מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?" איצט, ווען מענשען ווערען דערטרונקען, הגם די דאָזיגע אָפּעראַציע איז אונבעדינגט נויטיג, דאָס שלעכטע מוז בעזייטיגט ווערען, דאָך איז עס נישט קיין זמן פון שירה. איצט זינגט מען נישט. זינגען וועט מען שפּעטער, נאָך דער אָפּעראַציע...

(רבי יהושע׳לע קוטנער)

בלויז די אידען, וועלכע זענען געפייניגט געוואָרען פון די מצרים, האָבען געהאַט אַ רעכט צו פרעהען זיך מיט זייער מפּלה און צו זינגען שירה, אָבער נישט די מלאכים; זיי האָבען קיין רעכט נישט געהאַט צו זינגען אויף דער מפּלה פון אַ שונא, פון וועלכען זיי אַליין האָבען נישט געליטען...

(אמרי חן)

געוועהנליך טייטשט מען, אַז דער „מעשה ידי טובעים בים" געהט אַרויף אויף די מצרים און צוליב רחמנות אויף זיי זענען די מלאכים אָבגעהאַלטען געוואָרען פון צו זאָגען שירה, און דערויף ווערט געפרעגט: ממה־נפשך, אויב זיי האָבען ווידער פער־דיענט מען זאָל אויף זיי רחמנות האָבען, האָט מען דאָך זיי אויך נישט געדאַרפט דערטרינקען?

דער רבי ר׳ העשיל טייטשט דעריבער גאַנץ אַנדערש דעם דערמאָהנטען מאמר. אויפ׳ן פסוק „ויצא מלאך ד׳ ויכה במחנה אשור" זאָגען די חז״ל: „במה הכם וכו׳ רבי יצחק נפחא אמר, אזנים גלה להם ושמעו שירה מפי חיות ומתו" (סנהדרין צ״ח). בשעת די מצרים זענען, אַלזאָ, צוגעקומען צום ים, „בקשו מלאכי השרת לומר שירה", האָבען די מלאכים געוואָלט אָנהויבען זאָגען שירה און דורכ׳ן געזאַנג פון דער שירה זיי אומ־ברענגען, אַזוי ווי עס איז געווען ביי׳ם חיל סנחריב, דערויף איז געקומען דער ענטפער: „מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה"? די מצרים זענען געגען די אידען אַזעלכע שרעקליכע רציחות בעגאַנגען, זיי האָבען אידישע קינדער אין ים דערטרינקען, גוזר געווען „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו" און איהר ווילט זיי פאַר דעם אַלעם אָב׳פּטר׳ן מיט אַזאַ לייכטען טויט, מיט שירה? ניין, אויך זיי מוזען דעם זעלבען עונש בעקומען און אין ים דערטרינקען ווערען. מדה כנגד מדה!...

ויולך ד׳ את הים וכו׳ ויבקעו המים... (יד. כא.)

„הים ראה וינוס, מה ראה? ראה ישראל באים ורכוש של מצרים בידם" (מדרש תנחומא)

דער ים, זעהענדיג אַזאַ אויסערגעוועהנליכע, וואונדערליכע זאַך, אַז „ישראל באים ורכוש של מצרים בידם", אַז די אידען, כאָטש זיי זענען געוואָרען אַזוי רייך, מיט אַזוי פיעל געלד און פערמעגען, דאָך שרייען זיי צו גאָט, דאָך האָבען זיי נישט פערגעסען

אינ׳ם אויבערשטען, איז ער דערפון שטאַרק נתפעל געוואָרען, גרויס דרך־ארץ פאַר זיי בעקומען, און — „ויבקעו המים״...

(מנחת שי)

פאַרהאַן אַ מדרש־פּליאה: „הים ראה וינס — מה ראה? ברייתא דר׳ ישמעאל ראה״... דער זין פונ׳ם דאָזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מדרש איז פאָלגענדער:

עס איז בעקאַנט דער מאַמר, אַז בשעת קריעת ים־סוף האָט עוזא, דער שר של מצרים, זיך אַוועקגעשטעלט און גע׳טענה׳ט: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה״, די אידען האָבען דאָך געדיענט די עבודה זרה פונקט ווי די מצרים, טאָ מיט וואָס זענען זיי בעסער פון זיי? אמת טאַקע, די אידען האָבען געדיענט מתוך אונס, ווערענדיג געצוואונגען דערצו, אָבער ביי עבודה זרה איז דאָך דער דין „יהרג ואַל יעבור״?

דערויף קומט דער ענטפער: „ברייתא דר׳ ישמעאל ראה״ — און רבי ישמעאל האַלט, אַז אַפילו ביי עבודה־זרה איז „יעבור ואַל יהרג״...

(פנינים יקרים)

אַ צווייטע ערקלערונג:

אויפ׳ן זעלבען פסוק „הים ראה וינס, הירדן יסוב לאחור״ ווערט געזאָגט אין מדרש־רבה, אַז דערפאַר שטעהט „וינס״ — לשון־עבר, און „יסוב״ — לשון־עתיד, ווייל די ווערטער „הירדן יסוב״ געהען אַרויף אויף שפּעטער, אויף דער שפּאַלטונג פונ׳ם ירדן בימי יהושע, פון וועלכען דער ים האָט זיך אַ קל־וחומר אַראָבגענומען און געזאָגט: מה־דאָך יהושע׳ן, משה׳ס תלמיד, וועט דער ירדן לעתיד פּאַלגען, דאַרף איך דאָך דעם רבי׳ן, משה׳ן זעלבסט, אַודאי און אַודאי פאָלגען...

און דאס, אַלזאָ, איז דער געדאַנק: „ברייתא דר׳ ישמעאל ראה״... דען דער כלל פון „קל וחומר״ ווערט אויסגערעכענט אין דער בעקאַנטער ברייתא פון רבי ישמעאל, צווישען די „י״ג מדות שהתורה נדרשת בהן״...

(רבי יוסף סלוצקער)

„קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף״ (פסחים קי״ח)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט פרנסה צו קריעת ים־סוף?

דען ביי קריעת ים־סוף, כידוע, האָט דער שר של מצרים גע׳טענה׳ט: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה״, אַז צוליב דעם, וואָס אויך די אידען זענען זינדיג, זענען זיי דעריבער נישט ווערט דעם נס און די זעלבע טענה טענה׳ט אויך דער מקטרג ביי פרנסה, אַז די זינדיגע דאַרף מען קיין פרנסה נישט געבען, אָבער אויך דאָ, ווי ביי קריעת ים־סוף, רעכענט זיך נישט השי״ת מיט די טענות פון די מקטרגים, האַלטענדיג, אַז מען דאַרף נישט מאַכען קיין אונטערשיעד, וואָרום — „אין בודקין למזונות״...

(רבי שלום בעלזער)

פרנסה, פונקט ווי דער נס ביים ים, וואו די אידען זענען געוועזן אַרומגענומען אין אַ קלעם פון אַלע זייטען, קומט אָפט דוקא פון דער סאַמע אונערוואַרטעטער זייט, פון וועלכער מען ריכט זיך אַמווייניגסטען...

(חדושי הרי״ם)

„קשין מזונותיו" — שווער זענען די מזונות — „של אָ ד ם" — אויב מען דאַרף נאָך די מזונות אָנקומען צו יענעם, צו אַ צווייטען מענשען...

(רבי יחיאל־מאיר מגאָסטינין)

ויבואו בני ישראל בתוך הים ביבשה... (יד. כב.)

דאָ שטעהט „בתוך הים ביבשה", דאַגעגען אין ווייטערדיגען פסוק (ד. כט.) איז דער נוסח אַנדערש: „ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים"?

דען די ערשטע, ווי עס זאָגען די חז"ל, זענען אַריינגעשפרונגען אין ים נחשון בן עמינדב מיט זיין גרופּע, און ערשט נאָכהער האָבען אויך די איבעריגע אידען, וועלכע האָבען זיך אין תחילת געוואַקעלט, נאָכגעטון זייער ביישפּיעל.

דער ערשטער פסוק בעציהט זיך, אַלזאָ, אויף דער ערשטער גרופּע אידען, אויף זיי ווערט געזאָגט: „ויבאו בני ישראל בתוך הים ביבשה", אַז זיי זענען אַריינגעשפּרונגען „בתוך הים", נאָך איידער ער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין יבשה, דאַגעגען אין צווייטען פסוק רעדט זיך שוין וועגען אַלע איבעריגע אידען בכלל: „ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים", אַז אַריינגעגאַנגען זענען זיי אַהין נאָכדעם, ווי ער איז שוין געהאַט פערוואַנדעלט געוואָרען אין יבשה...

(כלי יקר)

ויבואו בני ישראל בתוך הים...

דערויף זאָגט דער מדרש: „רבי מאיר אומר זה אומר אני יורד תחילה לים וזה אומר אני יורד תחילה לים, רבי יהודה אומר לא כך היה מעשה, אלא זה אומר אין אני יורד תחילה לים וזה אומר אין אני יורד תחילה לים"...

אויף דעם דאָזיגען באמת זעהר מערקווירדיגען מדרש פלעגט זאָגען רבי יהושע'לע קוטנער, אַז רבי מאיר און רבי יהודה זענען לגמרי נישט מחולק צווישען זיך. רבי מאיר דערצעהלט, אַז יעדער איד האָט זיך געריהמט און געזאָגט „אני יורד תחילה לים", דערויף איז מוסיף רבי יהודה, אַז דאָס אַלץ איז ריכטיג, אין תחילת האָט טאַקע יעדער פון זיי אַזוי געזאָגט, אָבער — „לא כך היה מעשה", ווי נור עס איז געקומען למעשה, ווען מען האָט טאַקי אויף אַנ'אמת' געדאַרפט אַריינשפּרונגען אין ים אַריין, דאַמאָלס האָט זיך שוין יעדער איינער גענומען צוריקציהען — „זה אומר אין אני יורד תחילה לים וזה אומר אין אני יורד תחילה לים"...

ויסר את אופן... (יד. כה.)

צו שחרית פון יעדען יום־טוב ווערט געזאָגט דער פּיוט, וועלכער רופט זיך „אופן" (ווייל מען זאָגט עס פאַר דער תפלה פון „והאופנים וחיות הקודש"), מיט'ן אויסנאַהם פון שביעי של פסח. דער „חוות יאיר" זאָגט דערויף בדרך־הלצה, אַז דער מנהג, נישט צו זאָגען אינ'ם דאָזיגען טאָג קיין „אופן", איז מרומז אין דער תורה: ביי קריעת ים־סוף (וואָס דאָס איז דאָך געוועזן אום שביעי של פסח) שטעהט בפירוש — „ו י ס ר את אופן"...

וישב הים לפנות בקר לאיתנו... (יד. כז.)

הלמאי האָט זיך דער ים אַזוי מקדים געווען און ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען האָט ער זיך תיכף אומגעקעהרט צו זיין פריהערדיגען צושטאַנד?

ווייל טראָץ אַלע נסים, וואָס מען האָט די אידען געוויזען, איז מען נאָך אַלץ מיט זיי נישט זיכער געווען, זיי זאָלען זיך נישט ווילען אומקעהרען קיין מצרים צום סיר־הבשר, און דעריבער, ווי נאָר עס איז געוואָרען ליכטיג, האָט זיך דער ים שנעל צוריק־געקעהרט לאיתנו, כדי אָבצושניידען זיי דעם וועג...

(רבי שמואל מאָהילעווער)

„לאיתנו — לתנאו הראשון. תנאי התנה הקב״ה במעשה בראשית עם הים שיקרע לפני ישראל״ (בראשית רבה פ׳ ה׳)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס דאָ אַהער? דאָס האָט דאָך געדאַרפט בעמערקט ווערען פריהער, בשעת קריעת ים־סוף, נישט איצט, ווען דער ים האָט שוין געהאַט מקיים געווען דעם תנאי און עס איז שוין געווען נאָך אַלעם?

נאָר אין מדרש ווערט געבראַכט, אַז אויך ביי דער גאולה השלישית, ביי דער לעצטער גאולה, וועט זיך איבער׳חזר׳ן דער נס פון קריעת ים־סוף. בשעת, אַלזאָ, דער ים האָט זיך אומגעקעהרט לאיתנו, צו זיין פריהערדיגען נאַרמאַלען צושטאַנד, האָט מען איהם דערמאָהנט אינ׳ם „תנאי הראשון״, אַז דערמיט איז עס נאָכנישט געענדיגט, אַז לויט׳ן תנאי, וואָס מען האָט מיט איהם אויסגענומען, וועט ער זיך דאַרפען נאָכאַמאָל שפּאַלטען — ביי דער גאולה השלישית...

(דרשות מה״רי מינץ)

והמים להם חמה מימינם ומשמאלם... (יד. כט.)

„חמה כתיב חסר, שהקב״ה נתמלא חמה על פסל מיכה שעבר עמהם בים״ (בעל־הטורים)

פאַרוואָס איז דאָס נישט מרומז געוואָרען אין פריהערדיגען פסוק: „ויבואו בני ישראל בתוך הים ביבשה והמים להם חומה״ (יד. כב.), פאַרוואָס שטעהט דאָרט דאָס וואָרט „חומה״ מלא?

נאָר דעם פסל מיכה, ווי עס ווערט דערצעהלט אין שופטים, האָט געפיהרט מיט זיך דער שבט דן, און געגאַנגען איז דער שבט דן צום סוף, זייענדיג דער „מאסף לכל המחנות״. אינ׳ם פריהערדיגען פסוק „ויבואו בני ישראל בתוך הים״ רעדט זיך וועגען די ערשטע טיילען פון דער אידישער מחנה, וועלכע זענען אַריינגעגאַנגען אין ים רייהען־ווייז, שבט נאָך שבט (דען עס זענען דאָך נישט אַריינגעגאַנגען אַלע ששים רבוא אידען מיט איינמאָל) און דאַמאָלס איז נאָך דער פסל מיכה נישט געווען אין ים, דען דער שבט דן, אַלס לעצטער, הינטערשטער שבט, איז נאָך דאַן געווען אויף דער יבשה. דאַגעגען אין לעצטען פסוק „ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים״ רעדט זיך וועגען דעם מאָמענט, ווען אַלע אידען האָבען זיך שוין געפינען אין ים און דעריבער — „והמים להם חמה — חמה כתיב, שהקב״ה נתמלא עליהם חמה על פסל מיכה״...

(ווילנער גאון)

ויושע ד׳ ביום ההוא... (יד. ל.)

צו רבי חיים צאַנזער איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ אידענע און געוויינט, אַז זי

געפינט זיך נעביך אין אַ זעהר ביטערען מצב; האָט איהר דער צאַנזער געטרייסט, זאָגענדיג: האָט אמונה אין אויבערשטען, וועט איהר געהאָלפען ווערען! דערויף האָט איהם געענטפערט די אידענע: הייליגער רבי, אין אונזער תורה שטעהט דאָך אַנדערש געשריבען, פריהער שטעהט „ויושע ד׳ ביום ההוא״ און ערשט דערנאָך — „ויאמינו בד׳ ובמשה עבדו״...

רבי חיים צאַנזער האָט דעם דאָזיגען ענטפער פון אַ פשוטער אידענע שטאַרק געלויבט און ער פלעגט עס איבער׳חזר׳ן ביי יעדע געלעגענהייט...

וירא ישראל את היד הגדולה וכו׳ וייראו העם את ד׳... (יד. לא.)

פריהער, ביי די עשר מכות — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — האָבען די אידען געהאַט ספקות, טראַכטענדיג אפשר איז דאָס אַלץ אַ צופאַל. אפשר איז עס מעשה־כשוף. ערשט דאַן ווען עס איז געווען „וייראו העם את ד׳״, ווען זיי האָבען דער־פיהלט אין זיך גופא די „יראת הרוממות״, ערשט דאַמאָלס האָבען זיי אָנגעהויבען משיג זיין, אַז עס איז אַלץ פון הימעל.

אַ פונק יראת־שמים — האָט דער קאָצקער דערביי אויסגעפיהרט — וועגט־איבער אַלע מופתים...

וירא ישראל וכו׳ ויאמינו בד׳... (יד. לא.)

כאָטש זיי האָבען אַליין געזעהען די נסים, דאָך האָבען זיי זיך אויך גענויטיגט אין אמונה, דען אמונה איז העכער ווי זעהן. דורך אמונה זעהט מען מעהר, ווי מיט די אויגען...

(חדושי הרי״ם)

ויאמינו בד׳ ובמשה עבדו...

„אם במשה האמינו, קל וחומר בד׳, ומה תלמוד־לומר במשה? ללמדך שכל המאמין ברועה ישראל, כאילו מאמין במי שאמר והיה העולם״ (ילקוט שמעוני)

אָנשטאָט „ומה תלמוד לומר במשה״ וואָלט דאָך דער ריכטיגער און לאָגישער אויס־פיהר פון דער פראַגע געדאַרפט זיין: „ומה תלמוד לומר בד׳״?

פערשידענע מפרשים שטעלען זיך אויף דער דאָזיגער פראַגע. באמת אָבער איז דער דאָזיגער מאמר אין ילקוט־שמעוני גענומען פון דער מכילתא, און דאָרט איז טאַקי דער נוסח אַנדערש: „אם במשה האמינו ק״ו בד׳, א״כ למה נאמר בד׳, ללמדך וכו׳, כיוצא בדבר וידבר העם באלקים ובמשה, אם בד׳ דברו ק״ו במשה, א״כ למה נאמר ובמשה וכו׳״.

ווי עס איז, אַלזאָ, צו זעהן, איז אין ילקוט־שמעוני דער „אם כן למה נאמר ובמשה״ אַריינגעפאַלען עפ״י טעות פון צווייטען, נאָהנטסטען מאמר.

(דבש וחלב)

אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת... (טו. א.)

דערויף פרעגט דער כלי־יקר: פאַרוואָס שטעהט נישט אויך ביי שירת־הבאו „את השירה הזאת״, נאָר דאָ?

אַן־אונפערשטענדליכע פראַגע! אויך ביי שירת־הבאר (חוקת כא. יז.) שטעהט דאָך בפירוש: „אז ישיר ישראל את השירה הזאת עלי באר וכו׳״!?...

אז ישיר משה ובני ישראל...

„מכאן לתחית־המתים מן התורה״... (סנהדרין צ.)

ווען מען זעהט ווי עס האָט געקאָנט געשעהען דאָס וואונדער און עס איז מעגליך געוועז, אַז דיזעלבע אידען זאָלען זיך אַזוי גרינדליך ענדערן, אַז דער „ולא שמעו אל משה״ זאָל זיך ענדיגען מיט „אז ישיר משה ובני ישראל״ — מוז מען אָנהויבען גלויבען אין תחית־המתים און האָפען, אַז אויך אונזערע „עצמות היבשות״, וועלכע זענען אין פלוג, דוכט זיך, אַזוי וויט פונ׳ם גאולה־געדאַנק, וועלען סוף־כל־סוף אויפלעבען...

(הרב א. לעוויטאַן)

אין אַמעריקע, כידוע, זענען אידען שטאַרק פערקאָכט אין חזנות, אַלע אידען זענען דאָרט מבינים אויף זינגען...

זעהט־אויס, אַז זיי האָבען דידאָזיגע אייגענשאַפט איבערגענומען בירושה פון אונזערע עלטער־זיידעס. אויך אין מצרים האָבען אידען נישט געקאָנט דאָס מויל עפענען; אָבער ווי־נאָר זיי זענען אַריבערגעקומען אויף יענער זייט ים, איז מיט איינמאָל — „אָז ישיר משה ובני ישראל״...

(אנ׳אמעריקאַנער ווערטעל)

זה אלי ואנוהו... (טו. ב.)

„בכבודו נגלה עליהם והיו מראין אותו באצבע, ראתה שפחה על הים מה שלא ראו נביאים״ (רש״י)

פונוואַנען דרינגט עס דער דרש, אַז די דאָזיגע ווערטער האָבען געזאָגט די שפחות?

האָט געזאָגט דערויף דער סאָכאַטשעווער גאון, רבי אברהמ׳לע:

דער דין איז אין דער משנה: „הגר מביא ואינו קורא״, אַז דער גר, ביים ברענגען בכורים, לייענט נישט די פרשה פון בכורים, ווייל ער קאָן נישט זאָגען: „אָשר נשבע לאבותינו לתת לנו״, און דאָס זעלבע איז אויך ביי עבדים ושפחות (בכורים פרק א׳).

אין פסוק דאָ ווערט געזאָגט: „זה אלי ואנוהו, אלקי אָבי וארוממנהו״, פאַרוואָס איז דער „אלקי אָבי״ נישט דערמאָהנט פריהער, באַלד אינ׳ם ערשטען פסוק? איז דערפון דרינגט דער דרש, אַז די ערשטע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען דורך אַזעלכע, וועלכע קאָנען נישט זאָגען „אלקי אָבי״, דורך די עבדים ושפחות און — „ראתה שפחה על הים מה שלא ראו נביאים״...

„זה אלי ואנוהו — התנאה לפניו במצוות, עשה לפניו סוכה נאה, לולב נאה וכו׳. אַבא שאול אומר ואַנוהו — הוי דומה לו, מה הוא חנון ורחום אַף אתה היה חנון ורחום״ (שבת)

פאַרהאַן פרומע אידען, וואָס זענען מדקדק במצוות און זשאַלעווען נישט קיין געלד אויף שענע תפילין, אַ שענע סוכה, אַ שענעם אתרוג; דאַגעגען, ווען עס קומט צו אַזעלכע מצוות, ווי צדקה און גמילת־חסדים, זענען זיי האַרט, ווי די שטיינער... אַבא

שאול קומט דעריבער מוסיף זיין אויף די ווערטער פון ערשטען תנא: אַודאי דאַרף מען זעהן צו האָבען אַ שענע סוכה, אַ שענעם לולב א.אַ.וו.; אָבער נאָך נישט דאָס איז דאָס גאַנצע. דער עיקר איז — „מה הוא חנון ורחום — אף אתה היה חנון ורחום״!...
(פינות־הבית)

ותצאן כל הנשים אחריה בתופים ובמחולות... (טו. כ.)

דער תוף, די פויק, איז געווען אַ בעגלייט־אינסטרומענט ספעציעל ביי טענץ און בענוצט האָבען זיך מיט איהם נאָר פרויען, ווי עס איז צו זעהן פון פסוק: „קדמו שרים אחרי נוגנים — בתוך עלמות תופפות״ (תהלים ס״ח)...
(דקדוקי סופרים)

ויורהו ד׳ עץ... (טו. כה.)

„הקב״ה ממתיק מר במר״... (מדרש)

דאָס ביטערע ווערט זיס דורכ׳ן ביטערן... בשעת עס איז אַ מענשען שלעכט, ווייזט מען איהם, אַז ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע עס איז נאָך ערגער, נאָך ביטערער פון איהם — און דאָס גופא איז שוין פאַר איהם אַ שטיקעל טרייסט...
(כתב סופר)

שם שם לו חק ומשפט... (טו. כה.)

דאָס אונפערשטענדליכע מיטעל, אַז דאָס וואַסער זאָל ווערען זיס פונ׳ם ביטערן האָלץ, וואָס עס איז נגד דעם שכל, האָט אויף זיי געווירקט, זיי זאָלען אויף זיך מקבל זיין די חוקים ומשפטים, הגם אויך זיי זענען אין אַ געוויסען טייל אונפערשטענדליך און נגד דעם שכל...
(רבי לייביש חריף)

„שבת ופרה אדומה ודינין״ (רש״י)

די מפרשים בעמיהען זיך צו געפינען דעם מקור, פון וואַנען רש״י האָט גענומען, אַז אויך די מצוה פון פרה־אַדומה איז געגעבן געוואָרען אין מרה, דען אין דער גמרא (סנהדרין נ״ו) איז דער נוסח אַביסעל אַנדערש, נעמליך: „והוסיפו עליהם דינין ושבת וכיבוד אב ואם״, און אַזוי איז אויך אין מכילתא.

אָבער, ווי עס איז העכסט וואַהרשיינליך, איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות־הדפוס. די ווערטער „וכיבוד אב״ זענען געשטאַנען פערקירצט, אין ראשי־תיבות: „וכ״א״. אָבער דער בחור הזעצער, ווי עס טרעפט אָפט, האָט די כ׳ פערביטען אויף אַ פ׳ און עס איז אַרויסגעקומען: ופ״א, און דערפון האָט זיך גענומען דער גריז — „ופרה־אדומה״...
(תורה תמימה)

אם שמוע תשמע לקול ד׳ אלקיך והישר בעיניו תעשה... (טו. כו.)

„והישר בעיניו תעשה — זה משא־ומתן, מלמד שכל מי שנושא ונותן באמונה וכו׳ מעלין עליו כאלו קיים כל התורה״...
(מכילתא)

כל המחלה אשר שמתי במצרים... (טו. כו.)

דוד המלך, ווי עס ערקלערען די חז״ל (סנהדרין צ״ה), איז נענש געוואָרען דערפאַר, ווייל צוליעב דעם, וואָס דואג האדומי האָט גערעדט אויף איהם רכילות פאַר שאול׳ן, האָט שאול געהייסען אויסהרג׳ענען די שטאָדט נוב עיר הכהנים און צוליעב דעם חטא איז נאָכהער אומגעקומען שאול און זיינע דריי זיהן. הגם דוד אַליין איז ביי דעם אַלעם אַבסאָלוט נישט געווען שולדיג איז ער דאָך נענש געוואָרען, ווייל דאָס אַלץ איז דאָך סוף־כל־סוף געשעהן צוליעב איהם און ער האָט אונדירעקט דערצו גורם געווען...

און צוליעב דעם איז איצט, נאָך די מפלה פון די מצרים, נויטיג געווען די הבטחה, אַז כאָטש די מצרים זענען צוליעב זיי אומגעקומען, כאָטש זיי, די אידען, האָבען דערצו גורם געווען, דאָך — „כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך״, וועלען זיי דערפאַר נישט נענש ווערען...

(חתם סופר)

ווי בעקאַנט, איז דער רמב״ם געווען דער לייב־דאָקטאָר פון סולטאַן צלאח א־דין, צו וועלכען ער איז רעקאָמענדירט געוואָרען דורך זיין פריינד, דער גרויס־וועזיר אלפאַצל, און די גאַנצע צייט, וואָס דער סולטאַן האָט זיך געפונען אונטער דעם רמב״מ׳ס אויפזיכט, איז ער קיינמאָל נישט קראַנק געווען.

איינמאָל האָט זיך דער סולטאַן פאַר איהם אויסגעדריקט, אַז צוליעב דעם, וואָס ער איז שטענדיג געזונד, האָט ער נישט געהאַט נאָך די געלעגענהייט צו איבערצייגען זיך, צי דער רמב״ם איז ווירקליך אַ גוטער דאָקטאָר, און צי וואָלט ער אימשטאַנד געווען איהם אויסצוהיילען, ווען ער וואָלט געוואָרען קראַנק... דערויף האָט איהם דער רמב״ם געענטפערט:

— דער גרעסטער רופא אין דער וועלט איז דער אויבערשטער, ווי עס ווערט געזאָגט אין תורת־משה: „אני ד׳ רופאך״, איך, גאָט, בין דיין דאָקטאָר, און אַלס בעווייז, וואָס פאַר אַ גרויסער רופא ער איז, ווערט דערביי ערקלערט: „כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך״, דען דער ווירקליך גרויסער דאָקטאָר איז נישט דער, וואָס היילט דעם קראַנקען, נאָר דער יעניגער, וועלכער לאָזט איהם באַלד נישט קראַנק ווערען...

די דאָזיגע מיינונג דריקט אויך אויס דער רמב״ם אין זיין „מכתב בדבר הנהגת האדם״ (געדרוקט אין כרם חמד מחברת ג׳), וואו עס ווערט געזאָגט: „רב המחלות הבאות על האדם אך הוא בעצמו אשם בהם בהעדר ידיעתו איך להתנהג בימי בריאותו, כמו שהסומא מפני שהוא חסר־הראות נכשל תמיד ומחבל בעצמו ועושה חבורות גם לזולתו״ (אינ׳ם רוב קראַנקהייטען, וואָס קומען אויפ׳ן מענשען, איז ער זעלבסט אין זיי שולדיג, צוליעב דעם, ווייל ער ווייסט נישט, ווי אַזוי זיך אומצוגעהן בשעת ער איז געזונד, פונקט ווי דער בלינדער, ווייל עס פעהלט איהם די ראיה, ווערט ער שטענדיג געשטרויכעלט און דערפון לוידען אויך אַנדערע).

כי אני ד׳ רופאיך... (טו. כו.)

רבונו של עולם! — האָט זיך אַמאָל רבי לוי יצחק אויסגע׳טענה׳ט מיט׳ן אויבערש־טען — דער דין איז דאָך, אַז החובל בחברו איז ער מחויב אין חמשה דברים, דאַרף ער איהם בעצאָהלען פאַר נזק, צער, ריפוי, שבת און בושת. טאָ וואו איז די בעצאָהלונג פאַר אַלע אונזערע יסורים און לוידען? וועסטו אפשר זאָגען, אַז דו ביזט פטור פון

רפא ירפא, ווייל דו שלאָגסט דיינע אייגענע קינדער? איז דאָך אָבער דער דין, אַז החובל בבניו, און זיי זענען נישט קיין סמוכים על שלחנו, ער האַלט זיי נישט אויס מיט קיין פרנסה, איז ער חייב? ווען פאַרוואָס זשע איז דיר ניש חל דער רפא ירפא, ווייל „אני ד׳ רופאיך", דו ביזט אַליין אַ דאָקטאָר? זאָגט אָבער די גמרא, אַז אויב דער חובל איז אַליין אַ דאָקטאָר קאָן ער זיך דערמיט נישט פטר׳ן און „ואי אמר ליה אסייך אנא, אומר ליה דמית עלי כאריא ארבא" (בבא קמא פ״ה), טאָ פאַרוואָס ביזטו, רבונו של עולם, נישט מקיים דעם דין, פאַרוואָס בעצאָהלסטו אונז נישט פאַר אונזערע שווערע ליידען?...

וילונו כל עדת בני ישראל על משה ועל אהרן... (טז. ב.)

פאַר אידען — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער — קאָן מען קיינמאָל נישט יוצא זיין, און דאָס איז אויך די כוונה פון פסוק: „ויקנאו למשה במחנה ולאהרן קדוש ד׳" (תהלים ק״ו).

דען משה ואהרן האָט איטליכער פון זיי געהאַט זיין בעזונדערע התנהגות: משה איז געווען אַן־אָבגעזונדערטער, אַ מתבודד, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „ומשה יקח את האהל ונטה לו מחוץ למחנה הרחק מן המחנה", דאַגעגען אהרן איז געווען אַ מעורב עם הבריות, אַן „אוהב שלום ורודף שלום", געלעבט צוזאַמען מיט׳ן פאָלק און זיך אינטערעסירט מיט איטליכענס פריוואַטע ענינים.

אונזערע אידען אָבער האָבען צוביידע געהאַט טענות: „ויקנאו למשה במחנה", משה׳ן האָט מען פאָרגעוואָרפען, הלמאַי ער האַלט זיך פונדערווייטענס און זיצט נישט אין דער „מחנה" צוזאַמען מיט׳ן פאָלק און — „לאהרן קדוש ד׳", צו אהרן ווידער האָט מען געהאַט פערקעהרטע טענות: הלמאַי ער איז צופיעל קנעפּעל בקנעפּעל מיט׳ן המון, הלמאַי ער פיהרט זיך נישט ווי אַ „קדוש ד׳" און פראַוועט נישט קיין התבודדות...

בשבתנו על סיר הבשר באכלנו לחם לשובע... (טז. ג.)

וואָס עפּיס „בשבתנו על סיר הבשר", פאַרוואָס שטעהט נישט סתם: „באכלנו בשר"?

נאָר דאָס רעדט זיך — ערקלערט רבי אליעזר אַשכנזי אין ספר „מעשי ד׳" — וועגען אַ געוויסען מאכל, וואָס מען איז זיך נוהג עד היום צו עסען אין מצרים און וואָס רופט זיך אין עגיפּטיש „קושקושו". דאָס מאַכל בעשטעהט פון אַ שיטער טייג, מעהל מיט וואַסער, וואָס ווערט אַריינגעטהון אין אַ ספּעציעלע כלי און אָוועקגעשטעלט אויף אַ זודיגען טאָפּ מיט פלייש. די כלי איז אַ געלעכערטע און דאָס מאכל קאָכט זיך אויף דער הייסער פּאַרע פון פלייש, איינזאַפּענדיג אין זיך דעם פליישיגען טעם... און אָט דאָס איז דער פשט: „בשבתנו על סיר הבשר באכלנו לחם לשובע", מיר האָבען געגעסען צו דער זעט ברויט, וואָס מען האָט עס געקאָכט על סיר הבשר...

ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו... (טז. ד.)

דער מענש, וועלכער האָט היינט וואָס צו עסען און ער געהט־אַרום און דאַגה׳ט: וואָס וועל איך עסען מאָרגען? — איז ער פון די שוואַך־גלויביגע, מקטני־אמונה...
(תנחומא)

רבי מרדכי לעכעוויטשער, איידער ער איז נתגלה געוואָרען, איז ער געווען אַ גרויסער אביון, געווען טעג ווען עס האָט זיך אין שטוב קיין כזית ברויט נישט געפינען. איינמאָל קומט אַריין צו איהם אַ היימישער איד, זעהט ער, ווי דאָס ווייב און קינדער זיצען פעריאָמערט און קרעכצען פון הונגער, רבי מרדכי דאַגעגען שטעהט זיךביים פענסטער און זינגט זיך פרעהליך אַ זמר׳ל.

— היתכן — פרעגט איהם יענער פערוואונדערט — ווי איז עס אַ טאַטע אַזאַ אַכזר? דיין בני־בית ווייגט, אויסגעהענדיג נאָך אַ שטיקעל ברויט, און דו שטעהסט דיר גאָר בעת־מעשה און זינגסט?

— זיי וויינען — ענטפערט איהם דערויף רבי מרדכי לעכעוויטשער — ווייל זיי האָבען בטחון צו מיר, וואַרטענדיג, איך זאָל זיי פערזאָרגען מיט ברויט, און אַז מען האָט בטחון צו אַ בשר־ודם דאַרף מען טאַקי וויינען, איך אָבער האָב בטחון צום רבונו של עולם און דעריבער זינג איך, וואָרום נישקשה, אויפ׳ן רבונו של עולם קאָן מען זיך פערלאָזען...

(אור ישרים)

הנני ממטיר לכם לחם... למען אנסנו הילך בתורתי... (טז. ד.)

איהר האָט דאָך שטענדיג אַ תירוץ, אַז איהר קאָנט נישט עוסק זיין בתורה צוליעב דאַגת־פרנסה, ווייל „אם אין קמח אין תורה״, — וועל איך אויף טשעקאַוועס אַ פּראָבע מאַכען: „הנני ממטיר לכם לחם״... און לאָמיר, אַדרבה, זעהן, צי וועט איהר איצט שוין וועלען לערנען... „למען אַנסנו — הילך בתורתי״...

(דברי חפץ)

אָרימקייט איז שלעכט, אָבער אויך עשירות איז נישט קיין גרויסע מעלה. ביידע זאַכען זענען עלול אָראָבצופיהרען דעם מענש פון גלייכען וועג. „עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו״ (עירובין מ׳) און — „וישמן ישורון ויבעט״. אַמבעסטען איז: „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו״, אַז זיי זאָלען האָבען בלויז אַזויפיעל, וויפיעל עס איז זיי נויטיג פאַר זייערע טאָג־טעגליכע בעדערפענישען, נישט ליידען קיין אָרימקייט, און נישט זיין איבערגעזעטיגט מיט קיין מותרות, און דאַן וועלען זיי קיין שום תירוץ נישט האָבען און עס וועט זיין דער איינציגער ריכטיגער פּרוב — „למען אנסנו הילך בתורתי אם לא״...

(תוספת ברכה)

אַן־אָרימאַן איז קיין רבותא נישט, אויב ער איז פרום. אַלע אָרימעלייט זענען בטבע פרום. די אמת׳ע פּראָבע וועט זיין בשעת „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים״... דאַמאָלס ערשט וועל איך מיך קענען איבערצייגען, צי איהר זענט טאַקי באמת פרום.

(בן פורת יוסף)

רבי שמעלקע ניקעלשבורגער פלעגט זאָגען: ס׳איז אַ טעות, וואָס טייל מענשען מיינען, אַז דערפאַר ווייל זיי זענען פרום און אָבגעהיטען, זענען זיי אָרים, און אַז אויב זיי וואָלטען נישט פרום געווען, וואָלט זיי געגאַנגען בעסער. שקר וכזב! „יראו את ד׳ קדושיו — וואָרום — כי אין מחסור ליראיו״ — דער מחסור, די אָרימקייט, נעהמט זיך נישט פון יראה, פון פרומקייט, וואָרום והא ראיה, מיר זעהען גאַנץ אָפט, אַז — „כפירים רשו ורעבו״ — אַז עס זענען פערהאַנען אַזעלכע כופרים וועלכע זענען פער־

אָרימט און הונגעריג, דאַגעגען זעהען מיר אויך פערקעהרט, אַז — „ודורשי ד׳ לא יחסרו כל טוב״, אַז ס׳זענען פאַרהאַן פרומע, עהרליכע אידען, וועלכע זענען געבענשט מיט אַלעם גוטען...

בשעת דער „מחנה לוי״ איז געווען רב אין פראַנקפורט האָט ער געפיהרט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע געגען דעם פריצת־גדר פון די רייכע אידישע פרויען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען געהן אין די אייגענע האָר. איינמאָל, געהענדיג אין גאַס, בעמערקט ער אַן אָרימע פרוי אין אָבגעריסענע מלבושים, און אויך זי געהט אין די אייגענע האָר, שטעלט ער זיך אָב, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און זאָגט צו איהר מיט׳ן פסח׳דיגען הגדה־ניגון: „שערך צמח — ואת ערום ועריה״... ערום ועריה, נאַקעט און באָרוועס, און דאָך — ושערך צמח, אין די אייגענע האָר!...

„רבי שמעון היה אומר, לא ניתנה התורה לדרוש אלא לאוכלי המן״ (מכילתא)

רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן האָט איינמאָל, בשעת עס איז געווען אַ גרויסער מאַנגעל און יקרות אויף פלייש, מתיר געמאַכט די לעמבערגער קצבים מנקר צו זיין די אחוריים.

בעת רבי חיים צאַנזער האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַוועקגעשיקט צו איהם אַ בריעף מיט אַן אַנפראַגע: היתכן? ווי ערלויבט ער זיך מתיר צו מאַכען אַ זאַך, וואָס די גדולי ישראל אין פוילען האָבען גע׳אַסר׳ט? דערויף האָט איהם רבי יוסף שאול אָבגעענטפערט מיט כמה וכמה ראיות וסברות, אַז בשעת הדחק, ובפרט אין אַ הונגער צייט, מעג מען עס מתיר מאַכען.

רבי חיים צאַנזער איז פון דער תשובה נישט געבליבען צופרידען און ער האָט איהם אָבגעענטפערט מיט אַ צווייטען בריעף, אין וועלכען ער האָט אָבגעווענדעט אַלע גע־בראַכטע ראיות און דערביי צוגעגעבען צום סוף, אַז איצט ווערט איהם פערשטענדליך די מכילתא: „לא ניתנה התורה לדרוש אלא לאוכלי המן״. נאָר די אוכלי־המן, וועלכע האָבען זיך נישט גענויטיגט אין קיין זאַך, האָבען זיך געקענט ערלויבען בנוגע די עניני אכילה צו דרש׳נען פון דער תורה כל מיני דרשות און פשט׳לעך, דען זיי האָבען צו קיין שום מכשול נישט געקאָנט ברענגען, היינט אָבער, בעת עס האַנדעלט זיך וועגען אכילה, מוז מען זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט די דרשות, וואָרום מען קאָן לייכט נכשל ווערען להתיר את האסור...

ווי אַזוי וועלען זיי דורכ׳ן מן געפרובט ווערען, צי זיי זענען מקיים די תורה?

נאָר — ווערט דערויף נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון אַ גדול — אין מן, זאָגען די חז״ל, האָט יעדער געהאַט די מעגליכקייט צו פיהלען וואָס פאַר אַ טעם ער האָט געוואָלט. לויט דעם טעם, אַלזאָ, וואָס יעדער איינער האָט מכוון געווען צו פיהלען אין מן, איז קענטיג געווען דער „הילך בתורתי אם לא״, צי ער איז אדוק בדרך התורה, אָדער נישט. דער בן תורה האָט עסענדיג דעם מן זיך בענוגענט צו פיהלען בלויז דעם טעם פון „פת במלח ומים במשורה״, דען נאָר אַזוי אָרום קאָן מען מקיים זיין דעם „כך דרכה של תורה״ און דעם „ובתורה אתה עמל״, דאַגעגען דער עולם־הזה׳ניק האָט אין זינען געהאַט בלויז דעם פרעס, צו פיהלען וואָס מעהר דעם טעם פון גוטע מאכלים...

דער קאָצקער רבי האָט אַמאָל געעפענט די שטענדיג־אָבגעשלאָסענע טיר פון זיין חדר־מיוחד און אַריינגערופען זיין משמש ר׳ פייוועל, וועלכען ער האָט פלוצלינג אַ פרעג געטהון:

— פיוועל! ווי אַזוי טייטשט די וועלט דעם מאמר פון מכילתא: „לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן״?

— די וועלט טייטשט — האָט דער משמש געענטפערט — אַז דאָס מיינט מען די קעסט־קינדער, די וואָס טראָגען נישט אויף זיך קיין דאגות־פרנסה.

— ניין, נישט דאָס מיינט די מכילתא! — האָט אַ זאָג געטהון דער קאָצקער — פערקעהרט. להיפוך! געמיינט ווערען דערמיט נור יענע אידען, וועלכע האָבען קוים איבערצולעבען דעם היינטיגען טאָג און זיי האָבען נישט קיין שום מורא, פונוואַנען זיי וועלען נעהמען אויף מאָרגען, פונקט ווי עס איז געווען ביים מן, ווען מען האָט נישט געזאָרגט און נישט געהאָרעוועט אויפ׳ן מאָרגענדיגען טאָג — אָט פאַר אַזעלכע אידען איז געגעבען געוואָרען די תורה!...

און נאָך די דאָזיגע ווערטער איז ער צוריק אַריין און זיך אָבגעשלאָסען אין זיין התבודדות־חדר...

ונחנו מה כי תלינו עלינו... (טז. ז.)

„גדול מה שנאמר במשה ואהרן ממה שנאמר באברהם, דאילו באברהם כתיב ואנכי עפר ואפר, ואילו במשה ואהרן כתיב ונחנו מה״ (חולין פ״ט)

מיט וואָס איז „ונחנו מה״ אַ גרעסערער אויסדרוק פון עניוות, מעהר ווי „ואנכי עפר ואפר״?

נאָר אברהם אבינו האָט די ווערטער „ואנכי עפר ואפר״ געזאָגט צו אַ לאַין־ערך העכערען פון איהם — צום אויבערשטען, איז דאָס נישט אַזאַ גרויסע רבותא. געוויס און זעלבסטפערשטענדליך, אַז לגבי השי״ת איז דער בשר־ודם קוים עפר־ואפר... משה ואהרן אָבער האָבען דעם „ונחנו מה״ געזאָגט צו פיעל נידריגערע פון זיי — צו די מתלוננים, צו די, וואָס נאָך אַלע נסים, וואָס מען האָט זיי בעוויזען, האָבען זיי זיך אַוועק־געשטעלט געוואַלדעווען, אַז זיי ווילען צוריק צום סיר־הבשר, און אויסצודריקען זיך פאַר אַזעלכע פאַרשוינען: „ונחנו מה״ — דאָס איז באמת אַן אונגעוועהנליכע עניוות...

(כתב סופר)

ויאמר משה וכו׳ בשמוע ד׳ את תלונותיכם אשר אתם מלינים עליו... (טז. ח.)

אין פסוק ווערט דאָך בלויז געזאָגט: „וילונו כל עדת בני ישראל על משה ועל אהרן״, אַז נאָר אויף זיי האָבען זיי מתרעם געווען, נישט אויפ׳ן אויבערשטען?

נאָר — האָט דערויף געזאָגט רבי יצחק וואָלאָזשינער — משה האָט בכיוון גע־ענדערט און געזאָגט: „אַך את תלונותיכם אשר אתם מלינים עליו״, בכדי אַזוי אַרום לייכטער צו מאַכען זייער חטא, דען „עבירות שבין אדם לחברו״ זענען האַרבער ווי די „עבירות שבין אדם למקום״...

תשבעו לחם וידעתם כי אני ד׳... (טז. יב.)

עסען ברויט צו דער זעט און דערביי פונדעסטוועגען געדענקען אין גאָט, אָט דאָס איז אַ רבותא...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

ויאמרו איש אל אחיו מן הוא כי לא ידעו מה הוא... (טז. טו.)

רבי יוסף אבן כספי פערטייטשט דאָס וואָרט „מן" פון לשון מנה, אַ פּאָרציע, „מנה אחת אפים". וואָרום „כי לא ידעו מה הוא", ווייל זיי האָבען נישט געוואוסט, וואָס עס איז, האָבען זיי עס דעריבער גערופען סתם: „מן", אַ חלק, אַ פּאָרציע שפּייז...

וואָס פאַר אַ ברכה האָבען אידען אין מדבר געמאַכט אויפ'ן מן? עס שטעהט דאָך בפירוש: „משה תקן לישראל ברכת־הזן בשעה שירד להם מן" (ברכות מ"ח) — טאָ וואָס פאַר אַ ברכה איז עס געווען?

צווישען די פערשידענע מפרשים איז פאַרהאַן וועגען דעם גאָר אַ שטאַרקע חלוקי־דעות. טייל זאָגען: היות ווי דער מן ווערט אָנגערופען „לחם" — „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים", האָט מען געדאַרפט דערויף מאַכען אַ „המוציא"; נישט, פערשטעהט זיך, קיין „המוציא לחם מן הארץ", נאָר — „המוציא לחם מן השמים"... אַנדערע זאָגען: „בורא מיני מזונות", וואָרום — „וטעמו כצפיחית בדבש"... נאָך אַנדערע האַלטען: אַ „שהכל", דען — „ועל כלם אם אָמר שהכל יצא"... קומט גאָר איינער און פּסק'ענט: קיין שום ברכה נישט! פאַרוואָס? ווייל דערפאַר — זאָגט דער רשב"א — מאַכט מען נישט קיין ברכה, למשל, אויף דער מצוה פון צ ד ק ה, מחמת מען איז מיט דער דאָזיגער ברכה נישט זיכער, דען דער מקבל קאָן דאָך אין דער לעצטער רגע חרטה האָבען, אָבזאָגען זיך פון דער צדקה, און דאַן קומט אויס, אַז דער נותן האָט געמאַכט אַ ברכה לבטלה... און דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן מן: היות ווי אינ'ם מן, ווערט געזאָגט, האָט מען געקאָנט פיהלען אַלע טעמים, וואָלט דאָך געקאָנט פּאַסירען, אַז נאָכ'ן מאַכען די ברכה זאָל זיך דער בעל־דבר פלוצים מיישב זיין און חשק האָבען צו פיהלען אינ'ם מן אַ טעם פון אַ גאַנץ אַנדער מין מאכל, איבער וועלכען מען דאַרף גאָר אַנ'אַנדער ברכה מאַכען, און דאַן איז דאָך די ערשטע ברכה — אַ ברכה לבטלה...

אין שבת שירה איז, ווי בעקאַנט, אַ מנהג ביי אידען אַרויסצוגעבען עסען פאַר די פייגעלעך. פון וואַנען נעהמט זיך דער דאָזיגער מנהג?

מחמת — זאָגט דערויף רבי מאיר'ל פּרימישלאַנער — אין מדרש ווערט דערצעהלט, אַז דתן ואבירם האָבען פרייטאָג ביינאַכט פונאַנדערגעוואָרפען אין דרויסען זייערע פּאָרציעס מן, כדי צו ווייזען אויף־צומאָרגענס דעם עולם, אַז משה האָט געזאָגט ליגען און אַז דער מן פון הימעל פאַלט אויך אום שבת, אָבער צומאָרגענס אין דער פריה, ווען זיי האָבען גערופען די שכנים צו געהן קלויבען מן — „ויצאו מן העם ללקוט ולא מצאו", האָט מען קיין שום מן נישט געפינען.

וואו־זשע איז עס אַהינגעקומען? — די פייגעלעך האָבען עס איבער נאַכט אויפגעגעסען...

און אַלס דאַנקבאַרקייט איז מען זיי דעריבער אינ'ם דאָזיגען שבת, שבת שירה, מכבד מיט שפּייז, הויפּטזעכליך מיט קאַשע, וואָס האָט דעם אויסזעהן פון מן...

וועגען דעם מנהג צו וואַרפען אין שבת־שירה שפּייז פאַר די פייגעלעך שרייבט רבי יעקב עמדין אין זיין סדור: „מנהג שטות הוא ואסור" און אַזוי שרייבט אויך דער „מגיד משנה" (הל' שבת סי' שכ"ד ס"ק ז'): „דאינו נכון שהרי אין מזונותן עליך", דאַגעגען ווערט דער דאָזיגער מנהג שטאַרק געלויבט אין די חסידישע ספרים און אין „אור פני משה" ווערט געגעבען דערויף פאָלגענדער טעם:

אין שבת שירה ווערט געלייענט די פרשה פון מן און „צנצנת המן", וועלכע איז אונז מרמז, אַז די מענשליכע פרנסה איז אָבהענגיג פון השי"ת, און אַזוי ווי מיר האָבען היינט נישט מעהר דעם צנצנת המן, וועלכער איז נגנז געוואָרען, זענען מיר זיך דערביבער נוהג, אַלס עהנליכען זכר דערצו, צו וואַרפען שפייז פאַר די פויגעל (און „ישראל נמשלו לצפרים"), ווייזענדיג דערמיט, אַז אויך אונזערע מזונות זענען תלוי בידי־שמים, זיי קומען בהיסח־הדעת און עס העלפט נישט קיין זוכעניש...

לקטו ממנו איש לפי אכלו... (טז. טז.)

בשעת רבי משה קרעמער, דער זיידע פון ווילנער גאון, איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין ווילנא, האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון צו נעהמען שכירות און געלעבט האָט ער דערפון, וואָס די רביצין האָט געהאַט אַ קרעמעל, פון וועלכען זיי האָבען זיך בצמצום מפרנס געווען. די בעלי־בתים האָבען דאָך איהם אָבער געוואָלט מהנה זיין, זענען אַלע אַוועק קויפען אין דער דאָזיגער קראָם. בשעת רבי משה האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער גוזר געווען אויף דער רביצין, אַז יעדען טאָג, ווי נאָר זי וועט האָבען געלייזט אַזויפיעל, אַז עס זאָל קלעקען אויפ'ן טאָג פרנסה, זאָל זי תיכף שליסען די קראָם. די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט — האָט ער איהר ערקלערט — „לקטו ממנו איש לפי אכלו", מען טאָר זיך נישט אָנגרייטען מעהר וויפיעל מען דאַרף און עס איז, אַחוץ דעם, קיין יושר נישט, אַז צוליעב מיר, דערפאַר ווייל כ'בין רב, זאָלען די אַנדערע קרעמער ליידען און היזק האָבען פדיון...

איש לאשר באהלו תקחו... (טז. טז.)

פונדאַנען — דרינגען די גאונים — איז אַן אסמכתא, אַז דער מענש איז חייב במזונות אשתו.

און דעריבער — ווערט דערויף צוגעגעבען — ווערט דאָס געזאָגט ביים מן; אַלס אָנדייטונג, אַז מחויב איז מען מפרנס צו זיין דאָס ווייב נאָר מיט אַזעלכע מזונות, וועלכע זאָלען זיין עהרליך און כשר, ווי דער מן, און אַזוי טאַקי ווערט בפירוש איינגעשריבען אין דער כתובה: „ומפרנסון לנשיהון בקושא"...

(מעדני מלך)

ויותירו אנשים ממנו עד בקר... (טז. כ.)

צווישען די, וואָס האָבען נישט געפאָלגט דעם בעפעהל און האָבען זיך בעהאַלטען אַ טייל מן אויף מאָרגען, האָבען דאָס אַ טייל געטהון, ווייל זיי זענען געווען קטני אמונה און זיי האָבען נישט געגלויבט, אַז מאָרגען וועט פאַלען פרישער מן, און אַ טייל — צוליעב קאַרגשאַפט, ווייל עס איז זיי אַ שאָד געווען עס אַרויסצוואַרפען. איז אין בעצוג צו די קטני אמונה — „ויקצוף עליהם משה", האָט ער געצאָרענט אויף זיי און גע'מוסר'ט פאַר זייער אונגלויביגקייט, בנוגע ווידער די, וואָס האָבען דאָס געטהון פון קמצנות און קאַרגשאַפט, איז — „וירם תולעים ויבאש", דען אַזוי איז דער עונש און דער סוף פון יעדען קמצן, אַז ער זאָל פון זיין אָנגעזאַמעלטען גוטס קיין שום הנאה נישט האָבען...

(הכורם)

ראו כי ד׳ נתן לכם השבת... (טז. כט.)

דער שבת, הגם ער איז ערשט איצט געגעבען געוואָרען צו די אידען, איז געוואָרען געהייליגט נאָך איידער די אידען האָבען עקזיסטירט, תיכף נאָך בריאת־העולם. ווי עס ווערט געזאָגט: „ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו״; די ימים־טובים, דאַ־געגען, זענען געהייליגט און געגעבען געוואָרען ערשט שפעטער, נאָך קבלת־התורה, ווען עס האָט שוין עקזיסטירט אַ אידיש פאָלק, און דערפאַר ווערען די תפלות פון יום־טוב פערענדיגט מיט די ווערטער: „מקדש ישראל והזמנים״. דאַגעגען אום שבת, לאָזט מען אויס בלויז: „מקדש השבת״ און נישט „מקדש ישראל והשבת״, דען דער שבת איז געוואָרען מקודש נאָך איידער „ישראל״ איז ענטשטאַנען...

(לויט׳ן אבודרהם)

שבו איש תחתיו אל יצא איש ממקומו... (טז. כט.)

„שבו איש תחתיו״ — אַ מענש דאַרף זיך האַלטען קלענער פון זיין ווערט, אָבער על־כל־פנים כאָטש „אַל יצא איש ממקומו״ — זאָל ער זיך נישט האַלטען העכער, ווי ער איז אין דער אמת׳ן...

(רבי ישראל ריזשינער)

ובני ישראל אכלו את המן וכו׳ עד בואם אל ארץ נושבת... (טז. לה.)

אין גלות, אין דער מדבר, מוז מען לעבען מיט נסים, מיט מן פון הימעל, מיט „בארה של מרים״, מיט „שמלתך לא בלתה״. קומענדיג אָבער „אל ארץ נושבת״, אין אייגענעם לאַנד און היים — דאַן איז מעהר קיין אָרט נישטאָ פאַר נסים, דאַן מוז מען אָנהויבען אַרבייטען און לעבען נאַרמאַל פשוט, בדרך־הטבע, כדרך כל האדם...

(רבי מרדכי גימפעל יפה)

וירב העם עם משה ויאמרו תנו לנו מים... (יז. ב.)

וואָס פאַר אַ חטא זענען די אידען בעגאַנגען דערמיט, וואָס זיי האָבען געבעטען וואַסער? וואָס דען האָבען זיי געדאַרפט טהון?... נאָר פריהער שטעהט: „ואין מים לשתות העם וירב העם עם משה״, און ערשט שפעטער, אין צווייטען פסוק, שטעהט: „ויצמא שם העם למים״... און דאָס איז דער חטא געווען: די אידען האָבען זיך גענומען קריגען מיט משה׳ן נאָך איידער זיי זענען געוועזן דורשטיג!...

(חדושי הרי״ם)

ויקרא שם המקום מסה ומריבה... ויבא עמלק... (יז. ז. ח.)

„מסה ומריבה״... „ריב בני ישראל״... אידישע מחלוקת און אַרומרייסעניש... די אַלע זאַכען ענדיגען זיך איבעראַל און שטענדיג מיט — „ויבא עמלק״!...

(כלי יקר)

„הכשר שבטבחים שותפו של עמלק״ (קידושין פ״ב)

דער בערלינער רב, רבי הערשעלע האַלבערשטאַדט, האָט געהאַט זעהר פיעל צו

טהון מיט די דאָרטיגע קצבים, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע פלעגען פערקויפען טריפה פלייש אַלס כשר, פערענטפערענדיג זיך, אַז בשעת עס ווערט ביי אַ אידישען קצב טריף אַ בהמה, מוז ער דאָס פלייש פערקויפען אין די קריסט־ליכע יאַטקעס צו בעדייטענד ביליגע פרייזען, און זיי זענען נישט אימשטאַנד צו ליידען אַזאַ גרויסען היזק.

אַלס אויסוועג דערצו איז רבי הערשעלע געפאַלען אויף אַ פּלאַן: ער האָט צונויפ־גערופען עטליכע אידישע און קריסטליכע קצבים, וועלכע ער האָט פאָרגעלעגט זיי זאָלען מאַכען צווישען זיך שותפות, די קריסטליכע קצבים ווערען צוגענומען אַלס שותפים צום ריוח פון כשר פלייש און דערפאַר, אויב אַ אידישע בהמה ווערט טריף, פערפליכטען זיי זיך צו פערקויפען אין זייערע יאַטקעס דאָס טריפה־געוואָרענע פלייש צו נאָרמאַלע פרייזען.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען זענען בײדע צדדים ענדליך מרוצה געוואָרען און רבי הערשעלע האָט די אידישע קצבים אַרויסגעגעבען אַ הכשר, אין וועלכען ער האָט געשריבען: „כשר שבטבחים שותפו של עמלק".

איבערלייענענדיג דעם כתב האָבען זיך די קצבים געפיהלט בעליידיגט. וואָס הייסט דאָס? ער זידעלט זיי גאָר, דער רב? צו עמלק'ן פערגלייכט ער זיי?

— חלילה — ערקלערט זיי רבי ר' הערשעלע — כ'מיין עס גאַנץ פשוט: „כשר שבטבחים" — דער כשר'סטער קצב, צו וועלכען מען קאָן האָבען דעם פולסטען צוטרוי, קאָן נאָר זיין אַזעלכער, וועלכער איז — „שותפו של עמלק", וועלכער נעהמט זיך צו אַנ'עמלק, אַ גוי, אַלס שותף, וממילא האָט ער דאַמאָלס מעהר קיין אינטערעס נישט צו זיין אַ מכשיל את הרבים און צו פערקויפען בשר טריפה אַלס בשר כשר...

וצא הלחם בעמלק... (יז. ט.)

דער חתם־סופר האָט, ווי בעקאַנט, געפיהרט אַ פערביטערטע מלחמה מיט די רעפאָרמער, מיט אהרן כאָריק און זיינע חברים. איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַ געלעגענ־הייט צו מסר'ן די רעפאָרמער פאַר'ן מלכות. זיין תלמיד, דער בעל „לב העברי", האָט אָנגעוויזען, אַז עפ"י דין מעג מען מוסר זיין למלכות די רשעים, וועלכע שטערען דעם דת. דער חתם־סופר אָבער האָט זיך קאַטעגאָריש געגענגעשטעלט און ער האָט דערביי ערקלערט:

אויך עמלק האָט בלויז געשלאָגען די רשעים, די פּושעי־ישראל. אויפ'ן פסוק „ויזנב בך כל הנחשלים אחריך" זאָגט רש"י: „חסרי כח מחמת חטאם שהיה הענן פולטן", דאָך האָט משה רבינו נישט צוגעהאָלפען, חלילה, עמלק'ן, נאָר פערקעהרט, אויסגערופען צו יהושע'ן: „בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק"!...

והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וכאשר יניח ידו וגבר עמלק... (יז. יא.)

„וכי ידיו של משה עושות מלחמה וכו' אלא בזמן שישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים היו מתגברין ואם לאו היו נופלין" (ר"ה כ"ט)

אויב דערפון איז געווען אָבהענגיג דער נצחון איבער עמלק'ן, אויב אַ דאַנק דעם, וואָס משה האָט געהאַלטען די הענד אין דער הויך, האָבען די אידען מנצח געווען,

פאַרוואָס איז געווען „וכאשר יניח ידו", פאַרוואָס האָט ער יעדעס מאָל אַראָבגעלאָזען די הענד?

נאָר די ווערטער „היו מתגברין ואם לאו היו נופלין" בעציהען זיך נישט אויף די אידען, נאָר אויף די „ידיו של משה", און דער פשט איז: ווען די אידישע הערצער זענען געווען געווענדעט כלפי מעלה, צום אויבערשטען, האָבען זיך משה'ס הענד גע־שטאַרקט און זיך געהאַלטען אין דער הויך, אין געגענפאַל אָבער — „היו נופלין", זענען ביי משה'ן אַראָבגעפאַלען די הענד. דער מנהיג איז נור דאַמאָלס בכח אויסצו־ווירקען אַ ישועה פאַר'ן פאָלק און צו דערפיהרען עס צו אַ נצחון, ווען ער ווייסט, אַז ער האָט הינטער זיך דעם רצון און די געהאַרכזאַמקייט פון פאָלק. אויב אָבער עס פעהלט איהם די דאָזיגע זיכערקייט, דאַן פערלירט ער דעם מוט און עס לאָזען זיך אַראָב ביי איהם די הענד...

(משל ומליצה)

ואהרן וחור תמכו בידיו מזה אחד ומזה אחד... (יז. יב.)

אהרן האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין אונגעוועהנליכע סבלנות, „אוהב שלום ורודף שלום", חור דאַגעגען איז געווען אַ שטרענגער קנאי; ביי דער מעשה־העגל האָט ער פאַר זיין געגענשטעלען זיך מיט'ן לעבען בעצאָהלט... אָט די ביידע קאָנטראַסטען האָט משה גענומען אַלס זיינע אונטערשטיצער — „מזה אחד ומזה אחד", דען דער אידישער מנהיג דאַרף גלייכצייטיג בעזיצען ביידע מדות. פאַרהאַן מאָמענטען, ווען ער מוז זיך אויסצייכענען מיט זיין סבלנות, און מאָמענטען — ווען ער מוז אַרויסווייזען קנאות...

(חכמה עם נחלה)

כתוב זאת זכרון בספר וכו' כי מחה אמחה את זכר עמלק... (יז. יד.)

ווען די עקזיסטענץ פון עמלק'ישען פאָלק וואָלט געווען אַ שטענדיגע און דויער־האַפטע, וואָלט נישט נויטיג געווען צו פערשרייבען עס אין ספר. זייער אַנוועזענהייט וואָלט עס אונז תמיד דערמאָהנט... היות אָבער, ווי „מחה אמחה את זכר עמלק", מיט דער צייט וועט פון עמלק'ן קיין זכר נישט בלייבען, און דאַדורך איז דאָך מעגליך, זאָלען מיר אין דער גאַנצער געשיכטע פערגעסען, דעריבער — „כתוב זאת זכרון בספר", דאַרף מען עס פערשרייבען לזכרון...

(מלאכת מחשבת)

כתוב זאת זכרון בספר ושים באזני יהושע... (יז. יד.)

אויב מען פערשרייבט עס לזכרון אין ספר, טאָ נאָכוואָס האָט מען נאָך בעדאַרפט בעזונדער אָנזאָגען יהושע'ן וועגען דעם?

נאָר די חז"ל דערצעהלען אונז אין בבא בתרא (כ"א), אַז בשעת דוד האָט געפרעגט יואב'ן פאַרוואָס ער האָט אין דער מלחמה געגען עמלק'ן אויסגע'הרג'עט בלויז די זכרים („עד הכרית כל זכר באדום") און נישט אויך די נקבות, וועהרענד עס שטעהט דאָך בפירוש „תמחה את זכר עמלק"? האָט אים דערויף יואב געענטפערט, אַז דער רבי האָט מיט איהם געלייענט אין פסוק „זָכָר" אָנשטאָט „זֵכֶר"... היות אַלזאָ, ווי מען

קאָן דאָ האָבען אַ טעות צווישען דעם קרי און דעם כתיב, דעריבער איז אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז אויסער דעם „כתוב זאת זכרון בספר״, אויסער בכתב, זאָל אויך זיין „ושים באזני יהושע״, זאָל מען עס אויך איבערגעבען איינער דעם צווייטען בעל־פה, כדי מען זאָל זיך נישט טועה זיין אין ניקוד...

(ווילנער גאון)

ויאמר כי יד על כס יה מלחמה לד׳ בעמלק מדור דור... (יז. טז.)

דעריבער איז „מלחמה לד׳ בעמלק מדור דור״, איז אַזוי גרויס די שנאה צו עמלק׳ן מעהר ווי צו אַלע אַנדערע אידען־פיינדליכע אומות, ווייל „כי יד על כס יה״, ווייל ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט נאָכ׳ן גרויסען נס פון קריעת ים־סוף, מיט וועלכען עס האָט זיך פערענדיגט די גאולה פון יציאת־מצרים, געוואָגט צו פערשטעלען פאַר די אידען דעם וועג, אַריינצוברענגען אין זיי פערצווייפלונג און אָבצושוואַכען דעם רושם פון די נאָר־וואָס געשעהענע געטליכע וואונדער...

(הרב דר. זאב מישעל)

אין דער גמרא (פסחים קי״ז) איז אַ ספק, צי „כס יה״ רעכענט זיך אַלס איין וואָרט, אָדער צוויי ווערטער.

און דערמיט ווערט אונז פערשטענדליך פאַרוואָס ביים אויסרעכענען די צאָהל פון דער העלפט אותיות אין דער תורה, ווייזען אָן די חז״ל (קידושין ל׳) נאָר אויף איין אות ו׳ פון „גחון״, ביי דער צאָהל פסוקים — אויף איין פסוק: „והתגלח״. דאַגעגען ביי דער צאָהל ווערטער — אויף צוויי ווערטער: „דרש דרש״ („דרש דרש משה״). דאָס איז דערפאַר, ווייל עס איז ביי אונז אַ ספק, צי „כס יה״ איז איין וואָרט, אָדער צוויי ווערטער, און אויב עס איז איין וואָרט, דאַן איז דער ערשטער „דרש״ די העלפט פון די ווערטער אין דער תורה, אויב אָבער עס איז צוויי ווערטער, דאַן ענדיגט זיך די העלפט מיט׳ן צווייטען „דרש״.

און דערפאַר, מעגליך, ווערט אויך אין דער גמרא אויסגערעכענט בלויז די צאָהל אותיות פון תהלים, און נישט די צאָהל ווערטער, וועגען וועלכע עס איז שווער פעסט־צושטעלען, צי זיי זענען איינציגע, אָדער דאָפּעלטע ווערטער, ווי: „מרחביה״, „הללויה״ א.אַז.וו.

(הדרש והעיון)

יִתְרוֹ

וישמע יתרו... (יח. א)

דאָס זעלבע, וואָס יתרו, האָבען אויך פיעל אַנדערע געהערט, עס זענען אָבער פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע הערען, אָבער דערהערען נישט; עס געהט זיי נישט אַריין אין אויער, אין האַרץ, אין דער נשמה. די מעלה פון יתרו׳ן איז געווען, וואָס — „וישמע יתרו״, ער האָט דערהערט...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

„מה שמועה שמע ובא? — קריעת ים סוף ומלחמת עמלק״... (רש״י)

פריהער האָט יתרו געמיינט, אַז ער איז נישט ראוי זיך מתדבק צו זיין אין אַזאַ הייליג פאָלק ווי די אידען זענען. ווען ער האָט אָבער געהערט, אַז נישט קוקענדיג דערויף וואָס זיי האָבען געזעהן מיט זייערע אויגען אַזעלכע גרויסע נסים, ווי „קריעת ים־סוף״ און „מלחמת עמלק״, האָבען זיי נאָך אַלץ געצווייפעלט און אויסגעדריקט זיך: „היש ד׳ בקרבנו״, איז ער געקומען צום בעשלוס, אַז זיי האָבען זיך נישט מיט איהם וואָס צו שעמען — ער איז אַ גרעסערער מאמין פון זיי...

(כתב סופר)

וואָס פרעגט רש״י „מה שמועה שמע ובא״, דער פסוק ערקלערט דאָך בפירוש, אַז ער האָט געהערט „את כל אשר עשה אלקים למשה ולישראל עמו״?

נאָר רש״י — האָט געזאָגט דערויף רבי זושא אַניפּאָלער — איז קשה געווען: צוליעב וואָס האָט יתרו, בשעת ער האָט דאָס אַלץ געהערט, בעדאַרפט קומען צו די אידען אין דער מדבר אַריין — „מה שמועה שמע ובא״? — ער האָט זיך דאָך געקענט מגייר זיין און בלייבען אַ איד ביי זיך אין דער היים? און דערויף ענטפערט רש״י: „שמע קריעת ים־סוף ומלחמת עמלק״. ער האָט געהערט פון קריעת ים־סוף, פון וועלכען אויך די גאַנצע וועלט האָט געהערט, און דאָך האָט עס עמלק׳ן נישט אָבגעהאַלטען און ער איז אַרויס מיט זיי מלחמה האַלטען, און דערפון האָט יתרו געדרונגען, אַז מיט׳ן בלויזען הערען פונדערווייטענס איז ווייניג — מען דאַרף זיין מיט די אידען צוזאַמען...

„יתרו שבע שמות נקראו לו וכו׳, יתר — על שם שיתר פרשה אחת בתורה ואתה תחזה״ (רש״י)

ער האָט דאָך מוסיף געווען נישט בלויז די פרשה פון „ואתה תחזה״ נאָר נאָך אַ סך פסוקים פריהער: „מה הדבר הזה אשר אתה עושה״, „לא טוב הדבר אשר אתה עושה״ און „נבול תבול״?

— נאָר סתם פרעגען קשיות — האָט געענטפערט דערויף דער חידושי הרי״ם — און זאָגען חסרונות, איז קיין קונץ נישט, דאָס קאָן יעדער. דאַגעגען אַ ריכטיגע עצה

געבען, דאָס איז שוין נישט אַזאַ לייכטע זאַך, און דעריבער ווערט איהם פערדעכענט בלויז די פרשה פון „ואתה תחזה", וואו אַנשטאַט קשיות צו פרעגען קומט שוין די ריכטיגע עצה־טובה...

ויקח יתרו חותן משה את צפורה וכו' אחר שלוחיה... (יח. ב.)

כל־זמן דאָס פאָלק איז נישט געווען אויסגעלייזט, האָט דער מנהיג העם, משה רבינו, זיך אָבגעזאָגט פון צו פיהרען אַ פאַמיליען־לעבען, ווידמענדיג זיין גאַנצע צייט און אַלע זיינע כוחות לטובת דעם פאָלק. מיט'ן מאָמענט אָבער, ווען יתרו האָט געהערט „כי הוציא ד' את ישראל ממצרים", אַז דער ציעל איז ענדליך דערגרייכט און די גאולה איז שוין געקומען, דאַן — „ויקח יתרו חותן משה את צפורה אשת משה", האָט ער איינגעפונען, אַז עס איז געקומען די צייט, ווען משה קאָן זיך שוין ערלויבען אַ טראַכט צו טהון וועגען איינאָרדענען אַ שטיקעל היים אויך פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע...

(בכור שור)

וישאלו איש לרעהו לשלום... (יח. ז.)

„איני יודע מי השתחוה למי. כשהוא אומר איש לרעהו, מי הקרוי איש? זה משה, שנאמר והאיש משה וכו'"... (רש"י)

דער פשט איז נישט, ווי מען איז געוועהנליך געוואוינט צו טייטשען, אַז פונ'ם סתם וואָרט „איש" איז געדרונגען, אַז דאָס איז משה; דען אויך יתרו ווערט דאָך אין פסוק אָנגערופען מיט'ן נאָמען „איש" — „ויואל משה לשבת את האיש"... באמת אָבער איז די ראיה נישט פונ'ם וואָרט „איש", נאָר דערפון, וואָס אויף משה'ן ווערט געזאָגט „והאיש משה עניו מאד" — און אַלס גרויסער עניו האָט ער, אַלזאָ, זיכער נישט געוואָרט, ביז יתרו וועט איהם בעגריסען, נאָר ער האָט פריהער בעגריסט יתרו'ן...

(חתם סופר)

בשעת מען קומט צו אַ קרוב, וועלכער איז בעריהמט און דערהויבען געוואָרען — האָט בעמערקט דערויף רבי שלמה קלוגער בדרך־הלצה — פערשפאָרט מען איהם אויסצופרעגען, וואָס ער מאַכט און ווי עס געהט איהם, ווייל ווען מען וואָלט נישט געוואוסט, וואָס ער מאַכט, אַז ער איז נתעלה געוואָרען, וואָלט מען נישט געקומען צו איהם...

יתרו האָט, אַלזאָ, פערשפאָרט צו פרעגען משה'ן „לשלום", וואָרום וואָס משה מאַכט האָט ער שוין גאַנץ גוט געוואוסט — „וישמע יתרו וכו' את אשר עשה אלקים למשה", און נישט אַנדערש, נאָר דאָס האָט משה געפרעגט יתרו'ן...

ויחד יתרו... (יח. ט.)

„רב אמר שהעביר חרב חדה על צוארו (שמל את עצמו ונתגייר — רש"י) ושמואל אמר שנעשה חדודים חדודים כל בשרו, אמר רב היינו דאמרי אינשי גיורא עד עשרה דרי לא תבזה ארמאי קמיה" (סנהדרין צ"ד)

פרעגט מען: ווי געשיקט זיך עס, אז רב, וועלכער איז מחולק מיט שמואל'ן, זאל גאר ברענגען א ראיה צו שמואל'ס ווערטער און איפּווייזען, אז זיין בר־פלוגתא איז גערעכט?

דער מהרש"א, וועלכער שטעלט זיך אָב אויף דער דאָזיגער פראַגע, ברענגט טאַקי צוליעב דעם אַן'אַנדערע גירסא, אז עס דאַרף זיין: "ואמר רב פפא היינו דאמרי אינשי".

באמת, אָבער, איז די דאָזיגע גירסא נישט נויטיג און דער משל, וואָס רב ברענגט, איז נישט צו בעשטעטיגען, נאר אָבצוּוועגדען שמואל'ס ווערטער, אז מען קאָן נישט טייטשען: "ויחד יתרו — שנעשה חדודים חדודים", אז דאָס וואָס משה האָט איהם דערצעהלט וועגען דער מפּלה פון די מצרים זאל איהם האָבען פערשאַפט צער. עס לאָזט זיך אזוי נישט טייטשען דערפאַר, ווייל "היינו דאמרי אינשי גיורא עד עשרה דרי לא תבזה ארמאה קמיה", און זיכער וואָלט אויך משה רבינו, דער גרויסער בעל־מידות, זיך געוועזען גערעכענט דערמיט און ווען ער וואָלט געהאַט די מינדעסטע הוה־אמינא, אז יתרו וועט דערפון האָבען צער, וואָלט ער זיך געוויס געוועזען אָבגעהאַלטען און איהם דאָס אַלץ נישט דערצעהלט; עס איז, אַלזאָ, זיכער, אז יתרו האָט זיך דערפון אַבסאָלוט נישט מצער געוועזען און "ויחד יתרו" איז דער פּשט: "שהעביר חרב חדה על צוארו — שמל את עצמו ונתגייר"...

(תוספת ברכה)

ויאמר יתרו ברוך ד'... (יח, י)

"גנאי הוא למשה וששים רבוא שלא אמרו ברוך, עד שבא יתרו ואמר ברוך ד'"...
(סנהדרין צד.)

איז דאָך אין פלוג קשה: איז דען די שירה, וואָס די אידען האָבען געזאָגט ביים ים, געוועזען א קלענערער שבח צום אויבערשטען, ווי די עטליכע ווערטער פון יתרו'ן?

— דער תירוץ איז: די אידען האָבען געדאַנקט פאַר די טובות, וואָס מען האָט זיי זעלבסט געטהון; דאַנקען אָבער דעם אויבערשטען פאַר די טובות און חסדים, וואָס מען האָט געטהון יענעם — דעמדאָזיגען ביישפּיעל האָט יתרו בעוויזען דער ערשטער...

(תפארת שלמה)

ויאמר יתרו ברוך ד' אשר הציל אתכם מיד מצרים וכו' אשר הציל את העם מתחת יד מצרים... (יח, י)

צוליעב וואָס ווערען צוויי מאָל איבערגע'חזר'ט די זעלבע ווערטער: "אשר הציל אתכם מיד מצרים" און דאַן נאָכאַמאָל: "אשר הציל את העם מתחת יד מצרים"?

נאָר יתרו האָט צוויי מאָל געדאַנקט דעם אויבערשטען. ערשטענס, "ברוך ד' אשר הציל אתכם מיד מצרים", געלויבט השי"ת, וואָס ער האָט אייך, מנהיגים, מציל געוועזען פון צו געהן האַנד ביי האַנד מיט די מצרים, נישט צו לאָזען זיך פון זיי איבערקויפען, נישט צו פערשאַכערען די אידישע אינטערעסען, ווי עס טרעפט נישט זעלטען מיט אידישע פאָרשטעהער... און דאַן, געלויבט השי"ת — "אשר הציל את העם מתחת יד מצרים"...

(אמרי חן)

ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכל לחם... (יח. יב.)

„ומשה היכן הלך? — אלא שהיה עומד ומשמש לפניהם..." (רש"י)

פאַרוואָס האָט טאַקי משה נישט מיטגעגעסען און איז געווען בלויז אַ „עומד ומשמש"? — ווייל באַלד אין צווייטען פסוק ווערט געזאָגט: „ויהי ממחרת וישב משה וכו'", דערויף זאָגט רש"י: „ממחרת יום־הכפורים"; קומט דאָך אַלזאָ אויס, אַז די סעודה איז געפּראַוועט געוואָרען אום יום כפור. די אידען האָבען נאָך נישט געוואוסט די בעדייטונג פונ'ם דאָזיגען טאָג; משה אָבער האָט שוין יאָ געוואוסט, און דעריבער האָט ער נישט מיטגעגעסען...

(רבי שלום בעלזער)

די פראַגע איז בלויז: „היכן הלך" וואוהין ער איז געגאַנגען, אָבער פאַרוואָס איז ער בכלל אַוועקגעגאַנגען פון טיש, האָבענדיג ביי זיך אַזאַ חשוב'ן גאַסט?

ווייל ווען ער וואָלט געזעסען ביים טיש, וואָלטען זיך אַלע געווען פערנומען מיט איהם, מיט משה רבינו, און אויף יתרו'ן וואָלט מען זיך ווייניג אומגעקוקט און נישט אָבגעגעבען איהם דעם געהעריגען כבוד, „אין חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב" — און דעריבער איז ער אַוועקגעגאַנגען...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

ויהי ממחרת וישב משה לשפוט את העם... (יח. יג.)

איינפאַך ווערט געמיינט: „ויהי ממחרת", צומאָרגענס, ווי זיין שוועהר יתרו און זיין וויב און קינדער זענען געקומען צו איהם, און דער פסוק איז אונז דערמיט אויסען צו דערצעהלען, אַז נישט קוקענדיג אויפ'ן דאָזיגען וויכטיגען פאַמיליען־געשעהעניש, האָט משה פערבראַכט מיט זיי נישט מעהר ווי איין טאָג און — „ויהי ממחרת וישב משה לשפוט את העם", צומאָרגענס האָט ער זיך גלייך אומגעקעהרט צו זיין אַרבייט פאַר'ן פאָלק, נישט האָבענדיג קיין צייט אָבצוגעבען זיך צופיעל מיט זיין פריוואַט־לעבען...

(אברבנאל)

וואָסערע סכסוכים האָבען די אידען אין מדבר געקאָנט האָבען צווישען זיך, אין דער צייט, ווען זיי אַליין זענען געווען פערזאָרגט מיט מן, און די מלבושים זענען געוואַקסען מיט זיי, און זיי האָבען קיין שום דאגת־פרנסה נישט געהאָט און אין קיין שום מסחרים נישט עוסק געווען? — נאָר דאָס האָט דער ע ר ב ־ ר ב זיך אַרומגעריסען איבער דער פערטיילונג פון „ביזת־מצרים" און „ביזת־הים"...

(בנין אריאל)

כי יבא אלי העם לדרוש אלקים —
כי יהיה להם דבר בא אלי... (יח. טו. טז.)

בשעת עס האַנדעלט זיך אין „לדרוש אלקים", אין עניני פרומקייט, אין ענין כשרות וכדומה, איז „יבא אלי העם", דאַמאָלס קומט מען מאַסענווייז, דאָס גאַנצע פאָלק, דאַגעגען אָבער „כי יהיה להם דבר", ווען זיי האָבען צווישען זיך עפּעס אַ פריוואַטע זאַך, אַ סכסוך אין דיני ממונות, ווען איינער רופט דעם צווייטען צו אַ דין־תורה, דאַן

„בא אלי", קומט נור צו געהן איינער, דער תובע, דער נגזל, — דער צווייטער קומט נישט אזוי שנעל...

(דודאי מהרי"א)

הויבען הויבט־אן דער פסוק מיט א לשון־רבים „להם" — און ענדיגט מיט א לשון־יחיד — „בא"... דען אזוי איז שוין דער שטייגער: בשעת צוויי מענשען האבען צווישען זיך א משפט, ביי וועלכען איינער מוז דאך, נאטירליך, פערשפיעלען, איז א צווייטען מאל, בשעת יעדער פון די צוויי בעלי־דבר האט עפיס א פרישען סכסוך מיט עמיצען, איז דער, וועלכער האט דעם ערשטען משפט געוואונען, קומט ער נאכאמאל צום זעלבען דיין; יענער אבער, וועלכער האט דעם משפט פערשפיעלט, בלייבט דעם דיין א שונא און ער וויל שוין דאס צווייטע מאל זיין שוועל נישט איבערטרעטען...

(לקוטי רצב"א)

רבי אביש'ל פראנקפורטער האט זיך דערוואוסט וועגען איינעם א פראנקפורטער בעל־הבית, אז ער האט אנגעהויבען האלטען אפען זיין געשעפט אום שבת און ער האט געזוכט א געלעגענהייט, ווי אזוי צו טרעפען זיך מיט איהם און צו פערפיהרען מיט איהם א שמועס און ווירקען ער זאל חוזר בתשובה זיין. נאר ווי אזוי טרעפט מען זיך מיט איהם? אז אין שוהל זעהט מען איהם נישט; שיקען איהם רופען צו זיך — וועט ער נישט קומען; בעפעהלען איהם דורך א שליח, ער זאל האלטען שבת דאס געשעפט געשלאסען — וועט ער נישט פאלגען; אליין געהן צו איהם — טאמער וועט ער נישט פועל'ן, וועט עס זיין א שלעכטער ביישפיעל פאר אנדערע. איז ער געפאלען אויף א המצאה: ער האט אונטערגעשטעלט א בעקאנטען, יענעמ'ס א קונה, ער זאל ביי איהם נעהמען סחורה אויף קרעדיט און בשעת עס וועט קומען דער טערמין צום בעצאהלען, זאל ער פון איהם פערלאנגען, אז ער וויל מיט איהם האבען א דין־תורה, און דאמאלס, האבענדיג דעם בעל־דבר ביי זיך אין שטוב, וועט ער שוין קענען מיט איהם א שמועס טהון וועגען עיקר — וועגען חילול־שבת... און כך הוה. בשעת זיי זענען ביידע געקומען צו דער דין־תורה, האט דער תובע אהן שום טענות ומענות איהם בעצאהלט דאס גאנצע געלד אויפ'ן ארט און רבי אביש'ל האט איהם ערקלערט דעם גאנצען אמת, אז די מעשה מיט דער דין־תורה איז נישט געווען מעהר, ווי אנ'אויסרייד. מיינען מיינט ער גאר צו רעדען מיט איהם וועגען שבת, און ער האט איהם טאקי אוועקגעלעגט גאר א שארפע פארציע מוסר. דער בעל־דבר איז פונ'ם רב'ס ווערטער געווארען שטארק גע־ריהרט און ער האט מבטיח געווען, אז מהיום והלאה וועט ער שוין מעהר נישט מחלל שבת זיין.

— פונדעסטוועגען, רבי — מאכט ער — איז מיר א שטיקעל חידוש אויף אייך. ווי קומט עס איהר זאלט מיך אבנארען מיט א פאלשע דין־תורה, ווי אזוי מעג מען זיך בענוצען מיט רמאות?

— אויך משה רבינו — ענטפערט איהם רבי אביש'ל — האט זיך אזוי נוהג געווען. ער האט בפירוש ערקלערט: „כי יהיה להם דבר בא אלי וכו' והודעתי את חוקי האלקים ואת תורותיו". היות, הייסט עס, ווי עס האבען זיך געפונען אזעלכע אידען, וועלכע האבען נישט געוואלט קומען צו משה'ן, בכדי צו הערען פון איהם די געזעצען און די דינים פון דער תורה, האט ער דעריבער געווארט אויף א געלעגענהייט פון „כי יהיה להם דבר", ווען זיי וועלען קומען צו איהם האבען א דין־תורה וועגען זייערע פריוואטע זאכען, און דאן, בעת דער דאזיגער געלעגענהייט — „והודעתי את חוקי האלקים ואת תורותיו"...

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט צוליעב זיין רבנות, כידוע, געהאַט אויסצו־שטעהן גרויסע און אונאויפהערליכע רדיפות. איינמאָל האָט ער זיך צונויפגעטראָפען מיט רבי מאיר׳ל אַפּטער, פאַר וועלכען ער האָט זיך אָבגערעדט פון האַרצען וועגען די רדיפות, וואָס ער ליידט. רופט זיך אָן צו איהם רבי מאיר׳ל:

— בשעת יתרו איז געקומען צו משה׳ן און ער האָט איהם געפרעגט: „מה הדבר הזה אשר אתה עושה לעם״, מיט וואָס אַלץ פערנעהמסטו זיך? האָט איהם משה גע־ענטפערט, אַז ערשטענס, איז ער רבי: „כי יבא אלי העם לדרוש אלקים״, דאָס פאָלק קומט צו איהם וועגען געטליכע ענינים. צווייטענס, איז ער אויך רב: „ושפטתי בין איש ובין רעהו״, ער מוז זיך אָבגעבען מיט משפטים, מיט פסק׳נען שאלות און דיני־תורות, און דערויף האָט איהם יתרו גע׳עצה׳ט: „עתה שמע בקולי איעצך וכו׳ היה אתה לעם מול האלקים״, דו פאָלג מיך און זיי בלויז רבי — „מול אלקים״, גיב דיך אָב בלויז מיט געטליכע זאַכען, דאַגעגען דאָס רבנות לאָז איבער פאַר אַנדערע: „ואתה תחזה מכל העם וכו׳ ושפטו את העם בכל עת״, זאָלען זיי זיך פערנעהמען מיט משפטים, וואָרום זיין גלייכצייטיג אי רב אי רבי, דאָס איז אַ צו שווערע זאַך...

נבול תבול גם אתה גם העם הזה... (יח. יח.)

„גם אתה, לרבות אהרן וחור ושבעים זקנים״ (רש״י)

פרעגט דערויף רבינו אליהו מזרחי אַ באמת שאַרפע קשיא: חור האָט דאָך שוין דאַמאָלס נישט געלעבט, ער איז דאָך גע׳הרג׳עט געוואָרען ביים מעשה־העגל ווי רש״י זאָגט אויפ׳ן פסוק „וירא אהרן ויבן מזבח״ (לב. ה.) און דער שמועס מיט יתרו איז דאָך פאָרגעקומען פיעל שפּעטער, נאָך די שבירת הלוחות, טאָ ווי אַזוי איז דאָ שייך צו זאָגען „לרבות אהרן וחור״?

פערשיעדענע תירוצים ווערען אויף דער דאָזיגער קשיא געגעבען. גאַנץ איינפאַך אָבער ערקלערט עס דער ט״ז אין זיין ספר על התורה „דברי דוד״: דער פשט איז „נבול תבול גם אתה, לרבות אהרן וחור״, אַז ווען אַפילו חור וואָלט געווען געלעבט און ער צוזאַמען מיט אהרן און די שבעים זקנים וואָלטען דיר געווען מיטגעהאָלפען, וואָלטען זיי אויך מיעד געוואָרען.

עהנליך דערצו איז דער פסוק אין יחזקאל (יב. יג.): „בן אדם ארץ כי תחטא לי וכו׳ והיו שלשת האנשים האלה בתוכה, נח, דניאל ואיוב, המה בצדקתם ינצלו נפשם״, וועלכען מען קאָן דאָך אַנדערש נישט טייטשען, ווי נאָר אויף אַזאַ אופן, אַז ווען אַפילו נח, דניאל און איוב וואָלטען געווען געלעבט, וואָלטען זיי מיט זייער צדקות געקענט נור זיך אַליין ראַטעווען, אָבער נישט די שטאָדט...

ואתה תחזה מכל העם... יראי אלקים אנשי אמת שונאי בצע... (יח. כא.)

נאָר פאַר אַ פרעמדען פון דרויסען האָט געפּאַסט צו קומען מיט׳ן דאָזיגען פאָר־שלאָג, דען ווען משה וואָלט עס געזאָגט, וואָלט מען איהם חושד געווען, אַז ער וויל זיך בעפרייען פונ׳ם שווערען עול, און אויסגעזעהן וואָלט עס אויך ווי מעשה־גאוה: מיט די לייכטערע זאַכען, הייסט ער, זאָלען זיך אַנדערע פערנעהמען, און צו איהם זאָל מען בלויז קומען מיט די שווערע, וויכטיגע ענינים... און וואָלטען די אידען דעם פאָרשלאָג

געמאַכט, וואָלט מען עס געקאַנט אויסטייטשען, אַז זיי האָבען צו משה'ן נישט קיין צוטרוי, זיי ווילען זיך אויף איהם אַליין נישט פערלאָזען... דער פאַרשלאַג האָט דע־ריבער פולקאָם געפּאַסט נאָר פאַר יתרו'ן, אַלס זייטיגע פערזאָן...

(תולדות יצחק)

וועגען אַלע אַנדערע מדות מגונות, פון וועלכע די ראשי־העם דאַרפען זיין ריין, ווערט געזאָגט בדרך כלל: „יראי אלקים, אנשי אמת“, בלויז וועגען איין מדה מגונה ווערט אָנגעוויזען בפרטות: „שונאי בצע!“ דען דאָס איז די ערגסטע תאוה פון אַלע תאוות. קיין שום תאוה איז נישט אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט אין מוח און אין האַרץ, קיין שום תאוה איז נישט אַזאַ שטענדיגע און אונאויפהערליכע, און קיין שום תאוה איז נישט אַזוי שווער אויסצוראָטען פון זיך, ווי די תאוה צו געלד...

(רבי זושא האניפּאָלער)

אין לאַנצוט איז געווען אַ מחלוקה איבער אַ חסידישען רב, וועלכען די שטאָדט האָט געוואָלט אַראָבזעצען פון כסא־רבנות, טענה'דיג, אַז ער איז נישט ראוי לאותה איצטלא, און דער סכסוך איז געבערענגט געוואָרען פאַר רבי שלמה קלוגער. געווען איז יענער רב אַ פּרימישלאַנער חסיד און אַט בעקומט רבי שלמה קלוגער אַ בריעף פון רבי מאיר'ל פּרימישלאַנער, וועלכער שרייבט איהם, אַז ער פיהלט מיט זיין הרגשה, דאָס דער דאָזיגער לאַנצוטער רב איז אַ מענש מיט אַ הויכע נשמה און אַ גרויסער ירא־שמים און עס איז דעריבער אַ מצוה גדולה צו פערהיטען איהם פון בזיונות...

דערויף האָט איהם רבי שלמה קלוגער אָבגעענטפערט:

אויפ'ן פּסוק „ואתה תחזה מכל העם“ ווערט געזאָגט אין מכילתא: „ואתה תחזה — תחזה להם בנבואה, אנשי חיל — אלו עשירים ובעלי ממון, יראי אלקים — אלו שהן יראין מן המקום בדין וכו' דברי רבי יהושע, רבי אליעזר המודעי אומר ואתה תחזה — אתה תחזה להם באספקלריא כמחזה זו שחוזין בה חכמים, אנשי חיל — אלו בעלי הבטחה וכו'“.

פרעגט זיך: משה רבינו, דער אדון כל הנביאים, האָט דאָך זיכער געהאַט רוח־הקודש, טאָ פאַרוואָס געפעלט נישט רבי אליעזר המודעי צו זאָגען: „תחזה להם בנבואה“, נאָר „תחזה להם באספּקלריא כמחזה שחוזין בה חכמים“. איז דען נישט די נבואה קלאָרער און ריכטיגער, ווי דער „מחזה שחוזין בה חכמים“?

נאָר מוז זיין, אַז ביים בעשטימען אַ מנהיג על הצבור, ביי וועלכען דער דין איז: „אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן נמלכין בצבור“ (ברכות נ"ה), טאָר מען עס נישט דורכפיהרען מיט נביאות און רוח־הקודש, דען דער צבור איז קיין נביא נישט און ער קאָן זיך נישט אויף קיין פערבאָרגענע נשמה־זאַכען, און דעריבער האָלט רבי אליעזר, אַז עס מוז זיין „כמחזה שחוזין בה חכמים“, חכמה איז שוין אַ זאַך, וואָס אויך דער צבור איז אַ מבין דערויף...

דער אונטערשיד — פלעגט זאָגען רבי פּנחס הורוויץ — צווישען רבי יהושע וועלכער טייטשט: „אנשי חיל אלו עשירים ובעלי־ממון“ און רבי אליעזר, וואָס זאָגט: „אנשי חיל אלו בעלי הבטחה“, בעשטעהט אין דעם, וואָס לויט רבי יהושע'ן מיינט מען, אַז דאָס זאָלען זיין אמת'ע עשירים, עשירים מיט געלד, און לויט רבי אליעזר איז געמיינט אַן עשיר השמח בחלקו, אַ בעל־בטחון...

„ואתה תחזה מכל העם“... מען דאַרף זיי זוכען צווישען פאָלק, שטאַרק זוכען...

דען „יראי אלקים" און „אנשי אמת" אַנטלויפען פון כבוד, זיי האָבען נישט ליעב צו שטופען זיך אויבענאָן...

(שער בת רבים)

„יראי אלקים אַנשי אמת"... אמת׳ע יראי־אלקים, נישט קיין צבועים...

(מלאכת מחשבת)

„שונאי בצע — ששונאין את ממונם בדין"... (רש"י)

פאַרהאַן אָפט אַזעלכע געלד־תביעות, וואו על־פי דין איז דער תובע גערעכט, עס קומט איהם טאַקע און ער האָט דאָס רעכט ביי יענעם מוציא צו זיין געלד; דאָך על־פי יושר איז ער מיט זיין האַנדלונג נישט אין אָרדנונג, ווי, למשל, ביי אַ פאַל פון „גורם בנזקין", אָדער ווען דער תובע איז אַ רייכער און דער נתבע איז איבער דער צייט פעראָרימט געוואָרען, דען — „לא חרבה ירושלים, אלא על שהעמידו את דבריהם על דין־תורה"...

און דאָס איז די כוונה: „ששונאין את ממונם בדין" — זיי האָבען פיינט אַזעלכע געלדער, וועלכע עס קומט זיי בלויז על־פי דין, אָבער נישט על־פי יושר...

(רבי חיים־אייזיק יוסטמאַן)

„בצע" איז אויף העברעאיש: גזלה, און „בצע" בעדייט אויך: פשרה — „איזה משפט שיש עמו שלום, הוי אומר הביצוע" (סנהדרין ו׳).

דען ס׳רוב פשרות — פלעגט דערויף זאָגען רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן — ענ־דיגען זיך מיט גזלת־הדעת און גזלת־ממון...

„בצע" האָט די בעדייטונג פון אייגענוצען („מה בצע כי נהרוג את אָחינו"). עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע „אַנשי אמת", וועלכע האָבען גענומען דעם „אמת" אין מאָנאָפּאָל און מאַכען דערמיט געשעפט... יתרו האָט דעריבער אויפמערקזאַם געמאַכט משה׳ן, אַז נעהמען זאָל ער אַזעלכע „אַנשי אמת", וועלכע זענען „שונאי בצע", וועלכע ציהען נישט קיין אייגענוצען פונ׳ם „אמת", ביי וועלכע עס איז נישט קיין פרנסה־זאַך...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

ושמת עליהם שרי אלפים שרי מאות שרי חמשים... (יח. כא.)

אויב זיי זענען אַלע גלייך אין די מדרגות, אויב אַלע פערמאָגען זיי די דערמאָהנטע אויסגערעכענטע מעלות, טאָ פאַרוואָס עפּיס זאָל מען איינעם געבען אַ גרעסערן כבוד און איהם בעשטימען פאַר אַ שר־אלף, דאַגעגען דעם צווייטען — פאַר אַ שר־מאה, דעם דריטען — פאַר אַ שר־חמשים, און דעם פיערטען — בלויז פאַר אַ שר־עשרה?...

נאָר אויב זיי זענען ווירקליך „אַנשי־אמת", וועלען זיי דערויף נישט מקפיד זיין; עס וועט זיי לגמרי נישט פערדריסען הלמאַי יענעם גיט מען אַ גרעסער „בענקעל", און איהם אַ קלענערס...

(דגן־שמים)

אנשי אמת וכו׳ ושמת עליהם שרי אלפים שרי מאות וכו׳...

אויך דער „אמת", פונקט ווי אַלע אַנדערע מדות, איז נישט ביי אַלעמען גלייך.

פאַרהאַן דערביי שרי אלפים, שרי מאות, שרי חמשים, שרי עשרות, אַזעלכע, וועלכע פערמאָגען אין זיך אַ גרויסען פראָצענט אמת, אַ קלענערען פראָצענט, גאָר אַ קליינעם פראָצענט א. אַז. וו.

(רבי דוד קאָצקער)

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם חדושי־הרי״ם: ווי קומט עס, וואָס אין וואַרשא, וואו דער רוב בעשטעהט פון פרומע אידען, זאָל אין דער קהלה זיצען אַ מערהייט פון אַסימילאַטאָרען, „דייטשען״?

— דאָס איז דערפאַר — האָט ער געענטפערט — ווייל אין איטליכען חסיד געפינט זיך אייגענטליך אַ געוויסער פראָצענט „דייטש״, און ממילא קומט אויס, אַז באיכות בעשטעהט דער רוב פון „דייטשען״...

והיה כל הדבר הגדול יביאו אליך... (יח. כב.)

דער גרינדער פון דער אידישער קהלה אין שצוצין (נעבען גראַיעווע) איז געווען אַ געוויסער ר׳ חיים, פון וועלכען עס שטאַמט די בעקאַנטע שצוצינער פאַמיליע שענבערג. דערדאָזיגער ר׳ חיים איז, אויסער אַ בערימהטער למדן און חכם, אויך געווען אַ גרויסער גביר, וועלכער האָט פאַר זיין געלד אויסגעבויט די גרויסע שצוצינער שוהל און פיעל אַנדערע אינסטיטוציעס. ווען די צאָהל אידישע איינוואוינער אין שצוצין האָט זיך אָנגעהויבען פערגרעסערען און מען האָט זיך געניטיגט אין אַן אייגענעם רב, וועלכען די קהלה האָט אָבער נישט געקאָנט נעהמען אויף זיך אויסצוהאַלטען, איז אַלס רב (שלא על־מנת לקבל פרס, פערשטעהט זיך) בעשטימט געוואָרען דער דערמאָהנטער ר׳ חיים, וועלכער האָט דאַן בעקומען דעם טיטול „ר׳ חיים מגיד״. אין יענער צייט האָבען עקזיסטירט אין פוילען „רבני הגליל״, ראַיאָן־רבנים, וועלכע האָבען געהאַט צו שאַפען איבער די רבנים פון די קלענערע שטעדטלעך. שצוצין איז געווען נכנע אונטער׳ן רב־הגליל פון טיקטין. איינע פון די תקנות־הגליל איז געווען, אַז די רבנים פון די קליינע שטעדטלעך טאָרען זיך נישט פערנעהמען מיט קיין דיני־תורות, אויב עס האַנדעלט זיך וועגען אַ סומע פון העכער פיער הונדערט גילדען. נו, איז אָבער ר׳ חיים אַ שטיקעל תקיף ביי זיך — און ויהי היום, האָט ער עובר געווען אויף דער תקנה און גע׳פסק׳ענט אַ דין־תורה פון אַכט הונדערט גילדען... האָט מען עס אָבגעטראָגען צום טיקטינער רב־הגליל, וועלכער האָט מיט׳ן כח פון געזעץ אויפגעפאָדערט דעם רב פון שצוצין, ער זאָל קומען פאַר איהם אָבגעבען אַן ערקלערונג. איז ר׳ חיים געפאָהרען אַהין. אויסהערענדיג די שטרענגע פאָרוואורפען פונ׳ם טיקטינער רב, פון וואָס ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק בעליידיגט, רופט ער זיך אָן צו איהם:

— זייט־זשע־מוחל, טיקטינער רב! כל־ימי פלעג איך זיך מאַטערן צו פערשטעהן דעם אונטערשיעד אין די פסוקים, פאַרוואָס יתרו האָט געזאָגט צו משה׳ן: „והיה כל הדבר הגדול יביאו אליך״, דאַגעגען משה, בעשטימענדיג די שופטים, האָט ער משנה געווען און געזאָגט: „כל הדבר הקשה יביאון אלי״?... איצט אָבער איז מיר שוין פערשטענדליך: יתרו, אַלס „כהן מדין״, האָט געוואָלט איינפיהרען, אַז פאַר די קליינע רבנים, די „שרי אַלפים״ און „שרי מאות״, זאָל מען איבערלאָזען די גראָשענדיגע דיני־תורות, דאַגעגען „כל הדבר הגדול״, אויב עס וועט זיך האַנדלען אין עטליכע טויזענד גילדען, זאָל מען עס ברענגען זיין אײדעם, ר׳ משה׳לען, מחמת אויסער כבוד קאָן דערפון בלייבען נאָך עפּיס... משה אָבער האָט געזאָגט: ניין, „כל

הדבר הקשה״, דער עיקר איז אין די האַרבקייט פון דער שאלה, אַלץ איינס, וועגען וויפיעל עס זאָל זיך נישט האַנדלען, „דין פרוטה כדין מאה״... איהר, זעה איך, טיק־טינער רב, האַלט פון יתרו׳ן, איך אָבער האַלט מיט משה רבינו׳ן! — האָט ער אויס־געשריען און איז אַוועק בייז, דערלאַנגענדיג אַ קלאַפּ מיט דער טהיר...

וגם כל העם הזה על מקומו יבא בשלום... (יח. כג.)

בשעת מחלוקת איז קיינער נישט אויף זיין אָרט. אין אַ צייט פון מחלוקת און אַרומרייסעניש־ען איז דער הדיוט אַ קופּץ בראש און דוקא דער פחות שבפחותים שטופּט זיך אויבענאָן און ווערט דער טאָן־געבער. ווען איז „וגם כל העם הזה על מקומו יבוא? — בשלום״; בלויז דאַמאָלס, אין שלום־צייט, פערנעהמט יעדער זיין געהעריג אָרט...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

וישמע משה לקול חותנו... (יח. כד.)

צוליעב וואָס איז עס בויטיג געווען, אַז זיין שווער יתרו זאָל איהם דאָס אַלץ דאַרפען אויפקלערען? פאַרוואָס האָט איהם השי״ת אַליין נישט אָנגעוויזען, ווי אַזוי ער זאָל זיך נוהג זיין ביים משפּט׳ן דאָס פאָלק?

ווייל ווען די דאָזיגע עצה — האָט דערויף געענטפערט רבי מענדעלי קאָצקער — צו בעשטימען „שרי אלפים שרי מאות, שרי חמשים ושרי עשרות״, וואָלט איהם נישט געגעבען געוואָרען אין אַלעמענס אָנוועזענהייט דורך יתרו׳ן, נאָר ער וואָלט עס געהערט פון השי״ת, וואָלטען די אידען געזאָגט, אַז ער האָט עס געטהון על דעת עצמו, כדי צו טיילען פּאָסטענס צווישען זיינע פערשידענע מקורבים, און עס וואָלט זיך דאַן געוועזן צופלאַקערט נאָך אַ גרעסערע מחלוקת, ווי די מחלוקת פון קרח ועדתו...

שרי מאות שרי חמשים ושרי עשרות... (יח. כה.)

אידען האָבען פון שטענדיג־אָן אַ בעזונדערע שוואַכקייט צו משפּטים און דיני־תורות. אַזש „שרי עשרות״ האָט מען געדאַרפט בעשטימען; יעדער צעהנטער איד איז, הייסט עס, געווען אַ דיין... און דאָס אין אַ צייט, ווען זיי האָבען קיין שום נחלאות נישט פערמאָגט, קיין שום משא־ומתן נישט געפיהרט, און מן איז געפאַלען פון הימעל!...

(ספר הדרוש)

וישלח משה את חותנו... (יח. כז.)

יתרו, תיכף ווי ער איז געקומען, האָט ער אָנגעהויבען צו פרעגען קשיות און דורכפיהרען רעפאָרמען. עס איז דעריבער געווען אַ מורא, ער זאָל נישט אַמאָל אָגיטירען שפּעטער די אידען צו רעפאָרמירען אויך די תורה און דעריבער האָט איהם משה פאַר קבלת־התורה אַהיימגעשיקט...

(רבי משה קאָברינער)

וישלח משה את חותנו וילך לו אל ארצו ... (יח. כז.)

דערויף זאָגט רש״י: „לגייר בני משפחתו״...

אונז דאַרפסטו מעהר נישט לערנען, מיר האָבען שוין ב״ה געגוג תורה; דו גיב בעסער אַכטונג און לערן אידישקייט דיין אייגען וויב און קינדער...
(רבי בונם מפשיסכע)

ביום הזה באו מדבר סיני... (יט. א.)

„מהו ביום הזה — שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאלו היום נתנם" (רש״י)

זאָלסט נישט זאָגען, אַז די תורה איז געגעבען געוואָרען בלויז אויף יענער צייט, צוגעפּאַסט צו די לעבענס־באַדינגונגען פון טויזענדער יאָהרען צוריק... „ביום הזה — כאילו היום נתנם". די געזעצען פון תורת־משה זענען שטענדיג אַקטועל, אויף אַלע צייטען אַרויס, און עס וועלען נאָך הונדערטער יאָהרען אַריבער, ביז די מענשען וועלען ווערען רייף צו לעבען כאָטש לויט דער מאָראַל פון די עשרת־הדברות...
(אורח חיים)

ויחן שם ישראל נגד ההר... (יט. ב.)

„כאיש אחד בלב אחד" (רש״י)

ווען אַלע אידען — פלעגט זאָגען דער קאָזשעניצער מגיד — זאָלען שליסען צווישען זיך אַחדות און זיך געבען די הענד, וואָלט פון די אַלע הענד געוואָרען איין האַנד, וועלכע וואָלט געקענט דערגרייכען ביז צום כסא־הכבוד...

„ויחן" — לשון־יחיד... נאָר מיט׳ן כח פון אַחדות קאָנען אידען אימשטאַנד זיין געגענצושטעלען זיך „נגד ההר", געגען דעם מורא׳דיגען באַרג פון שנאָה, מיט וועלכען מיר זענען אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען...
(רבי משה קאָברינער)

„כאיש אחד בלב אחד, אבל שאר כל החניות בתרעומות ובמחלוקת" (רש״י)

איידער די תורה איז געגעבען געוואָרען — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער — איז נאָך פון צייט צו צייט געווען אַביסעל אַחדות ביי אידען, נאָך מתן־תורה דאַגעגען איז שוין געווען כסדר מחלוקת׳ן: איטליכער האָט זיך געריסען איבער דער תורה, יעדער האָט געוואָלט האָבען איבער איהר דעם מאָנאָפּאָל...

ומשה עלה אל האלקים... (יט. ג.)

„בשעה שעלה משה למרום אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה, רבש״ע מה לילוד אשה בינינו וכו׳" (שבת פ״ח)

בשעת די ברידער רבי אלימלך און רבי זישא, האָבען אָבגעריכט גלות, זענען זיי איינמאָל, קומענדיג אין אַ שטעדטעל אַריין, אַריינגעגאַנגען צום רב אין בית מדרש, וואו זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט צווישען עולם הערען דעם שיעור. אַזוי זענען אַריבער עטליכע טעג. קיינער האָט זיי די גאַנצע צייט קיין שלום נישט געגעבען און נישט גע־פרעגט, ווער און פון וואַנען זיי זענען. ערשט, אַז ס׳איז געקומען שבת נאָכ׳ן דאַווענען, ווען מען האָט גענומען פונאַנדערטיילען צווישען די בעלי־בתים די פרעמדע אורחים, איז דער רב צוגעגאַנגען צו זיי און געפרעגט ווער זיי זענען.

רופט זיך אָן צו איהם דער רבי אלימלך:

בשעת משה רבינו איז געקומען מקבל זיין די תורה, האָבען די מלאכים געפרעגט: „מה לילוד אשה בינינו", ווער איז ער? דאַגעגען בעת די מלאכים זענען געקומען צו אברהם אבינו, האָט ער זיי נישט געפרעגט, ווער זיי זענען, ווייל — „אין בודקין למזונות". ביי איך דאַגעגען, רבי, זעהען מיר, איז פערקעהרט. ביים לערנען האָט אונז קיינער נישט געפרעגט און עס האָט אונז קיינער אַפילו קיין שלום נישט געגעבען, נאָר ערשט, אַז עס קומט צו געבען עסען — פרעגט איהר...

כה תאמר לבית יעקב... (יט. ג.)

דאָס מיינט מען די ווייבער... פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געהייסען משה'ן, ער זאָל זיך ווענדען פריהער צו די ווייבער? — ווייל בעת גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, האָט ער מיט זיין געבאָט וועגען עץ־הדעת זיך געווענדעט פריהער צו אָדם'ן, איז דאַן געקומען חוה און האָט געשטערט... ווען, אַלזאָ, מען וואָלט זיך אויך איצט געווען פריהער געווענדעט צו די מענער, וואָלט געווען אַ געפאַהר, אַז אויך דאַסמאָל זאָלען די ווייבער שטערען און מבטל זיין די תורה... און דעריבער — „כה תאמרו לבית יעקב"...

(שמות רבה)

כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל — אתם ראיתם... (יט. ג. ד.)

„בית יעקב" מיינט מען די פרויען און „בית ישראל" — די מענער. צו יעדע פון זיי דאַרף מען רעדען אַנדערש; צו די ווייבער דאַרף געזאָגט ווערען: „אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים ואשא אתכם על כנפי נשרים ואבא אתכם אלי". זיי דאַרף מען דערצעהלען און שילדערען די ליידען, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטעהען אין מצרים און ווי גליקליך זיי דאַרפען זיך פיהלען, וואָס זיי זענען געוואָרען בעפרייט און אויס־געלייזט פון דער קנעכטשאַפט. אַנדערש, אָבער, דאַרף גערעדט ווערען מיט די מענער, וועלכע עס דאַרף אויפגעקלערט ווערען דער העכערער, גייסטיגער זין פון יציאת מצרים און די אידעאַלע שטרעבונגען, וועלכע זענען דערמיט פערבונדען. צו זיי דאַרף געזאָגט ווערען: „ועתה אם שמוע תשמעו בקולי וכו' והייתם לי סגולה מכל העמים וכו' ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש"; און עס ווערט דערביי נאָכאַמאָל בע־טאָנט: „אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל", אָט די לעצטע ווערטער זאָלסטו רעדען נאָר מיט די בני ישראל, מיט די מענער, וואָרום אויפ'ן „בית יעקב", אויף די ווייבער, וועלען אַזעלכע זאַכען, ווי „והייתם לי סגולה מכל העמים" און „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", קיין איינדרוק נישט מאַכען. פאַר זיי איז דאָס קיין ענין נישט...

(ר' שלמה שטיקגאָלד)

ואשא אתכם על כנפי נשרים... (יט. ד.)

„מוטב יכנס החץ בי ולא בבני"... (רש"י)

בשעת קריעת ים־סוף — זאָגט דער מדרש — האָט עוזא, דער שר של מצרים,

געְ'טענה'ט צו השי"ת: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה", טאָ וואָס פאַר אַ יושר איז עס, אַז די מצרים זאָלען אומקומען, און די אידען — נישט?

אין פלוג איז עס טאַקע אַ האַרבע פראַגע. אָבער „מוטב יכנס החץ בי — זאָל בעסער בלייבען אַ קשיא אויף מיין התנהגות — ולא בבני", אַבי די אידען זאָלען פון דערדאָזיגער קשיא נישט ליידען...

(חדושי הרי"ם)

אַלע אידען זענען חביב פאַר השי"ת, אַפילו די זינדיגע אידען, און דערפאַר ווערט געזאָגט: „על כנפי נשרים", דען דער נשר איז פון יענע עופות טמאים, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט אַלע פיער סימני־טומאה...

(חתם־סופר)

והייתם לי סגולה... (יט. ה.)

עס איז אָנגענומען, אַז אַ לוי זאָל צו זיין אונטערשריפט צוגעבען צום סוף דאָס וואָרט „סגל" (און אַלע וואָס טראָגען דעם נאָמען „סגל" — „סעגאַל" — זענען לויים). מיט וואָס ערקלערט זיך עס?

די אָנגענומענע מיינונג איז, אַז דאָס וואָרט „סגל" בעדייט: „סגן לויה", אָבער דאָס איז נישט ריכטיג. באמת האָט עס אַ גאַנץ אַנדערע בעדייטונג: בשעת מתן־תורה זענען די אידען געקרוינט געוואָרען מיט'ן נאָמען „סגולה", ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „והייתם לי סגולה מכל העמים", אָבער נאָכ'ן חטא פון עגל, ווערט געזאָגט אין מדרש, איז צוגענומען געוואָרען פון זיי דער דאָזיגער טיטול, און דעריבער חתמ'נען זיך די לויים מיט'ן וואָרט „סגל" אַלס אָנדייטונג, אַז זיי, וועלכע האָבען זיך נישט בעטייליגט אינ'ם חטא־העגל, זענען ווייטער פערבליבען דער „עם סגולה"...

(נחלת יעקב)

ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש... (יט. ו.)

אידען זענען אַ כהנים־פאָלק, אַ לעהרער פאָלק פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער נישט אין פערשפרייטען לעהרע און וויסען צווישען די פעלקער בעשטעהט די אידישע מיסיע, נאָר אינ'ם — „וגוי קדוש", אין דעם, וואָס מיט זייער מוסטערהאַפטער אויפ־פיהרונג, מיט זייער זויבערען לעבענס־שטייגער און טהרת המדות, זאָלען זיי, ווי אַ לעבעדיג ספר, דינען אַלסביישפיל פאַר די אומות־העולם... אָט אין דעם בעשטעהט די אַזוי גערופענע אידישע מיסיע און נישט ווי עס האָבען עפ"י טעות געמיינט די פערפאַסער און זאַמלער פון „חכמת ישראל", אַז די אויפגאַבע פון דער „אידישער מיסיע" בעשטעהט אין איבערגעבען אויף שבעים לשונות און ווייזען פאַר די פעלקער די טעאָריע פון דער אידישער עטיק... ספרים שרייבען אַליין איז ווייניג און דערמיט ווערט מען נאָכנישט קיין „ממלכת כהנים", דאָס בעסטע און ווירקזאַמסטע ספר איז צו זיין אַ „גוי קדוש", אַ פאָלק וואָס איז אַליין מקיים און בעוויזט ממילא דערמיט אויך פאַר אַנדערע דעם וועג, ווי אַזוי צו פיהרען אַ ריין, הייליג לעבען. און די דאָזיגע מיסיע וועט ישראל זיין אימשטאַנד צו ערפילען בשלימות נאָר דאָן, ווען ער וועט זוכה זיין צו זיצען אונגעשטערט על אדמתו...

(רבי אברהם יצחק הכהן קוק)

ויבא משה ויקרא לזקני העם... (יט. ז.)

משה האָט זיך אין תחילת געריכט, אַז אויף זיין פּאָרשלאָג מקבל צו זיין אַזאַ שווערע תורה וועלען זיך בלויז אָברופן די „זקני העם", די עלטערע אידען. עס איז אַלזאָ געווען פאַר איהם אַ זעהר אָנגענעהמע איבעראַשונג, ווען ער האָט דערהערט, אַז „ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ד' נעשה", אַז אָבגערופען האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק, און דעריבער — „וישב משה את דברי העם אל ד'", איז ער גלייך אַוועק איבערגעבען די פרעהליכע בשורה, אַז נישט נאָר די „זקני העם", נישט נאָר דאָס אַלטוואַרג, נאָר „כל העם", אויך די יוגענד איז גרייט מקבל צו זיין די תורה...

(באר מים חיים)

ויענו כל העם יחדו... כל אשר דבר ד' נעשה... (יט. ח.)

נאָר דער „כל העם יחדו", בכלל, קאָן מקיים זיין די גאַנצע תורה, דען ס'זענען פאַראַן אַ גאַנצע רייה מצוות, וועלכע זענען קאָלעקטיווע, געמיינזאַמע, און מען קאָן זיי נישט מקיים זיין ביחידות, אָהן אַ צווייטער פערזאָן, ווי: תרומות ומעשרות, צדקה, יבום, חליצה, וכדומה...

(ווילנער גאון)

יעדער איד בעזונדער איז נישט ביכולת מקיים צו זיין אַלע מצוות פון דער תורה, דען עס זענען פערהאַן בעזונדערע מצוות, וועלכע זענען נוגע נאָר די כהנים, בעזונ־דערע מצוות פאַר די לויים, בעזונדערע מצוות פאַר'ן כהן גדול, פאַר'ן מלך, בעזונדערע מצוות נאָר פאַר אַזעלכע, וועלכע פערמאָגען אַנ'אייגען פעלד און אַנ'אייגען הויז וכו' און דעריבער „ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ד' נעשה", נאָר דער גאַנצער כלל צוזאַמען בשותפות האָט געקאָנט אויסרופען: כל אשר דבר ד' נעשה! אָבער נישט יעדער יחיד בעזונדער...

(רבי מאיר שמחה דווינסקער)

עס איז געווען אַ גליק, וואָס ביי מתן־תורה האָבען אַלע אידען געענטפערט „יחדו", צוזאַמען, אַלע מיט איינמאָל; וואָרום ווען זיי זאָלען געווען ענטפערן איינציגווייז, וואָלט דער צווייטער געענטפערט פערקעהרט, וואָס דער ערשטער. ווען שמעון זאָל דערהערען, אַז ראובן זאָגט „נעשה" וואָלט ער זיך געשטעלט אין אָפּאָזיציע און אויסגעשריען, אַז ער איז נישט מסכים: „לא נעשה!"... ווי דער שטייגער איז ביי אידען.

(דרשות אל עמי)

צום קאָזשעניצער מגיד איז געקומען אַ אידענע און זיך צעוויינט, באשר איהר מאַן האָט זי פיינט געקריגען און ער טענה'ט, אַז זי איז מיאוס... איז אפשר ביזטו טאַקע באמת מיאוס? — רופט־זיך־אָן דער מגיד. דערויף האָט זיך די אידענע נאָכמעהר צעוויינט. וועה, וועה! — האָט זי געקלאָגט: — אַז ער איז געגאַנגען מיט מיר אונטער דער חופה, דאַמאָלס בין איך איהם געפעלען געווען, דאַמאָלס האָט ער מיר קאָמפּלי־מענטען געמאַכט און געזאָגט, אַז כ'בין שען; און איצט, וועה צו מיר, איצט בין איך פאַר איהם מיט איינמאָל אַזוי מיאוס געוואָרען!?... דערהערענדיג דידאָזיגע ווערטער, האָט דער מגיד אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און געזאָגט: רבונו של עולם! די אידענע איז דאָך גערעכט, און אויך מ י ר האָבען צו דיר די אייגענע טענה...

דאַמאָלס, ווען מיר זענען מיט דיר אויפ׳ן באַרג סיני געשטאַנען און „נעשה ונשמע״ געזאָגט, האָסטו אונז קאָמפּלימענטען געמאַכט און אונז פון אַלע אומות אויסדערוועהלט; און איצט — וועה, וועה, איצט זענען מיר דיר פּלוצים מיאוס געוואָרען און דו ווילסט זיך שוין גאָר אויף אונז נישט אומקוקען!?...

(עשר אורות)

דער כתב סופר האָט אַמאָל געשיקט נאָך אַ בודאַפּעשטער אידישען באַנקיר און געגומען מיט איהם איינטעגה׳ן און פועל׳ן ער זאָל האַלטען זיין באַנק־הויז געשלאָסען אום שבת. דער באַנקיר, אַליין אַ פריי־געזאָגענער, אַ אַסימילאַטאָר, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען, ערקלערענדיג, אַז ער איז נישט רעליגיעז און ער אַנערקענט נישט די מצוות־מעשיות.

— אויב נישט צוליב פרומקייט — האָט זיך דער כתב־סופר ביי איהם געבעטען — טהוט עס כאָטש צוליב בושה.

— בושה? — שמייכעלט דער באַנקיר — וואָס האָט עס צו טהון מיט בושה, וואָס פאַר אַ בושה איז עס נישט צו זיין פרום?

ענטפערט איהם דער כתב־סופר:

— אונזערע אַלטע חכמים האָבען אונז געזאָגט: „מי שאין לו בושת פנים בידוע שלא עמדו אבותיו על הר סיני״ (נדרים כ׳). פונוואַנען האָבען זיי גענומען די דאָזיגע זיכערקייט, ווי אַזוי איז עס ידוע? נאָר בשעת מען האָט אידען געגעבען די תורה האָבען זיך אויך זיכער דאַמאָלס פונקט ווי היינט, געפינען צווישען זיי פיעל כופרים און אַפּיקורסים, וועלכע האָבען נישט געהאַלטען דערפון און האָבען אין האַרצען קיין חשק נישט געהאַט איינצושפּאַנען זיך אינ׳ם עול התורה והמצות, טאָ נאָכוואָס האָבען זיי עס פאָרט געטהון? דערפאַר וויל עס איז געווען „ויענו כל העם יחדיו״, וויל דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויסגערופען נעשה־ונשמע און זיי האָבען זיך געשעמט צו זיין אַנ׳אויס־נאַהם פון כלל, און אָט דערפון האָבען אונזערע חכמים געדרינגען, אַז וויבאַלד איינער פערמאָגט נישט אין זיך די דאָזיגע מדה פון בושה און ער שעמט זיך נישט צו זיין קיין יוצא מן הכלל, איז אַ סימן, אַז זיינע עלטערן זענען נישט געשטאַנען אויפ׳ן באַרג סיני...

„כשאמרו ישראל נעשה ונשמע מיד אמר להם הקב״ה ויקחו לי תרומה״ (תנא דבי אליהו)

דער זין פונ׳ם דאָזיגען, אין פלוג אונפערשטענדליכען מאמר, איז גאַנץ איינפאַך. וועלענדיג אויספּרובען די אידען, צי זיי מיינען טאַקי ערנסט מיט זייער אויסשרייען „נעשה ונשמע״, האָט זיי השי״ת גלייך בעפוילען: „ויקחו לי תרומה״... די אמת׳ע פרומקייט קאָן מען זעהען נאָר דאַמאָלס, ווען עס האַלט ביי דער קעשענע...

(אסם בושם)

הנה אנכי בא אליך בעב הענן בעבור ישמע העם... (יט. ט.)

דעריבער „בעב הענן״, דורך אַ וואָלקען, וואָס זאָל פערשטעלען פאַר זיי דעם גילוי־שכינה — „בעבור ישמע העם״, כדי זיי זאָלען קאָנען הערען, דען דער חוש־הראיה שטערט דעם חוש־השמיעה...

(שער בת רבים)

וקדשתם היום ומחר וכבסו שמלותם... (יט. י.)

אַ געוויסער משכיל האָט אַמאָל געפרעגט רבי אייזיל סלאָנימער, הלמאי די פרייע, די נישט־פרומע אידען, צייכענען זיך אויס מיט מעהר טאַקט און דרך־ארץ איידער די פרומע אידען, די לומדים און תלמידי־חכמים, וועלכע זענען גאַנץ ווייניג נזהר אינ׳ם „דרך־ארץ קדמה לתורה״. מיט וואָס ערקלערט זיך עס?

— עס איז גאַנץ איינפאַך — האָט איהם רבי אייזיל געענטפערט — בשעת מען איז געגאַנגען געבען אידען די תורה האָט מען אויסגערופען: „היו נכונים!״ מען זאָל זיין גרייט! איז די פשוט׳ע אידען, די פערקנייטשטע, די בטלנים, האָבען נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, זיי זענען גלייך געקומען צום באַרג און האָבען אויסגעהערט די תורה מהחל ועד כלה. די משכילים, אָבער, די אינטעליגענטען, האָבען זיך געטראַכט: ווי פּאַסט עס צו קומען אין געזעלשאַפט, בפרט נאָך צו אַזאַ פייערליכען אַקט, אָט אַזוי ווי מען שטעהט און מען געהט? זענען זיי געלאָפען פריהער אַהיים מאַכען די טואַלעט, איבערטהון זיך, ברענגען אין אָרדנונג די פריזור, פּערפומירען זיך וכדומה. דאָס אַלץ פערנעהמט, נאַטירליך, אַ סך צייט און ווען זיי זענען אַוועק צום באַרג האָט מען שוין געהאַט פאַרגעלייענט די גאַנצע תורה שבכתב ושבעל פה, קומענדיג שוין צום סאַמע סוף, צו דער קלענסטער און לעצטער מסכת פון ש״ס — צו דער מסכת „דרך־ארץ״...

וירד משה מן ההר אל העם... (יט. יד.)

„מלמד שלא היה משה פונה לעסקיו אלא מן ההר — אל העם״ (רש״י)

דער רבי פון לובלין, וועלכער איז געווען אַנ׳אויסערגעוועהנליכער מתמיד, פלעגט אָפט מתרעם זיין אויף די חסידים, הלמאי זיי שטערען איהם און זענען איהם מבטל פון לערנען. דערויף האָט איהם רבי דוד׳ל לעלעווער אָנגעוויזען אויף דער דאָזיגער רש״י: „מלמד שלא הי׳ משה פונה לעסקיו״. וואָסערע עסקים האָט דען משה געהאַט, אַ חוץ תורה און עבודת־השם? איז דערפון אַלזאָ געדרונגען, אַז צוליעב צרכי־צבור דאַרף מען אויך פון די דאָזיגע עסקים מבטל זיין...

אל תגשו אל אשה... (יט. טו.)

דערויף מאַכט דער תרגום אונקלוס: „לא תקרבון לצד אתתא״.

דער תרגום — האָט דערויף געזאָגט רבי מענדעלי קאָצקער — איז אונז דערמיט מסביר, אַז צו ביידע צדדים קאָן מען נישט געהערען, אַז אויב מען איז אויף איין צד, אויפ׳ן צד פון עולם הזה און תאוות גופניות, קאָן מען נישט זיין אויף י ע נ ע ם צד, וד״ל...

וקול שופר חזק מאד... (יט. טז.)

אין פרקי דר׳ אליעזר (ל״א) ווערט געזאָגט, אַז פון די צוויי קרני האיל פון דער עקידה האָט השי״ת געמאַכט צוויי שופרות, מיט׳ן לינקען שופר איז געבלאָזען געוואָרען בעת מתן־תורה און מיט׳ן רעכטען שופר וועט ווערען געבלאָזען בזמן־הגאולה.

דען אויף מקבל צו זיין די תורה נויטיגט זיך אין התעוררות און אין קול השופר דער „לינקער״ לאַגער, די, וואָס האָבען פערבלאָנדזשעט און זיך דערווייטערט פון דרך־

השם; דאַגעגען בנוגע דער גאולה איז נויטיג צו רופען און צו וועקען הויפטזעכליך דעם „רעכטען" לאַגער, די וועלכע זענען, לײדער, אַממעהרסטען איינגעשפּאַרט, האַל־טענדיג, אַז מען דאַרף זיצען מיט פערלעגטע הענד און גאָרנישט טהון...

(אמרי דרוש)

ויוצא משה את העם... (יט. יז.)

הן נקרא ולא נבעת! (ווי אַזוי זאָלען מיר עס לייענען און דערביי קיין אַנגסט נישט האָבען). לטובה, ביים געבען די אידען די תורה, איז — „ויוצא משה את העם", האָט דאָס פאָלק געוואַרט, ביז משה וועט זיי צונויפזאַמלען און צונויפּברענגען. דאַ־געגען לרעה, ביי מחלוקת, ביי דער מעשה־מרגלים — „ותקרבון אלי כלכם", איז דאָס פאָלק, אַלע ווי איין מאַן, אַליין געקומען...

(ירושלמי שקלים פ"א)

ויתיצבו בתחתית ההר... (יט. יז.)

דערויף זאָגט דער דרש: „מלמד שכפה עליהן את ההר כגיגית". פרעגט מען: אין פסוק ווערט דאָך בפירוש געזאָגט, אַז די בני־ישראל האָבען אַליין גערנווילינ אויס־גערופען: „כל אשר דבר ד' נעשה" און „נעשה ונשמע"?

נאָר אין תחילת — זאָגט דערויף רבי ישעיה'לע פּראַגער בדרך־הלצה — האָבען די אידען געמיינט, אַז אויפ'ן באַרג סיני וועלען זיי אודאי הערען שאַרפע פּשט'לעך, רבי'שע תורות, האָבען זיי זיך דעריבער גלייך אָנגעכאַפּט דעריך, וואָרום וועלכער איד איז עס נישט ביי זיך אַ „שענער איד", אַ למדן, אַ חסיד?... ווי זיי האָבען אָבער דערהערט, אַז מען ווענדעט זיך צו זיי מיט אַזעלכע איינפאַכע פּראָסטע זאַכען, ווי: „לא תגנוב", „לא תחמוד", „לא תנאף", האָבען זיי גענומען קרימען מיט די נעז: עט, נישטאָ וואָס צו הערען, מאַי קא משמע לן? אַזעלכע תורות זענען פאַר'ן פּראָסטען המון!... זיי האָבען זיך תיכף געוואָלט פונאַנדערגעהן, און דעריבער — „כפה עליהן את ההר כגיגית"...

ויהי קול השופר הולך וחזק מאד משה ידבר והאלקים יעננו בקול... (יט. יט.)

בשעת עס האָט זיך פערשטאַרקט דער קול־השופר, איז „משה ידבר", האָט משה גערעדט צום אויבערשטען ווי געוועהנליך, דען דעם אויבערשטען האָט דער קול־השופר, חלילה, נישט געשטערט צו הערען משה'ס ווערטער... דאַגעגען „והאלקים יעננו בקול", דער אויבערשטער משה'ן האָט געענטפערט הויך, בקול, דען אַנדערש וואָלט משה, צוליעב דעם גרויסען רעש פון קול־השופר, נישט אימשטאַנד געווען צו הערען...

(רבי יצחק וואָלאָזשינער)

וירד ד' על הר סיני... (יט. כ.)

רבי שמעון בן־יוחאי האָט געזאָגט: ווען כ'וואָלט געשטאַנען אויפ'ן באַרג סיני, בשעת מען האָט געגעבען די אידען די תורה, וואָלט איך דאַן געבעטען דעם רבונו־של־עולם, ער זאָל בעשאַפען דעם מענשען צוויי מיילער: איין מויל צו לערנען תורה, און

איין מויל — צו די געוועהנליכע בעדערפעגישען; אָבער נאָכדעם האָב איך חוזר געווען און געזאָגט: מה־דאָך איצט, ווען דער מענש האָט בלויז איין מויל, קאָן מען נישט איבערטראָגען פון זיין רכילות און לשון־הרע, טאָ ווי וואָלט נאָך געווען דאַן, ווען ער וואָלט צוויי מיילער געהאַט!...

(ירושלמי ברכות)

רבי חיים צאַנזער, וועלכער איז אין דער יוגענד געווען אַ תלמיד פון קראָקאָווער רב, רבי שמעון סופר, דעם חתם־סופר׳ס זוהן, האָט נאָכדעם אָנגעהויבען פאָהרען קיין ריזשין, צו ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער. איינמאָל, בשעת רבי חיים צאַנזער איז צוריק־געפאָהרען פון ריזשין דורך קראָקע, האָט רבי שמעון סופר געשיקט רופען איהם און געפרעגט: — היתכן? צי איז דען דער ריזשינער אַ גרעסערער גאון פאַר מיר?...

דערויף האָט איהם רבי חיים געענטפערט: — צוויי חשוב׳ע בערג זענען פאַרהאַן אין ארץ־ישראל: דער הר־סיני, אויף וועלכען אידען האָבען מקבל געווען די תורה, און דער הר־המוריה, אויף וועלכען אברהם האָט געפיהרט יצחק׳ן צו דער עקדה... איז דאָך אין פלוג קשה: פאַרוואָס האָט מען דעם בית־המקדש געבויט אויפ׳ן הר־המוריה און נישט אויפ׳ן הר־סיני, אויפ׳ן באַרג, וואו מען האָט אונז געגעבען די תורה?... נאָר דער תירוץ איז: דאָס אָרט, וואו אַ איד איז גרייט צו שטרעקען דעם האַלז פאַר׳ן אויבערשטען, איז ביים רבונו־של־עולם פיעל חשוב׳ער פונ׳ם אָרט, וואו מען האָט געגעבען די תורה...

— תורה, לומדות — האָט רבי חיים פערענדיגט — איז אַודאי, רבי, ביי אייך פאַרהאַן מעהר... אין ריזשין, אָבער, האָב איך געזעהן מסירת־נפש...

(שמועות טובות)

אנכי... (כ. ב.)

דעריבער הויבען זיך אָן די עשרת־הדברות מיט „אָנכי... אַשר הוצאתיך מארץ מצרים" און נישט מיט „אנכי אשר בראתי השמים והארץ", ווייל בריאת שמים וארץ האָט דאָך קיין שום מענשליך אויג נישט געזעהן, אָבער יציאת־מצרים איז פאָרגעקומען פאַר די אויגען פון ששים רבוא...

(רבי יהודה הלוי)

לא תעשה לך פסל וכל תמונה... (כ. ד.)

דער סאָכאַטשעווער רבי, דער „אבני נזר", איז אַמאָל געווען אין וואַרשא ביי זיינעם אַ רייכען חסיד, האָט מען איהם אָנגעוויזען, אַז אויף דער וואַנט הענגט דאָס בילד פון „רב", רבי שניאור זלמן, דער בעל „תניא".

— דער וואָס לערנט אין רב׳ס ספרים — האָט דערויף געענטפערט דער סאָכאַ־טשעווער רבי — ווייסט בעסער, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזעהען...

אשר בשמים ממעל ואשר בארץ מתחת... (כ. ד.)

„אשר בשמים — ממעל": ווען עס האַנדעלט זיך וועגען הימעל־זאַכען, וועגען גייסטיגע ענינים, וועגען גוטע מדות, זאָלסטו קוקען אַרויף, אויף די, וואָס שטעהען

העכער פון דיר, און זיך פון זיי אָראָבלערנען; אָבער „ואשר בארץ — מתחת": ווען עס איז נוגע דיינע ערדישע, קערפּערליכע און מאַטעריעלע זאַכען, זאָלסטו קוקען אַ ר אָ פּ, און דאַן וועסטו זעהן, אַז ס'זענען פאַראַן מענשען, וועלכע לעבען אין שווע־רערע, ערגערע בעדינגונגען פאַר דיר...

(שער בת רבים)

פוקד עון אבות על בנים... (כ. ה.)

דער פשט און זין פונ'ם דאָזיגען פסוק, צו וועלכען עס טשעפּען זיך די געגנער פון דער אידישער תורה, איז גאַנץ איינפאַך: די זינד און די חסרונות פון די עלטערען געהען־איבער בירושה צו די קינדער. די קינדער פערקוקען זיך שטענדיג אויף די עלטערען און לערנען זיך אַראָב פון זיי סיי די גוטע, סיי די שלעכטע מדות...

(רבי משה חפץ)

לא תשא את שם ד' אלקיך לשוא... (כ. ז.)

דערויף ווערט גע'דרשנ'ט אין פסיקתא רבתי: „אמר ר' זעירא שלא תקבל עליך משרה ואין אתה כדאי לשררה שנאמר לא תשא וכו'"...

וואָס פאַר אַ סמיכות האָט דאָס אייגענטליך און ווי אַזוי איז דער דאָזיגער דרש געדרונגען פון פסוק?

נאָר, כידוע, ווערט דער רב און דיין אָנגערופען אין דער תורה מיט'ן נאָמען „אלקים", ווי „עד האלקים יבא דבר שניהם" א. אַ. וו. וויבאַלד, אַלזאָ, איינער פערנעהמט דעם פּאָסטען פון רב און דיין און ער איז באמת נישט ראוי דערצו, קומט דאָך אויס, אַז ער טראָגט אויף זיך דעם „שם ד' לשוא"...

(ר' ברוך פרענקעל)

אַ געוויסער משכיל האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט רבי הערשעלע בערלינער זיך בעמיהט פאַר איהם אויפצוקלערען, אַז ס'איז נישט נויטיג מקיים צו זיין די מצוות מעשיות, דען עס לעגט זיך נישט אויפ'ן שכל, אַז דער רבונו־של־עולם זאָל זיך איב־טערעסירען מיט אַזעלכע קליינינקייטען, ווי לעגען תפלין וכדומה, דער עיקר איז דער רעיון, די השגה, דאָס פערטיפען זיך אין געטליכקייט.

ענטפערט איהם רבי הערשעלע: איצט ערשט פערשטעה איך דעם ריכטיגען פשט פון פסוק „לא תשא את שם ד' אלקיך לשוא"; דער פשט איז: הויב נישט אויף גאָט'ס נאָמען אַזוי הויך, דורך וועלכען דו זאָלסט אַזש קומען „לשוא", לידי כפירה...

„כל העולם כולו נזדעזע בשעה שאמר הקב"ה בסיני לא תשא" (שבועות ל"ט)

פאַרוואָס גראָד ביי „לא תשא" האָט די וועלט אַ ציטער געטהון און נישט ביי די איבריגע דברות?

ווייל פריהער, איידער עס איז געזאָגט געוואָרען דער „לא תשא", האָט די וועלט, דערהערענדיג: לא תגנוב, לא תרצח וכו', זיך געטראַכט: עט, מען וועט זיך שוין ווי עס איז אַנ'עצה געבען און געפינען אַ היתר: מען וועט גנב'ענען און רצח'נען און דערביי מאַכען דעם אָנשטעל, אַז מען טהוט עס לשם־שמים... בשעת אָבער זיי האָבען דערהערט: „לא תשא את שם ד' אלקיך לשוא!", בענוץ נישט גאָט'ס נאָמען צו דיינע פאַלשקייטען!, נזדעזע העולם, האָט די וועלט אַ ציטער געטהון, וואָרום אויב אַזוי

ווערט דאָך פערשלאָסען דער וועג און עס איז שוין נישטאָ קיין שום היתר צום לא תגנוב, לא תרצח און צו אַלע איבעריגע לאו'ן...

(חזיונות אברהם)

זכור את יום השבת לקדשו... (כ. ח.)

שבת איז דער זיבעטער טאָג אין דער וואָך און אויך דער דאָזיגער פסוק הויבט זיך אָן מיט אַ ז׳ און איז דער זיבעטער פסוק פון דער פרשה, צו זיבען איז געווענדעט דער „לא תעשה כל מלאכה״: „אתה ובנך ובתך עבדך ואמתך ובהמתך וגרך״ און זיבען מאָל ווערט דערמאָהנט דאָס וואָרט „מנוחה״ אין דער תפלה פון „אתה אחד״...

(בעל הטורים)

זכור את יום השבת לקדשו — ששת ימים תעבוד... (כ. ח. ט.)

נאָכוואָס ווערט נאָכ׳ן „זכור את יום השבת לקדשו״, נאָכאַמאָל דערמאָהנט: „ששת ימים תעבוד״?

נאָר דער דין איז: „היה מהלך בדרך או במדבר ואינו יודע אימתי שבת, מונה ששת ימים ומשמר יום אחד״, און דערביי ווערט אויסגעפיהרט „בכל יום ויום עושה לו כדי פרנסתו״. אַז יעדען טאָג מעג ער אַרבייטען נאָר אַזויפיעל, וויפיעל עס איז איהם נויטיג אויף חיונה, מעהר נישט (שבת ס״ט)...

און דאָס, אַלזאָ, איז מכוון דער פסוק: „זכור את יום השבת לקדשו״, זאָלסט געדענקען ווען שבת איז, און דאַן — „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך״, וועסטו קאָנען אַרבייטען אַ גאַנצע וואָך און טהון כל מיני אַרבייט, אַזוי לאַנג און וויפיעל דו וועסט וועלען, וואָרום אויב דו וועסט נישט האַלטען קיין חשבון און פערגעסען ווען עס איז שבת, וועסטו דאַן אין די איבעריגע זעקס טעג נישט טאָרען טהון „כל מלאכתך״ נאָר בלויז — „כדי פרנסתו״...

(ווילנער גאון)

ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך... (כ. ט.)

עס איז אַ פליכט, נישט־נאָר צו רוהען אינ׳ם זיבעטען טאָג, נאָר אויך צו אַרבייטען אין די איבעריגע זעקס טעג, און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין אָבות דר׳ נתן (פרק י״א): „שמעי׳ אומר אהוב את המלאכה, כיצד, מלמד שיהא אדם אוהב את המלאכה ואל יהא שונא את המלאכה, כשם שהתורה נתנה בברית כך המלאכה נתנה בברית, שנאמר ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך!״...

אגב, איז דערפון נעהמט זיך עס, ווייזט אויס, וואָס אויף איינעם, וועלכער אַרבייט אַ סך, זאָגט מען אויף איהם: „ער איז שטאַרק פערשמעיה׳ט״, אַנ׳אָנדייטונג אויפ׳ן מאמר: „שמעיה אומר אהוב את המלאכה״...

כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך... (כ. יב.)

דער שכר, וואָס ווערט אָבגעצאָהלט פאַר יעדע מצוה ווערט צוגעפאַסט צו זיין מדה כנגד מדה. אויף דער מצוה פון „כבד את אביך ואת אמך״ וואָלט דאָך, אַלזאָ, אַלס

מדה כנגד מדה, געדאַרפט זיין דער אויספיהר: „למען יכבדוך", אַז מען וועט איהם אויך מכבד זיין?

גאַר די דאָזיגע בפירוש׳ע הבטחה האָט מען איהם נישט געקאָנט געבען, מחמת טאָמער וועט ער מיט זיינע מעשים נישט ראוי זיין, אַז די אַרומיגע מענשען זאָלען איהם אָבגעבען כבוד, האָט מען איהם דעריבער מבטיח געווען: „למען יאריכון ימיך", אַז ער וועט זוכה זיין אַלט צו ווערען און אַנ׳אַלטען מאַן גיט מען אָב כבוד אַפילו ווען ער פערדינט זיך נישט דערויף...

(רבי יצחק קאַרא)

די מצוה פון „כיבוד" געהער צו יענער קאַטעגאָריע מצוות פון דער תורה, וואָס אויב מען וואָלט אונז נישט געוואָרענט וועגען זיי, וואָלטען מיר זיי אַליין מיט׳ן שכל נישט פערשטאַנען, וואָרום לויט אונזער בעגרענעצטען מענשליכען שכל קומט אויס פערקעהרט: קוים האָלטען מיר אַז „נוח לו לאדם שלא נברא משנברא", קוים בעטראַכטען מיר דאָס לעבען פאַר אַנ׳אומגליק, טאָ ווי אַזוי קאָן מען דערביי פערלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל נאָך אָבגעבען כבוד און דאַנקבאַר זיין יענעם, וועלכער האָט מיך געבראַכט צום דאָזיגען אומגליק?...

(רבי משה חפץ)

צו די הויפט־יסודות, אָהן וועלכע עס קאָן נישט עקזיסטירען קיין שום געזעל־שאַפטליך צוזאַמענלעבען, געהער קודם־כל די מדה פון רחמנות, צו העלפען און שטיצען דעם עלענדען און נויטליידענדען, און דאַן דאָס געפיהל פון געהאָרכזאַמקייט, דיסציפּלין, דאָס אָנערקענען די אויטאָריטעט פון העכערען פון איהם און צו אונטערוואַרפען זיך זיינע פעראָרדענונגען. די ביידע זאַכען לאָזען זיך אָמ׳בולט׳סטען דערקענען אין דער בעציהונג פון מענש צו זיינע אייגענע עלטערען. אויב איינער האָט נישט קיין רחמנות אויף זיינע עלטערען און ער אינטערעסירט זיך נישט מיט זייער מצב, איז דאָס אַ בעוויז, אַז מיר האָבען פאַר זיך אַנ׳אונגעוועהנליכען אַכזר, פון וועלכען די געזעלשאַפט האָט קיין שום גוטס צו ערוואַרטען, וואָרום אויב ער האָט אויף זיינע אייגענע עלטערען נישט קיין רחמנות, ווי קאָן מען פון איהם ערוואַרטען ער זאָל רחמנות האָבען אויף אַ פרעמ־דען אָרימאַן, אויף יתומים און אלמנות? דאָס זעלבע, אויב אַ מענש בעציהט זיך צו זיינע עלטערען מיט ביטול און גרינגשעצונג און ער רעכענט זיך נישט מיט זייערע מיינונגען און זייער וואָרט האָט ביי איהם קיין ווערט נישט, אַזאַ איינער איז אַ שעדליכער מיטגליעד אין דער געזעלשאַפט, דען מען קאָן דאָך זיכער נישט רעכענען אויף אַזעלכען, ער זאָל שעצען די מיינונג פון פרעמדע, אָנערקענטע, אויטאָריטעטע פיהרער, און ער זאָל געהאָרכזאַם אויספיהרען זייערע פעראָרדענונגען.

„כבד את אביך ואת אמך", דען דער כיבוד אָב ואם, דאָס איז דער באַראָמעטער פון די מענשליכע מדות, דער הויפט־תנאי — „למען יאריכון ימיך על האדמה אשר ד׳ אלקיך נותן לך". אָהן די דאָזיגע פונדאַמענטאַלע יסודות איז אונמעגליך די עקזיסטענץ פון אַ וועלכער עס איז געזעלשאַפטליכער אָרדנונג...

(הכורם)

אויפ׳ן פסוק „יודוך ד׳ כל מלכי ארץ כי שמעו אמרי פיך" דרש׳נען די חז״ל (קידושין ל״א): „כששמעו כבד הודו גם לדברות הראשונות".

פאַרוואָס עפּיס האָבען זיי אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג ערשט דאָן גראָד, ווען זיי האָבען געהערט די מצוה פון „כבד״?

ווייל פון דער דאָזיגער מצוה האָט אויך זייער זיידע עשו געהאַלטען...

(שרגא טובא)

דריי מאָל ווערט געוואָרענט אין דער תורה אויף „כיבוד־אב״, דאַגעגען געפינען מיר נישט קיין איין מאָל אַן אָנזאָג אויף „כיבוד־בן״, און דאָך זענען זיך אַלע טאַטעס מקריב פאַר די קינדער און זעלטען אַ קינד זאָל זיך מוסר־נפש זיין פאַר אַ טאַטען...

(עמק השרון)

צום וואַרשאווער מורה־הוראה, רבי יצחק׳ל פייגענבוים, זענען אַמאָל געקומען האַלטען אַ דין־תורה אַ פאָטער מיט אַ זוהן. ביים פאַרלעגען די טענות האָט דער זוהן זיך זעהר גראָב אויפגעפיהרט און האָט כסדר בעליידיגט און מבזה געווען דעם פאָטער.

— ניין! — איז רבי יצחק׳ל אויפגעשפרונגען אַ דענערווירטער — איך טאָר די דאָזיגע דין־תורה נישט פסק׳ענען, הערענדיג, ווי אַזוי דער דאָזיגער זוהן רעדט צום טאַטען, פיהל איך, ווי כ׳בין איהם געוואָרען אַ שונא, און אַ שונא טאָר קיין דיין נישט זיין!...

„וראה בנים לבניך שלום על ישראל״ (תהלים קכ״ח)

קינדער האָבען שטענדיג פּרעטענזיעס צו די עלטערען, תמיד האָבען זיי טענות, אַז מען זאָרגט פאַר זיי צו־ווייניג, ערשט ווען ס׳איז „וראה בנים לבניך״, אין די שפּע־טערע יאָהרען, ווען אויך זיי אַליין האָבען שוין קינדער, פון וועלכע זיי האָבען אויס־צושטעהען די זעלבע קריגערישע טענות, ערשט דאָן איז „שלום על ישראל״, ווערען זיי פריעדליך געשטימט און זיי האָבען שוין מעהר קיין טענות נישט צו זייערע אייגענע עלטערען...

(עלי זית)

רבי ברוך גאָרליצער פלעגט בדרך הלצה רופען זיינע אייניקלעך: „מיינע שונאים׳ס שונאים״...

לא תגנוב... (כ. יג.)

עס ווערט נישט אויסגערעכענט, וואָס מען זאָל נישט גנב׳ענען, נאָר סתם: „לא תגנוב״. קיין שום זאַך נישט. נישט קיין געלד, נישט דעם דעת־הבריות און נישט דעם דעת־עליון.

(ש״ך על התורה)

עס איז בעקאַנט די קשיא פון זוהר: פאַרוואָס דאָ, ביי די דברות הראשונות, שטעהט יעדע דברה בעזונדער: לא תרצח, לא תנאף, לא תגנוב וכו׳, דאַגעגען ביי די דברות האחרונות, אין פ׳ ואתחנן, שטעהען אַלע איבריגע דברות מיט אַ ו׳ החבור: לא תרצח ולא תנאף ולא תגנוב וכו׳?

האָט געענטפערט דערויף רבי יחיאל מאיר, דער רבי פון אָסטראָווצע. די חז״ל דרש׳ענען: „חרות על הלוחות — אַל תקרי חרות אלא חירות, חירות מיצר הרע״. עס הייסט, אַז בשעת די אידען האָבען מקבל געווען די עשרת־הדברות, זענען זיי בע־

פרייט געוואָרען פון יצר־הרע, און ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבען געזינדיגט במעשה־העגל, האָט דער יצר־הרע צו זיי צוריקגעקעהרט. (אויף דעם גופא ווערט, אגב, געפרעגט: אויב זיי האָבען נישט געהאַט קיין יצר־הרע, האָבען זיי דאָך ווידער נישט געדאַרפט זינדיגען? און דערויף ווערען געגעבען פערשידענע תירוצים בדרך חקירה ופלפול...)

און דעריבער ווערט צו די דברות האחרונות נאָכ׳ן מעשה־העגל, ווען דער יצר־הרע האָט שוין אין זיי צוריק שולט געווען, צוגעגעבען צו יעדע דברה דער ו׳ החבור: לא תרצח ולא תנאף וכו׳, דען „עבירה גוררת עבירה״ און — „כך דרכו של יצר הרע, היום אומר לו עשה כך ומחר עשה כך וכו׳״...

ווען אין אַנ׳איי געפינט זיך אַ טראָפּען בלוט פון אַ הוהן, טאָר מען עס נישט עסען. ווען אין דיין געלד געפינט זיך אַ טראָפּען בלוט פון אַ מענש — טאָר מען עס אַודאי און אַודאי נישט עסען...

(חזון נחום)

דער קאָזשעניצער מגיד פלעגט זאָגען: דער, וואָס דערצעהלט אויף זיך, אַז ער פאַסט משבת לשבת און באמת עסט ער און טרינקט בצינעה, איז ער אַ גונב דעת־הבריות, דער אָבער, וועלכער פאַסט טאַקי באמת משבת לשבת, איז ער אַ גונב דעת־עצמו...

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט זיך יעדען טאָג נוהג זיין צו ערקלערען זיין שטוב און זיין גאַנץ פערמעגען אַלס הפקר, כדי טאָמער מאַכט זיך אַ גנבה, זאָל דער גנב חלילה נישט עובר זיין אויף „לא תגנוב״, זייענדיג אַ „זוכה מן ההפקר״...

„לא תגנוב״... און אין פ׳ קדושים שטעהט: „לא תגנובו״. דאָ ווערט גערעדט צו אַ פּראָסטען מענש; דאָרט אָבער — צו אַ שענעם אידען, וועלכען מען קאָן נישט „דו׳צען״, נאָר מען מוז רעדען צו איהם בלשון „איהר״. צו אַזעלכען ווענדעט זיך די תורה בעזונדער און זאָגט איהם: „לא תגנובו״, זייט־זשע מוחל, ר׳ פלטיאל, און גנב׳עט נישט...

(אַ פאָלקס־וואָרט)

צוליעב דעם איז די תורה געגעבען געוואָרען די אידען אין דער מדבר, נישט וואַרטענדיג ביז זיי וועלען אַריינגעהן קיין ארץ ישראל, ווייל — זאָגט דערויף דער מדרש (שמות רבה פ׳ י״ג) — „קטן אינו יודע לשמור את ירושת אביו עד שילמוד כתובין שידע לקרות ולכתוב ויעמוד על עמקן״.

בשעת, הייסט עס, מען געהט איבערגעבען איינעם אַ פערמעגען, אַ ירושה, דאַרף מען קודם־כל זעהען, אַז ער זאָל קיין אַנאַלפאַבעט נישט זיין, אַז ער זאָל קענען לייענען און שרייבען, כדי ער זאָל זיך אָריענטירען און וויסען, ווי מיט דעם פערמעגען אומ־צוגעהן...

דעריבער איז די תורה נישט געגעבען געוואָרען אין ארץ־ישראל, כדי די אומות־העולם זאָלען דאַן נישט האָבען קיין אויסרייד צו זאָגען, אַז צוליעב־דעם האָבען זיי נישט געקאָנט מקבל זיין די תורה, ווייל עס איז דאָך אין אַ פרעמד לאַנד געווען... אין מ ד ב ר איז דעריבער די תורה געגעבען געוואָרען, בפרהסיא, במקום־הפקר, גרייט פאַר אַלעמען, פריי פאַר אַלעמען...

(מכילתא)

די תורה איז געגעבען געוואָרען אין דער מדבר, נישט אין ארץ־ישראל, אַלס צייכען, אַז לעתיד וועט די תורה ווערען דאָס אייגענטום פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע אומות — „כי אז אהפך אל עמים שפה ברורה לקרא כלם וכו׳״ (צפניה ג. ט).
(מהר״ל מפראג)

לא תחמוד... (כ. יד.)

פיעל וואונדערען זיך אויפ׳ן דאָזיגען שטרענגען געבאָט, וועלכער איז אַנ׳אויסנאַהם פון אַלע דברות. „לא תגנוב״, „לא תרצח״, „לא תענה״ — די אַלע זאַכען זענען אין רשות פון מענש: ווען ער וויל נישט, וועט ער נישט גנב׳ענען, נישט מאָרדען א.אַז.וו. אָבער „לא תחמוד״? — וואָס זאָל דער מענש טהון, ווען ער גלוסט פאָרט? ווי קאָן מען דען בעהערשען דאָס אינערליכע געפיהל? — די זאַך ווערט אָבער פערשטענדליך, ווען מען נעהמט אין אַכט, אַז אין דער נאַטור פון מענש ליעגט צו גלוסטען נאָר צו אַזעלכע זאַכען, וועגען וועלכע ער האָט כאָטש די מינדעסטע האָפנונג, אַז די זאַך, צו וועלכער ער שטרעבט, קאָן מיט דער צייט פאַר איהם דערגרייכט און פערווירקליכט ווערען; דאַגעגען איז אויסגעשלאָסען, ער זאָל גלוסטען צו אַזעלכעס, וואָס איז פאַר איהם אונ־דערגרייכבאַר. דער אָרימער דאָרפס־פויער וועט נישט גלוסטען און וועט זיך נישט פערליעבען אינ׳ם קעניג׳ס טאָכטער, ווי שעהן זי זאָל נישט זיין, ווייל ער ווייסט, אַז דאָס איז אַנ׳אונזין — און ווייל עס איז אַנ׳אונזין, קאָן עס גאָר באַלד נישט אַריינ־דרינגען אין זיין מוח און האַרץ... און דאָס איז דער זין פונ׳ם דאָזיגען געבאָט: עס דאַרף אינ׳ם מענשען איינגעוואָרצעלט ווערען דאָס בעוואוסטזיין, אַז דאָס, וואָס געהערט צו יענעם, איז אַבסאָלוט פאַר איהם אונדערגרייכבאַר און קאָן אויף קיין פאַל אין דער וועלט נישט ווערען זיינס, און דאַן וועט ער גאָר ממילא נישט אָנהויבען צו גלוסטען...
(אבן־עזרא, ספורנו און אַנדערע)

לא תחמוד בית רעך לא תחמוד אשת רעך... (כ. יד.)

ביידע לא תחמוד׳ס שטעהען צוזאַמען, און עס איז מיר דעריבער אַ גרויס חדוש — פלעגט דערויף זאָגען דער „איד הקדוש״ פון פשיסכע — פאַרוואָס מען האָט נישט געאַסר׳ט, אַז פונקט ווי מען טאָר זיך נישט מתיחד זיין מיט אַ פרעמדע אשה, זאָל מען אויך נישט טאָרען האָבען קיין יחוד מיט פרעמד געלד...

לא תחמוד אשת רעך ועבדו ואמתו ושורו וחמורו... (כ. יד.)

אַ פלא! דער אבן־עזרא, אויסרעכענענדיג אַ רייהע שינויים מיט וועלכע עס אונ־טערשיידעט זיך דער נוסח אין פרשת ואתחנן, בעמערקט צווישען אַנדערעס, אַז אין יתרו שטעהט געשריבען פריהער „עבדו ואמתו״ און נאָכדעם „שורו וחמורו״, דאַגעגען אין ואתחנן איז פערקעהרט: „שורו וחמורו״ פאַר „עבדו ואמתו״...

באמת אָבער, נאָכקוקענדיג אין חומש, זעהט מען גאָרנישט קיין שום אונטערשיעד; אין ביידע ערטער, סיי אין יתרו, סיי אין ואתחנן, איז דערזעלבער נוסח: „עבדו ואמתו ושורו וחמורו״!...

(אַנ׳אַלטע פראַגע)

בשעת דער „שאגת אריה״ איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין מעטץ, האָט ער

זיך געהייסען ברענגען דעם קהלה־פנקס און ער האָט אין איהם אַריינגעשריעבען וואָרט־ביי־וואָרט די עשרת־הדברות... ווען די ראשי־הקהל האָבען איהם פער׳חידוש׳ט געפרעגט צוליעב וואָס ער טהוט דאָס, האָט ער זיי געענטפערט, אַז במשך פון זיין רבנות אין פערשיעדענע שטעדט האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס וואָס שטעהט איינגעשריבען אין שטאָדטישען פנקס, איז אָפט ביים עולם אַ סך הייליגער ווי דאָס, וואָס שטעהט בפירוש געשריבען אין דער תורה...

וכל העם רואים את הקולות... (כ. טו.)

„רואין את הנשמע שאי־אפשר לראות במקום אחר״. (רש״י)

דאָס לשון „במקום אחר״ איז אונפערשטענדליך און לויט דער מיינונג פון רבי אפרים זלמן מרגליות איז דאָ אַ טעות הדפוס. עס דאַרף בלויז זיין: „רואין את הנשמע שאי־אפשר לראות״ און דערמיט איז אייגענטליך דער זאַץ געענדיגט, דערביי איז געווען צוגעגעבען מיט ראשי־תיבות: „במ״א״, און רש״י האָט דערמיט געמיינט אָנצו־ווייזען, אַז דער דאָזיגער מאמר געפינט זיך „במדרש אגדה״ (און ווירקליך איז דער מאמר גענומען פון מדרש אגדה שמואל פ׳ ט׳), אָבער דער מדפיס האָט, קענטיג, אַ טעות געהאַט און פון „במ״א״ איז ביי איהם אַרויסגעקומען — „במקום אחר״...

דער בעריהמטער הרב הילדעסהיימער פון בערלין איז אַמאָל געקומען קיין וואַרשא, וואו ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט׳ן חידושי־הרי״ם און, ווי דער שטייגער איז, האָבען זיי גלייך גענומען שמועסען אין לערנען. גראָד איז דאַמאָלס געווען די וואָך פון פ׳ יתרו און הרב הילדעסהיימער האָט געפרעגט דעם חידושי־הרי״ם דעם פשט פון פסוק „וכל העם רואים את הקולות״; נאָכוואָס איז נויטיג געווען דער דאָזיגער נס, אַז מען זאָל אויפ׳ן באַרג סיני נישט־נאָר הערען, נאָר אויך זעהען די קולות?

— דאָס איז נויטיג געווען — האָט איהם דער חידושי־הרי״ם דערויף געענטפערט — צוליעב אַ גאַנץ איינפאַכען טעם. עס זענען פאַראַן אין לשון־קודש זעהר פיעל ווערטער, וואָס די הברה זייערע, זייער קלאַנג און אויסשפּראַך איז דער זעלבער, דאָך האָבען זיי פערשיעדענע בעדייטונגען, אָבהענגיג פון דער אָרטאָגראַפיע, ווי אַזוי דאָס וואָרט ווערט געשריבען. הערען אַליין איז דעריבער ווייניג געווען, וואָרום בשעת מען האָט געהערט, למשל, די ווערטער „לא תגנוב״, האָט מען געקענט האָבען אַ טעות און מיינען, אַז דאָס זאָגט מען זיי: „לו תגנוב״, און דער פּשט איז: לו, צו איהם, פאַר׳ן אויבערשטענס וועגען, לשם שמים, מעג מען גנב׳ענען וכדומה... און דערפאַר איז „וכל העם רואים את הקולות״, האָט מען זיי געמוזט ווייזען, ווי אַזוי די ווערטער זענען געשריבען, ווי אַזוי זיי לעגען זיך אויס...

וירא העם וינועו... (כ. טו.)

און דערפון — זאָגט דער בעל־הטורים — נעהמט זיך דער מנהג צו שאָקלען זיך בשעת׳ן לערנען, ווייל די תורה איז געגעבען געוואָרען „באימה ברתת ובזיע״.

און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין זוהר (פנחס רי״ח): „מאי האי דכל עמין דעלמא לא עבדין נענועא אלא ישראל בלחודייהו, דכד לעאן באורייתא מתנענען הכא והכא?״ — מיט וואָס ערקלערט זיך עס, וואָס ביי די אומות העולם שאָקלט מען זיך נישט, נאָר

בלויז די אידען בשעת זיי לערנען בעווענען זיי זיך אַהין און אַהער? — „נשמתהון דישראל אתגזרו מגו בוצינא קדישא דדליק דכתיב נר ד׳ נשמת אדם וכו׳ נהורא דשרגא כיון דאתאחדא גו פתילה ההוא נהורא לא שכיב לעלמין אלא מתנענעא נהורא לכאן ולכאן״ — ווייל די אידישע נשמה שטאַמט פון הייליגען ברענענדען פלאַם און אַ ברענענד ליכט רוהט נישט, נאָר עס בעוועגט זיך אַהין און אַהער...

דאַגעגען דער כוזרי (מאמר ב׳ סי׳ ע״ט) בעמערקט דערויף, אַז דער איינפאַכער טעם איז, ווייל פאַרצייטענס, בשעת עס האָבען אויסגעפעהלט ספרים, האָבן צעהן מענשען געמוזט לערנען אין איין ספר און יעדער איינער האָט זיך געמוזט כסדר בעוועגען און איבערבויגען אויף אַלע זייטען כדי צו קאָנען זעהן די ווערטער. דערפון האָט זיך ביי זיי גענומען דער מנהג צו שאָקלען זיך און מיט דער צייט איז די דאָזיגע געוואוינהייט געוואָרען ביי אידען אַ צווייטע נאַטור.

פאַרהאַן אָבער אויך צווישען די ראשונים אַזעלכע, וועלכע זאָגען זיך אַרויס געגען דעם דאָזיגען מנהג. רבי שמואל הנגיד, למשל, (דער בעל „מבוא התלמוד״) לאַכט־אָב אין איינעם פון זיינע שירים פון די, וועלכע שאָקלען זיך ביים דאַווענען, אויסדריקענדיג זיך וועגען זיי מיט די ווערטער: „כאשר ינועו עצי היער מפני הרוח״. רבי מנחם עזריה מפאנו שרייבט זאָגאַר, אַז עס איז אַנ׳איסור צו שאָקלען זיך ביים דאַווענען שמונה־עשרה (עשרה מאמרות פ׳ אם כל חי סי׳ ל״ג) און אויך דער של״ה זאָגט בפירוש: „המתנועע בתפלתו גורם בטול כונתו״. דאַגעגען ערקלערט דער מגן־אברהם (או״ח סי׳ מ״ח): „דעביד כמר עביד ודעביד כמר עביד ובלבד שיכון״...

וירא העם וינעו ויעמדו מרחוק...

וירא — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — מען קאָן זעהען, וינועו — מען קאָן זיך אַפילו שאָקלען, און דאָך — ויעמדו מרחוק, זאָל מען זיין ווייט, ווייט פון סיני...

לא תעשון אתי אלקי כסף... (כ. כ.)

מאַך דיר נישט קיין געטער פון דיין גאָלד־און־זילבער, זאָלען זיי נישט הערשען איבער דיר, דיען נישט צום געלד!...

און דאָס איז אויך דער פשט: „הצילני מדמים אלקים״ (תהלים כ״א, ט״ז). „מדמים אלקים״ — פון צו פערוואַנדלען דאָס געלד אין אַ גאָט...

לא תעשון אתי אלקי כסף ואלקי זהב...

מאַך נישט מיט מיר קיין געלד־געשעפט, מאַך נישט קיין עסקים פון געטליכקייט, ציה נישט קיין פרנסה פון יראת־שמים...

(רבי יעקב אהרן זאַלאשינער)

„אלוה הבא בשביל כסף ואלוה הבא בשביל זהב — אזהרה לממנה דיין שאינו הגון״ (סנהדרין ז׳)

אין לעמבערג האָט קהל געוואָלט אויפנעהמען אַ דיין, וועלכער איז גרייט געווען צו געבען געלד, אָבער ר׳ שלמה קלוגער, דערוויסענדיג זיך דערפון, האָט דערצו באַין־אופן נישט דערלאָזט. זענען געקומען די ראשי־הקהל און געפרובט ווירקען אויף איהם, ערקלערענדיג, אַז דאָס געלד ווערט נישט גענומען, חלילה, פון דיין אַלס שוחד, נאָר אויף די צרכי־הקהלה, אויף צו פערריכטען דעם בית־המדרש, דעם פאַרקאַן אַרום בית־

עולם וכדומה. דערויף האָט זיי ר׳ שלמה קלוגער געענטפערט, אַז דאָס טאַקי איז דער פּשט פון פסוק „לא תעשון אתי אלקי כסף״, „לא תעשון אתי״, כ׳בין אייך מוחל, איהר זאָלט נעהמען כלומרשט דאָס געלד „אתי״, פאַר מיינעטוועגען, אויף אַ דבר־מצוה...

אין חושן משפט (ח׳ ס״א) ווערט גע׳פסק׳נט: „כל דיין המתמנה בשביל כסף וזהב אסור לעמוד לפניו, ולא עוד אלא שמצוה להקל ולזלזל בו״, און אין „אורים ותומים״ (ג׳ סעיף קי״ג) ווערט געבראַכט אַ העתק פון אַ חרם, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבען דער רבינו תם און דער רשב״ם, צוזאַמען מיט הונדערט און פופציג רבנים, און עס ווערט אין איהם געזאָגט: „וגזרנו ונידונו וחרמנו בשמתא ובשם מיתא שלא יהא אדם רשאי ליטול שררה לא על ידי מלך וכו׳ אם לא שימנו אותו רוב הקהל, והעובר — פתו פת כותי, וכמה כרכים נחרבו על ידי כן וכו׳״...

ולא תעלה במעלות על מזבחי... (כ. כג.)

רבי עקיבא אייגער האָט אָנגעזאָגט אין דער צואה, אַז אויף זיין מצבה זאָל מען קיין שבחים און מעלות נישט שרייבען, וואָרום ער וויל נישט קומען אויפ׳ן עולם־האמת מיט קיין שקרים, און ער האָט דערביי צוגעגעבען דעם פסוק — „ולא תעלה במעלות על מזבחי״...

מִשְׁפָּטִים

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם... (כא. א.)

„לפניהם" — פאר די מצוות בין אָדם למקום און פריהער פון זיי דאַרפען קודם־כל רעגולירט ווערען די בעציהונגען בין אָדם לחברו, דען — „דרך־ארץ קדמה לתורה"...

(כלי יקר)

„דרך־ארץ קדמה לתורה" — דרך־ארץ איז אַ הקדמה צו דער תורה. פון דער הקדמה דערקענט מען דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פון ספר — און לויט׳ן דרך־ארץ, וואָס דער מענש בעזיצט, דערקענט מען, ווי אַזוי זיין תורה זעהט אויס...

(רבי מנחם־מענדיל מקאָצק)

„אם אין אתם משמרים את הדינים הוא נוטל מכם את תורתו" (מדרש רבה)

די ערשטע שאלות, זאָגען די חז״ל, וואָס מען שטעלט דעם מענש ביים משפט פון בית־דין של מעלה, זענען: „נשאת ונתת באמונה, עסקת בתורה". פריהער פרעגט מען איהם, צי ער האָט געהאַנדעלט באמונה און ערשט נאָכהער — צי ער האָט עוסק געווען בתורה; און דאָס איז אויך דער זין פונ׳ם דערמאָהנטען מאמר: „אם אין אתם משמרים את הדינים, הוא נוטל מכם את תורתו", אויב איהר וועט נישט היטען די משפטים, די דינים שבין אדם לחברו, האָט די תורה אייערע קיין שום ווערט נישט...

(כתב סופר)

„אשר תשים — אלו כלי הדיינים" (סנהדרין ד׳)

אַ מערקווירדיגע זאַך! בשעת אַ פרומער איד קומט צום דיין מיט אַ שאלה וועגען איסור והיתר, וועגען כשרות און טרפות, וואַרפט ער זיך אונטער דעם אַרויסגעטראָגע־נעם פסק און וואָגט נישט געגענצושטעלען זיך און אַ קרום וואָרט צו זאָגען, מעג דער שאָדען, וואָס ער ליידט צוליעב׳ן פסק, ווי־גרויס זיין. קוים אָבער קומט דער זעלבער איד צום זעלבען דיין וועגען אַנ׳ענין פון „משפטים", אויף אַ דין־תורה צוליעב אַ געלד־סכסוך, דאַמאָלס מוז מען זיך עפ״י רוב, ליידער, בענוצען מיט די „כלי־הדיינים", מיט פערשידענע צוואַנגס־מיטלען, התראות, דראָהונגען, בעוואָרענישען און גאַראַנטיעס, אַז ער וועט מקיים־פסק זיין און האַלטען די דין־תורה...

(רבי יצחק אלחנן מקאָוונא)

אַ זעהר כאַראַקטעריסטישן מאמר געפינען מיר אויפ׳ן דאָזיגען פסוק אין „מדרש והזהיר", און נעמליך:

„מי שהוא חנון אל ימנע מלישא משוי של ישראל, כשהכל צריכין לו ומבקשין לשמוע ממנו, אבל אם מקצת צריכין לו ומקצת אין צריכין לו, מקצת מקרבין אותו ומקצת מרחקין אותו, דין הוא שידחה מהם ואל יטיל מחלוקת בישראל. יונה אמר שאוני והטילוני אל הים וישתוק הים מעליכם (יונה א׳), ואם לעובדי אלילים אמר כן, לשלומן של ישראל על אחת כמה וכמה"...

(מדרש והזהיר משפטים סי׳ ב׳)

כי תקנה עבד עברי... (כא. ב.)

די משפטים הויבען־זיך־אָן פון „עבד", ווייל ס'איז נישטאָ קיין ערגערע זאַך פאַר'ן מענש, ווי צו זיין אונטערטעניג און משועבד צו אַ צווייטען מענש...

(אבן עזרא, שד"ל און אַנדערע)

דער סדר המשפטים, די דינים פון דער אידישער תורה, הויבט זיך אָן מיט'ן בעפעהל אָבצושאַפען דאָס שקלאַפענטום, אַז איין איד טאָר נישט הערשען און פער־קנעכטען דעם צווייטען. דער דאָזיגער שריט איז ביי אידען געמאַכט געוואָרען מיט דריי טויזענד יאָהר פריהער, איידער דער דאָזיגער געדאַנק איז רייף געוואָרען און איידער דאָס האָבען אָנגעהויבען נאָכצוטהון אַנדערע פעלקער. די שטענדיגע, אייביגע קנעכט־שאַפט, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט אין דער גאַנצער וועלט, איז דורך דער תורה מיט איינמאָל רעדוצירט און בעגרעניצט געוואָרען אויף אַזוי פיעל, אַז עס ווערט בלויז ערלויבט צו דינגען אַנ'עבד אויף העכסטענס זעקס יאָהר, אָבער אויך די דאָזיגע ער־לויבעניש איז געוואָרען אַרומגעצוימט מיט די פערשידענסטע תנאים און חומרות: מעהר ווי אויף זעקס יאָהר טאָר ער זיך נישט פערדינגען; אויב אין מיטען די זעקס יאָהר איז יובל, ווערט דער קאָנטראַקט פון זיך זעלבסט בטל און ער געהט אַרויס פריי פאַר דער צייט; אויב ער ווערט במשך פון דער צייט פערמעגליך, האָט ער אַ ברירה צו בעפרייען זיך, צוריקצאָהלענדיג דעם בעל־הבית נאָר אַזוי פיעל, וויפיעל ער האָט ביי איהם לויט'ן חשבון פאַראויסגענומען פאַר די וויטערדיגע יאָהרען; אויב אין מיטען די זעקס יאָהר שטאַרבט דער בעל־הבית און ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין זיהן, נאָר טעכטער, ווערט ער בעפרייט; אויב דער עבד האָט אַ פרוי מיט קינדער, איז זיי דער בעל־הבית מחויב אויסצוהאַלטען.

חוץ לזה: אויב דער עבד־עברי האָט זיך נישט פערקויפט אַליין, נאָר ער איז פערקויפט געוואָרען דורכ'ן בית־דין צוליעב אַ גנבה, פאַר וועלכע ער האָט נישט געהאַט צו בעצאָהלען, טאָר איהם דער בעל־הבית נישט בעלאַסטען מיט קיין צו־שווערע אַרבייט, אָדער מיט אַזאַ אַרבייט, אין וועלכער ער, דער בעל־הבית, נויטיגט זיך גאָרנישט; ער טאָר איהם אויך נישט אָנוואַרפען קיין בזיונ'דיגע אַרבייט, ווי, למשל, ער זאָל איהם אָנטהון די שיך, אָדער ער זאָל איהם נאָכטראָגען די וועש אין מרחץ אַריין; ער טאָר נישט געבען דעם עבד עברי קיין ערגערע שפייז און קיין ערגער געלעגער, ווי ער אַליין האָט: „כי טוב לו עמך — עמך במאכל, עמך במשתה, שלא תהא אתה אוכל פת נקיה והוא פת קיבר, אתה שותה יין ישן והוא יין חדש, אתה ישן על גבי מוכין והוא על גבי תבן"; דער עבד־עברי, וואָס נישט ער אַליין, נאָר דאָס בית־דין האָט איהם פערקויפט, האָט נאָך דערביי אַ בעזונדערע פריווילעגיע, אַז ביים אַרויסגעהן פריי, מוז איהם דער בעל־הבית דאַן בעלוינען מיט אַ ספּעציעלע גראַטיפיקאַציע פון פערשידענע שפייז־פּראָדוקטען, וועלכע זאָלען ווערט זיין נישט ווייניגער ווי דרייסיג טאָלער. די אַלע חומרות האָבען געהאַט דעם אויסדריקליכען צוועק, אַז דעם בעל־הבית זאָל פאַר

קיין שום פאַל נישט לוינען צו דינגען זיך אַן׳עבד־עברי, דען — „כל הקונה עבד עברי, כקונה אָדון לעצמו״...

אָבער אויך בנוגע דעם עבד כנעני זענען אויפ׳ן אידישען בעל־הבית אַרויפגעלעגט געוואָרען פערשיעדענע פערפליכטונגען: אויב דער בעל־הבית האָט איהם אַכזריות׳דיג געשלאָגען און ער האָט איהם אויסגעהאַקט אַן׳אויג, אָדער אַ צאָהן, ווערט ער גע׳קנס׳עט אַרויסצולאָזען דעם עבד אינגאַנצען פריי; אויב ער האָט דעם עבד דער׳הרג׳עט קומט דעם אידישען בעל־הבית טויט־שטראָף; ער טאָר נישט פערקויפען דעם עבד כנעני צו אַ צווייטען איד אין אַן׳אַנדער לאַנד, און אויב ער טהוט דאָס, ווערט דער עבד בעפרייט; אויב אַן׳עבד כנעני איז אַנטלאָפען פון זיין אידישען בעל־הבית פון חוץ־לארץ קיין ארץ־ישראל, טאָר מען איהם נישט אַרויסגעבען: „לא תסגיר עבד אל אדוניו, אשר ינצל אליך מעם אדוניו!״ — און אויך וועגען עבד כנעני ווערט געזאָגט: „יאכילהו וישקהו מכל מאכל ומשקה ולא יבזהו לא ביד ולא בדברים, ולא ירבה עליו צעקות וכעס, אלא ידבר עמו בנחת וישמע טענותיו״ (שו״ע יו״ד סי׳ רס״ו)...

דער חדושי הרי״ם האָט אַמאָל געלאָזט רופען צו זיך זיינעם אַ רייכען חסיד, וועגען וועלכען מען האָט איהם דערצעהלט, אַז ער וויל אַרויסוואַרפען אַן׳אָרימען לאָקאַטאָר פון דער וואוינונג, און ער האָט איהם גענומען שטאַרק מוסר׳ן.

— פאַרוואָס בין איך עפּעס מעהר מחויב פון אַנדערע — האָט דער הויזווירט דערויף געענטפערט — צו שענקען דעם אָרימאַן אַזויפיעל געלד? אויב ער האָט נישט, טאָ זאָל מען אַרומגעהן און צונויפנעהמען פאַר איהם נדבות, איך פון מיין זייט וועל אויך צושטייער געבען אַ גרויסע נדבה, פאַרוואָס אָבער זאָל איך ליידען אינגאַנצען?

האָט איהם דער חדושי הרי״ם געענטפערט:

די גמרא זאָגט אין חגיגה: „חציו עבד וחציו בן חורין כופין את רבו ועושה אותו בן חורין״. איז דאָך, אייגענטליך, קשה: פאַרוואָס קומט עס דעם בעל־הבית, מען זאָל איהם צווינגען דערצו, זאָל מען אַרומגעהן נאָך נדבות, זאָל מען צונויפקלויבען די נויטיגע סומע געלד און זאָל מען איהם אויסלייזען? נאָר דער תירוץ איז: עס איז דיין עבד און דיר איז בעשערט געוועזן צו זיין דער בעל־הבית — מוזט דו ליידען...

„כי תקנה עבד״ — אויב דו זוכסט אַ מענשען אויף אַרבייט, אויב ס׳איז פאַרהאַן ביי דיר בעשעפטיגונג — „ע ב ר י״, האָט דער א י ד פאַרצוג, ער איז בילכער...

(אור החיים)

ורצע אדוניו את אזנו... (כא. ו.)

ווי עס ערקלערען אונז די חז״ל, רעדט זיך דאָ וועגען אַן׳עבד עברי, וועלכען דאָס בית־דין האָט פערקויפט פאַר אַ גנבה (וואָס ער האָט נישט געהאַט צו בעצאָהלען), און דעריבער איז „ורצע אדוניו את אָזנו״, ווייל — „אזן זאת ששמעה על הר סיני לא תגנוב והלך וגנב — תרצע״.

פרעגט זיך: אויב דאָס איז אַ שטראָף פאַר דער גנבה, דאַרף מען דאָך איהם בויערן דאָס אויער תיכף נאָכ׳ן אויספיהרען די גנבה, נאָך איידער מען פערקויפט איהם פאַר אַן׳עבד, נישט ערשט אין זעקס יאָהר אַרום, ווען ער וויל נישט פריי ווערען?

דער תירוץ איז: פריהער ווערט נישט אויסגעפיהרט איבער איהם דידאָזיגע שטראָף, ווייל מיר האָבען אַ כלל: „אין לוקין ומשלמין״, מיט צוויי זאַכען מיטאַמאָל

בעשטראָפט מען נישט — בעגנוגענט מען זיך דעריבער מיט דעם איינעם עונש, וואָס מען פערקויפט איהם פאַר אַנ'עבד; שפעטער אָבער, בעת עס קומט דאָס שמיטה־יאָהר און ער וויל זיך נישט בענוצען מיט'ן רעכט אַרויסצוגעהן פריי, טענה'נדיג: „אָהבתי את אדוני!", בעוויזט ער דאָך דערמיט, אַז יענער עונש, מיט וועלכען מען האָט איהם בע־שטראָפט פאַר דער גנבה, פערקויפענדיג איהם פאַר אַנ'עבד, איז ביי איהם לגמרי גאָר קיין עונש נישט, פערקעהרט, ער איז נאָך דערפון העכסט צופרידען — מוז מען שוין דעריבער אויספיהרען אויף איהם דעם צווייטען עונש: „ורצע אדוניו את אזנו"...

(כלי יקר)

„אזן זאת ששמעה על הר סיני לא תגנוב והלך וגנב — תרצע" (רש"י)

אייגענטליך וואָס איז דאָס אויער שולדיג, אויב דער מענש האָט שפעטער נישט געפאָלגט דאָס, וואָס זי האָט געהערט און פאַרוואָס קומט גראָד איהר צו באַשטראָפען מעהר ווי די אַלע אַנדערע אברים, וועלכע האָבען געהאָלפען דורכפיהרען די גנבה?

— נאָר — האָט געענטפערט דערויף דער חדושי הרי"ם — נישט פאַר'ן חטא פון דער גנבה ווערט דאָס אויער בעשטראָפט, נאָר פאַר'ן בלויזען הערען. אויב מען האָט נישט בדעה צו פאָלגען דאָס, וואָס מען הערט, איז שוין גלייכער באַלד נישט צו הערען...

„אזנו הימנית, או אינו אלא של שמאל וכו'" (רש"י)

פאַרוואָס זאָל האָבען געוועזן די הוה־אמינא, אַז מען מיינט אוזן של שמאל?

דען אין שיר־השירים, אויפ'ן פסוק „ישקני מנשיקות פיהו", זאָגט דער מדרש: „היה הדבור יוצא מימינו של הקב"ה לשמאלן של ישראל". קומט דאָך אויס, אַז דער „אוזן ששמעה על הר סיני לא תגנוב" איז געוועזן דאָס לינקע אויער און דעריבער איז, אַלזאָ, געוועזן די הוה־אמינא, אַז טאַקי דאָס דאָזיגע אויער זאָל געבויערט ווערען...

(רבי ר' העשיל)

דאָס פיערטע ווייב פון רבי חיים צאַנזער איז געוועזן אַ זעהר בייזע אידענע. נאָכדעם ווי דער צאַנזער רבי האָט מיט איהר חתונה געהאַט איז איינמאָל אַריינגעקומען צו איהם זיין הויפט־משמש, ר' אברהם לאַזער למדן, (אַזוי האָט מען איהם גערופען) און געמאָלדען, אַז ער זאָגט זיך אָב פון פאָסטען, ווייל ער קאָן נישט מעהר איבערטראָגען די נגישות פון דער רבי'צין.

— איז צוליעב אַזאַ נאַרישקייט — וואונדערט זיך דער צאַנזער — ווילסטו זיך אָבזאָגען?

— דאָס איז גאָרנישט קיין נאַרישקייט — ענטפערט ר' אברהם לאַזער — אויפ'ן פסוק „ורצע אדוניו את אזנו" זאָגט די גמרא: „תנו רבנן, לו אשה ובנים ולרבו אין אשה ובנים אינו נרצע" (קידושין כ"א). פרעגט זיך: וואָס איז דער שכל דערפון? פאַרוואָס, אויב דער בעל־הבית האָט נישט קיין אשה ובנים, ווערט דערפאַר נישט אויסגעפיהרט איבער'ן עבד דער דין פון „ורצע אדוניו את אזנו במרצע ועבדו לעולם"? נאָר, ווי עס ווייזט אויס, איז דער טעם דערביי, ווייל ווער ווייס, וואָס פאַר אַ פריש ווייב דער בעל־הבית קאָן נעהמען און וואָסערע צרות דער עבד קאָן האָבען פון איהר אויסצושטעהן, און אויף אַזאַ עבד דאַרף מען דעריבער רחמנות האָבען און מען טאָר איהם נישט פער־בינדען אויף שטענדיג...

אל הדלת...

פאַרוואָס עפּעס גראָד ביי דער טהיר? — ווייל מען האָט פאַר איהם די טהירען געעפענט, דאָס רעכט אויף פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט געגעבען, און ער וויל דערפון נישט געניסען און וויל ווייטער קנעכט און שקלאַף בלייבען...

לא תצא כצאת העבדים... (כא. ז.)

זאָלען מיר, אידען, נישט זיין געגליכען צום פאַרצייטישען שקלאַף, צום „עבד כנעני", וועלכער איז פריהער נישט אַרויס אויף דער פריי, ביז מען האָט איהם די ציינער אויסגעהאַקט, די אויגען אויסגעשלאָגען, ביז ער האָט שוין גאַר די מעגליכקייט נישט געהאַט פון דער פרייהייט צו געניסען; זאָלען מיר, אידען, נישט וואַרטען, ביז מיר וועלען, חלילה, דערגעהן צו אַזאַ צושטאַנד — „לא תצא כצאת העבדים"!...

(אור חדש)

מכה איש ומת... (כא. יב.)

עס ווערען דאָ אויסגערעכענט פאַר אונז, לויט'ן סדר, אַ גאַנצע רייה פאַלען, פון וועלכע איינס איז האַרבער פון'ם צווייטען: א) „מכה איש ומת מות יומת", ווען מען שלאָגט אַ מענשען און יענער שטאַרבט פון די קלעפּ, איז דער שלעגער חייב מיתה; ב) עס איז אָבער פאַרהאַן אַזאַ פאַל, ווען דער שלעגער איז חייב מיתה, אַפילו אַז דער געשלאָגענער שטאַרבט נישט פון די קלעפּ, און דאָס איז — „מכה אָביו ואמו"; ג) און נאָך אַ האַרבערער פאַל איז פאַרהאַן, ווען מען זאָל חייב זיין מיתה פאַר אַנ'אַטענטאַט אויף אַ פרעמדער פערזאָן, אויב אַפילו מען האָט גאַר יענעם דערביי נישט געשלאָגען, און דאָס איז — „גונב נפש ומכרו"; ד) עס גיבט אָבער נאָך אַ פיערטער פאַל, וואָס מען איז חייב מיתה אַפילו דאַן, ווען מען האָט זיך נאָך אַבסאָלוט צו יענעם נישט צוגעריהרט, און דאָס איז — „מקלל אָביו ואמו"...

(וזאת ליהודה)

ומכה אביו... ומקלל אביו... (כא. טו. יז.)

דער דין איז, אַז „מכה את אָביו לאחר מיתה — פטור"; דאַגעגען „מקלל את אָביו לאחר מיתה — חייב".

דער טעם, פאַרוואָס די חז"ל האָבען מעהר מחמיר געווען ביי קללה, ווי ביי הכאָה, הגם אין פלוג וואָלט דאָך געדאַרפט זיין פערקעהרט, איז גאַנץ איינפאַך: שלאָגען איז אַ פיזישער, קערפערליכער וועהטאָג, און נאָכ'ן טויט איז דאָך שוין דער קערפער נישט פיהלבאַר; דאַגעגען שעלטען פערשאַפט יענעם אַ גייסטיגען צער — און דער גייסט, די נשמה עקזיסטירט אויך נאָכ'ן טויט...

(מהר"ל)

וכי יריבון אנשים... (כא. יח.)

דער בעריהמטער גאון, רבי יצחק אייבעשיץ, וועלכער האָט געהאַט, כידוע, זעהר פיעל אויסצושטעהן פון אינטריגעס, מחלוקת און רדיפות, שרייבט אויפ'ן דאַזיגען פסוק אין זיין ספר „תפארת יהונתן":

„וכי יריבון אנשים — בעת מענשען קריגען זיך — והכה איש את רעהו — איז שין פיעל גלייכער זיי זאָלען זיך שלאָגען, איידער זיי זאָלען אינטריגירען און פער־שפּרייטען רכילות איינער אויף׳ן צווייטען, וואָרום — ורפא ירפא — אַ קלאַפּ פערהיילט זיך, פיעל ערגער איז מיט רכילות און לשון־הרע״...

ורפא ירפא... (כא. יט.)

„מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות״ (ב״ק פ״ה)

וואָס איז עס פאַר אַ רבותא? צוליעב אַ חולה מעג מען דאָך אַפילו מחלל שבת זיין!... נאָר די כונה איז, אַז דעם דאָקטאָר איז ערלויבט צו נעהמען האָנאָראַר פאַר זיין אַרבייט, כאָטש היילען אַ קראַנקען איז אַ מצוה און פאַר אַ מצוה טאָר מען דאָך גע־וועהנליך קיין געלד נישט נעהמען... און דערפאַר טאַקע מאַכט דערויף דער תרגום: „ואגר אַסיא ישלם״...

(פנים יפות)

דער בעוואוסטער דאָקטאָר רבי חיים־דוד פון פּיעטריקאָוו, וועלכען מען האָט פאַר אַ גרויסען צדיק געהאַלטען, פלעגט זאָגען, אַז מיט אַ חולה דאַרף מען זיך נוהג זיין ווי עס שטעהט אין דאַוונען: „בורא רפואות, נורא תהלות, אַדון הנפלאות״, — פריהער דאַרף מען איהם פערשרייבען אַ רעצעפּט („בורא רפואות״); אויב עס העלפט נישט — דאַרף מען זאָגען תהלים („נורא תהלות״); און דאַן, אויב דער מצב ווערט ערגער, מוז מען האָפען אויף אַ נס („אדון הנפלאות״)...

„טוב שברופאים — לגיהנם״... (קידושין פ״ב)

פאַרהאַן דאָקטוירים, בעלי־גאוה, וועלכע בלאָזען פון זיך און וועלכע פיהלען זיך העכסט בעליידיגט ווען דער פּאַציענט וויל זיך מיישב זיין און הערען די מיינונג פון נאָך אַ דאָקטאָר... אַזעלכע דאָקטוירים זענען אַנ׳אומגליק און אויף זיי איז עס געזאָגט געוואָרען: „טוב שברופאים — לגיהנם״... עס ווערט געמיינט דערמיט: דער רופא, וועלכער געהט אַרום מיט דער איינרעדעניש, אַז ער איז דער „טוב שברופאים״, דער בעסטער און גרעסטער מומחה, וואָס ווייסט בעסער און קען מעהר פון אַלעמען — „לגיהנם״, אַזאַ דאָקטאָר וועט פון גיהנם נישט אַרויס, אַזעלכער איז מיט זיין גאוה גורם צו אַ סך אומגליקען...

(עץ יוסף)

ורפא...

אין דער מעדיצין גילט אַלס אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז די כירורגיע איז איינ־געפיהרט געוואָרען ערשט אין אַנהויב פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט און ביז דאַן האָט מען אין ערגיץ נישט געוואוסט דערפון.

באמת, אָבער, ווי עס איז דייטליך צו זעהען פון אייניגע שטעלען אין דער גמרא, איז די כירורגיע בעקאַנט געווען און זי איז פּראַקטיצירט געוואָרען שוין אין די צייטען פון די בעלי־התלמוד. אַמדייטליכסטען איז דאָס צו זעהען פון דער פאָלגענדער

שטעלע: „אשקוהו סמא דשינתא ועיילוהו לביתא דשישא וקרעו לכריסיה, הוו מפקי מיניה דיקולי דיקולי דתרבא״ (ב״מ פ״ג). אַלזאָ, נישט־נאָר וואָס „קרעו לכריסי״, אַז מען האָט שוין דאַן דורכגעפיהרט כירורגישע אָפּעראַציעס, נאָר מען האָט שוין זאָגאָר געוואוסט איינצושלעפערן דעם חולה פאַר דער אָפּעראַציע מיט אַ נאַרקאָטיש מיטעל — „אשקוהו סמא דשינתא״...

(התלמוד ומדעי התבל)

אַ מערקווירדיגען דין געפינען מיר אין ר״ן (נדרים מ׳), עס ווערט דאָרט געזאָגט: „פעמים שצריך לבקש רחמים על החולה שימות, כגון שמצטער הרבה בחליו ואי־אפשר לו שיחי׳״, אַז אויב דער חולהליידט שטאַרקע יסורים און ער האָט קיין האָפנונג נישט צו בלייבן לעבען, דאַרף מען אויף איהם מתפלל זיין, אַז ער זאָל וואָס גיכער שטאַרבען, און ער ברענגט אַ ראיה דערויף פון דער גמרא, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז בשעת רבי האָט זיך געראַנגעלט אין יסורים, האָט די אמתא דבי רבי מתפלל געווען: „ויהי רצון שיכופו עליונים את התחתונים״ (כתובות ק״ד)...

אין פּראָג איז געווען אַ מנהג, אַז יעדער רב פלעגט פאַר דער פּטירה שיקען נאָך די ראשי־הקהל און זיי אָנווייזען, וועמען זיי זאָלען אויסוועהלען אַלס ממלא־מקומו אויפ׳ן פּראָגער כסא־רבנות. בשעת דער לעצטער פּראָגער רב, פאַר׳ן „נודע ביהודה״, איז געווען אַ גוטה־למות און די ראשי־הקהל זענען, ווי דער מנהג איז, צוגעגאַנגען צו זיין בעט פרעגען, ווער עס זאָל נאָך איהם איבערנעהמען דאָס כסא־רבנות, האָט ער זיי געענטפערט עטליכע ווערטער: „ודילמא רבי מאיר הוא״. מעהר האָט ער נישט בעוויזען צו זאָגען, ער האָט מאָמענטאַל פערמאַכט די אויגען און איז נפטר געוואָרען.

די ראשי־הקהל זענען געבליבען אין גרויס פערלעגענהייט, נישט וויסענדיג, וואָס דער רב האָט געמיינט צו זאָגען דערמיט, און נאָך אַ לענגערע בעראַטונג איז ביי זיי בעשלאָסען געוואָרען, אַז אַלס ממלא־מקומו אויפ׳ן פּראַגער רבנות זאָל אויפגענומען ווערען נור דער יעניגער, וועלכער וועט וויסען צו ערקלערען זיי דעם פשט פון די דאָזיגע ווערטער.

איינער פון די קאַנדידאַטען אויפ׳ן פּראַגער רבנות איז געווען דער נודע־ביהודה, וועלכער איז דאַן געווען רב אין יאַמפּלא, און בשעת ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר די פּראַגער ראשי־הקהל, האָבען זיי איהם דאָס ערשטע געפרעגט, ער זאָל זיי זאָגען, וואָס דער פריהערדיגער רב האָט געמיינט מיט זיינע לעצטע ווערטער: „ודילמא רבי מאיר הוא״.

— גאַנץ איינפאַך — האָט ער תיכף ומיד ערקלערט — די גמרא זאָגט, אַז „רוב גוססין למיתה״, דאַגעגען רבי מאיר האַלט, אַז „חיישינן למיעוטא״, אַז מען דאַרף זיך רעכענען דערמיט, וואָס עס טרעפט ביי אַ מיעוט גוססין, אַז זיי בלייבען יאָ לעבען. און דאָס איז אַלזאָ געווען די כוונה פון פריהערדיגען רב. בשעת מען איז צוגעגאַנגען צו איהם פרעגען, ווער עס זאָל נאָך איהם פערנעהמען זיין כסא־רבנות, האָט ער דערויף געענטפערט: „ודילמא רבי מאיר הוא״, אפשר דאַרף מען זיך סומך זיין אויף רבי מאיר׳ן אַז „חיישינן למיעוטא״, אַז אויך אַ גוסס קאָן געזונד ווערען און בלייבען לעבען און עס איז דערווייל נישט נויטיג צו זוכען אַ פרישען רב...

די דאָזיגע ערקלערונג האָט ביי זיי שטאַרק אויסגענומען און זיי האָבען איהם גלייך איבערגעגעבען דאָס כסא־רבנות...

וכי יכה איש את עבדו או את אמתו... (כא. כ.)

„בעבד כנעני הכתוב מדבר" (רש"י)

אומעטום, וואו „עבד" און „אָמה" געפינען זיך אין איין פסוק, מוז מען מיינען כ נ ע נ י ם, מחמת קוים ווערען זיי געשטעלט צוזאַמען, הייסט עס, אַז זיי זענען ביידע עהנליך צווישען זיך, אַז ביידע זענען זיי אָדער גדולים, אָדער קטנים, — און דידאָזיגע גלייכהייט איז ביי אַנ׳עבד עברי און ביי אַנ׳אָמה עבריה אונמעגליך: דען זאָל מען זאָגען, אַז עס רעדט זיך וועגען גדולים — קאָן ז י דאָך שוין מעהר קיין אָמה נישט זיין, אַנ׳אָמה עבריה איז דאָך „יוצאת בנערות"; זאָל מען ווידער אָננעהמען, אַז זיי זענען קטנים — קאָן ע ר דאָך נאָך קיין עבד נישט זיין, קיין קטן טאָר מען דאָך נישט פערקויפען אַלס עבד... און דעריבער איז נישט אַנדערש, נאָר „בעבד כ נ ע נ י הכתוב מדבר".

(ווילנער גאון)

וכי יכה איש את עבדו וכו׳ ומת תחת ידו נקם ינקם... (כא. כ.)

דערפאַר איז, אַז אויב „ומת תחת ידו נקם ינקם", דאַגעגען, „אם יום או יומים יעמד לא יוקם", ווייל דער דין איז: „המפקיר את עבדו יוצא לחירות", און קוים איז דער עבד אַ „מת תחת ידו", בעווייזט עס, אַז דער בעל־הבית איז בכוונה תחילה געווען גרייט איהם צו דער׳הרג׳ענען, נישט אַבשטעלענדיג זיך דערפאַר, וואָס ער וועט דאַדורך פערלירען אַנ׳עבד. דאָס הייסט, אַלזאָ, אַז ער האָט דעם עבד מפקיר געווען, וממילא האָט שוין דער עבד פון יענעם מאָמענט אָן דעם דין פון אַ בן־חורין, דען „המפקיר את עבדו יוצא לחירות", און דעריבער איז „נקם ינקם", קומט איהם דן צו זיין, ווי ער וואָלט דער׳הרג׳עט אַ בן־חורין...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

עין תחת עין... (כא. כד.)

לויט דער ערקלערונג פון די חז"ל, מיינט מען נישט „אַנ׳אויג פאַר אַנ׳אויג" ממש, נאָר ג ע ל ד... אַ רמז דערויף איז פאַרהאַן אין די ווערטער „תחת עין" גופא: לויט׳ן סדר פונ׳ם א"ב קומט נאָכ׳ן אות ע׳ — אַ פ׳, נאָכ׳ן אות י׳ — אַ כ׳, נאָכ׳ן אות נ׳ — אַ ס׳; צוזאַמען — די אותיות „כסף". און די כונה איז אַלזאָ: „עין" — ווען מען שלאָגט עמיצען אויס אַנ׳אויג, ווערט מען בעשטראָפט — „ת ח ת עין", מיט דעם, וואָס קומט נאָכ׳ן וואָרט ע׳י׳ן׳: מיט — „כ ס ף", געלד...

(ווילנער גאון)

וכי יכה איש את עין עבדו וכו׳ לחפשי ישלחנו... (כא. כו.)

פון דעם פסוק איז, אַלזאָ, דייטליך צו זעהען, אַז די בעפרייאונג פון עבד איז אַ פערגיטיגונג פאַר זיינע ליידען און אַ שטראָף פאַר׳ן בעל־הבית. רבי צבי חיות פרעגט דעריבער אַ האַרבע קשיא אויף דער גמרא אין גטין: „אמר רבי אלעזר אמרנו לו למאיר והלא זכות הוא לו לעבד שיוצא לחירות? אמר לנו, חוב הוא לו" (גטין י"ב).

ווי אַזוי קאָן רבי מאיר זאָגען, אַז „חוב הוא לו", ווערענד דאָס איז דאָך להיפוך צום בפירוש׳ן פסוק דאָ אין דער תורה?...

אין שו"ת הרשב"א ווערט געבראַכט אַ שאלה פון אַ חכם אחד, וועלכער פרעגט: ווי איז אין דעם פאַל, ווען דער עבד האָט אויף זיך גורם געווען די שטראָף צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך שווער פערזינדיגט, צי אויך דאַמאָלס דאַרף ער, לויט'ן דין, ווערען בעפרייט?

דערויף ענטפערט איהם דער רשב"א זעהר שאַרפזיניג, אָנווייזענדיג אויפ'ן מאמר אין דער גמרא (ברכות ה'), וואו עס ווערט געזאָגט: „יסורים ממרקים עונותיו של אדם, קל וחומר משן ועין, מה שן ועין שהם אחד מאבריו של אדם יוצא בהם לחירות, יסורים שממרקים כל גופו של אדם על אחת כמה וכמה". איז אויב, אַלזאָ, מען זאָל זאָגען, אַז אין פאַל ווען דער עבד פערזינדיגט זיך, איז ער נישט יוצא בשן ועין, פאַלט דאָך אַוועק דער גאַנצער קל־וחומר, וואָרום אויך די יסורים איז דאָך דער מענש גורם אויף זיך צוליעב זיינע זינד...

וכי יפתח איש בור או כי יכרה איש בר... (כא. לג.)

דער ערשטער „בור" איז געשריבען מלא, מיט אַ ו', דער צווייטער „בר" — חסר.

דען לויט'ן דין פון דער גמרא איז אַ „פותח בור" חייב נור דאַמאָלס, ווען ער עפענט אַ צוגעדעקטען גרוב, וואָס האַלט צעהן טפחים אין דער טיעף, דאַגעגען אַ „כורה בור" איז חייב אַפילו דאַן, ווען ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ פאַרטיגען גרוב פון ניין טפחים און ער האָט בלויז צוגעגראָבען איין טפח.

אין ערשטען פאַל איז אונז, אַלזאָ, די תורה מרמז, איז ער חייב נור אויף אַ „בור מלא", דאַגעגען אין צווייטען פאַל — אַפילו אויף אַ „בור חסר".

(ווילנער גאון)

ונפל שמה שור או חמור... (כא. לג.)

„שור ולא אדם חמור ולא כלים" (ב"ק נ"ב)

פונוואַנען איז גענומען דער דיוק, אַז גראַד שור איז ממעט אדם און חמור — כלים, און נישט פערקעהרט?

ווייל אין פסוק ווערט געזאָגט: „ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו" (ישעי' א.), איז דערפון צו זעהן, אַז דער שור איז מעהר געוויגט צום מענש, און חמור — צו כלים...

(מטה אהרן הספרדי)

וכי יגוף שור איש את שור רעהו... (כא. לה.)

„רעהו, למעוטי של הקדש ושל עובד כוכבים" (ב"ק ל"ז)

דער טעם פונ'ם דאָזיגען דין, אַז וויבאַלד אַנ'אָקס פון אַ אידישען בעל־הבית האָט אומגעבראַכט אַנ'אָקס פון אַנ'עובד כוכבים, איז דער איד פטור פון בעצאָהלען איהם דעם שאָדען, איז דערפאַר — ווי עס ווערט ערקלערט אין רמב"ם הלכות נזקי ממון הלכה ה' — ווייל ביי די גויים האָט דאַן נישט עקזיסטירט דאָס זעלבע געזעץ, אַז דער מענש זאָל זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די שאָדענס פון זיין בהמה, און עס איז דעריבער דאָס אידישע רעכט אָבצוצאָהלען זיי מיט דער זעלבער מאָס און צו בעהאַנדלען זיי לויט זייערע אייגענע דינים.

וואָרום עס קאָן דאָך נישט פּערלאַנגט ווערען, אַז דאָס אידישע געזעץ זאָל אָוועק־שטעלען דעם גוי אין אַ מעהר פּריווילעגירטען צושטאַנד, ווי דעם איד, אַז דער גוי דעם איד זאָל נישט דאַרפען בעצאָהלען, און דער איד דעם גוי — יאָ...

אם המצא תמצא בידו הגנבה... שנים ישלם... (כב. ג.)

פאַרוואָס האָט די תורה אַרויפגעלעגט אויף'ן גנב אַ האַרבערע שטראָף, ווי אויף'ן גזלן, דער גנב זאָל מוזען בעצאָהלען כפל און דער גזלן נישט? — ווייל ביים גזלן שטעהט כאָטש דער כבוד פונ'ם אויבערשטען און דער כבוד פון מענש אויף איין מדרגה: ער ווייזט, אַז ער האָט פאַר ביידע קיין מורא נישט... ביים גנב דאַגעגען ווערט העכער געשטעלט דער מענשליכער כבוד, וואָרום פאַר'ן אויבערשטען האָט ער נישט קיין מורא, און פאַר מענשען — יאָ...

(בבא קמא ע"ט)

דער טעם פון כפל איז „כאשר זמם לעשות לאחיו": דער גנב דאַרף בעשטראָפט ווערען צו ליידען פון זיין טאַש אַזוי פיעל, וויפיעל ער האָט געוואָלט שאַדען ברענגען יענעם — מדה כנגד מדה...

(כנפי נשרים)

„הגוזל את חברו שוה פרוטה וכו' יוליכנו אחריו אפילו למדי" (בבא קמא ק"ג)

פאַרוואָס ווערט גראַד גענומען אַלסביישפּיעל מדינת מדי? — ווייל אין פּסוק ווערט געזאָגט: „הנני מעיר עליהם את מדי אשר כסף לא יחשבו וזהב לא יחפצו בו" (ישעיה י"ג, י"ז)... אַלזאָ, כאָטש דער בע'גזל'טער געפינט זיך אין מדי, וואו גאָלד און זילבער האָבען קיין חשיבות נישט, פונדעסטוועגען מוז ער איהם אומקעהרען אַהין די גזילה, מעג עס האָבען אַפילו דעם ווערט בלויז פון אַ פּרוטה...

(ווילנער גאון)

אין עבודת־השם דאַרף אַ מענש זיך אָבלערנען דריי זאַכען פון אַ גנב: א) ער איז נישט פויל; אַז עס מאַכט זיך איהם אַ „שטיקעל אַרבייט", איז ער גרייט צו לויפען אין דער שטאָק־פינסטערער נאַכט, נישט אָבשטעלענדיג זיך פאַר רעגען און קעלט, פאַר'ן ערגסטען וועטער; ב) אויב די „אַרבייט" געלינגט איהם נישט ביים ערשטען מאָל, ווערט ער נישט מיעד צו פּרובען אַ צווייטען און אַ דריטען מאָל; ג) צו דער גנבה פונ'ם מינדעסטען חפץ בעציהט ער זיך מיט דערזעלבער ערנסטקייט, ווי צו אַ גרעסערער זאַך...

(רבי בונם מפשיסכע)

אַ גנב איז נישט דער, וואָס קען גנב'ענען, נאָר וואָס גנב'עט; אַ לערנער איז נישט דער, וואָס קען לערנען, נאָר וואָס לערנט...

(רבי יחיאל־מאיר מגאָסטינין)

כי יתן איש אל רעהו כסף או כלים לשמור... (כב. ו.)

אין דערדאָזיגער פּרשה, וואו עס רעדט זיך וועגען אַ שומר־חנם, ווערט דער־מאָהנט בלויז „כסף או כלים", דאַגעגען אין דער ווייטערער פּרשה, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַ שומר־שכר, ווערט געזאָגט: „כי יתן איש אל רעהו חמור או שור או שה",

הגם לויט'ן דין איז אַלץ איינס און אויך אַ שומר־חנם (אויב ער האָט פושע געווען) איז חייב אויף חמור ושור; די תורה אָבער דערמאָהנט עס נישט פשוט דערפאַר, ווייל עס איז פון די זאַכען, וואָס זענען נישט שכיח — מחמת וועלכער שוטה וועט זיך עס וועלען אונטערנעהמען צו היטען אומזיסט יענעמס אָקס און יענעמס אייזעל?...

(שער בת־רבים)

ונקרב בעל הבית אל האלקים... (כב. ז.)

„ונקרב בעל הבית אל האלקים" — מיט וואָס, ווי־אַזוי און ווען קאָן דער איד ווערען אַ מקורב צו גאָט? — „אם לא שלח ידו במלאכת רעהו": אויב ער בע'עוול'ט נישט קיינעם, אויב ער טהוט נישט דעם צווייטען איד קיין שלעכטס...

(רבי מאיר'ל פרימישליאַנער)

על כל דבר פשע... אשר יאמר כי הוא זה... (כב. ח.)

די חז"ל ערקלערען, אַז דאָס בעציהט זיך אויף אַ „מודה במקצת". וואו איז דאָס מרומז אין פסוק? — אין די ווערטער „הוא" און „זה", וועלכע האָבען צוויי פערשידענע בעדייטונגען: „הוא" איז אַ נסתר, און „זה" — אַ נוכח; דאָס הייסט, אַלזאָ, איין טייל פון דער סומע פערלייקענט ער און טענה'ט „הוא", און אויף איין טייל איז ער זיך מודה — „זה"...

(רבי אברהם בן הגר"א מווילנא)

דער שורש פון אַלע זינד איז גאַוה... „על כל דבר פשע" — דער הויפט חטא פון אַלע חטאים איז — „אשר יאמר" — ווען דער מענש זאָגט אויף זיך — „כי הוא זה" — אַז ער איז עס; ווען ער האַלט פון זיך און מאַכט פון זיך אַ גאַנצען יש...

(רבי ישראל ממאָדזיץ)

צום קאָזשעניצער מגיד איז אַמאָל געקומען אַ חסיד־שוטה און פערלאַנגט, אַז דער מגיד זאָל איהם געבען עפּעס אַ סגולה, ער זאָל געפינען די אבידה, וואָס ער האָט פערלוירען. האָט איהם דער מגיד געהייסען געהן אַהיים און זאָגען דריי מאָל „איזהו".

דער חסיד, מיינענדיג, אַז דער מגיד הייסט איהם זאָגען דריי מאָל „איזהו מקומן של זבחים", האָט אַזוי געטהון, ער האָט מיט גרויס ערנסטקייט בדחילו ורחימו, וואָרט ביי וואָרט, אָבגעזאָגט דריי מאָל „איזהו" און — די אבידה נישט געפונען...

— ניין — ערקלערט איהם דער מגיד, בשעת דער חסיד איז צוריקגעקומען קלאָגען זיך, אַז די סגולה האָט נישט געהאָלפען, — נישט דעם „איזהו מקומן" האָב איך דיר געהייסען זאָגען, נאָר אַן אַנדערען „איזהו" — „איזהו שוטה, המאבד מה שנותנים לו"...

כי יתן איש אל רעהו חמור או שור... (כב. ט.)

דער לובלינער רב, רבי מאיר שפּיראָ, פלעגט זאָגען: עס זענען פאַרהאַן צוויי לומדים: איינער האָט ש"ס אין שאַנק און איינער האָט ש"ס אין קאָפּ.

דער ערשטער איז אַ שומר־חנם, וועלכער איז פטור בגנבה ואבדה, דער צווייטער אָבער האָט שוין דעם דין פון אַ שומר־שכר און ער איז חייב בגנבה ואבדה...

כסף ישקל כמהר הבתולות... (כב. טז.)

דערויף ווערט געזאָגט אין „דעת זקנים מבעלי התוספות״: „והר׳ משה אמר כי כמהר עולה מאתים זוז יתר אחד ויש אם למקרא״...

עס איז אַן׳אונפערשטענדליכע שטעלע, וועלכע מען פרובט ערקלערען אויף פער־שידענע אופנים.

אייניגע ווילען האָבען, אַז אַנשטאָט „מאתים זוז״ דאַרף שטעהן אין דעת־זקנים „ר׳ זוזים״. די ווערטער „ר׳ זוזים״ בעטרעפען 270, עהנליך צו דער צאָהל פונ׳ם וואָרט „כמוהר״ (מיט אַ ו׳), וואָס בעטרעפט מיט איינס מעהר, 271, און דאָס איז — „יתר אחד״. און אָבוואָהל דאָס וואָרט „כמהר״ איז דאָ אין פסוק געשריבען אָ ה ן אַ ו׳, קאָן מען עס אָבער שרייבען אויך מ י ט אַ ו׳, און דאָס ווערט געמיינט מיט׳ן אויספיהר — „ויש אם למקרא״.

אַ צווייטער, עהנליכער פירוש:

„כמהר״ בעטרעפט אין מספר קטן 13, „מאתים״ אין מספר קטן — 14; אָבער „ויש אם למקרא״ — דאָס וואָרט „מאתים״ לאָזט זיך שרייבען אויך אָ ה ן אַ א׳, און דאַן האָט עס דעמזעלבען מספר, וואָס „כמהר״: 13...

זובח לאלקים יחרם בלתי לד׳ לבדו... (כב. יט.)

בשעת אַ מלך בשר־ודם גיט אַרויס אויף אימיצען אַ גזירה, לויפט יענער צו אַ שתדלן, ער זאָל זיך בעמיהען און בעטען פאַר איהם. אַנדערש איז אָבער ביי השם־יתברך; אויב עס קומט אויף דיר אַ צרה, זאָלסטו נישט שרייען צו מיכאל׳ן, נישט רופען צו גבריאל׳ן, נאָר צו א י ה ם, צום אויבערשטען אַליין, און ער וועט דיר ענטפערן, דען „מי כד׳ אלקינו בכל קראנו אליו״...

(ירושלמי ברכות)

וגר לא תונה ולא תלחצנו כי גרים הייתם... (כב. כ.)

דער „כי גרים הייתם״ איז אַ נתינת־טעם, אַ בעגרינדונג און מאָטיווירונג צו די פריהערדיגע ווערטער; דעריבער דאַרף מען איך אַנזאָגען און וואָרענען, אַז „וגר לא תונה ולא תלחצנו״, ווייל „כי גרים הייתם בארץ מצרים״ און דער דרך־העולם איז, אַז בשעת איינער, וועלכער איז פריהער אַליין געווען אונטערדריקט, ווערט בעפרייט, ווערט ער נאָכהער זעלבסט אַן׳אונטערדריקער. אַמערגסטען און אַממעהרסטען ווערט מען על־פי־רוב געפייניגט פונ׳ם „עבד כי ימלוך״...

(דון יצחק אברבנאל)

כל אלמנה ויתום לא תענון... (כב. כא.)

יעדעס מאָל ווען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט צוקומען צום דאָזיגען פסוק פלעגט ער זיך פונאַנדערוויינען און אויסשרייען: רבונו של עולם! אַזויפיעל מאָל ביזטו מזהיר אין דער תורה, אַז מען טאָר קיין יתומים נישט פייניגען, און אויך מיר זענען דאָך יתומים — „יתומים היינו ואין אָב״, טאָ וואו איז דיין רחמנות אויף אונז און ווי אַזוי קענסטו דערלאָזען מיר זאָלען טויזענדער יאָהרען אַזוי שרעקליך געפייניגט ווערען פון אַלע זייטען?...

רבי יעקב בערלין, דעם נציב׳ס פאָטער, איז געווען אַ איד אַ סוחר און אַ שטוב איז ביי איהם געווען אַ נגיד׳ישע, מיט שעהן מעבעל און מיט פערשידענע אַנטיקען, וואָס ער פלעגט ברענגען פון אויסלאַנד. ויהי היום, האָט זיך די דינסט איינמאָל צוגעריהרט צום גלאָזוואַרג און האָט נישט ווילענדיג צובראָכען אַ טייערען אויסלענדישען סערוויז. איז די בעל־הבית׳טע, פערשטעהט זיך, אַרויס אויף איהר מיט אַ געוואַלד, געשריען און געזידעלט, ווי דער שטייגער איז...

— דו טאָרסט אויף איהר נישט שרייען — ווענדעט זיך רבי יעקב צום ווייב — זי איז פונקט אַזאַ חשובה, ווי דו...

— אָבער סטייטש — קאָכט זיך דאָס ווייב — אַזאַ שאָדען מיר אָנגעמאַכט, אַזאַ היזק!...

— פאַר׳ן היזק — ענטפערט איהר דער מאַן — מעגסטו מאָהנען, אָבער שרייען אויף איהר האָסטו קיין רעכט נישט...

— נו, אויב אַזוי — ליאַרעמט זי — געה איך שוין מיט איהר צום רב — און זי כאַפּט אויף זיך די פאַטשיילע און זי בעפעהלט דער דינסט צו געהן מיט איהר...

רבי יעקב שטעלט זיך אויף און טהוט אָן די קאַפּאָטע גרייט מיטצוגעהן.

— קאָנסט זיצען — מאַכט צו איהם דאָס ווייב — כ׳דאַרף דיך ביים רב נישט האָבען. כ׳קאָן אַליין טענה׳ן.

— כ׳געה נישט טענה׳ן פאַר דיר — ענטפערט איהר דער מאַן — כ׳ווייס, אַז אויף דיר ב״ה קאָן מען זיך פאַרלאָזען, דו דאַרפסט קיין טוען נישט האָבען... געהען געה איך טענה׳ן פאַר׳ן מיידעל, פאַר דער דינסט, זי איז אַן אָרימע דערשראָקענע יתומה און אַליין וועט זי נעביך נישט וויסען, וואָס צו טענה׳ן...

די גאַנצע צייט, וואָס רבי חיים סאָלאָווייטשיק איז געווען רב אין בריסק איז זיין שטוב געווען אָפען פאַר אַלעמען, וואו נאָר אַ מר־נפש, אַ שווער געמיט, פלעגט ער קומען צו איהם, אויסרעדען זיך דאָס הארץ, ווי פאַר אַן אייגענעם טאַטען. רבי חיים פלעגט אַלעמען אויסהערען און העלפען מיט אַ וואָרט, מיט אַן עצה, און גאַנץ אָפט אויך מיט געלד.

ויהי היום, איז אַריינגעקומען צו איהם אַ אידיש מיידעל און מיט אַן אָראָבגעלאָזט, שעמעוודיג פנים ערקלערט דעם רב, אַז זי האָט מיט איהם אַליין עפּיס צו רעדען. אַלע זענען אַרויסגעגאַנגען און דאַן האָט דאָס מיידעל פאַרבראָכען מיט די הענד און זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט.

— וואָס איז אייך! — ווענדעט זיך צו איהר רבי חיים מיט אַ מילדען פאָטערליכען טאָן, בעמיהענדיג זיך אויף פערשידענע אופנים זי צו בערוהיגען.

— רבי — כליפּעט דאָס מיידעל — כ׳בין אַן אָרימע יתומה, אָהן עלטערען, אָהן השגחה... כ׳האָב זיך נישט בערעכענט, כ׳בין געווען לייכטזיניג און זיך געלאָזט פערפיהרען אין אַן אומגליק... און איצט האָב איך זיך נישט וואו אַהינצוטהון...

רבי חיים האָט זיך אויפ׳ן מיידעל נישט געבייזערט, נישט גע׳מוסר׳ט, אַדרבה! זי איינגענומען מיט גוטען, געגעבען איהר געלד אויף צו לעבען און איהר אָנגעזאָגט, אַז ווען זי וועט געבוירען דאָס קינד, זאָל זי עס ברענגען צו איהם. ער אַליין וועט עס פון איהר האַנד צונעהמען און קיינער וועט נישט וויסען.

מיט עטליכע וואָכען שפּעטער, בעת רבי חיים איז געזעסען אין מיטען דער נאַכט און געלערענט, הערט ער אַ שטיל קלאַפּען אין דער טהיר. הויבט זיך רבי חיים אויף, געהט אַרויס אין פעדער־הויז און ער דערזעהט דאָרט שטעהן דאָס מיידעל מיט אַ קוישעל

אין האַנד... נעהמט ער צו דאָס קוישעל, טראָגט עס אַריין אין שטוב, וועקט אויף די רבי׳צין און הייסט זי אַכטונג געבען אויפ׳ן נפש... אין דער פריה האָט רבי חיים געשיקט נאָך אַנ׳אַם און איהר איבערגעגעבען צו האָדעווען דאָס קינד, צוזאָגענדיג איהר דערפאַר גוט צו בעצאָהלען...

פון דאַמאָלס אָן פלעגט מען נישט איינמאָל געפונען ביים רב אין פאָדערהויז אַנ׳אונטערגעוואָרפען קינד. רבי חיים פלעגט די אונטערגעוואָרפענע קינדער אַוועקגעבען צו אַמ׳ען און אַליין פאַר זיי צאָהלען...

איינמאָל — דערצעהלט מען — איז צו רבי חיים׳ען געקומען אַנ׳אַם וועלכע ער האָט געגעבען צו האָדעווען אַנ׳אונטערגעוואָרפען קינד, מאָהנען איהר חודש־געלד. רבי חיים האָט גראַד דאַמאָלס ביי זיך קיין געלד נישט געהאַט. די רבי׳צין אויך נישט. האָט ער געבעטען די אַם קומען אַנ׳אַנדערש מאָל. יענע איז אָבער געווען אַ וויבעל מיט אַ מענה־לשון, הויבט זי אָן שרייען און מאַכען קולות:

— כ׳וועל נישט אַוועקגעהן פון דאַנען... כ׳קאָן נישט האָדעווען קיין ממזרים אומזיסט!...

רבי חיים האָט געליהען אַ גמילת־חסד ביי איינעם פון די דיינים און בעצאָהלט דער אַם.

אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען, כאַפּט זיך רבי חיים, ווי ער וואָלט אין עפּעס פערגעסען, און הייסט זי צוריקרופען.

— וויבעל — מאַכט ער צו איהר — אַז איהר וועט קומען אַהיים, זאָלט איהר אַביסעל אָבוואַרטען מיט׳ן געבען דאָס קינד צו זויגען, מחמת איהר האָט אייך אויפגערעגט און די מילך קאָן, חלילה, דעם קינד פערשאַטען...

כי אם צעק יצעק אלי... (כב. כב.)

עס איז דאָס איינציגע געוועהר, נעבעך, פונ׳ם אָרימאַן און אומגליקליכען. וואָרום וואָס דען בלייבט איהם צו טהון אין דער וועלט, וואו עס גילט דער כלל פון „כל דאַלים גבר״? וואָס דען קאָן ער נעבעך מעהר טהון, ווי — שרייען?...

(דברי שאול)

כי אם צעק יצעק אלי שמע אשמע צעקתו... (כב. כב.)

מה־דאָך, ווען אַ יחיד קלאָגט זיך אויף אַ רבים, דערהערט דער אויבערשטער זיין געשריי, קל־וחומר, ווען דאָס געשריי געהט פון אַ רבים, וואָס ליידט פון אַ יחיד!...

(מכילתא)

אם כסף תלוה את עמי את העני עמך... (כב. כד.)

ווער איז גאָט׳ס פאָלק? — די אָרימעלייט... אַ בשר־ודם, אויב ער איז אַנ׳עושר און ער האָט אָרימע קרובים, מאַכט ער זיך ווי ער וואָלט זיי נישט געקענט, ער בעהאַלט זיך פאַר דעם אָרימען קרוב, ער שעמט זיך צו רעדען מיט איהם... אָבער גאָט, אַז ער זעהט אַנ׳אָרימאַן, בעהעפט ער זיך צו איהם. ווער איז זיין פאָלק? — די אָרימעלייט. און אַז גאָט וועט זיך איבערבעטען מיט ציון, אויף וועמען וועט ער דאַן פריהער אַרויסווייזען זיין רחמנות? — אויף די אָרימעלייט, „כי נחם ד׳ עמו ועניו ירחם״... „ועניו״ — זיי, די ערשטע...

(שמות רבה)

די ערגסטע זאַך אין דער וועלט איז אָרימקייט. אָרימקייט איז ערגער פון אַלע יסורים... בשעת דער שטן האָט מקטרג געווען אויף איובֿ׳ן, האָט גאָט געזאָגט צו איהם: וואָס ווילסטו בעסער — אָרימקייט, אָדער יסורים? האָט איוב דערויף געענטפערט: האַר פון דער וועלט! אַלע יסורים פון דער וועלט בין איך גרייט אויף זיך מקבל צו זיין — נאָר נישט קיין אָרימקייט...

(דאָרט)

אם כסף תלוה את עמי... (כב. כד.)

עס איז די איינציגע מצוה, ביי וועלכע עס איז געשריבען דאָס וואָרט „אם", אַ לשון ספק... הלואי, הייסט עס, זאָל אייך נישט צו־האַנד קומען די דאָזיגע מצוה און הלואי זאָל מען זיך נישט נויטיגען און נישט דאַרפען באָרגען, דען אין זעהר אָפטע פאַלען ענדיגט זיך די דאָזיגע מצוה מיט אַן עבירה: אָדער דער מלוה וויל נישט באָרגען, אָדער — דער לווה באָרגט און וויל נישט בעצאָהלען...

(אמרי נועם)

„טוב איש חונן ומלוה יכלכל דבריו במשפט וכו׳" (תהלים קי"ב)

טוב איש חונן ומלוה — די בעסטע פון אַלע צדקות איז הלואה, אָבער ווען? — יכלכל דבריו במשפט — ווען מען איז דערביי פאָרזיכטיג איינצואָרדנען די הלואה במשפט, צו בעוואָרענען זיך יורידיש, צו באָרגען פאַר עדות און אויף אַ שטר, דאַמאָלס איז — כי לעולם לא ימוט — וועט ער זיך קיינמאָל נישט אויסגליטשען, נישט אַריינ־פאַלען מיט זיין געלד, — לזכר עולם יהיה צדיק — ער וועט קענען בלייבען אַ צדיק און ווייטער באָרגען און — משמועה רעה לא ירא...

(רבי אהרן שמעון אבד"ק פראָג)

אם כסף תלוה את עמי... „ג׳ צועקים ואינם נענים" — זאָגען די חז"ל. איינער פון זיי איז: „המלוה שלא בעדים". דאַגעגען ביי צדקה ווערט געוואָרנט, אַז עס דאַרף זיין בסתר: „מתן בסתר יכפה אף"... און אָט די ביידע זאַכען זענען דייטליך מרומז אין פסוק: „אם כסף תלוה" — אויב דו ווערסט ווען לייהען געלד — „את עמי", דאַרף עס זיין עפענטליך, פאַר עדות; אָבער „את העני" — אויב דו גיבסט צדקה — „עמך", זאָל קיינער, אויסער דיר, נישט זיין דערביי...

(ווילנער גאון)

„עמך" — עס קומט איהם ביי דיר: דו לעבסט פון זיין אַרבייט, דו עקספּלואַטירסט איהם; נישט דיינס, נאָר זיינס באָרגסטו איהם...

(קל ישראל)

„את העני עמך" — ער זאָל מיטגעהן מיט דיר און שטייגען מיט דיר. די צדקה, וואָס דו גיבסט, זאָל נישט בלייבען הינטערשטעליג אין פערגלייך מיט דער כסדר׳דיגער שטייגערונג פון דיין עשירות; אין געגענזאַץ צו יענע, אויף וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרען: „הון ועושר בביתו, וצדקתו עומדת לעד" — זייער הון און רייכטום האַלט אין איין וואַקסען, דאַגעגען די צדקה זייערע בלייבט שטענדיג שטעהן אויפ׳ן זעלבען אָרט...

(ספר הדרוש)

„אם כסף תלוה" — גמילת־חסדים איז גרעסער פון צדקה, ווייל דאָן איז „את העני עמך" — קאָן דער אָרימאַן ווייטער בלייבען מיט דיר, ווי מיט זיינס גלייכען, און נישט זיין ביי זיך ערנידריגט, געפאַלן און פערשעמט...

(הנ"ל)

„את העני עמך" — בשעת דו אַליין ביזט פעראָרימט...

(רבי שמעלקי מניקעלשבורג)

עהנליך ווערט געטייטשט:

„אשרי משכיל אל דל ביום רעה" — בשעת איהם אַליין, דעם מלוה, איז שלעכט...

עהנליכעס: „המלוה לעני בשעת דחקו" — ווען ער, דער מלוה זעלבסט,ליידט דחקות...

עהנליכעס:

„כבד את ד' מהונך" — „אל תקרי מהונך, אלא מגרונך": נישט בלויז ווען דו ביזט אַנ'עושר, אַ בעל־הון, נאָר אַפילו ווען צוליעב דער צדקה דאַרפסטו זיך אָבזאָגען פונ'ם נויטיגסטען, אָבשפּאָרען דעם ביסען פון מויל...

(כתב סופר)

„בשעת פטירתו של אדם אין מלוים לו לאדם לא כסף ולא זהב וכו' אלא תורה ומעשים טובים"... (אבות)

און דאָס איז אויך דער זין פון פסוק:

„אם כסף תלוה"? — צי וועט דיך דען דיין געלד בעגלייטען בשעת דער פטירה?

— „את העני עמך" — בלויז די מעשים טובים וועסטו דיר מיטנעהמען, די צדקה, וואָס דו האָסט ביים לעבען געטיילט...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

אם כסף תלוה את עמי — בשעת דו קומסט צו אַ נגיד בעטען אַ גמילת־חסד, ענטפערט ער דיר עפ"י רוב, אַז — את העני עמך — אַז ער איז פונקט אַזאַ אָרימאַן, ווי דו, און עס איז אויף איהם אַליין, נעביך, אַ רחמנות...

(רבי יהושע דזשיקאָווער)

דער דובנער מגיד איז איינמאָל אַרומגעגאַנגען זאַמלען געלד אויף אַ דבר־טוב און ער האָט געפּרובט אַריינגעהן נאָך אַ נדבה צום דאָקטאָר פון שטעדטעל. אָבער דער דאָקטאָר, אַנ'אַלטער בחור, אַ גרויסער גביר, און נאָך אַ גרעסערער קמצן, האָט איהם אָבגעזאָגט. מאַכט צו איהם דער דובנער: אַזוי ווי איהר זענט דאָך אַ דאָקטאָר, וואָלט איך אייך וועלען פרעגען אַ מעדיצינישע פראַגע:

— די חז"ל אונזערע זאָגען, אַז אויב איינער איז קראַנק אויף קדחת דאַרף ער זיך היטען און נישט עסען קיין פיש, מחמת פיש איז זעהר שעדליך צו דער דאָזיגער קרענק. היות ווי מיר פרומע אידען גלויבען דאָך, אַז אויף יענער וועלט וועט מען אונז געבען צו עסען פון לויתן, פרעגט זיך אַלזאָ: ווי איז, אַז איינער שטאַרבט פון קדחת, וועט ער מעגען דאָרט עסען פון לויתן, אָדער נישט?

דער דאָקטאָר שמייכעלט פון דער דאָזיגער „מעדיצינישע פראַגע", און אַנשטאָט איהם ענטפערט דער דובנער:

— לויט מיין מיינונג — מאַכט ער — איז דאָ דער אויסוועג אַזוי: אויב דער

פאַציענט שטאַרבט, צוטיילענדיג זיין גאַנץ פערמעגען אויף צדקה, וועט ער זיכער מעגען עסען פון לויתן. ווארום ער האָט דאָך איבערגעלאָזט אויף דער וועלט אַ קדחת... דאַגעגען אָבער, אויב ער לאָזט איבער זיין גאַנץ פערמעגען דאָ, וועט ער פון לויתן נישט טאָרען עסען, ווארום ער וועט דאָך מיטנעהמען מיט זיך אַ קדחת...

רבי אפרים זלמן מרגליות, וועלכער איז געווען נישט־נור אַ גרויסער גאון, נאָר אויך אַ גרויסער עושר, איז בטבע געווען אַ קנאַפּער נותן. ער האָט געגעבען — אָבער נישט לויט'ן ערך פון זיין עשירות. איינמאָל איז צו איהם געקומען אַן אָרימער איד, אַ תלמיד־חכם, בעטען, ער זאָל איהם מיט עפּעס אַרויסהעלפען. רבי חיים זלמן האָט איהם געגעבען אַ גאַנץ קליינע נדבה, פון וואָס יענער איז געבליבען שטאַרק אונצופרידען.

— כ'מוז אייך זאָגען, רבי — מאַכט ער צו איהם — איך האָב געלייענט אַלע אייערע ספרים און כ'בין פון זיי שטאַרק נתפעל געוואָרען. יעדעס ספר אייערס איז הפלא ופלא. בלויז די „ידי אפרים" (דער נאָמען פון רבי אפרים זלמנ'ס אַ ספר), האָט קיין פעראיבעל נישט, זענען אַביסעל שווערליך...

כי היא כסותו לבדה היא שמלתו לעורו... (כב. כו.)

דאָס ווענדעט זיך די תורה צום עשיר, דעם קמצן און אַביר־לב, וואָס טהוט אין זיין גאַנצען לעבען קיין גוטס נישט און „עד בוא השמש", ביז צום לעצטען טאָג, ווען זיין זון פערגעהט, וויל ער קיין צדקה נישט געבען, און זי זאָגט צו איהם: „כי היא כסותו לבדה", די צדקה, דאָס איז דאָס איינציגע קלייד, וואָס איז איהם ביכולת צו בעשיצען און אַ גוטען נאָמען איבערצולאָזען. אויב אויך אָהן דעם וועט ער אַוועקגעהן פון דער וועלט — „במה ישכב?" מיט וואָס וועט ער דאָרט ליגען אין קבר?...

(כלי יקר)

אם חבל תחבל שלמת רעך עד בא השמש תשיבנו לו... היא שמלתו לעורו... (כב. כה. כו.)

„שלמה" איז אַ ביליג, געמיין בגד — „ושלמות בלות עליהם" (יהושע ט. ה.), דאַגעגען „שמלה" איז אַ חשוב בגד — „שמלה לכה קצין תהיה לנו" (ישעיה ג. ו.). דער זין איז אַלזאָ: „אם חבל תחבל שלמת רעך", אַבוואָהל אין דיינע אויגען איז עס נישט מעהר ווי אַ „שלמה", אַ ווערטלאָז בגד, וואָס טויג שוין צו גאָרנישט, דאָך „עד בא השמש תשיבנו לו", ווארום „היא שמלתו לעורו" — ביי איהם, דעם אָרימאַן, איז עס נאָך אַ חשוב חפץ, אַ „שמלה"...

(עולת חדש)

בעמערקונג פונ'ם זאַמלער:

דידאַזיגע בעהויפּטונג וועגען „שלמה" זעהט נישט אויס צו זיין ריכטיג, דען מיר געפינען דאָך: „עוטה אור כשלמה" (תהלים קד.), „והמה מביאים איש מנחתו כלי־כסף וכלי זהב ושלמות" (מלכים א. י. כה.)!...

והיה כי יצעק אלי ושמעתי כי חנון אני... (כב. כו.)

מעגסטו זיין לויט'ן דין פּולקאָם גערעכט, מעגסטו האָבען צו איהם און צו זיין משכון די גערעכטעסטע טענות — דאָך, ווען דער אָרימאַן וועט שרייען, וועל איך איהם

מוזען הערען, „כי חנון אָני״, און איך קאָן נישט צוהערען גלייכגילטיג, ווי אַ איד אַן־אָרימאַן שרייט...
(רבי יחיאל־מאיר מגאָסטינין)

אַ פלאַ׳דיגע זאַך דאָס איז — פלעגט זאָגען רבי חיים צאַנזער — אַז אַ איד שרייט, אַז ער איז קראַנק, קוקט זיך קיינער נישט אום אויף איהם און מ׳גלויבט איהם נישט. שרייט ער, אַז ער איז הונגעריג, קוקט מען אויף איהם מיט חשד און מען גלויבט איהם ווייטער נישט. זאָל אָבער דער זעלבער איד שרייען, אַז ער איז זינדיג און נישט גענוג פרום — ווען איהם אַלע מאָמענטאַל גלויבען...

צו רבי הערשעלע רימאַנאָווער איז אַ מאָל אַריינגעקומען אַן־אָרימע אַלמנה מיט אַ גרויס געוויין און זיך געקלאָגט, אַז זי האָט געהאַט מיט איינעם אַ דין־תורה ביים שטאָדט־דיין און דער דיין האָט איהר שלעכט גע׳פסקנ׳ט. רבי הערשעלע, נישט ווי־סענדיג אייגענטליך וועגען וואָס פאַר אַ דין־תורה דאָ האָט זיך געהאַנדעלט, האָט גע־שיקט נאָכ׳ן דיין און איהם געבעטען, ער זאָל איהם אָנווייזען דעם דין, אויף וועלכען ער האָט זיך געשטיצט ביים אַרויסגעבען דעם פסק. דער דיין האָט איהם אָנגעוויזען דעם מקור, פון וועלכען עס איז קלאָר געוואָרען, אַז ער האָט טאַקי געהאַט אַ טעות אין דין.
— ריכטיג, רבי — האָט זיך דער דיין מודה געווען — כ׳האָב טאַקי אַ טעות געהאַט, דאָס קאָן טרעפען מיט׳ן גרעסטען למדן... אָבער ווי אַזוי אייגענטליך האָט זיך גענומען צו אייך דער דאָזיגער חשד? איהר האָט דאָך די טענות פון דער אלמנה נישט געהאַט פריהער אויסגעהערט און נישט געוואוסט גאָר וועגען וואָס די דין־תורה איז פאָרגעקומען?
— פון איהר געוויין — האָט רבי הערשעלע געענטפערט — האָט זיך צו מיר גע־נומען דער דאָזיגער חשד. ווען דאָס וואָלט געווען אַן׳עהרליכער און אמת׳ער פסק, וואָלט די אידענע נישט געוועזן אַזוי ביטער געוויינט. נאָך אַן׳עהרליכען פסק דאַרפען זיךביידע בעלי־דינים בערוהיגען...

דער דין איז אין דער גמרא, אַז ביי אַ זאַך, אויף וועלכער עס איז נישטאָ קיין עדות און חזקה און „זה אומר של אבותי וזה אומר של אבותי״, זאָגט דערויף רב נחמן: „כל דאלים גבר״ (ב״ב ל״ד). דער טעם דערפון — זאָגט דערויף דער רא״ש — הגם אין פלוג זעהט עס אויס צו זיין נגד די חוקי המוסר, ערקלערט זיך דערמיט, ווייל אויב די זאַך געהער באמת צו יענעם, שטעלט ער זיך נישט אָב פאַר קיין זאַך אום עס צוריק צו בע־קומען, און אויב ער האָט זיך ענדליך אַרויסגעוויזן אַלס גבר אלים — איז אַ סימן, אַז עס געהער ווירקליך צו איהם און אַז טאַקי אָט די מאָראַלישע בערעכטיגונג און הונדערט־פראָצענטיגע זיכערקייט, אַז עס איז זיינס, האָט איהם געגעבען כח גובר צו זיין...

ונשיא בעמך לא תאור... (כב. כז.)

אַפילו „נשיא בעמך״ — האָט דערויף צוגעגעבען דער רבי ר׳ בונם — אַפילו אַ נשיא זאָלסטו נישט שעלטען...

ואנשי קדש תהיון לי... (כב. ל.)

מענשליך־הייליג זאָלט איהר זיין צו מיר. איהר זאָלט נישט זיין צעווילדעוועט אין דער קדושה, נישט אויפפיהרען זיך ווי די פּראים...
(רבי מענדעלי קאָצקער)

ואנשי קדש תהיון לי, ובשר בשדה טרפה לא תאכלו לכלב תשליכון אותו... (כב. ל.)

„מה הכלב, אחד נובח וכולם מתקבצים ונובחים על חנם, אבל אתם לא תהיו כן, רק ואנשי קדש תהיו לי" (מדרש רבה)

דער מדרש מיינט דערמיט צו זאָגען, אַז עס רעדט זיך דאָ אין'ם דאָזיגען פסוק וועגען די הינטישע מדה, וועלכע איז ליידער אויך שטאַרק איינגעוואָרצעלט ביי מענשען. הינט האָבען אַ טבע, אַז בשעת איינער פון זיי פערטשעפּעט אַ מענש און ער הויבט אָן צו בילען אויף איהם, אַזוי לויפען אָן אַנדערע הינט פון פערשיעדענע זייטען און אַלע נעהמען זיי האַווקען בצבור, סתם אַזוי, אָהן אַ פאַרוואָס, כאָטש זיי האָבען גאַרנישט צו איהם און כאָטש זיי זענען גאַרנישט מיט יענעם הונט אַזעלכע שטאַרקע גוטע פריינד... און דאָס זעלבע איז אויך, בשעת עס ברעכט אויס אַ מחלוקת צווישען מענשען, וואַקסען־אויס תיכף אַרום זיי צדדים, וואָס אַנשטאָט צו מאַכען שלום צווישען די בעלי־דברים, העלפען זיי, פערקעהרט, פערשטאַרקען דאָס פייער און פערגרעסערען די מחלוקת, הגם די עצם־זאַך איז זיי אַבסאָלוט נישט נוגע, נאָר סתם אַזוי לשם מצוה... ריידענדיג, אַלזאָ, וועגען כלבים, ווערט דערביי געוואָרענט: „אבל אתם לא תהיו כן — איהר זאָלט נישט נאָכטהון די דאָזיגע הינטישע מדה — רק ואנשי קדש תהיון לי"!...

(כתב סופר)

רבי חיים וואָסערצוג איז געווען בעקאַנט אַלס גרויסער מקיל, דאַגעגען אַ דיין האָט ער געהאַט, וועלכער איז געווען בטבע אַ שלעכטער מענש, אַ קפדן, אַ כעסן, וממילא אויך אַ שטרענגער מחמיר, און ביי יעדע שאלה האָט ער געהאַט צו רבי חיימ'ן טענות, הלמאי ער זוכט רק מקיל צו זיין. איז רבי חיים איינמאָל אין כעס געוואָרען און האָט אַ זאָג געטהון צו איהם:

— אייגענטליך, נאָך וואָס קומט מען מיט אַ שאלה וועגען כשרות צום רב? עס שטעהט דאָך בפירוש אין פסוק: „לכלב תשליכון אותו", קאָן מען דאָך עס גלייך אַוועק־טראָגען צום הונד און דאַן וועט מען זעהען: וועט עס דער הונד אויפפרעסען, איז עס טרפה, און אויב נישט — איז עס כשר?... נאָר דער תירוץ איז: אויף אַ הונד קאָן מען זיך נישט סומך זיין, אַ הונד איז בטבע אַ מחמיר און כשר'ס וועט ער אויך מאַכען טריף...

אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס... (כג. א.)

פאַרהאַן אַזעלכע לייט, וועלכע חבר'ן זיך בכיוון מיט רשעים, חנפנ'ען זיך צו זיי און ווערען מיט זיי מכלומר'שט ידידים, בכדי צו קענען זיי נאָכשפּיאָנירן און צו דערצעהלען נאָכהער וועגען זייערע עבירות און חטאים. אָט די דאָזיגע לייט ווערען געוואָרענט, אַז מען איז זיי מוחל די טובה... „אל תשת ידך עם רשע", חבר דיך נישט מיט'ן רשע — „להיות עד חמס", כדי צו קענען נאָכהער דיענען געגען איהם אַלס עד־חמס...

(אור זהר)

ולא תענה על ריב... (כג. ב.)

אויב דו ווילסט אויסמיידען מחלוקת — ענטפער נישט, מיש דיך נישט אַריין, פערשווייג, וממילא וועט די מחלוקת ווערען איינגעשטילט...

(ימין משה)

אחרי רבים להטות... (כג. ב.)

אויף איינע פון די אָפטע רעליגיעזע דיספוטען, אויף וועלכע די אידישע רבנים פלעגען געצוואונגען ווערען צו קומען און אויסצוהערען די שענדליכסטע חירופים וגידופים אויפ׳ן אידישען דת, האָט אַמאָל אַ רוימישער קאַרדינאַל זיך געווענדעט צו די רבנים מיט אַ פראַגע, פאַרוואָס די אידען זענען איינגע׳עקשנ׳ט און ווילען נישט אָננעהמען דאָס קריסטענטום, עס שטעהט דאָך בפירוש אין דער אידישער תורה „אחרי רבים להטות" און די קריסטען זענען דאָך היינט דער רבים?... דערויף האָט איהם איינער פון די רבנים געענטפערט, אַז „אחרי רבים להטות" איז געזאָגט געוואָרען נאָר וועגען אַנ׳אומקלאָרען פאַל, ביי וועלכען עס געשיקט זיך דער אויסדרוק „להטות", עס איז פאַרהאַן דערביי אַ נטיה לכאן ולכאן, מחמת מען ווייסט נישט, וואו דער אמת איז, איז דערויף געזאָגט געוואָרען, אַז אין אַזאַ דבר ספק דאַרף מען געהן נאָכ׳ן רוב. קיין שום רוב איז אָבער נישט אימשטאַנד מכחיש צו זיין אַ זאַך, וואָס איז פאַר יענעם ברור כשמש, וואָס ער האָט איבערגענומען בקבלה פון דור צו דור, פון אברהם אבינו אָן, און צו צווינגען איהם, ער זאָל זאָגען אויף נאַכט, אַז עס איז טאָג. וועגען אַזעלכע פאַלען ווארענט אונז די תורה אינ׳ם זעלבען פסוק: „לא תהיה אחרי רבים לרעות"...

(שבט יהודה)

רבי גרשון־העניך פון ראַדזין איז אַמאָל געקומען צו ר׳ יהושע׳לע קוטנער און זיך מפלפל געווען מיט איהם וועגען ענין פון „תכלת", וועלענדיג איהם אַריבערציהען אויף זיין זייט, ער זאָל מסכים זיין און אויך אָנטהון „תכלת". אָבער רבי יהושע׳לע קוטנער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען, ערקלערענדיג, אַז „אחרי רבים להטות" — מען דאַרף זיך פערקוקען אויפ׳ן ר ב י ם, אויף דער וועלט; און קוים איז דער ענין פון „תכלת" נישט אָנגענומען געוואָרען ביי דער וועלט, וויל ער נישט זיין קיין אויסנאָהם... דער־הערענדיג דעמדאָזיגען ענטפער, איז רבי גרשון־העניך צוגעגאַנגען צום פענסטער. דערזעהענדיג דורכגעהן אין גאַס אַ טרעגער, האָט ער איהם אַריינגערופען און געפרעגט:

— זייט־זשע מוחל, ר׳ איד, און זאָגט מיר: אין וועלכען דין ביי חמץ זענען רבי מאיר און רבי יהודה מחולק צווישען זיך און אין וועלכען דין גלייכען זיי זיך אויס?

דער טרעגער איז נעביך געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער, הויבענדיג פער׳־חידוש׳ט מיט די פלייצעס, נישט פערשטעהענדיג, וואָס מען רעדט צו איהם...

— זעהט איהר, קוטנער רב, — רופט זיך אָן רבי גרשון־העניך מיט אַ שמייכעל, — אין פסחים דף ד׳ זאָגט די גמרא בפירוש, אַז „כולא עלמא סברי מיהו חמש משש שעות ולמעלה אָסור". און אָט האָט איהר אייך אַ איד, וואָס געהערט אויך צו דער „כולא עלמא", צו דער „גאַנצער וועלט", און ער הויבט גאַרנישט אָן צו וויסען פון דער גאַנצער מעשה!... אלא וואָס דען? „כולא עלמא" מיינט מען מיך מיט אייך וכדומה אַזעלכע שטייגער אידען, וועלכע זיצען און לערנען און אינטערעסירען זיך מיט דעם ענין, אָבער נישט די סתם־אידען פון גאַס, וועמען די אַלע זאַכען ליעגען אין דער לינקער פאה; נישט דאָס מיינט מען „אחרי רבים להטות" און נישט אויף זיי דאַרף מען זיך פערקוקען...

ודל לא תהדר בריבו... (כג. ג.)

בשעת אַנ׳אָרימאַן קריגט זיך מיט׳ן רבונו של עולם און האָט צו איהם טענות, זאָלסטו נישט אויף איהם מצדיק את הדין זיין און זאָגען: „אַ שענע זאַך אויף איהם",

מסתמא האָט ער זיך אַזוי פּערדיענט... מאַך נישט דעם אויבערשטען גערעכט און דעם אָרימאַן — אומגערעכט...

(החוזה מלובלין)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט, כידוע, זעהר אָפט זיך אויסשמועסען מיט׳ן רבונו של עולם און האָבען צו איהם טענות.

פלעגט דער מעזשיבוזשער זאָגען אויף איהם:

— לויט רבי לוי יצחק׳ן, האָט נאָך השי״ת אַנטקעגען קיין איין איד נישט יוצא געוועז...

וחדלת מעזוב לו עזוב תעזוב עמו... (כג. ה.)

פאַרהאַן, ליידער, צווישען אַחינו בני־ישראל אַזעלכע, וואָס הגם זיי זענען בכח און האָבען די מעגליכקייט צו אַרבייטען, דאָך וואַרפען זיי זיך אַן אויפ׳ן צבור און האָבען טענות, הלמאַי דער צבור האַלט זיי נישט אויס. באמת אָבער איז דער „עזוב תעזוב עמו״ און „הקם תקים עמו״ געזאָגט געוואָרען בלויז וועגען אַזעלכען, וועלכער וויל אַרבייטען, נאָר ער געפינט נישט קיין אַרבייט, אָדער די פּערדיענסטען פון זיין אַרבייט זענען אַזוי קליין, אַז זיי קלעקען איהם נישט צו קאָנען ערנעהרען זיין פאַמיליע, אַזעלכען איז מען מחויב צו שטיצען און מיטהעלפען. דער יעניגער אָבער, וואָס וויל קיין שום אַרבייט נישט טהון און וויל לכתחילה לעבען פון שנאָרעריי, אויף אַזעלכען איז געזאָגט געוואָרען: „וחדלת מעזוב לו״...

(כלי יקר)

מדבר שקר תרחק... (כג. ז.)

אין תנא דבי אליהו (אליהו זוטא פרק ג׳) ווערט געבראַכט, אַז אויב אַ מענש געוועהנט זיך צו רעדען שקר, ווערט ער איבערגעגעבען אין די הענד פון אַ מלאך אַ שקרן, וועלכער ווערט זיין שטענדיגער בעגלייטער און ער האַלט איהם אין איין אָבנאַרען, איינרעדענדיג איהם אויף מצוות, אַז דאָס זענען עבירות און אויף עבירות, אַז זיי זענען מצוות...

און דאָס — האָט געזאָגט דערויף דער רבי ר׳ זישע — איז דער פשט פון „מדבר שקר תרחק״, דורכ׳ן שקר איז זיך דער מענש מתרחק פון אויבערשטען, דען זייענדיג דורך און דורך פערפלאָנטערט אין שקרים ווערט ביי איהם פון אַ מצוה — אַן׳עבירה און פון אַן׳עבירה — אַ מצוה...

(מנורת זהב)

דאָס איז די איינציגע עבירה פון צווישען אַלע עבירות אין דער תורה, צו וועלכער עס ווערט צוגעגעבען דאָס וואָרט „תרחק״: ביי שקר איז ווייניג, וואָס מען טהוט עס אַליין נישט — פון שקר מוז מען זיך דערווייטערען, אַנטלויפען!...

(רבי זושא האַניפּאָלער)

רבי אלימלך ליזענסקער פלעגט זאָגען:

— בשעת כ׳וועל קומען אויף יענער וועלט און מען וועט מיך פרעגען: האָסטו געלערנט תורה? — וועל איך ענטפערן: „ניין!״... האָסטו אָבגעהיט דאָס דאַווענען? —

„ניין!״... האסטו עוסק געווען אין מצות ומעשים־טובים? — „ניין!״... אויב אַזוי — וועט מען מיר דערויף ענטפערן — ביזטו דאָך מקיים דעם „מדבר שקר תרחק״, זאָגסטו דאָך אמת, איז שוין צוליעב דעם אַליין קומט דיר עולם־הבא...

(עשר צחצחות)

דער מהרש״א אין די חדושי אגדות (סנהדרין צ״ב) ברענגט פאַר׳ן ספר העקרים פאָלגענדע מעשה:

אַ גרויסער רשע און בעל־תאוה איז אַמאָל געקומען צו אַ געוויסען חכם און זיך פאַר איהם מתודה געווען, אַז ער איז אין זיין לעבען בעגאַנגען זעהר פיעל שלעכטע מעשים, גזילות און רציחות, אויף וועלכע ער האָט חרטה פון טיעפען האַרצען און וויל תשובה טהון, אָבער ער פערלאַנגט, אַז די תשובה זאָל נישט זיין קיין צו־שווערע, מחמת קיין האַרבע סיגופים קאָן ער אויף זיך נישט נעהמען.

דערויף האָט איהם דער חכם געענטפערט, אַז אויב ער מיינט באמת תשובה צו טהון, איז ער איהם גרייט אַרויסצוגעבען אַ גאַנץ לייכטע תשובה: ער זאָל בלויז נעהמען אויף זיך און מבטיח זיין, דאָס מהיום־והלאה וועט ער מעהר קיין ליגען נישט זאָגען, און וואָס עס זאָל מיט דער צייט נישט געשעהען מיט איהם, זאָל ער די דאָזיגע הבטחה קיינמאָל נישט משנה זיין — און דער בעל־תשובה האָט עס איהם צוגעזאָגט.

לימים, אין אַ צייט אַרום, האָט זיך דער יצר־הרע ווידעראַמאָל אויף איהם מתגבר געווען און איהם אָנגערעדט, אַז ער זאָל אויספיהרען אויף אַ געוויסען מאַן אַ רויב־אָנפאַל. ער האָט גענומען מיט זיך דאָס כלי־זיין און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. אויפ׳ן וועג בעגעגענט איהם אַ בעקאַנטער, וועלכער פרעגט איהם, וואוהין ער געהט, און היות ווי ער האָט זיך שוין געהאָט צוגעוואוינט נישט צו זאָגען קיין ליגען, האָט ער יענעם ערקלערט דעם אמת, אַז ער געהט אויספיהרען אַ רויב־אָנפאַל. שפעטער טרעפט איהם אַ צווייטער, וועלכער שטעלט איהם אויך די זעלבע פראַגע און אויך יענעם זאָגט ער דעם אמת: ער געהט אויספיהרען אַ רויב־אָנפאַל... און דאַן האָט ער זיך פלוצלינג אָבגעשטעלט און אַ טראַכט געטהון: אויב צוויי עדות ווייסען שוין דערפון, וועט דאָך דער פערברעך, וואָס ער וועט אָבטהון, גלייך בעוואוסט ווערען און מען וועט איהם פיהרען צו דער תליה! — און ער האָט תיכף חרטה בעקומען און דעם פערברעך נישט אויס־געפיהרט...

וועגען אַ דבר־ספק, ביי וועלכען עס איז אונמעגליך פעסטצושטעלן און מברר צו זיין דעם אמת, זאָגען אָפט די חז״ל: „יהא מונח עד שיבוא אליהו״, ווי למשל: „שנים שהפקידו אצל אחד זה מנה וזה מאתים וכו׳ יהא מונח עד שיבא אליהו״ (בבא מציעא).

נו, איז וואָס וועט שוין זיין בשעת אליהו וועט קומען און ער וועט דאַן אָנווייזען ווער עס האָט געגעבען צו בעהאַלטען די הונדערט און ווער די צוויי הונדערט גילדען? ווי אַזוי וועט מען זיך מעגען דערויף סומך זיין? „לא בשמים היא!״ מען טאָר דאָך נישט פסק׳נען קיין הלכה עפ״י נביאות און ביי דיני ממונות דאַרף דאָך זיין: „על פי שנים עדים יקום דבר״?

נאָר מען מיינט נישט — האָט געענטפערט דערויף רבי ברוך מעזשיבוזשער — אַז אליהו וועט זיך פערנעהמען מיט אויפדעקען אַלע בעגאַנגענע שווינדלערייען און מיט׳ן אָנווייזען, ווער עס איז אַ ליגנער און ווער אַן ערליכער מאַן. די כוונה איז אַ גאַנץ אַנדערע: אין יענער צייט, בעת אליהו הנביא וועט קומען צו אונז מיט דער בשורה וועגען דער גאולה שלימה, וועט מיט איינמאָל פערשווינדען דער שקר, יעדער

איינער וועט זיך מודה זיין און זאָגען דעם אמת אַזוי, אַז עס וועלען אינגאַנצען מעהר נישט נויטיג זיין קיין עדות...

„ראש דברך אמת" (תהלים קי"ט)

די עשרת הדברות הויבען זיך אָן מיט אַ א', „אנכי", די משנה — מיט אַ מ', „מאימתי קורין את שמע", די גמרא — מיט אַ ת', „תנא היכא קאי". דער „ראש דברך", דער אָנהויב פון תורה שבכתב ושבעל פה בעשטעהען פון די אותיות „אמת"...
(חדושי הרי"ם)

„חותמו של הקב"ה אמת" (יומא ס"ט)

„אמת" במספר קטן בעטרעפט 9, אַ ציפער וועלכער ענדערט זיך קיינמאָל נישט, דען צוויי מאָל 9 איז 18, ווידער אַמאָל — 9 (8 און 1). דריי מאָל 9 — 27, ווידער — 9, און אַזוי ווייטער און ווייטער...

עס האָט אַמאָל אַ חסיד געפרעגט דעם רבי'ן ר' בער: עס שטעהט אין פסוק „אמת מארץ תצמח". הייגט וויבאַלד דער אמת וואַקסט אַזוי פראַנק און פריי אויף דער ערד, טאָ פאַרוואָס איז דאָ אַזוי ווייניג אמת אויף דער וועלט?

— דערפאַר — האָט איהם דער רבי ר' בער געענטפערט — ווייל דער עולם וויל זיך צו איהם נישט אַראָבבויגען...

דער קאָצקער רבי פלעגט זאָגען: „אמת מארץ תצמח". קיין זאַך קאָן אָבער נישט וואַקסען, אויב מען פערזייהט איהם נישט פריהער, און זריעה פון אמת איז דער שקר, אַז מען בעגראָבט דעם שקר — וואַקסט אַרויס דער אמת...

ושוחד לא תקח כי השוחד יעור פקחים... (כג. ח.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „ושוחדא לא תקביל, ארום שוחדא יסמי עינוי נסבוי ומטלטל חכימיא ממותבניהון".

וואָס ווערט געמיינט מיט די לעצטע ווערטער?

נאָר די גמרא זאָגט (יבמות ק"א), אַז אַ סומא, אַ בלינדער, איז פסול צו זיצען אין די סנהדרין. וויבאַלד, אַלזאָ, ער וועט נעהמען שוחד וועט ער נישט נאָר בלינד ווערען, נאָר אויך „ומטלטל חכימיא ממותבניהון", ער וועט צוזאַמען דערמיט אויך אַראָבגעזעצט ווערען פון זיין אַמט...

(ספר ינחנו)

אַ נוגע — פלעגט זאָגען רבי אברהמ'לע סאָכאַטשאָווער — איז נאָך ערגער פון אַ בלינדען; אַ בלינדער זעהט גאָרנישט, אַ נוגע אָבער זעהט יעדע זאַך פונקט פערקעהרט...

וגר לא תלחץ וכו' כי גרים הייתם בארץ מצרים... (כג. ט.)

דעריבער דאַרף מען אייך וואָרענען, אַז איהר זאָלט דעם גר נישט אונטערדריקען, „כי גרים הייתם בארץ מצרים", ווייל איהר אַליין זענט געווען גרים און עס איז, ליידער, די טבע פון יעדען גר און אונטערדריקטען, אַז מיט'ן מאָמענט ווען ער ווערט אַ

פרייער תושב, ובפרט „עבד כי ימלוך״, ווען ער בעקומט נאָך דערצו אַ שטיקעל ממשלה אין דער האַנד, ווערט ער דאַן איבער נאַכט פערוואַנדעלט אין אַנ׳אונטערדריקער און אַכזר פון ערגסטן טיפ...

(לקט אמרים)

ושש שנים תזרע את ארצך... (כג. י.)

מיט וואָס ערקלערט זיך עס, וואָס די דינים פון שמיטה, סיי דאָ, סיי אין פרשת בהר, ווערען געזאָגט בלשון יחיד, דאַגעגען ביי יובל זענען די זעלבע דינים געשריבען בלשון רבים?

ווייל ביי שמיטה האָבען די דינים צו טהון מיט׳ן בעל־הבית, מיט׳ן אייגענטימער פון פעלד, און ער איז דאָך נישט מעהר, ווי אַ יחיד, זענען זיי דעריבער געשריבען ביחידות. ביי יובל אָבער, וואָס דאַמאָלס איז דאָך „תשובו איש אל אחוזתו״, איז ביי יעדען פעלד פאַרהאַן אַ מוכר מיט אַ קונה און צוביידע איז געווענדעט די אזהרה, ביידע זענען מחויב מפקיר צו זיין דאָס פעלד, און דעריבער ווערט צו זיי גערעדט בלשון רבים...

(רבי יאָשע דינאָבורגער)

אַ צווייטע ערקלערונג:

יובל איז נוהג נאָר בזמן, ווען אַלע שבטים געפינען זיך אין ארץ־ישראל, ווי עס ווערט ערקלערט: „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה, בזמן שכל יושביה עליה ולא בזמן שגלו מקצתו״ (ערכין ל״ב), און דעריבער איז די דאָזיגע פרשה געשריבען בלשון רבים, ווייל זי ווערט געזאָגט צום גאַנצען קהל־ישראל. פרשת שמיטה, דאַגעגען, ווערט געזאָגט בלשון יחיד, ווייל אויב עס בלייבט אַפילו נאָר איין איד אין ארץ־ישראל דאַרף ער אויך אַבהיטען שמיטה...

(רבי אברהם דימאַנט)

דער טעם פון שמיטה איז גאַנץ איינפאַך, אַז אויך די ערד זאָל רוהען פונקט אַזוי פיעל וויפיעל עס דאַרפען רוהען דער מענש און די בהמה, מיט׳ן אונטערשיעד בלויז, וואָס פאַר יענע איז די מנוחה געגעבען געוואָרען איין טאָג אין דער וואָך: איין רוה־טאָג אויף זעקס אַרבייטס־טעג, און פאַר דער ערד איז בעשטימט געוואָרען איין רוה־יאָהר אויף זעקס אַרבייטס־יאָהר, בעצם אָבער איז עס דער זעלבער חשבון.

(החנוך)

דאָס יאָהר תרמ״ט איז געווען דאָס ערשטע שמיטה־יאָהר פון די ניי־געגרינדעטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל און צום ערשטען מאָל איז דאַן אויפגעשווימען די פראַגע וועגען שמיטת־קרקע, אַרום וועלכער עס האָט זיך צופלאַקערט אַ שאַרפע רב׳נישע פאָלעמיק, און דאָס מאָל נישט בלויז להלכה, נאָר טאַקי למעשה. אַ טייל רבנים האָבען געפאָדערט, אַז נאָכדעם, ווי מיר האָבען, נאָך קרוב צוויי טויזענד יאָהר, ענדליך זוכה געווען צו דער דאָזיגער מצוה התלויה בארץ, דאַרף מען זי מקיים זיין לכל פרטיה ודקדוקיה, דאַגעגען אַנדערע, מורא האָבענדיג, אַז עס זאָל דערמיט נישט אונטערגע־גראָבען ווערען די אַזוי אויך שוואַכע עקזיסטענץ פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע, האָבען זיך בעמיהט צו געפינען פערשיעדענע היתרים. נאָך שטורמישע וכוחים, וועלכע

האבען זיך געצויגען אַ לאַנגע צייט, האָט דער קאָוונער רב, רבי יצחק אלחנן, מיט דער הסכמה פון נאָך אַנדערע דריי רבנים, פּערעפּענטליכט אַ היתר וועגען אַ שטר־מכירה און נעמליך: די קאָלאָניעס ווערען פערקויפט צו אַראַבער אויף אַ משך פון צוויי יאָהר מיט אַ פערזיכערונג, אַז נאָך די צוויי יאָהר מוזען די זעלבע קאָלאָניעס צוריק פער־קויפט ווערען צו זייערע פריהערדיגע אייגענטימער. במשך פון דער שמיטה־צייט טאָרען די אידישע בעלי־בתים אַליין נישט אַרבייטען אין פעלד, סיידען זיי זענען פעראַרימט, מעגען זיי דאַן אַרבייטען אַלס געדונגענע אַרבייטער ביים צייטווייליגען גוי׳שען בעל־הבית...

ושם אלקים אחרים לא תזכירו... (כג. יג.)

צו רבי מאיר שמחה דווינסקער זענען אַמאָל געקומען עטליכע אידישע פאַברי־קאַנטען אַרויסנעהמען שטרי־מכירות, אַז זיי נעהמען־צו אַ גוי אַלס שותף צו זייערע פאַבריקען, אין וועלכע מען זאָל דאַדורך מעגען אַרבייטען אום שבת.

אַזוי האָבען זיך געפיהרט און אַזוי פיהרען זיך, כידוע, עד־היום דער רוב אידישע פאַבריקאַנטען, און צו דעם צוועק ווערען שוין ממילא בעשעפטיגט אין די אַלע אידישע פאַבריקען מעהרסטענטייל גוי׳שע אַרבייטער...

רופט זיך אָן צו זיי רבי מאיר שמחה, אַז איצט ווערט איהם פערשטענדליך, פאַרוואָס נאָך די אזהרות וועגען שמירת שבת און שמיטה, פיהרט די תורה אויס: „ושם אלקים אחרים לא תזכירו לא ישמע על פיך" און דערויף ווערט געדרשנ׳ט אין דער גמרא, אַז „אסור לאדם שיעשה שותפות עם העכו"ם" (סנהדרין ס"ג). די תורה האָט פאָראויסגעזעהן, אַז כדי אויסצושלאָגען דעם היזק פון שבת און שמיטה וועלען אידען אָנהויבען שותפות מאַכען מיט גוים און אויסמיידען צו בעשעפטיגען אידישע אַרבייטער, און דעריבער איז דערביי צוגעגעבען געוואָרען די אזהרה: „לא ישמע על פיך!"...

דער מהר"ם שיף וויזט אָן אין זיינע שו"ת, אַז עפ"י דין טאָר אַ איד נישט דאַטירען אין זיינע בריף די קריסטליכע צייט־רעכנונג, דען ער איז דערמיט עובר אויף אַ בפירוש׳ען לאַו: „ושם אלקים אחרים לא תזכירו".

דאָס זעלבע שרייבט אויך רבי חיים צאַנזער אין „שו"ת דברי חיים", אויספיהרענדיג, אַז ס׳איז נישטאָ דערויף קיין שום צד־היתר...

דער פרומער ראָטשילד, רבי שמעון זאב, האָט אַמאָל אַראָבגעברענגט פאַר זיך פון פוילען אַ ספּעציעלען סופר, וועלכער זאָל שרייבען פאַר איהם תפילין ומזוזות, ווי אויך אַ ספר־תורה על טהרת הקדש. איינמאָל האָט איהם דער סופר צוגעשטעלט אַ געשרי־בענעם חשבון פון דער אַרבייט: אין יאַנואַר האָט ער געגומען אַ קאָנטאָ כך וכך, אין מערץ — כך וכך און אַזוי ווייטער... רבי שמעון זאב האָט זיך דערפון שטאַרק אָנגע־צינדען: היתכן? אַ סופר, וועלכער איז עוסק מיט זיין פעדער במלאכת הקודש, זאָל נישט שרייבען די העברעאישע חדשים, כסלו, טבת וכו׳ נאָר די קריסטליכע? — ער האָט איהם גלייך משלח געווען, געהייסען איהם אויסצאָהלען אַ גרעסערע סומע געלד אויף הוצאות הדרך און דערביי האָט ער אויך בעפויהלען מיטצוגעבען איהם די אַלע פאַר־מעטענע יריעות פון דער ס"ת און פון די תפילין, וואָס ער האָט פאַר איהם געשריבען...

(שדה בוכים, הספד על רש"ז רוטשילד)

שלש רגלים תחוג לי בשנה... (כג. יד.)

פון ווארט „רגלים" דרש'נען די חז"ל (חגיגה כ'), אַז ער דאַרף קענען אַליין גייען אויף די פיס און אַ חיגר, אַ חולה, אַ זקן און „ומי שאינו יכול לעלות ברגליו" איז פטור פון עולה־רגל צו זיין קיין ירושלים.

וואָס האָט בעוואויגען די חז"ל צו טייטשען, אַז דאָס וואָרט „רגלים" ווערט געמיינט רגל ממש, ווען מען זיין פון פסוק איז דאָך — מועדים, ימים־טובים?

ווייל „רגל" אין זיין פון „מועד" איז אַ לשון־זכר און רגל ממש איז אַ לשון נקבה. ווען, אַלזאָ, דאָס וואָרט „רגלים" וואָלט דאָ געהאַט בלויז די בעדייטונג פון מועדים, וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן: „שלשה רגלים", נישט „שלש רגלים"? און דעריבער ערקלערען די חז"ל, אַז עס ווערט דערמיט געמיינט רגל ממש, ער זאָל זיין אַ „יכול לעלות ברגליו"...

(הרב דר. זאב מישעל)

שבעת ימים תאכל מצות... (כג. טו.)

דעריבער — זאָגט דער ספרי אין פ' ראה — האָט די תורה בעשטימט, אַז פסח און סוכות זאָל מען פייערען צו זיבען טעג יום־טוב און שבועות נור איין טאָג, ווייל דאַמאָלס, נאָכ'ן זמן הקציר און זמן האסיף, זענען די מענשען פריי פון אַרבייט, דאַגעגען שבועות, ווען עס איז אַ צייט פון אַרבייט, האָט די תורה געהייסען מען זאָל נור פייערען איין טאָג יום־טוב...

וחג האסיף בצאת השנה... (כג. טז.)

פון „בצאת השנה" איז משמע, אַז סוכות דאַרף געפייערט ווערען אין סוף פון פערגאַנגענעם יאָהר, אין אלול, און דאָס איז דאָך אין סתירה צום ווייטערען פסוק אין פ' תשא: „וחג האסיף תקופת השנה", אַז דאָס דאַרף זיין אין אָנהויב פון נייעם יאָהר, אין תשרי?

האָט געזאָגט דערויף דער גאון רבי לייב פּאָפּאָוויצער:

אין ילקוט פ' פנחס איז פאַרהאַן אַ מאמר בזה הלשון: „אמר ריש לקיש, בכל חדש וחדש ביקש הקב"ה ליתן לישראל מועד, בניסן נתן להם פסח, באייר — פסח שני, בסיון — שבועות, בתמוז רצה ליתן להם מועד גדול (ראש־השנה), באב — יום־הכיפורים, ובאלול — סכות, ועשו את העגל וביטל תמוז אב אלול ובא תשרי ופרע להם: ר"ה, יוה"כ, סוכות ושמיני־עצרת".

דעריבער, אַלזאָ, ווערט דאָ אין פ' משפטים געזאָגט: „וחג האסיף בצאת השנה", דען דאָ איז דאָך נאָך געוועזען פאַר'ן חטא העגל און קודם החטא, ווי עס איז צו זעהן פון דערמאָהנטען ילקוט, האָט טאַקי סוכות געזאָלט בעשטימט ווערען „בצאת השנה", אין לעצטען חודש פון יאָהר, אין אלול, דאַגעגען דאָרט, אין פ' תשא, איז דאָך שוין געוועזען נאָך מעשה־העגל און דעריבער ווערט דאָרט געזאָגט „לתקופת השנה", אַז סוכות זאָל געפייערט ווערען אין ערשטען חודש פון נייעם יאָהר, אין תשרי...

לא תבשל גדי בחלב אמו... (כג. יט.)

לויט'ן אבן־עזרא און לויט'ן רשב"ם איז דער איסור פון „לא תבשל גדי בחלב

אמו״, ווייל עס איז אַ מדה פון אַכזריות, פונקט ווי דער איסור „אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד״ און ווי „לא תקח את האם על הבנים״, און כדי צו פערמיידען טעותים און ספקות איז דער איסור געוואָרען פעראַלגעמיינערט אויף יעדען מין בשר בחלב. פאַרהאַן אויך אַ מיינונג, אַז ביי די פאַרצייטישע פעלקער איז געווען אַנגענומען, אַז ביים פלאַנצען אַ בוים פלעגט מען דאַן אָבקאָכען אַ ציעג אין דער מוטער׳ס מילך, און דאָס פלייש האָט מען אונטערגעלעגט אונטער די וואָרצלען פונ׳ם געפלאַנצטען בוים, וואָס עס האָט געדיענט אַלס סגולה, אַז דער בוים זאָל זיך שנעל ענטוויקלען, און דעריבער האָט עס די תורה גע׳אסר׳ט. דעם זעלבען טעם ברענגט אויך דער „תפארת יונתן״ און ער פיהרט אויס, אַז דערמיט ווערט פערשטענדליך די סמיכות פון די ווערטער: „ראשית בכורי אדמתך וכו׳ — לא תבשל גדי בחלב אמו״...

ועבדתם את ד׳ אלקיכם וברך את לחמך... (כג. כה.)

בשעת עס האָט זיך געגרינדעט אין בריסק דער ערשטער האַנדווערקער־פעראיין, האָט רבי חיים בריסקער דאַן געזאָגט, אַז ער גלויבט נישט אין זיין עקזיסטענץ, ער גלויבט נישט אין קיין פּראָפעסיאָנעלען פעראיין.

— „ועבדתם״ — האָט ער ערקלערט — שטעהט בלשון רבים, דאַגעגען „וברך את לחמך״ — בלשון יחיד. די התחברות פון אַ רבים איז נור מעגליך ביי גייסטיגע ענינים, אָבער נישט ביים „לחמך״, דאָ וועט יעדער איינער שטענדיג אין זינען האָבען קודם־כל זיך, זאָרגענדיג רק פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען...

„ועבדתם״ — לשון־רבים, „את לחמך״ — לשון־יחיד... דאַוונען זאָל מען בצבור; עסען — ביחידות...

(כלי יקר)

לא תהיה משכלה ועקרה בארצך את מספר ימיך אמלא... (כג. כו.)

אין מדרש ווערט געזאָגט, אַז די זיעבען אידישע עקרות, וועלכע ווערען דערמאָהנט אין תנ״ך, זענען כנגד די זיעבען טעג פון דער וואָך. די זיעבען עקרות זענען: שרה, רבקה, רחל, חנה, אשת מנוח, שונמית און — ירושלים, וועגען וועלכער עס ווערט געזאָגט „רני עקרה לא ילדה״. די אַלע עקרות זענען סוף־כל־סוף נפקד געוואָרען, אַ חוץ ירושלים, צוליעב וואָס עס פעהלט נאָך אַזוי אַרום דער תיקון פון זיעבענטען טאָג, אָבער ווען — „לא תהיה משכלה ועקרה בארצך״, בעת ארץ־ישראל וועט מעהר קיין עקרה נישט זיין און אויך ירושלים וועט במהרה בימינו ווערען אויפגעריכט, דאַן „את מספר ימיך אמלא״, וועט דאַן ערפילט ווערען דער מספר פון אַלע זיעבען טעג...

(חשב האפוד)

ויקח משה חצי הדם... (כד. ו.)

„מי חלקו? מלאך בא וחלקו״ (רש״י)

צוליעב וואָס האָט מען עס געדאַרפט האָבען דערויף אַ מלאך?

נאָר — האָט געענטפערט דערויף דער רבי ר׳ העשיל — לויט דער גמרא (זבחים צ״ז) איז דער פשט פון פסוק „ויקח משה חצי הדם וישם באגנות וחצי הדם זרק על

המזבח", אַז ער האָט נישט געוואַרט, ביז דאָס גאַנצע בלוט איז אָבגעגאַנגען פון דער בהמה, נאָר בשעת דאָס בלוט איז נאָך גערינען, האָט ער די ערשטע העלפט בלוט, וואָס איז אָבגערינען, אַריינגעטהון אין די אגנות, אין די בעקענס, און דאַן האָט ער צוגעוואַרט, ביז עס איז אָבגערינען די צווייטע העלפט בלוט, וואָס ער האָט געשפּריצט אויפ'ן מזבח.

און דערויף קומט די פראַגע: מי חלקו? בשעת דאָס בלוט איז נאָך גערינען פון דער בהמה, ווי אַזוי איז מעגליך געווען צו וויסען, אַז עס איז שוין אָבגערינען פונקט אַ העלפט בלוט? און נישט אַנדערש, נאָר — מלאך בא וחלקו"...

ויאמרו כל אשר דבר ד' נעשה ונשמע... (כד. ז.)

„בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע אמרו מלאכי השרת: תנה הודך על השמים"
(מדרש רבה)

איז דאָך עס אונפאַרשטענדליך. צי דערפאַר, ווייל די אידען האָבען אַרויסגעוויזען אַזאַ התלהבות און האָבען מקדים געווען דעם „נעשה" פאַר'ן „נשמע", זענען זיי צוליעב דעם נישט ראוי מקבל צו זיין די תורה? אדרבה!

נאָר, ווי עס זאָגען די חז"ל, האָבען די מלאכים אויף זייערע פאַרשידענע טענות בעקומען פון השי"ת אַ תשובה: „כלום יצר הרע יש ביניכם", אַז די תורה דאַרף געגעבען ווערען צו מענשען, צו די בעלי־הבחירה, נישט צו מלאכים, און בשעת, אַלזאָ, די אידען האָבען מקדים געווען נעשה לנשמע, וואָס דאָס איז דאָך געגען דעם מענשליכען שטייגער, אויפהויבענדיג זיך צו דער מדרגה פון מלאכים, האָבען דעריבער די לעצטע אויסגעשריען: אויב אַזוי „תנה הודך על השמים!" אויב שוין יאָ מלאכים — זענען מיר דאָך קודם, בילכער...
(בן פורת יוסף)

הנה דם הברית אשר כרת ד' עמכם על כל הדברים האלה... (כד. ח.)

דאָס איז דער „דם־הברית", די אונאויפהערליכע טייכען בלוט, וואָס מיר פערגיסען „על כל הדברים האלה", פאַר'ן קיום פון דער תורה און איהרע מצוות... אַזוי איז דער ווילען פון דער השגחה העליונה. דעם דאָזיגען „דם־הברית" מוזען מיר צאָהלען אָהן אויפהער ביז'ן היינטיגען טאָג!
(הקדוש שלמה מולכו)

כמעשה לבנת הספיר... (כד. י.)

„היא היתה לפניו בשעת השעבוד לזכור צרתן של ישראל שהיו משועבדים במעשה לבנים" (רש"י)

און דערביי איז אין רש"י אָנגעצייכענט: סוטה י"ב.

אין מאַנכע חומשים איז בעצייכענט: סוטה י"ז, אָבער דאָרט ווערט בלויז אויפ'ן דאָזיגען פסוק געזאָגט: „מה נשתנה תכלת וכו' מפני שהתכלת דומה לים וים לרקיע ורקיע לכסא הכבוד", דאַגעגען דער דרש, וואָס רש"י ברענגט דאָ, געפינט זיך נישט אין מס' סוטה, נאָר אין ירושלמי סוכה פרק ד' הלכה ג', און העכסט וואַהרשיינליך איז אין

דער בעצייכענונג אין רש״י אַריינגעפאַלען אַ קליינער טעות־הדפוס און אָנשטאָט מס׳ „סוטה״ דאַרף זיין „סוכה״.

ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו... (כד. יא.)

פאַרהאַן מענשען, וועלכע זענען נישט מקפיד און זענען זיך נוהג צו עסען אין וועלכען אידישען הויז זיי זאָלען נישט אַריינקומען, האַלטענדיג, אַז אויב עס איז נור אַ איד, דאַרף מען קיין שאלות נישט פרעגען... באמת אָבער דאַרף זיין „ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו״, איידער מען זעצט זיך אַוועק ביי יענעם עסען, דאַרף מען זיך פריער גוט אַרומקוקען, צי עס איז פאַרהאַן אידישקייט און „יראת אלקים״ אין דער דאָזיגער שטוב...

(מטה אהרן)

תְּרוּמָה

ויקחו לי תרומה... (כה. ב.)

פריהער געהט די סדרה „משפטים”, און ערשט נאָכדעם — „תרומה”... פריהער דאַרף דאָס פערמעגען ערוואָרבען ווערען דורך אַנ'עהרליכען אופן, בצדק ובמשפט, און דאַן ערשט זאָל מען געבען תרומה, צדקה, נדבות...

(מקור ברוך)

מערקווירדיגע אייגענשאַפטען פערמאָגט אין זיך די אידישע אומה: פערלאַנגט מען פון זיי געלד אויפ'ן משכן — גיבען זיי; פערלאַנגט מען אויפ'ן עגל — גיבען זיי אויך!...

(שקלים)

„לי — לשמי”... (רש"י)

צדקה זאָל אַ איד געבען נישט צוליעב כבוד, נישט צוליעב בעריהמעריי, נישט צוליעב פרסום און רעקלאַמע, נאָר — „ל ש מ י ”, לשם־שמים...

(מלבי"ם)

„לי — לשמי”... נישט אויף די נותנים געהט דאָס אַרויף, נאָר אויף די לוקחים, די גבאי־הצדקה. דער נותן, ווען אַפילו ער גיט נ י ש ט לשם־שמים, מאַכט אויך נישט אויס; דען לויט דער גמרא, ווען איינער פערלירט אַ מטבע, און אַנ'אָרימאַן געפינט עס, ווערט עס יענעם פעררעכענט פאַר צדקה גמורה. אָבער די עוסקים בצרכי־צבור, די גבאי־הצדקה, וועגען זיי ווערט געוואָרנט: „ויקחו לי — ל ש מ י ”, זיי זאָלען אין זינען האָבען און טהון זייער אַרבייט לשם־שמים, אַנדערש וועלען זיי נישט מצליח זיין...

(רבי חיים־אייזיק יוסטמאַן)

דאָס געפיהל און דער מאָטיוו, וואָס בעוועגט דעם מענש צו געבען צדקה איז נישט ביי אַלע נותנים גלייך. איינער גיט צדקה, ווייל ער ווערט גערירט פון רחמנות צום אָרימאַן און אַ צווייטער, ווייל עס איז אַ מצוה, ווייל השי"ת האָט געהייסען געבען צדקה.

אָבער די דאָזיגעביידע אופנים לאָזען זיך אָנווענדען נור דאַן, ווען די צדקה ווערט גענומען פאַר אַנ'אָרימען און נויטבאַדערפטיגען מקבל, דאַגעגען ווען עס האַנדעלט זיך ביים זאַמלען געלד אויפצושטעלען אַ משכן, דאָ איז שוין נישט שייך די מידה פון רחמנות און פאַר אַלע נותנים איז גילטיג בלויז דער צווייטער מאָטיוו.

און דאָס ווערט געמיינט מיט דער דערמאָנטער בעמערקונג: „ויקחו לי — לשמי”. די תרומה פאַר'ן משכן זאָל נישט געגעבען ווערען צוליעב רחמנות, אָדער אַנדערע

כוונות, נאָר — „לשמי״, בלויז פאַר׳ן אויבערשטענ׳ס וועגען, ווייל אַזוי איז דער פערלאַנג פון השי״ת...

(הדרש והעיון)

מיט אַ לשון־בקשה האָט זיך השי״ת געווענדעט צו די אידען, זיי זאָלען געבען נדבות אויפ׳ן משכן, מיט אַ געבעט — „דבר אל בני ישראל״... אַבוואָהל דאָס משכן איז געווען פאַר זייער געברויך, אַבוואָהל דאָס איז געווען פאַר זיי אַ כבוד און אַנ׳אויס־לייזונג... אָבער די אומות־העולם — זיי אונטערדריקען די אידען און מיט גוואַלד נעהמען זיי צו ביי זיי דאָס געלד...

(מדרש אבכיר)

וועגען סוטה ווערט געזאָגט: „למה נסמכה פרשת סוטה לפרשת תרומות ומעשרות לומר לך כל שיש לו תרומות ומעשרות ואינן נותנן לכהן סוף נצרך לכהן ע״י אשתו״ (ברכות ס״ג), און די מים המאררים, כידוע, האָבען גורם געווען צו מחיקת השם. די כונה איז אַלזאָ: „ויקחו לי תרומה — לי לשמי״, איהר זאָלט נזהר זיין אין דער מצוה פון תרומה, „לשמי״, אַז עס זאָל שפּעטער, צוליעב דעם עונש, וואָס איז דערמיט פער־בונדען, נישט קומען, חלילה, צו מחיקת־השם...

(רבי ר׳ העשיל)

„ויקחו לי תרומה — לי לשמי״ (רש״י)

עס איז זעהר מעגליך, אַז דאָ איז אַריינגעפאַלען אַ טעות־הדפוס און אַנשטאָט „לשמי״ דאַרף זיין „משלי״, ווי מיר געפונען עס עטליכע מאָל ביי די חז״ל: אין תרומה ל״א — „ועשו לי מקדש, משלי״, אין יומא ג׳ — „קח לך, משלך״, און אין נאָך אַנדערע ערטער.

(אורח משפט)

„זה שאמר הכתוב כי לקח טוב נתתי לכם״ (מדרש)

וואָס מיינט דער מדרש צו זאָגען דערמיט?

נאָר דעם מדרש האָט געאַהרט, פאַרוואָס שטעהט נישט „ויתנו לי תרומה״, נאָר „ויקחו״? און אַלס ענטפער דערויף ווייזט אָן דער מדרש, אַז מיט דעם דאָזיגען לשון איז דער פסוק דאָ נישט קיין אויסנאַהם. פאַרהאַן אַנ׳עהנליכער פסוק, וואו עס איז גע־שריבען קיחה אַנשטאָט נתינה: „כי לקח טוב נתתי לכם״, הגם עס וואָלט געדאַרפט שטעהן: „כי מתנה טובה נתתי לכם״...

(ווילנער גאון)

„ויקחו לי תרומה״, די תרומה, וואָס איהר וועט נעהמען פאַר מיינעטוועגען, „לי — לשמי״, לשם שמים, איז „מאת כל אשר ידבנו לבו״, איז גענוג פאַר מיר בלויז דאָס האַרץ זיינס, די גוטע כוונה, דען „רחמנא לבא בעי״, דאַגעגען „וזאת התרומה אשר תקחו מאתם״, בנוגע די תרומה, וואָס איהר וועט נעהמען פאַר׳ן משכן, דאָ איז שוין נישט גענוג דאָס בלויזע האַרץ, נאָר טאַקי — „זהב וכסף ונחושת״...

(רבי עקיבא אייגער)

און דאָס איז אויך דער פשט: „אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו לשמים״. בנוגע דעם „שיכוון לבו״, די גוטע כוונה ביים געבען די נדבה, איז „אחד

המרבה ואחד הממעיט", מאַכט נישט אויס, אויב די כוונה איז ביי איינעם אַ ביסעל שוואַכער, נישט מיט'ן גאַנצען האַרצען. וואָס אַנבעלאַנגט אָבער דעם „וזאת התרומה אשר תקחו מאתם", בנוגע די נתינה זעלבסט, דאָ איז שוין נישט „אחד המרבה ואחד הממעיט", נאָר „זהב וכסף ונחושת", דאַרף מען טאַקי געבען און נעהמען וואָס־מעהר...
(ארונו של יוסף)

„בשעה שאמרו ישראל נעשה ונשמע, מיד אמר להם ויקחו לי תרומה" (ילקוט ראובני)

די כונה פונ'ם דאָזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מאמר איז, אַז דאָס מקדים זיין דעם „נעשה" פאַר'ן „נשמע" דאַרף הויפטזעכליך אַנגעווענדעט ווערען ביי תרומה, ביי צדקה. קודם־כל „נעשה", נעהמען און געבען צדקה, אָהן אַוועקצושטעלען דערביי פריהער דעם „נשמע", נישט צו־לאַנג זיך מישב זיין, נישט צופיעל אַריינקלערען: צי בין איך אימשטאַנד, צי קאָן איך געבען און צי איז טאַקי יענער אַזאַ גרויסער נצרך, צי דאַרף איך איהם געבען...
(אמרי נועם)

און דאָס איז אויך דער טייטש: „שמרו משפט ועשו צדקה" (ישעי' נו. א). ביי משפטים, ביי אַרויסטראָגען אַ פסק־דין, איז נויטיג מתינות, ישוב־הדעת, לאַנגזאַמקייט (פון לשון „ואביו שמר את הדבר"), ווי עס ווערט געזאָגט: „הוו מתונים בדין". דאַגעגען ביי צדקה איז — „ועשו צדקה"! וואָס וועניגער טראַכטען און וואָס שנעלער טהון...
(אלשיך)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי רימאַנאָווער — מאַכט מען נישט קיין ברכה ביים געבען צדקה, פונקט אַזוי ווי מען דאַרף מאַכען אַ ברכה איבער יעדע אַנ־דערע מצוה, ווייל אַ ברכה דאַרף מען מאַכען בלב שלם, מיט שמחה, און עפ"י רוב ווערט צדקה געגעבען נישט מיט'ן גאַנצען חשק, מיט אמת'ער שמחה...

ביי צדקה איז דער געבער אַ נעהמער. צדקה גיט מען נישט יענעם, נאָר זיך. „עשר — בשביל שתתעשר"... און דערויף איז מרמז די משנה אין שבת: „פשט העני את ידו לפנים ונתן לתוך ידו של בעל־הבית", נישט דער אָרימאַן נעהמט פונ'ם בעל־הבית, נאָר דער בעל־הבית — פונ'ם אָרימאַן, דען אין דעם זכות לעבט ער און עקזיסטירט...
(אפריון)

„ויקחו לי תרומה, הדא הוא דכתיב תורה צוה לנו משה" (מדרש רבה)

„הדא הוא דכתיב", דאָס איז דער עיקר, דער הויפט־יסוד פון דער תורה — צדקה, רחמנות, די אָפענע האַנד, פאַר דעם אָרימען און נויטליידענדען...
(מעדני מלך)

„ויקחו לי תרומה, הדא הוא דכתיב תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב וכו' אל תהי קורא מורשה אלא מאורסה" (מדרש רבה)

וואָס איז דער פשט פון דאָזיגען מאמר?

נאָר צוויי פערמעגענס זענען פאַרהאַן, וועלכע דער מענש ערווערבט אָהן שום מיה און אַנשטרענגונג: ירושה און נדן. די לייכטסטע און בעקוועמסטע זאַך איז ירושה־געלד, מחמת די יעניגע, פון וועלכע ער האָט די ירושה בעקומען, זענען מעהר אויף

דער וועלט נישטאָ, און נישט ער האָט געגעבן זיי וועלכע־עס־איז פליכטען, נישט ער דאַרף זיי אָבגעבען חשבון. דאַגעגען נדן־געלד, הגם טאַקי עס קומט איהם לייכט אָן, לעגט עס אָבער אַרויף אויף איהם גרויסע התחייבות׳ן, ער איז דערפאַר מחויב מפרנס צו זיין דאָס ווייב, וועלכע האָט איהם דעם נדן אַריינגעבראַכט, און אַ גאַנץ לעבן צו האָרעווען פאַר איהר...

אויך די תורה, וועלכע איז אונז געגעבען געוואָרען, שטעלט פאַר מיט זיך אַ זעהר ווערטפול פערמעגען: „אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד". און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין פון מדרש: „ויקחו לי תרומה, הדא הוא דכתיב תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, אל תהי קורא מורשה אלא מאורסה". דו זאָלסט נישט מיינען, אַז דאָס דאָזיגע פערמעגען האָט דעם דין פון אַ ירושה, פאַר וועלכע מען האָט קיין שום התחייבות׳ן נישט און מען איז יוצא בלויז מיט לערנען — „אלא מאורסה", זי איז באמת ווי דער נדן, וואָס מען בעקומט פון אַ כלה, לגבי וועלכע מען נעהמט אויף זיך זעהר פיעל פערפליכטונגען און די ערשטע פליכט קודם־כל איז — „ויקחו לי תרומה", צו געבען צדקה, צו העלפען און שטיצען דעם צווייטען, נישט צו לעבען בלויז פאַר זיך...
(לשון חכמים)

אויפ׳ן פסוק „ויקחו לי תרומה" ווערט געזאָגט אין מדרש תנחומא: „כל כהן שאינו בן־תורה מותר לאכול על קברו תרומה".

וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

לויט׳ן „עץ יוסף" און אַנדערע מפרשים, איז דער דאָזיגער מאמר אַ ביסעל פער־גרייזט און עס דאַרף זיין: „כל כהן שאינו בן תורה מתיר לאכול על קברו תרומה", און דער זין איז: מען זאָל נישט געבען קיין תרומה צו אַ כהן, וועלכער איז נישט קיין בן־תורה, אַ כהן אַנ׳עם־הארץ, וועלכער ווייסט נישט מבדיל צו זיין בין טהור לטמא און ער איז חשוד מתיר צו מאַכען צו עסען די תרומה אַפילו אויף אַ קבר.

אָבער ריכטיגער איז אַ צווייטע ערקלערונג, וועלכע ווערט געבראַכט אין קול שמחה, און נעמליך: די חז״ל, וועלכע דריקען אויס אין פערשידענע שטעלען זייער טיפע פעראַכטונג צו עמי־הארצים, ערקלערען דערמיט, אַז אַ כהן אַנ׳עם־הארץ האָט קיין שום חשיבות נישט און אַז אויף זיין קבר מעג מען זאָגאַר עסען תרומה, פונקט ווי אויפ׳ן קבר פון אַ כותי, וועגען וועלכען עס ווערט געזאָגט (יבמות ס״א) אַז — „קברי כותים אינן מטמאין"...

„ארבעה אין הדעת סובלתן — זאָגען די חז״ל — דל גאה ועשיר מכחש וזקן מנאף וכו׳"
(פסחים קי״ג)

די אַלע געבראַכטע ביישפּיעלען זענען וועגען אַזעלכע, וועלכע זענען זיך נוהג להיפך, ווי זיי וואָלטען לויט זייער שטאַנד זיך געדאַרפט אויפפיהרען. און אויך „עשיר מכחש" מיינט מען נישט סתם אַנ׳עושר וואָס זאָגט ליגען, נאָר אַזעלכער, וועלכער זייענדיג רייך און מען קומט צו איהם נאָך אַ נדבה, פערלייקענט ער זיין עשירות און טענה׳ט, אַז ער איז אַנ׳אָרימאַן און ער איז נעביך נישט בכוח צו געבען...
(לחמי תודה)

און דאָס איז אויך דער טייטש פון פסוק: „שבתך בתוך מרמה מאנו דעת אותי" (ירמי׳ ט.).

עס טרעפט, בעת אַנ׳אָרימער קרוב קומט צו זיין רייכען קרוב נאָך אַ נדבה, איז ער זיך מתנצל פאַר איהם און פאַרטרויט איהם בסוד, אַז לעולם איז ער נעביך אויך

אַליין אַ איד אַנ׳אָרימאַן, און דאָס, וואָס ער וואוינט אין אַזאַ שענע, רחבות׳דיגע דירה און פיהרט אַזאַ ברייט הויז — דאָס מוז ער נעביך טהון פאַר מענשענס וועגען, בכדי מען זאָל איהם האַלטען פאַר אַ גביר און מען זאָל איהם נישט אָבציהען דעם קרעדיט...

טענה׳ט אַלזאָ דער מוכיח: „שבתך בתוך מרמה״, בנוגע דיין פריוואַט לעבען, האַלסטו אין איין בענוצען זיך מיט מרמה, מיט שווינדעל, נאַרענדיג דעם עולם, איינ־רעדענדיג אַלעמען, אַז דו ביזט אַ גביר. דאַגעגען אָבער „מאנו דעת אותי״! ווי נאָר עס קומט צום „אותי״, צו אַ דבר־מצוה, צו צדקה, דאַ ווילסטו שוין נישט בענוצען זיך, חלילה, מיט שווינדעל, דאַ ווערסטו מיטאַמאָל אַנ׳עהרליכער מאַן, אַ קבצן, וואָס קאָן זיך נישט ערלויבען צו געבען אַ נדבה...

(נחלי דבש)

צום אַלטען גאָסטינינער רבי׳ן, רבי יחיאל־מאיר, איז אַמאָל געקומען צופאָהרען זיינער אַ חסיד, פון די רייכע חסידים, און האָט אָוועקגעלעגט פאַר איהם, ווי עס פיהרט זיך, אַ קוויטעל מיט אַ „פדיון״. דער רבי האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז דער דאָזיגער חסיד האָט נישט־לאַנג באַנקראָטירט, און ער האָט דעריבער נישט געוואָלט ביי איהם נעמען דעם „פדיון״, זאָגענדיג: עס שטעהט אין פסוק „בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם״ — איז דער טייטש: „בפרוע פרעות בישראל״, פריהער דאַרף אַ איד אָבצאָהלען די חובות, און ערשט נאָכדעם — „בהתנדב עם״, זאָל ער געבען נדבות און פדיונות...

„בנימין הצדיק החי׳ אשה וז׳ בניה — הוסיפו לו כ״ב שנה על שנותיו״ (ב״ב י״א)

פאַרוואָס עפּיס גראַד כ״ב שנה?

זאָגט דערויף דער ווילנער גאון:

דאָס איז דאָך בלתי ספק, אַז בנימין הצדיק האָט אוּדאי מקיים געווען די מצוה פון צדקה לויט׳ן דין, אַז מען דאַרף דעם אָרימאַן בשעת מעשה מפייס זיין און זעהען אַז ער זאָל נישט מבויש ווערען, און „המפייסו בדברים — זאָגען די חז״ל — מתברך בי״א ברכות״, געגעבען האָט ער די צדקה אַכט נפשות, „אשה וז׳ בניה״ — איז, אַלזאָ, צו־זאַמען פ״ח ברכות. „יש לה זכות — זאָגט די משנה אין סוטה — תולה לה ג׳ חדשים״, פאַר יעדען זכות בעקומט מען, הייסט עס, אַ פערלענגערונג אויף דריי חדשים, און אַכט און אַכציג מאָל צו דריי חדשים, זענען אַלזאָ, צוזאַמען — צוויי און צוואַנציג יאָהר...

„גדול המעשה יותר מן העושה, שנאמר והיה מעשה הצדקה שלום״ (בבא בתרא י״ט)

„גדול המעשה יותר״, אַמבעסטען איז געוואונשען נאָר אַזאַ מעשה און גבאי, וועלכער איז „מן העושה״, וועלכער זאָל אויך אַליין זיין פון די עושי צדקה, נישט נאָר אַ נעהמער, נאָר אויך אַ געבער, און דאַמאָלס — „והיה מעשה הצדקה שלום״, וואָרום אויב דער גבאי אַליין איז נישט קיין נותן, ברענגט עס בשעת׳ן זאַמלען די נדבות, צו קריגערייען מיט די מנדבים, וועלכע טענה׳ן מיט פערדרוס: „מי שמך״? און „קשוט עצמך״!...

(בינה לעתים)

אין סלאָנים איז געווען אַ גביר אַ קמצן, וועלכער פלעגט קיינמאָל קיין נדבה נישט וועלען געבען, דאַגעגען פלעגט ער זיך שטענדיג שטופּען צו דאַוונען פאַר׳ן עמוד, הגם ער האָט לאָו געקענט.

פלעגט רבי אייזיל סלאָנימער זאָגען, אַז דער דאָזיגער איד איז אַ געוואַלדיגער

קדוש, דען די גמרא זאָגט: „ישראל קדושים הם, יש שיש לו ואינו רוצה ויש שרוצה ואין לו" (חולין ז'). דער דאָזיגער גביר איז דעריבער אַ דאָפּעלטער קדוש, דען ביי צדקה איז ער אַ „יש לו ואינו רוצה", און ביים דאַוונען פאַר'ן עמוד — אַ „רוצה ואין לו"...

אַ גביר האָט אַמאָל דערצעהלט פאַר רבי חיים צאַנזער, וואָס פאַר אַ גרויסער בעל־צדקה ער איז, וויפיעל געלד די צדקה קאָסט איהם אָב. דערביי האָט ער זיך יעדעס מאָל אויסגעדריקט: „נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין".

רופט זיך אָן צו איהם רבי חיים:

— זאָל עס יאָ זיין אויסגערעדט, רייד יאָ, רייד וויפיעל דו ווילסט, אָבי — גיב!...

דער אַמשינאָווער רבי, רבי מנחם דוד, איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אַ גביר בעטען שטיצע פאַר זיינעם אַנ'אָרימען קרוב, אָבער דער גביר האָט זיך געפּרובט אַרויסדרעהען, אַז דאָס איז גאָר אַ ווייטער קרוב, וועלכען ער קען רעכט נישט.

רופט זיך אָן צו איהם דער אַמשינאָווער רבי:

— דאַוונען דאַוועט איהר יעדען טאָג?

— וואָס הייסט — חידוש'ט זיך דער גביר — זעגט איהר מיך דען, רבי, חושד, חלילה, אַז איך דאַווען נישט?

— נו, אויב איהר דאַוועט, איז ווי אַזוי הויבט זיך אָן די ערשטע ברכה פון שמונה־עשרה?

— נו, ווייסט מען דאָך — ווערט דער גביר שוין אַביסעל אונגעדולדיג פון דער קינדערשע שאלה — אלקי אברהם, אלקי יצחק ואלקי יעקב...

— ווער זענען זיי געוועזען די דאָזיגע אברהם יצחק ויעקב? — וויל איהם דער רבי נאָך אַלץ נישט אָבלאָזען...

— וואָס הייסט ווער, די אבות...

— ווען האָבען זיי געלעבט די אבות, ווי לאַנג איז שוין?

— ס'איז דאָך ידוע... שוין אַ שענע פאַר טויזענד יאָהר...

— אמת — איז מסכים דער אַמשינאָווער רבי — שוין אַ שענע פאַר טויזענד יאָהר, און פונדעסטוועגען זענט איהר זיי מזכיר דריי מאָל אין טאָג און איהר ווילט אין זכות פון די דאָזיגע ווייטע קרובים פון פאַר טויזענדער יאָהרען געהאָלפען ווערען, און אַז איך קום צו אייך וועגען אַרויסהעלפען אַ נאָהנטען קרוב פון אייער משפחה, אַ לעבעדיגען קרוב, איז ער גאָר פאַר אייך צו־ווייט?...

רבי יצחק וואורקער איז אַמאָל געקומען צו אַ גרויסען גביר וועגען אַ נדבה פאַר איהם, דעם גביר'ס אַ קרוב. דער גביר אָבער האָט, ווי דער שטייגער איז, זיך אַרויסגעדרעהט מיט פערשיעדענע בעקאַנטע תירוצים, און קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז ער וועט נישט געבען. דער וואורקער רבי האָט מיט איהם מעהר נישט גערעדט, נאָר געזעסען אויף זיין אָרט און רוהיג געוואַרט.

—רבי — ווערט דער גביר אונגעדולדיג — כ'האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז כ'וועל נישט געבען.

דער רבי ענטפערט איהם נישט און זיצט זיך ווייטער שטיל און רוהיג.

— רבי — ווערט שוין יענער דענערווירט — אַ שאָד אייער צייט, איך וועל מיין בעשלוס נישט ענדערן, איהר האָט נישט אויף וואָס צו וואַרטען.

— איך האָב יאָ אויף וואָס צו וואַרטען — ענטפערט איהם רוהיג דער וואורקער.

— כידוע, האָט יעדער מענש צוויי יצרים, אַ יצר־הרע און אַ יצר־טוב. דער יצר־הרע בעזעצט זיך אין איהם תיכף פון ערשטען טאָג ווי ער ווערט געבוירען, „כי יצר לב האדם רע מנעוריו", דאַגעגען דער יצר־טוב קומט צו איהם ערשט צו דרייצעהן יאָהר, ווען ער ווערט בר־מצוה. דער יצר־הרע איז, אַלזאָ, עלטער פונ׳ם יצר־טוב און ער רעדט דעריבער שטענדיג דער ערשטער. און היות ווי דער יצר־הרע האָט שוין דאָס זייניגע אָבגערעדט, וויל איך דעריבער צוּוואַרטען און הערען, וואָס דער יונגערער, דער יצר־טוב, האָט דאַרויף צו זאָגען...

די דאָזיגע ווערטער האָבען געהאַט אויפ׳ן גביר די געהעריגע ווירקונג און ער האָט תיכף געגעבען די פאַרלאַנגטע נדבה...

רבי יחזקאל׳ע קוזמירער פלעגט זאָגען: „כי צדיק ד׳ אהב, ישר יחזו פנימו", (תהלים י״א. ז.), געוועהנליך, בשעת איין מענש דאַרף אָנקומען צום צווייטען נאָך אַ נדבה, האַלט דער מקבל אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, שעמענדיג זיך צו קוקען אויפ׳ן נותן. אָבער „ד׳ צדקות אהב", השי״ת האָט ליעב נאָר אַזאַ צדקה, ביי וועלכען עס איז „ישר יחזו פנימו", ביי וועלכען דער מקבל פיהלט זיך לגמרי נישט געפאַלען און איינער דעם צווייטען קאָן גלייך קוקען אין פנים אַריין...

— איינמאָל — האָט רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער דערצעהלט אין איינע פון זיינע בעקאַנטע יומא־דפגרא׳דיגע שמועסען — בין איך מיר אַרויפגעגאַנגען אין הימעל אַריין און זיך אָוועקגעשטעלט ביי די טויערען פון גן־עדן אַ קוק טהון, ווי אַזוי עס געהט דאָרט צו. זעה איך, ווי עס קומט אָן אַ רב און האָט בדעה גלייך אַריינצוגעהן אין גן־עדן אַריין, אָבער דער שומר הפתח פערשטעלט איהם דעם וועג. וואָס איילט איהר זיך אַזוי? — פרעגט ער איהם — מיט וואָס האָט איהר עס זוכה געווען צו געהן אין גן־עדן אַריין? ענטפערט איהם דער רב: וואָס הייסט? אַ גאַנץ לעבען האָב איך עוסק געווען בתורה, טאָג און נאַכט בין איך געזעסען און געלערנט, און אויב נישט פאַר מיר און פאַר מיינע חברים, טאָ פאַר וועמען דען איז דער גן־עדן בעשאַפען געוואָרען? אָבער דער מלאך ווערט פון דער תשובה נישט נתפעל. מען דאַרף פריהער — ערקלערט ער איהם — בודק זיין און קאָנטראָלירען, צי די תורה, וואָס איהר האָט געלערנט, איז טאַקי געווען לשמה, נישט צוליעב כבוד, צוליעב פרנסה וכדומה... איהר מוזט אַביסעל צוּוואַרטען.

עוד הם מדברים קומט אָן אַ צדיק, אַ געוואַלדיגער יחסן, אַ בנן של קדושים, און מיט אַ ברייטקייט לאָזט ער זיך גלייך צום גן־עדן. האַלט! — מאַכט צו איהם דער מלאך — פאַר וועלכע מעשים טובים? דאָ נעהמט דער צדיק אויסרעכענען אַ גאַנצען צעטעל, וואָס ער האָט אַלץ אָבגעטהון אין זיין לעבען: ער האָט געפּראַוועט תעניתים, סיגופים, מקואות, גאַנצע טעג מתפלל געווען, געזאָגט תהלים, געלערנט זהר, עוסק געווען אין קבלה, איז דאָס נאָך אפשר ווייניג? גאַנץ גענוג — ענטפערט איהם דער מלאך — אָבער מען דאַרף פריהער וויסען, צי איז דאָס אַלץ געווען לשמה, נישט צוליעב כבוד און פרנסה... וואַרט אַ ווײַלע.

ביני לביני קומט־אָן אַ פּראָסטער מגושמ׳דיגער איד, אַן אַרענדאַר. אַ נו, לאָמיר נאָר הערען — שטעלט איהם אָב דער שומר — וואָסערע מעשים טובים פערמאָגסטו?

— כ׳פערמאָג נעבעך גאָרנישט — קרעכצט ער — כ׳בין אַ פּראָסטער מענש און כ׳וויס פון קיין שום זאַך נישט. דעם גאַנצען לעבען האָב איך פערברענגט אין דאָרף, וואו די

טהיר פון מיין הויז איז געשטאַנען שטענדיג אָפען פאַר יעדען דורכוואַנדערער. ווער עס איז נישט אַריינגעקומען, אַ בעקאַנטער צי אַן׳אונבעקאַנטער, אַ איד צי אַ גוי, האָב איך איהם פריינדליך אויפגענומען און איהם קודם־כל דערלאַנגט אַביסעל אָקעוויט, ער זאָל זיך דאָס האַרץ דערכאַפּען און נאָכהער האָב איך איהם צוגעבעטען צום טיש און איהם דערלאַנגט וואָס עס האָט זיך געפינען אין שטוב, אַמאָל קאַרטאָפעל מיט מילך, אַמאָל אַ שטיקעלע פיש, אַמאָל אויך אַ שטיקעל פלייש — זומער און ווינטער פלעגען פון דער גאַנצער סביבה קומען צו מיר אורחים און איך האָב זיי נישט געזשאַלעוועט און זיי מהנה געווען מיט וואָס כ׳האָב נאָר געהאַט. אָט דאָס איז עס אינגאַנצען און מעהר ווייס איך נישט. ווילט איהר מיך אַריינלאָזען אין גן־עדן אַריין — איז גוט, און אויב נישט — זייט מיר געזונד און שטאַרק... ווי דער מלאך האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלייך געעפענט פאַר איהם די טויערען און געזאָגט: דיך דאַרף מען נישט בודק זיין. אַ מענש, וואָס האָט מקיים געווען די מצוה פון צדקה און הכנסת־אורחים און האָט געגעבען די הונגעריגע צו עסען און צו טרינקען, דאַרף מען איהם נישט קאָנטראָלירען, צוליעב וואָס ער האָט דאָס געטהון, צי ס׳איז געווען לשמה, אָדער שלא לשמה...

צום פראַנקפורטער ראָטשילד, ר׳ שמעון נתנאל, איז אַמאָל צוגעקומען אין גאַס אַ בכבוד׳יג געקליידעטער איד און געבעטען איהם פאַר איהם זיין ביטער האַרץ. די ווערטער האָבען ראָטשילד׳ן שטאַרק געריהרט און היות ווי ער האָט גראָד אין טאַש ביי זיך קיין געלד נישט געהאַט, האָט ער אָבגעשפיליעט פון זיין טאַשען־זייגער די גאָלדענע קייט און עס דערלאַנגט דעם אָרימען איד.

דער איד איז געוואָרען מבולבל און נישט געוואָלט אין תחילת נעהמען. וואָס הייסט? נישט אַנדערש, נאָר דער באַראָן טרייבט שפּאַס פון איהם... אָ, גאַט בעוואַר, ער וועט קומען צו איהם אין ביורא, עס ברענט דאָך נישט, חלילה, די מינוט...

— ניין, עס ברענט יאָ — מאַכט דער באַראָן — אין דער רגע האָט מיך אָנגענומען אַ רחמנות, וויל איך נישט פערזוימען, שפּעטער אָבער — ווער ווייסט, צי דאָס רחמנות וועט ביי מיר נישט ווערען אָבגעקיהלט... און דערויף טאַקי וואָרענט אונז שלמה המלך: „אַל תאמר לרעך לך ושוב ומחר אתן ויש אתך״...

(דעת זקנים)

אַן׳אָרימאַן איז אַמאָל אַריינגעקומען צו רבי שמעלקע ניקעלשבורגער נאָך אַ נדבה, און אַזוי ווי ער האָט גראָד נישט געהאַט קיין געלד ביי זיך, האָט ער גענומען און איהם אָוועקגעגעבען דעם ווייב׳ס פינגערל. די רביצין האָט זיך דערפון דערוואוסט און אויפ־געהויבען אַ געוואַלד. וואָס האָסטו געטהון? — האָט זי געשריען צום מאַן — אין דעם פינגערל איז דאָך געווען איינגעפאַסט אַ טייערער בריליאַנט... הערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט רבי שמעלקע גלייך געכאַפּט און אַרויסגעשיקט אַ שליח איבער׳ן שטעדטעל אויפצוזוכען דעם אָרימאַן. די רביצין איז געזעסען און געוואַרט מיט אונ־געדולד און דערזעהענדיג ענדליך דעם שליח צוריק איז זי איהם אַנטקעגענגעלאָפען:

— נו, וואָס? געפונען איהם?

— יאָ.

— און אָבגענומען ביי איהם דאָס פינגערל?

— ניין... דער רבי האָט מיר דען געהייסען אָבנעהמען דאָס פינגערל?

— וואָס דען — קוקט די רביצין אויף איהם פערוואונדערט — האָט ער דיך געהייסען?

— דער רב האָט מיר געהייסען זאָגען דעם אָרימאַן, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזען אָבנאַרען און ער זאָל דאָס פינגערל נישט צו ביליג פערקויפען, וואָרום עס איז אין איהם איינגעפאַסט אַ טייערער בריליאַנט...

צו רבי אהרן קאַרלינער איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ אידענע מיט אַ געוויין, אַז שוין עטליכע יאָהר, ווי זי האָט אַ שידוך געטהון מיט אַ טאָכטער און צוגעזאָגט נדן, וואָס זי איז אָבער נישט אימשטאַנד צו סילוק׳ן, און איצט האָט דער חתן געשיקט זאָגען, אַז ער וויל שוין לענגער נישט וואַרטען און אויב מען וועט נישט די טעג מסלק זיין דעם נדן וועט ער אָבלאָזען דעם שידוך... האָט רבי אהרן געפרעגט די אידענע, וויפיעל נדן זי האָט זיך מתחייב געווען און דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, אַרויסגענומען דעם נויטיגען סכום געלד און געגעבען די אידענע, זי זאָל געהן מסלק זיין דעם נדן.

אין עטליכע וואָכען אַרום קומט ווידער צו איהם די זעלבע אידענע מיט אַ געוויין: זי קאָן נישט חתונה מאַכען די טאָכטער, מחמת זי האָט נישט צו מאַכען איהר קיין חופה־קלייד... פרעגט איהר דער קאַרלינער, וויפיעל עס דאַרף קאָסטען דאָס חופה־קלייד, געהט־צו צו דער שאַנק, נעהמט אַרויס געלד און דערלאַנגט איהר.

האָט זיך שוין די רביצין נישט געקענט מעהר איינהאַלטען און פרעגט איהם מיט פערדרוס: מילא דאָס ערשטע מאָל, אַז זי איז געקומען מיט אַ געוויין, אַז זי האָט נישט קיין נדן און דער שידוך האַלט ביים אָבגעהן, פערשטעה איך, אַז דו האָסט איהר נישט געדאַרפט אָבזאָגען, הכנסת־כלה איז דאָך עפּעס נישט קיין קליינינקייט! אָבער צוליב אַ חופה־קלייד וואָלט דאָך דער שידוך חלילה נישט אָבגעגאַנגען, בשעת הדחק קאָן מען חתונה האָבען אויך אָהן אַ חופה־קלייד, וואָלט דען נישט געווען מעהר מצוה אָוועקצוגעבען דאָס געלד פאַר אָרימעלייט, אויף ברויט פאַר זייערע הונגעריגע קינדער?

— אויך איך — ענטפערט איהר רבי אהרן — האָב דאָס זעלבע געטראַכט. בשעת כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער שאַנק אַרויסנעהמען געלד אויפ׳ן חופה־קלייד, איז מיר דורכ־געלאָפען אַ געדאַנק, אַז עס איז אפשר מעהר מצוה צו געבען דאָס געלד אויף ברויט פאַר אָרימע, הונגעריגע קינדער, אָבער תיכף האָב איך זיך אַליין אַ פרעג געטהון: פון וואַנען קומט צו מיר דער דאָזיגער רעיון און פון וועמען שטאַמט ער? זאָל דאָס זיין פון יצר־טוב — טאָ פאַרוואָס האָט ער מיך נישט געכטען וועגען דעם דערמאָהנט, נאָר פונקט היינט, אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב בעשלאָסען צו געבען אַן אָרימע אידישע טאָכטער אויף אַ חופה־קלייד, בכדי זי זאָל אין טאָג פון איהר חופה נישט פערשעהמט ווערען, דוקא איצט האָט זיך אין איהם פלוצים דערוועקט דאָס רחמנות אויף הונגעריגע קינדער? און נישט אַנדערש, נאָר דאָס שטאַמט פון יצר־הרע, וועלכער מיינט עס זיכער נישט צום גוטען און מען דאַרף איהם דעריבער נישט פאָלגען...

רבי מענדעלי קאָצקער און רבי יצחק וואָרקער האָבען געהאַט, כידוע, צוויי גאַנץ בעזונדערע דרכים: דער קאָצקער האָט געפראַוועט התבודדות, געזעסען יאָהרען־לאַנג אָבגעשלאָסען אין אַ צימער, אָבגעזונדערט און דערווייטערט פון אַלעמען. דער וואָרקער, דאַגעגען, האָט געלעבט שטענדיג צווישען עולם, צוזאַמען מיט די חסידים בראָנפען גע־טרונקען און צוזאַמען מיט זיי אַ רקידה׳לע געטאַנצט...

איינמאָל — און געווען איז עס אין פרשת תרומה — בשעת די צוויי צדיקים זענען זיך צונויפגעקומען און עס האָט זיך פערבונדען צווישען זיי אַ הויכער שמועס, האָט דער וואָרקער געפרעגט דעם קאָצקער, הלמאי ער איז זיך מתבודד פון דער וועלט.

— מיין דרך — האָט איהם געענטפערט דער קאָצקער — איז מרומז אין דער היינטיגער סדרה. „ויקחו לי״, אויב אַ איד וויל זיך נעהמען אויפ׳ן ריכטיגען וועג, ווי רש״י זאָגט, „לשמי״, אויפ׳ן דרך־השם, איז די איינציגע עצה דערצו — „תרומה״, ער זאָל זיך אָבשיידען און אָבזונדערען פון מענשען, נישט נור פון די שלעכטע מענשען, נאָר אַפילו פון די גוטע, אַפילו „מאת כל איש אשר ידבנו לבו״ — נור דורך אַזאַ אופן קאָן ער צוקומען צו עבודת־השם...

— און אויך מיין דרך — האָט איהם דערויף דער וואָרקער געענטפערט — איז מרומז אין דער היינטיגער סדרה, אינ׳ם זעלבען פסוק. „ויקחו לי״. אויב אַ איד וויל זיך נעהמען אויפ׳ן ריכטיגען וועג, ווי רש״י זאָגט, „לשמי״, אויפ׳ן דרך־השם, איז די איינציגע עצה דערצו — „תרומה״, צו נעהמען תרומה פון יעדען איד, פון יעדען עפיס אַראָבצולערנען, מיט יעדען זיך מתחבר צו זיין, אָבער נישט מיט די שלעכטע, נאָר מיט די גוטע, האַרציגע אידען, „מאת כל איש אשר ידבנו לבו״ — נור דורך אַזאַ אופן קאָן מען צוקומען צו עבודת־השם...

ויקחו לי תרומה וכו׳ תקחו את תרומתי וכו׳ וזאת התרומה... (כה. ב. ג.)

„ג׳ תרומות אמורות כאן, אחת תרומת בקע לגלגולת שנעשו בה האדנים, ואחת תרומת המזבח בקע לגלגולת לקרבנות צבור, ואחת תרומת המשכן נדבת כל אחד ואחד״ (רש״י)

ביי די ערשטע צוויי תרומות איז געווען „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט״, אַלע האָבען געגעבען גלייך: „בקע לגלגולת״, קיינער האָט נישט געהאַט קיין גרונד צו שטאָלצירען און צו האַלטען זיך גרעסער פון צווייטען, און דעריבער ווערט ביי זיי געזאָגט: „ויקחו לי תרומה — לי לשמי״ און „תקחו את תרומתי״, דאָס זענען דעם אויבערשטענ׳ס תרומות, אַט אַזעלכע תרומות זענען איהם לרצון.

דאַגעגען די דריטע תרומה, וועלכע איז בעשטאַנען פון „נדבת כל אחד ואחד״ פון קלענערע און גרעסערע נתינות, האָט שוין געבראַכט צו גאות און גביר׳שע שטאָלצקייט, און דעריבער ווערט שוין דערביי נישט בעטאָנט, אַז דאָס איז דעם אויבערשטענס תרומה, נאָר סתם — „וזאת התרומה אשר תקחו מאתם״...

(כלי יקר)

מאת כל איש אשר ידבנו לבו... (כה. ב.)

„מאת כל איש אשר ידבנו לבו״ — און ער וועט אַליין זאָגען: „תקחו את תרומתי״...

(ווילנער גאון)

עס האָבען דאָן זיכער נישט געפעהלט ביי אידען קיין רייכע יחידים, וועלכע זענען אַליין געווען גרייט און ביכולת צו דעקען אַלע אויסגאַבען פון משכן, אָבער דער רצון פון השי״ת איז געווען, אַז „כל איש אשר ידבנו לבו״, אַז אַלע זאָלען זיך בעטייליגען אין דער גרויסער מצוה, אַז יעדער איד זאָל מיט זיינע גראָשענס האָבען אַ חלק בבנין־המשכן...

(אהבת יהונתן)

די וועלכע געהען זאַמלען נדבות, דאַרפען קודם־כל אַליין גופא זיין נדיבי־לב; נישט בלויז נעהמער, נאָר אויך גֶעבֶער... פאַר אַזעלכע האָט מען דרך־ארץ, מען האָט נישט די העזה זיי אָבצוזאָגען, און נאָר אַזעלכע קאָנען האָבען ערפאָלג אין זייערע זאַמלונגען...

און דאָס איז דער טייטש פון פסוק: „שרים עצרו במלים וכף ישימו לפיהם" (איוב כ"ט. ט.) — די האַנד דאַרף זיין נאָהענט צום מויל; צוזאַמען מיט'ן רעדען און מיט'ן אַגיטירען י ע נ ע ם צו געבען, דאַרף אויך די אייגענע האַנד טעטיג זיין...
(ספר הדרוש)

„מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי" — אויך יענער איד, וועלכער וויל געבען, נאָר ער קאָן, ליידער, נישט, און דאָס איינציגע, וואָס ער איז אימשטאַנד מנדב צו זיין, איז זיין האַרץ און רצון, זיין צער און מיטגעפיהל, ווערט איהם א ו י ך ד אָ ס אַלס תרומה פעררעכענט; א ו י ך ד אָ ס איז צדקה...
(כנפי נשרים)

יעדער גביר פערמאָגט צווייערליי שטיינער: געוועהנליכע שטיינער און ברילליאַנטען, אבנים טובות; אָבער נישט ביי אַלעמען ליעגען זיי אויפ'ן זעלבען אָרט. ביי איינעם ליעגט דער שטיין אין האַרץ, און דער ברילליאַנט — אין טאַש; און ביי אַ צווייטען ליעגט, פערקעהרט, דער שטיין אין טאַש, און דער ברילליאַנט — אין האַרץ...
(רבי ישכר־בעריש גרויבאַרט)

„האומר שלי שלי ושלך שלך — זו מדה בינונית, ויש אומרים זו מדת סדום"... (אָבות)

מיט וואָס ערקלערט זיך די דאָזיגע שאַרפע חלוקי־דעות? פון אַ „מדה בינונית" ביז „מדת סדום" איז דאָך עפּעס גאָר אַ געוואַלדיגער אונטערשיעד!... נאָר דער טייטש איז: ווען מען קומט צו איינעם נאָך אַ נדבה און ער ענטפערט: „שלי — שלי", איך האָב נעבעך מיינע אייגענע נאָהענטע קרובים, וועלכע כ'מוז אויסהאַלטען, „זו מדה בינונית", איז עס אַ דורכשניטליכע מדה, פאַר וועלכער מען קאָן צו איהם קיין גרויסע טענות נישט האָבען, מחמת אַוודאי זענען אייגענע קרובים בילכער... אָבער „ויש אומרים", ווען דער דאָזיגער פּאַרשוין קומט־אָב בלויז מיט'ן ז אָ ג ע ן און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער גיט ז יי נ ע ק ר ו ב י ם אויך נישט, דאַן איז דאָס אַנ'אמת'ער סדום'ניק...
(רבי יצחק מוואָרקע)

רבי יצחק וואָרקער פלעגט זאָגען:

אַלע מדות, אַפילו די שלעכטע מדות, ווי עקשנות, גאוה, כעס וכדומה, קאָנען אין פערשיעדענע פאַלען, ווי ס'איז ידוע, אויך אויסגענוצט ווערען צום גוטען, און דערפאַר האָט זיי דער אויבערשטער בעשאַפען. צוליעב וואָס אָבער האָט ער בעשאַפען די מדה פון אַפיקורסות? קאָן דען אַפיקורסות, חלילה, אַמאָל דעם מענשען נוצען ברענגען?...

באמת אָבער איז אויך דידאָזיגע מדה טיילמאָל נויטיג, און דאָס איז ביי נתינת צדקה... עס טרעפט אָפט, אַז בעת אַנ'אָרימער איד קומט צו אַ גביר און גיסט־אויס פאַר איהם זיין ביטער האַרץ, איז אַנשטאָט ער זאָל אַריינשטעקען די האַנד אין טאַש און איהם געבען אַ נדבה, נעהמט ער איהם טרייסטען, אַז ער זאָל האָבען בטחון צום רבונו־של־עולם, אַז דער אויבערשטער וועט איהם אַוודאי העלפען... אָט פאַר אַזעלכע לייט האָט דער אויבערשטער בעשאַפען די מדה פון אַפיקורסות: זאָל ער נישט זיין אַזוי שטאַרק פרום און זיך פערלאָזען אויפ'ן רבונו־של־עולם, זאָל ער נישט זיין אַזאַ שטאַרקער מאַמין אין בטחון; אויף איין רגע, פערלאַנגט מען פון אַזאַ גביר, מעג ער ווערען אַ שטיקעל „אפיקורס"...

רבי מרדכי באַנעט איז אַמאָל צוגעגאַנגען צו אַ גביר, אַ גרויסער קמצן, נאָך אַ נדבה, האָט זיך יענער אויסגעדרעהט מיט א תירוץ: באַשר צדקה, זאָגט ער, האָט ער ליעב צו געבען בסתר, קיינער זאָל דערפון נישט וויסען... אַ פלאַ׳דיגע זאַך! — האָט איהם דער גאון דערויף געענטפערט: — פון אייערע עבירות, וואָס איהר טהוט בסתר, מעגט איהר זיך דערביי ווי היטען און זיך ווי בעהאַלטען, פועל׳ט עס נישט און מען ווערט סוף־כל־סוף געוואויר; דאַגעגען פון אייערע מעשים־טובים און צדקה, וואָס איהר גיט בסתר, איז נאָך עד־היום קיין שום מענש נישט געוואויר געוואָרען... מערקווירדיג!

דער קעלמער מגיד איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אַ גביר אַ קמצן. אויף דער פראַגע פונ׳ם גביר וואָס ער פערלאַנגט, ענטפערט איהם דער קעלמער, אַז ער איז געקומען איהם מבקר־חולה זיין. וואָס הייסט? — קוקט איהם יענער אָן — בין איך דען, חלילה, קראַנק?... אַ, געוויס — מאַכט דער קעלמער — זענט איהר קראַנק, עס איז אַ בפירוש׳ער פסוק: „איש אשר יתן לו האלקים עושר ונכסים וכו׳ ולא ישליטנו האלקים לאכול ממנו וכו׳ זה הבל וחלי רע הוא" (קהלת ו. ב.)... זיצט אַזוי דער קעלמער אַ היבש שטיקעל צייט און שווייגט, און דער גביר ווייסט אַלץ נישט, וואָס ער וויל פון איהם. רבי, — מאַכט ער — די מצוה פון בקור־חולים האָט איהר שוין, מיין איך, יוצא געוועזן; וואָס־זשע נאָך ווילט איהר?... ניין — ענטפערט איהם דער קעלמער — כ׳האָב נאָך נישט יוצא געווען, דען די גמרא זאָגט: „המבקר חולה נוטל אחד מששים בצערו" (נדרים ל״ט) — און אָט בין איך עס טאַקע געקומען צו אייך נאָך דעם „אחד מששים", נאָך דעם דאָזיגען חלק פון אייער „קרענק".

דער דובנער מגיד איז אַמאָל געקומען צו אַ קאַרגען גביר בעטען אַ נדבה אויף אַ כלל־זאַך, אָבער דער גביר האָט זיך אָבגעזאָגט און נישט געוואָלט געבען. פאַר׳ן אַוועקגעהן מאַכט דער דובנער צום גביר:

— זייט וויסען, ר׳ איד, אַז איהר זענט מזומן לחיי עולם־הבא.

— וואָס הייסט? — וואונדערט זיך דער גביר און לאַכט — דערפאַר, וואָס איך גיב נישט קיין צדקה, וועל איך האָבען עולם־הבא?

— אָט הערט, — זאָגט צו איהם דער דובנער, — וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה. אין אַ שטאָדט איז געווען אַ גביר אַ קמצן, וואָס האָט כל־ימיו נישט געגעבען קיין פרוטה אויף צדקה. פאַר׳ן טויט האָט ער געהייסען, מען זאָל איהם מיטגעבען זיין גאַנץ געלד אין קבר אַריין. האָט מען איהם, פערשטעהט זיך, צוליעב געטהון — „צוואת שכיב־מרע"... אַז ער איז געקומען פאַר׳ן בית־דין של מעלה, עפענט מען דעם ספר־הזכרונות, מען טהוט אַ קוק — נישטאָ קיין איין פרוטה אויף צדקה!

— פאַרוואָס — פרעגט מען איהם — האָסטו נישט מקיים געווען די מצוה פון צדקה?

— דערפאַר — זיפצט דער גביר — ווייל דאָרט אויפ׳ן עולם־השקר דרעהען זיך אַרום בלויז רמאים, און איך האָב נישט געוואוסט וועמען צו געבען, האָב איך דעריבער מיין גאַנץ געלד מיטגעבראַכט מיט זיך אַהער אויפ׳ן עולם־האמת, כדי דאָ עס פונאַנ־דערצוטיילען...

דערהערענדיג אַזאַ וויכטיגע טענה, האָט דער בית־דין של מעלה מעיין געווען אין דין און אַרויסגעגעבען אַ פסק, אַז אויב מען וועט געפינען נאָך צוויי אַזעלכע, וואָס האָבען געטהון אַזוי ווי ער, איז ער זכאי און ס׳קומט איהם עולם־הבא.

האָט מען געזוכט און געפונען בלויז איינעם — קורח'ן, וועלכער איז בעגראָבען געוואָרען צוזאַמען מיט זיין געלד.

— איצט — פיהרט אויס דער דובנער — וואַרט מען דאָרט אויף אייך מיט אומגעדולד... וואָרום מיט אייך וועלען שוין דאָרט זיין ד ר יי: קורח, יענער קמצן און איהר — וועט איהר זיין אַ „מזומן" לחיי עולם־הבא...

עס איז היינט אַנ'עולם הפוך — האָט זיך דער מלבי"ם אַמאָל אויסגעדריקט: — די ספר־תורה זענען זיך נוהג די מאָדערנע בעלי־בתים צו קושען מיט די הענד, דאַגעגען נדרים זענען זיי מנדר מיט'ן מויל (און בעצאָהלען נישט), אַנשטאָט צו טהון פערקעהרט...

צדקה איז דאָך אַ מצות־עשה, טאָ פאַרוואָס — פרעגט דער רשב"א — מאַכט מען נישט דערויף קיין ברכה, פונקט ווי איבער יעדער אַנדערע מצוה?... דער תירוץ איז: ווען מען זאָל דאַרפען ביים געבען צדקה מאַכען פריהער אַ ברכה, וואָלטען זיך אָנגעהויבען דערביי, ווי דער שטייגער איז, פערשידענע שהיות, מען וואָלט זיך גענומען מכין זיין, וואַשען די הענד, אַ טייל וואָלטען אויך געלאָפען פריהער זיך טובל זיין, און ביני לביני וואָלט דער אָרימאַן דערווייל אויסגעגאַנגען פון הונגער...

(רבי בונם מפשיסכע)

וועגען קמצנים ווערט בענוצט דער אויסדרוק „הני עכברי דשכבי אדינרי". פאַרוואָס ווערען זיי עפּיס פערגליכען צו עכברים?

נאָר בשעת אַנ'עכבר, אָדער אַנ'אַנדערער שרץ, קריכט אַריין אין אַ זאַק מעהל, פיהלט ער זיך דאָפּעלט גוט: אי ער האָט וואָס צו עסען, אי עס איז איהם ווייך צו ליגען. קריכט ער אַריין אין אַ קופּע ווייץ, דאַן האָט עס פאַר איהם אַ מעלה און אַ חסרון: ער האָט וואָס צו עסען, אָבער עס איז שלעכט צו ליגען, דער ווייץ שטעכט איהם. קריכט ער אָבער אַריין אין אַ זאַק מיט געלד, דאַמאָלס איז איהם פון ביידע זייטען שלעכט: ער האָט נישט וואָס צו עסען און עס איז איהם שווער צו ליגען. דאָס זעלבע איז עפּ"י רוב מיט די גביר'ישע קמצנים. אי זיי פערגינען זיך נישט דעם ביסען אין מויל, ציטערנדיג איבער איטליכען גראָשען, און זיי האָבען פון זייער געלד קיין הנאה נישט; אי זיי קאָנען ביינאַכט רוהיג אויף די געלעגערס נישט איינליגען, דאָס געלד לאָזט זיי נישט שלאָפען...

(הרב י. לאזעראָוו)

ביי צדקה — פלעגט זאָגען רבי יאָשע בער בריסקער — דאַרף זיין: „בכל, מכל כל". געהן צונויפזאַמלען געלד אויף אַ דבר־צדקה דאַרף מען — „בכל", מיט יעדען, וועלכער איז גרייט דערצו, נישט קוקען אויף קיין כבוד, נישט מקפיד זיין צי יענער איז צוגעפּאַסט צו איהם, אָדער נישט. נעהמען נדבות דאַרף מען — „מכל", פון יעדען, פון וועמען נור עס לאָזט זיך. און נעהמען זאָל מען — „כל", אַלץ, יעדע נתינה וואָס מען קאָן מוציא זיין, נישט ברוגז ווערען מיט'ן נותן...

זהב וכסף ונחשת... (כה. ג.)

אַלס סימן צו געדענקען אין וועלכע טעג פון יאָהר עס איז פאַרהאַן קריאת־התורה, ווייזט אָן דער חתם־סופר אויף די ראשי־תיבות פון די דאָזיגע דריי ווערטער:

ז׳ — דער זיבעטער טאָג, שבת; ה׳ — דאָנערשטאָג; ב׳ — מאָנטאָג; כ׳ — כיפור (יום כיפור); ס׳ — סוכות; פ׳ — פסח, פורים; נ׳ — נרות (חנוכה); ח׳ — חודש (דערמיט ווערט שוין אויך געמיינט ראש־השנה, וועלכער איז דאָך אויך ראש־חודש); ש׳ — שבועות, שמיני עצרת, שמחת תורה; ת׳ — תענית.

ועורות תחשים... (כה. ה.)

„מין חיה״ (רש״י)

אַ פלא! די גמרא זאָגט דאָך בפירוש: „רבי מאיר אומר תחש שהיה בימי משה בריה בפני עצמה היתה ולא הכריעו בה חכמים אם מין חיה היא או מין בהמה היא״ (שבת כ״ח). טאָ פונוואַנען נעהמט עס רש״י מכריע צו זיין און צו ערקלערען: „מין חיה״?
(מרגניתא דרב)

ועורות תחשים ועצי שטים... (כה. ה.)

דער אבן־עזרא וואונדערט זיך אויפ׳ן מאמר, וואָס זאָגט, אַז די עצי שטים האָבען די אידען מיטגענומען מיט זיך פון מצרים און ער פרעגט: „ומה היתה תשובה לשואליהם, למה יוליכו עצי שטים והם הולכים לזבוח דרך שלשת ימים״?

דערויף ענטפערט רבי אליעזר אשכנזי: אדרבה! דערמיט טאַקי האָבען זיי געוואָלט אָבנאַרען די מצרים, אַז זיי זאָלען מיינען, דאָס זיי געהען בלויז אויף עטליכע טעג אין דער מדבר אַריין, וואו זיי האָבען נויטיג די עצי שטים אויפצושטעלען זיך געצעלטען, וואָרום — האָבען זיך די מצרים געטראַכט — אויב זיי זאָלען האָבען בדעה צו אַנטלויפען, וואָלטען זיי דאָך נישט מיטגעפיהרט מיט זיך אַזאַ שווערע משא פון ברעטער אויפ׳ן וועג...

„ומאין היה להם במדבר? פירש רבי תנחומא, יעקב אבינו צפה ברוח הקדש וכו׳ והביא ארזים למצרים ונטעם וצוה לבניו ליטלם עמהם כשיצאו ממצרים״ (רש״י)

דערויף זאָגט דער אבן־עזרא: „והנה לא ידענו, אם קבלה היתה היא ביד אבותינו שממצרים הוציאום — גם אנחנו נסור אל משמעתם, ואם סברא היא, יש לבקש דרך אחרת״, און אָנווייזענדיג אויף דער אונלאָגישקייט פון דער דאָזיגער מיינונג, קומט דער אבן־עזרא צום אויספיהר, אַז וואַהרשיינליך האָט זיך אין דער נאָהנט פון הר־סיני געפינען אַ וואלד פון עצי־שטים.

דאָגעגען אין פ׳ בשלח, אויפ׳ן פסוק „ויסע משה את בני ישראל״ (טו. כב.) ברענגט דער אבן־עזרא די דאָזיגע מיינונג אַלס אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, שרייבענדיג: „ומשה הודיעם כי שם יתעכבו עד שיעשו המשכן כי בעבור זה הוציאו עצי שטים ממצרים״, נישט צוגעבענדיג דערצו קיין שום בעמערקונגען...

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם... (כה. ח.)

בתוכם — אין זיי. איטליכער איד דאַרף ביי זיך אין האַרצען מאַכען אַ משכן פאַר גאָט...
(של״ה)

גדולה מלאכה! זאָגאַר הקב״ה האָט נישט געמאַכט פריהער רוהען זיין שכינה אויף אידען, ביז זיי האָבען נישט אָנגעהויבען צו בעשעפטיגען זיך מיט אַ מלאכה: „ועשו לי מקדש״ — און ערשט דאַן — „ושכנתי בתוכם״...
(אבות דר׳ נתן, פ׳ י״א)

ועשו ארון עצי שטים אמתים וחצי ארכו... (כה. י.)

די מאָס פונ׳ם ארון־התורה האָט זיך פערענדיגט מיט אַ חצי, אַ העלפט, דען אום צו זיין בשלמות, נויטיגט זי זיך אין נאָך אַ צווייטע העלפט — אין די אידען, די לומדי ומקימי התורה. אָהן זיי איז די תורה נישט מעהר ווי אַ חצי דבר...
(ש״ך על התורה)

„מנין שכל המוסיף גורע וכו׳ רב משרשיא אמר מהכא, אמתים וחצי ארכו״ (סנהדרין כ״ט)

עס איז אַ שווערער מאמר, אויף וועלכען רש״י זאָגט אַפילו יאָ פשט, אָבער ער ווערט אָבגעפרעגט דורכ׳ן מהרש״א מיט אַ רייה קשיות.

איינפאַך ערקלערט עס דער ווילנער גאון:

„אמתים וחצי ארכו״ איז דער טייטש: צוויי און אַ האַלב אייל; ווען עס וואָלט אָבער געשטאַנען אָהן אַ ו׳: „אמתים חצי ארכו״, וואָלט שוין דאַן דער טייטש געווען: צוויי איילען — זיין האַלבע לענג, ד. ה. אַז די גאַנצע לענג האָט געהאַלטען פיער איילען. נמצא, קומט דאָך, אַלזאָ, אויס, אַז „המוסיף גורע״, אַז דערמיט, וואָס דער פסוק האָט מוסיף געווען אַ ו׳ און געשריבען „וחצי״, בעדייט עס אַ קלענערע מאָס.
(מכתב אליהו)

„התחיל הכתוב בארון תחלה — לחלק כבוד לתורה״ (ילקוט שמעוני)

רבי אפרים זלמן מרגליות איז אַמאָל דורכגעפאָהרען דורכ׳ן שטעדטעל ראזינטאב, האָט ער זיך דאָרט אָבגעשטעלט, בכדי צו מאַכען אַ וויזיט ביים דאָרטיגען רב, רבי אַרי׳ לייב העלער, דער בעל „קצות החושן״.

נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך בײדע זעהר האַרציג בעגריסט, טהוט רבי אַרי׳ לייב אַ זיפץ און מאַכט:

— וועה, וועה, ווי די תורה איז דאָס נעבעך בשפל המדרגה.

וואונדערט זיך רבי אפרים זלמן: וואָס זאָל דער דאָזיגער זיפץ בעדייטען?

ערקלערט איהם רבי אַרי׳ לייב:

— שטעלט אייך פאָר, רבי אפרים זלמן, ווען איהר זאָלט נישט געווען קיין רב און קיין תלמיד־חכם, נאָר בלויז אַ נגיד (רבי אפרים זלמן איז, כידוע, געווען אַ גרויסער עושר) און איהר וואָלט דורכגעפאָהרען דורך ראזינטאב, וואָלט איהר זיך אָבגעשטעלט אין דאָזיגען העק? וואָלט איהר געקומען צו מיר אין מיין הילצערנעם הייזעל? וואָלט עס געפּאַסט פאַר אייך? וואָלט עס געווען לפי כבודכם? געוויס נישט. נאָר וואָס דען? וויַיל איהר זענט אַ תלמיד חכם און קענט לערנען און אויך איך קאָן אַ ביסעל לערנען, האַלט איהר דערפאַר פאַר אַ חוב צו בעזוכען מיך. הייסט דאָך עס, אַז אַנ׳עושר אָהן תורה איז מעהר חשוב און יחסן, ווי אַנ׳עושר מיט תורה, אַז דערפאַר וואָס איהר קענט לערנען, זענט איהר געצוואונגען צו ערנידעריגען זיך, נמצא אַז די תורה איז בשפל המדרגה...

וצפית אותו זהב טהור... (כה, יא.)

„ששה ארונות עשה בצלאל, ב׳ של זהב וא׳ של עץ וכו׳״ (רש״י)

אין „דעת זקנים מבעלי התוספות״ ווערט געזאָגט, אַז געדאַרפט האָט דער גאַנצער ארון זיין דורך און דורך פון גאָלד, נאָר בכדי עס זאָל איהם נישט שווער זיין צו טראָגען, איז ער בלויז מבית ומחוץ געווען גאָלד און אין מיטען האָלץ, און הגם, פיהרט אויס דער „דעת זקנים״, די חז״ל זאָגען: „נושא ארון את נושאיו״ (סוטה לה.), אַז דער ארון האָט זיך נישט גענויטיגט מען זאָל איהם טראָגען, איז עס נור געווען לפי שעה.

דערמיט — האָט דערויף צוגעגעבען דער גערער רבי — ווערט פֿערענטפֿערט דעם חתם־סופר׳ס קשיא אויף דער גמרא אין שבת: „המוציא משא על ראשו חייב, שכן משא בני קהת״. פרעגט דער חתם־סופר: די בני־קהת האָבען דאָך קיין שום משא נישט געטראָגען, דען די חז״ל זאָגען דאָך: „נושא ארון את נושאיו״? — לויט דער דערמאָנטער שטעלע, אָבער, אינ׳ם „דעת זקנים״, אַז דאָס איז נור געווען לפי־שעה, איז עס שוין ממילא קיין קשיא נישט, דען שפּעטער האָט מען טאַקי דעם ארון יאָ געטראָגען און יאָ געפיהלט די משא...

מבית ומחוץ תצפנו... (כה, יא.)

„מבית ומחוץ״... אויב אַ תלמיד־חכם איז נישט תוכו כברו — איז ער נישט קיין תלמיד־חכם...

(יומא ע״ב)

און דאָס איז דער פשט: „כל כבודה בת־מלך פנימה״ — דער עיקר כבוד פון דער תורה און דער הויפּט־צוועק איז דער „פנימה״, דאָס פנימיות, די אינערלעכע זויבערקייט...

(כפלים לתושיה)

און דערויף האָט מתפלל געווען דוד המלך: „אַשכילך בדרך תמים מתי תבוא אלי — אתהלך בתם לבבי בקרב ביתי״, ווען „אתהלך בתם לבבי בקרב ביתי״, ווען ביי זיך אין שטוב, ווען קיינער זעהט נישט, וועל איך זיך אויפפיהרען מיט דער זעלבער פרומקייט, אויף אַ האָר נישט וועניגער, ווי צווישען מענשען...

(אורח חיים)

דער רבי פון לובלין, דער „חוזה״, האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט אַ פּראָסטען פרומען איד, געזאָגט צו איהם:

— איך בין אייך מקנא, איהר זענט מעהר צדיק פון מיר. אַ רבי מוז בעל־כרחו זיין פרום, וואָרום מען קוקט איהם נאָך פון אַלע זייטען. זאָל איך, חלילה, עובר זיין אויף דעם מינדעסטען פרט פון אַ מצוה קלה, זאָל איך אַמאָל נישט אָבגיסען, חלילה, די נעגעל, וועט ווערען אַ רעש: דער חוזה גיסט זיך נישט אָב די נעגעל!... אָבער איהר, פשוט׳ער איד, וואָס קיינער קוקט אייך נישט נאָך און דאָך זענט איהר פרום — זענט איהר דאָך באמת אַ צדיק גמור...

עס האָט אַמאָל אַ חסיד׳ישער למדן זיך געריהמט פאַר רבי מענדעלי קאָצקער, אַז ער איז נאָך ב״ה אין זיין לעבען נישט געגאַנגען קיין „ד׳ אמות בלי תורה״.

— אַזוי ? — האָט אויף איהם דער קאַצקער אַ געשריי געטהון — אָבער וויפיעל איילען און וויפיעל מיילען ביזטו שוין דורכגעגאַנגען אָהן יראת שמים!?...

ביים רבי׳ן ר׳ בונם אין בית־המדרש איז געווען אַ איד, וועלכער פלעגט יעדען טאָג אויסזאָגען גאַנץ תהלים, מיט וואָס ער האָט זיך זעהר גרויס געהאַלטען; דערביי האָט מען אויף איהם מרנן געווען, אַז זיין אויפפיהרונג איז וויט נישט אַזעלכע ווי זי וואָלט געדאַרפט זיין ביי אַ איד אַ תהלים־זאָגער. אַז מען האָט עס דערצעהלט דעם רבי׳ן ר׳ בונם, האָט ער אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט:

— קיין וואונדער נישט. נאָכ׳ן אויסזאָגען האַלב תהלים שטעהט: „ויפתחו פיהם ובלשונם יכזבו לו״. איז אויב דאָס איז ביי האַלב תהלים, מכל־שכן ווען מען זאָגט אויס יעדען טאָג גאַנץ תהלים...

ועשית שנים כרובים... (כה. יח.)

דערפאַר — זאָגט דער רבינו בחיי — ווערט דאָ געברויכט דאָס וואָרט „שנים״, נישט „שני״, ווייל „שני״ בעדייט איבעראַל, אַז זיי זענען ביידע גלייך איינער צום צווייטען, ווי עס ווערט גע׳דרש׳ענט אויף „שני שעירים״, „שני כבשים״, „שתי צפרים״; די כרובים זענען אָבער נישט געווען ביידע גלייך, דען איין כרוב איז געווען בצורת זכר, און דער צווייטער — בצורת נקבה, און דעריבער ווערט נישט געזאָגט אויף זיי „שני״, נאָר „שנים״.

די דאָזיגע ערקלערונג פון רבינו בחיי וועגען דעם אונטערשיד צווישען „שני״ און „שנים״ איז באמת אַ פּלא! אין דער זעלבער סוגיא אין דער גמרא (יומא ס״ב), וואו עס ווערט געזאָגט, אַז „שני — שיהיו שניהן שוין״, ווערט דאָך אויפ׳ן זעלבען אָרט געזאָגט, אַז אויך די בעדייטונג פון „שנים״ איז „שיהיו שניהן שוין״?...

(תורה תמימה)

מן הכפורת תעשו את הכרובים... (כה יט.)

די צורה פון די כרובים איז געווען „ילד וילדה״ („דמות פרצוף תינוק להם״)... דער סוד און יסוד פאַר שמירת־הארון, פאַר קיום־התורה איז דער חינוך, די קינדער...

(רבי יאָשע־בער מבריסק)

פרשי כנפים למעלה וכו׳ ופניהם איש אל אחיו... (כה. כ.)

דער תלמיד־חכם און שומר התורה דאַרף זיך אויסצייכנען אין זיין התנהגות אין אַלע זאַכען. ער דאַרף זיין פון די „פורשי כנפים למעלה״, אָבגעהיט אין די מצוות שבין אָדם למקום, און גלייכצייטיג אויך — „ופניהם איש אל אחיו״, ריין און זויבער אין די ענינים שבין אָדם לחבירו...

(עוללות אפרים)

פון די עשרת הדברות, וואָס עס ענטהאַלטען די שני לוחות הברית בעשטעהט איין העלפט, אויף איין לוח, פון מצוות שבין אדם למקום, און די צווייטע העלפט — מצוות שבין אדם לחברו.

און דערויף זאָגט די תורה: „ופניהם איש אל אחיו״. דאָס פנים פון איין טייל

דאַרף זיין שטענדיג געווענדעט צום צווייטען טייל. זיי טאָרען זיך נישט אַראָבלאָזען פון אויג און קיינמאָל נישט געהן בעזונדער. מען קאָן נישט יוצא זיין מיט'ן אָבהיטען די מצוות שבין אדם למקום אָהן די מצוות שבין אדם לחברו, און דאָס זעלבע פער־קעהרט...

אל הכפרת יהיו פני הכרובים... (כה. כ.)

„כיצד הן (הכרובים) עומדין ?... חד אמר פניהם איש אל אחיו, חד אמר פניהם לבית... כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום"... (ב"ב פ"ט)

ווען אידען טהוען „רצונו של מקום", דאַמאָלס איז „פניהם איש אל אָחיו" — קוקט איין איד אויפ'ן צווייטען, אינטערעסירט זיך איין איד מיט'ן אַנדערען... אָבער ווען זיי טהוען נישט „רצונו של מקום", דאַן איז „פניהם לבית" — איז דער פרומער איד אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צום קדשי־קדשים: אָבי ער פאַר זיך איז פרום, אָבי ע ר איז מיט'ן רבונו־של־עולם אין אָרדנונג; די איבריגע אידען געהען איהם נישט אָן...
(ילקוט מרגליות)

ארון העדות... (כה. כב.)

דער רלב"ג אין ספר „העיקרים" שרייבט וועגען די, וואָס זענען מגלה פנים בתורה שלא כהלכה, אַרויסדרינגענדיג פון די פסוקים אַזעלכע דרשות, וועלכע זענען געגען פשט, און ער פיהרט אויס:
דעריבער ווערט די תורה אָנגערופען מיט'ן לשון „עדות" — „ארון העדות" — ווייל מען דאַרף זיך מיט איהר אומגעהן, ווי מיט אַן'עדות, ביי וועלכען די ווערטער מוזען אָנגענומען ווערען אַזוי ווי ער זאָגט, ככתבם וכלשונם און מען טאָר צו זיי גאָרנישט צוגעבען און נישט אויסטייטשען זיי אין אַן'אַנדערען זין, וואָס דער עדות האָט נישט געמיינט...

ועשית שלחן... (כה. כג.)

„אָרון" און „שלחן" שטעהען צוזאַמען, איינס נאָכ'ן צווייטען, דען — „אם אין קמח אין תורה" און „אם אין תורה אין קמח"...
(שפתי כהן)

ביים אָרון איז די ברייט געווען די זעלבע מאָס, וואָס די הויך, ביים שלחן דאַגעגען האָט מען די ברייט געהייסען מאַכען שמעלער, ווי די הויך.
דער טיש, האָט מען אונז דערמיט מרמז געווען, דאַרף נישט געפיהרט ווערען צו ברייט, ער דאַרף זיין קלענער ווי די הויך, קנאַפער ווי עס ערלויבען די מעגליכ־קייטען...
(מטה אהרן)

„שלחן של מקדש של פרקים הוה, דאי סלקא דעתך הדוקי הוה מיהדק, אמתא באמתא היכי מטבליה" ? (פסחים ק"ט)

פרעגען די מפרשים: וואָס איז דאָ די שאלה ? מען האָט דאָך געקענט דעם שלחן אַרויסנעהמען פון בית־המקדש און טובל זיין אין דרויסען ?

ווערט געענטפערט דערויף אין „אור יקרות", אין נאָמען פון הגאון רבי הירש:
אויפ'ן שלחן איז, לויט'ן דין, אַ גאַנצע וואָך געלעגען דער לחם־הפּנים און די איינציגע געלעגנהייט איהם טובל צו זיין האָט געקענט זיין נאָר שבת בייטאָג, איידער מען האָט אויף איהם מסדר געווען דעם פרישען לחם־הפּנים. מען האָט, אַלזאָ, נישט געקענט אַרויסנעהמען שבת דעם שלחן און איהם טובל זיין אין דרויסען, דען טובל זיין אום שבת איז דאָך אסור משום שבות, דאָס איז מעגליך געווען צו טהון נאָר אין בית־המקדש גופא, דען — „אין שבות במקדש", און דערפון דרינגט, אַלזאָ, די גמרא, אַז „שלחן של מקדש של פרקים הוה", מחמת אַנדערש וואָלט מען איהם אין בית־המקדש נישט געקענט טובל זיין...

ונתת על השלחן לחם פנים לפני תמיד... (כה. ל.)

דער ענין פון לחם־הפּנים איז געווען מרמז צו זיין און צו לערנען, אַז אויפ'ן טיש פון איטליכען מענש דאַרף זיך געפינען „לחם תמיד", דאַרף שטענדיג ליגען גרייט אַ שטיקעל ברויט פאַר אַ הונגעריגען אָרימאַן...

(רבי משה ליב סאסובער)

עס איז אַ מנהג חסידים, אַז דער ארון פון א מת זאָל געמאַכט ווערען פונ'ם טיש, אויף וועלכען ער האָט געגעסען, צו ווייזען דערמיט, אַז דער מענש נעהמט קיין שום זאַך נישט מיט מיט־זיך, אַ חוץ די צדקה, וואָס ער האָט געטהון, די מצוה פון הכנסת־אורחים, וואָס ער האָט מקיים געווען ביי זיין טיש...

(רבי יצחק קארו)

ועשית מנורת זהב... (כה. לא.)

דערויף זאָגט דער מדרש: „הדא הוא דכתיב פּתח דבריך יאיר"...
דער זין פונ'ם דאָזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מדרש איז פאָלגענדער:
די מנורה האָט געהאַט זיבען קנים — דער ערשטער פסוק פון בראשית ענטהאַלט זיבען ווערטער; עלף כפתורים זענען געווען אין דער מנורה — עלף ווערטער זענען פאַראַן אינ'ם ערשטען פסוק פון שמות; ניין פרחים — ניין ווערטער האָט דער ערשטער פסוק פון ויקרא; די הויך פון דער מנורה איז געווען זיבעצעהן טפחים מיט אַ משהו — זיבעצעהן ווערטער האָט דער ערשטער פסוק פון במדבר; צוויי־און־צוואנציג גביעים — צוויי־און־צוואנציג ווערטער האָט דער ערשטער פסוק פון דברים... אַלזאָ — „פּתח דבריך יאיר": דער אור־המנורה און איהר בעשטאַנד איז מרומז אינ'ם „פּתח דבריך", אין די ערשטע פסוקים פון די חמשה חומשי תורה...

(ווילנער גאון)

ובמנורה ארבעה גביעים משוקדים כפתוריה ופרחיה... (כה. לד.)

„זה אחד מחמשה מקראות שאין להם הכרע, אין ידוע אם גביעים משוקדים, או משוקדים כפתוריה ופרחיה" (יומא נ"ב)

ווי אַזוי איז עס „אין לו הכרע"? אין פריהערדיגען פסוק שטעהט דאָך בפירוש: „שלשה גביעים משוקדים בקנה אחד", און דאַן נאָך אַמאָל: „ושלשה גביעים משוקדים

בקנה האחד", פון וואס עס איז דאך קלאר, אז דאס ווארט „משוקדים" גײט־ארויף אויף די גביעים?

נאר מעגליך, אז דער ספק נעהמט זיך דערפון, ווייל אינ'ם לעצטען פסוק איז דער טראפ אויפ'ן „גביעים" א אתנחתא, לייענענדיג: „ובמנורה ארבעה גביעים", און דאך, אלס בעזונדערער זאץ — „משוקדים כפתוריה ופרחיה".

(רבי מנחם קרענגיל)

מקשה אחת זהב טהור... (כה. לו.)

„מקשה אחת" — די שווערסטע זאך איז — „זהב טהור", אז דאס פערמעגען פון מענש און זיין געלד זאל זיין ריין און עהרליך, אהן א שמץ פון שווינדעל און רמאות...

(רשפי אש)

ככר זהב טהור יעשה אותה את כל הכלים האלה... (כה. לט.)

אין פיוט „אזהרות" פון יום א' לשבועות ווערט געזאגט: „מנורה ונרותיה, קניה גביעיה, כפתוריה ופרחיה ומחתותיה לעשות מככר זהב".

א פלא! אין מנחות פ"ה, אין דער פלוגתא וועלכע כלים עס דארפען אלץ געמאכט ווערען פונ'ם ככר זהב, ווערט דאך גאנץ דייטליך ערקלערט, אז וואס ס'איז שייך די מלקחים ומחתות, זענען אלע מודה, אז זיי דארפען נישט זיין פונ'ם ככר זהב?

א חדוש, וואס קיינער פון די מבארים שטעלט זיך נישט דערויף...

(בכורי אביב)

ועשית יריעות עזים לאהל על המשכן... (כו. ז.)

אט דאס גאנצע אונגעהויערע רייכטום: די קרשים מצופים זהב, די בריחים מצופים זהב, די טבעות זהב, די יריעות תכלת וארגמן ותולעת־שני, — דאס אלץ איז נאכהער איבערגעדעקט און פערצויגען געווארען מיט איינפאכע, ביליגע יריעות־עזים און פערשפיליעט מיט פשוט'ע קרסי־נחשת, אלס רמז אוןביישפיעל פאר די בני ישראל, זיי זאלען וויסען, ווי זיך אומצוגעהען מיט עשירות, אז אויסערליך דארף מען זיך בעמיהען אויפצופיהרען איינפאך, בעשיידען, כדי נישט צו דערוועקען קיין קנאה צווישען די שכנים, נישט צו מאכען רעדען פון זיך, נישט אויפצורייסען לייטען די אויגען...

(קניני קדם)

והאמה מזה והאמה בעודף... (כו. יג.)

„למדה תורה דרך־ארץ, שיהא אדם חס על היפה"... (רש"י)

דערמיט לערנט אונז די תורה דרך־ארץ, אז יעדער מענש דארף האבען געפיהל פאר שענקייט, פאר עסטעטיק...

כמשפטו אשר הראית בהר... (כו. ל.)

אין דער גמרא ווערט געזאגט: „כל אדם שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו" (ברכות ל"ג).

וואונדערען זיך די מפרשים: וואָס פאַר אַ שייכות האָבען צווישען זיך דיביידע זאַכען און פונוואַנען איז דאָס געִנומען?

ווייזט אָן רבי חיים בריסקער, אַז דאָס איז געבויט אויף דער מסורה: „אשר הראית בהר״ — „אתה הראית לדעת״...

ועשית פרוכת תכלת וארגמן... (כו. לא.)

„פרכת (של בית המקדש) אָרכה ארבעים אמה ורחבה עשרים אמה וכו׳ ושלש מאות כהנים מטבילין אותה״ (שקלים פרק ח׳ משנה ה׳)

נאָכוואָס עפּיס גראָד דריי הונדערט כהנים? איניגע מפרשים זאָגען דערויף: „לשון גוזמא״, אָבער דער ווילנער גאון (ווערט געבראַכט אין תפארת ישראל) ער־קלערט, אַז דאָס שטימט גענוי לויט׳ן חשבון, און נעמליך:

קוים האָט דאָס פּרוכת געהאַלטען פיערציג איילען אין דער לענג און צוואנציג אין דער ברייט, קומט אויס, אַז פון אַלע פיער זייטען אַרום זענען געווען הונדערט און צוואנציג איילען. די אמה פון די כלי־המקדש האָט געהאָט (ווי עס ווערט געזאָגט אין מדות) פינף טפחים. צוזאַמען, אַלזאָ — זעקס הונדערט טפחים. די האַנד פון אַ מענש רעכענט זיך אַ טפח. נמצא, אַז אויף צו האַלטען דאָס פּרוכת, בשעת מען האָט עס טובל געווען, פון אַלע פיער זייטען אַרום, זענען דערצו נויטיג געווען דריי הונדערט כהנים — זעקס הונדערט הענד...

תְּצַוֶּה

ז׳ אָדר, דער טאָג, אין וועלכען משה רבינו איז געשטאָרבען, געפאַלט כמעט שטענדיג אין דער וואָך, וואָס מען לייענט די סדרה „תצוה״; און דעריבער איז אין דער דאָזיגער סדרה נישט דערמאָהנט משה׳ס נאָמען, אַלס רמז, אַז ער איז אין דער דאָזיגער וואָך נסתלק געוואָרען...

(ווילנער גאון)

ואתה תצוה... (כז. כ.)

פריהער דאַרף זיין „ו א ת ה״, דו אַליין זאָלסט קודם־כל זיין אין אָרדנונג, און ערשט דאַן „ת צ ו ה״, האָסטו רעכט צו דיקטירען און דעם צווייטען צו בעפעהלען...

(מעדני מלך)

ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך... (כז. כ.)

ביי אַלע מצוות פון תרומה ווענדעט זיך די תורה רק צו די לוקחים, די נעהמערס, נישט צו די נותנים. ווייל ווען זי וואָלט זיך געווענדעט מיט דער מצוה צום נותן, וואָלט זיך דאַן דער יצר־הרע געגענגעשטעלט און וואָלט איהם נישט געלאָזט געבען, דען וואָס גרעסער די מצוה — אַלץ גרעסער איז דערביי דער יצר־הרע.

דאַגעגען אויף צו נעהמען, כאָטש עס איז אַ מצוה, איז דער יצר־הרע נישט אַזוי גרויס...

(ר׳ אברהם הכהן מפתח־תקוה)

ויקחו אליך שמן זית זך... (כז. כ.)

ישראל איז געגליכען צו שמן: אַלע משקאות מישען זיך צונויף איינע מיט דער צווייטער, מיט׳ן אויסנאַהם פון בוימאייל, וועלכער לאָזט זיך נישט צונויפמישען און בלייבט שטעהן בעזונדער; אויך ישראל לאָזט זיך נישט אַסימילירען צווישען די פעלקער.

און נאָך אַן׳עהנליכקייט: אַלע משקאות, אויב מען מישט זיי צונויף, איז שוין דאַן נישט צו דערקענען, וועלכע משקה איז פון אונטען און וועלכע פון אויבען, מיט׳ן אויס־נאַהם פון בוימאייל, וואָס וויפיעל דו זאָלסט איהם נישט ווערלען צונויפמישען מיט אַנ־דערע, בלייבט ער שטענדיג פון אויבען; אויך ישראל, ווען ער טהוט דעם אויבערשטענ׳ס רצון, שטעהט ער דאַן העכער פון אַלע אומות...

(שמות רבה)

„מה הזית חובטים אותם ואח״כ נותנים שומנן, כך ישראל באין עכו״ם וחובטין אותם ואח״כ עושין תשובה״... (מדרש)

פונקט ווי די זיתים, נאָכדעם ווי מען קלאַפּט זיי, ערשט דאַן גיבען זיי אַרויס פון זיך זייער פעטקייט, אַזוי זענען אויך די ישראל — נאָכדעם ווי עס קומען די עכו״ם און קלאַפּען זיי, ערשט דאַן טהוען זיי תשובה...

„אמר הקב״ה, הזית הזה מביא אורה לעולם, הה״ד והנה עליה זית טרף בפיה״ (מדרש רבה)

פערשפרייטען ליכט אויף דער וועלט, זיין אַ וועג־ווייזער פאַר מענשען און ערציהען זיי בדרך־האמת, דאָס קאָן נור אַזעלכער, וועלכער איז אין זיין מאַטעריעלער עקזיסטענץ נישט אָבהענגיג און נישט משועבד צו קיינעם, פונקט ווי די טויב, וועלכע האָט געטראָגען אַן עלה־זית אין מויל און געזאָגט: „יהי׳ מזונותי מרורים כזית מידו של הקב״ה ואל יהי׳ מתוקים כדבש מידיהם של בני אדם״ (עירובין י״ח)...

(חות יאר)

„הרואה שמן זית בחלום יצפה למאור תורה, שנאמר שמן זית זך כתית למאור״ (ברכות נ״ז)

„זית״ איז דער סימבאָל פון הסתפקות במועט, ווי מיר געפינען: „אמרה היונה יהי׳ מזונותי מרורים כזית״. און דאָס אַלזאָ איז די כונה: „הרואה שמן זית בחלום״, דער וואָס חלומ׳ט און נעהמט זיך פאַר צו בעגנוגנען זיך מיט אַ בעשיידען לעבען, יענער קאָן האָפען צו דערגרייכען „למאור תורה״, דען — „כך דרכה של תורה פת במלח תאכל וכו׳״.

(המגיד)

אויפ׳ן פסוק „ויקחו אליך שמן זית זך״ זאָגט דער אבן־עזרא, אַז דער שמן־זית צו דער מנורה האָט געמוזט שטענדיג גענומען ווערען נישט פון קיין יחיד, נאָר פון צ ב ו ר, און ער בעמערקט דערביי: „ואל תשתומם בעבור השמן שהביאו הנשיאים — כי הוא היה שמן המשחה״.

אַ פּלא! ווי קומט עס, אַז דער אבן־עזרא זאָל פערזעהן אַ בפירוש׳ן פסוק? עס שטעהט דאָך בפירוש (שמות לה. כח.) „והנשיאים הביאו... ואת השמן למאור ולשמן המשחה״!...

(הרה״ח א. מ. פיורקאָ)

להעלות נר תמיד... (כז. כ.)

„מדליק עד שתהא שלהבת עולה מאליה״ (רש״י)

דאָגעגען אין בהעלותך, אויפ׳ן פסוק „בהעלותך את הנרות״, ברענגט רש״י אַ חוץ דעם נאָך אַ צווייטען פשט: „מעלה היה לפני המנורה שעליה עומד הכהן ומטיב״. פאַרוואָס ווערט דער דאָזיגער פשט אויך דאָ נישט געבראַכט?

האָט דערויף געענטפערט רבי נפתלי הערץ סלוצקער: דער „בהעלותך את הנרות״ איז געזאָגט געוואָרען צו אַלע כהנים פון אַלע דורות; דאָ אָבער, דער „ויקחו אליך שמן זית זך״, בעציהט זיך בלויז אויף משה׳ן, וועלכער האָט משמש געווען בעבודת המשכן אין די שבעת ימי המלואים און וועגען משה׳ן זאָגען די חז״ל, אַז „היה קומתו עשר אמות״ (שבת צ״ב), משה איז, אַלזאָ, געווען פיעל העכער פון דער מנורה, וועלכע

האָט נאָר געהאַלטען דריי איילען, אַכצעהן טפחים, און ער האָט זיך אַבסאָלוט נישט געגויטיגט בשעת׳ן אָנצינדען די מנורה ארויפצושטייגען אויף טרעפּלעך, וממילא איז דאָ קיין אָרט נישט פאַר דעם דרש: „מעלה היה לפני המנורה שעליה היה הכהן עומד ומטיב״...

להעלות נר תמיד וכו׳ מחוץ לפרוכת... (כז. כ. כא.)

זאָל דאָס געטליכע פייער לייכטען אין יעדען אידען, נישט נור אינוועניג, אין אהל מועד, אין שוהל און אין בית־המדרש, נישט נור בשעת׳ן דאַווענען און לערנען, נאָר אויך „מחוץ לפרכת״, אויך אין דרויסען, אין גאַס, אין זיינע וואָכעדיגע, טאָג־טעגליכע עסקים, אין זיינע מעשים בין אדם לחברו.

(ילקוט אליעזר)

ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך... (כח. א.)

משה איז געווען גענויגט צו התבודדות, צו איינזאַמקייט — „ומשה יקח את האהל ונטה לו מחוץ למחנה״, אהרן דאַגעגען איז געווען, פערקעהרט, אַ מעורב בין הבריות — „אוהב שלום ורודף שלום״. השי״ת האָט דעריבער געזאָגט צו משה׳ן: „ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך״, ער זאָל זיך דערנעהנטערען צום פאָלק. אַ מנהיג טאָר נישט זיין קיין מתבודד...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

„ואתה הקרב״, נישט דערהויבען זאָלסטו איהם, נאָר דערנעהנטערען, נישט העכער פון פאָלק דאַרף זיך אַ מנהיג האַלטען, נאָר נאָהנט צום פאָלק...

(בני יששכר)

די תלמידים פון רבי ישראל סאַלאַנטער זענען אַמאָל, בשעת אַ שמחת־מצוה, ווען זיי זענען אַריין אין התלהבות, צוגעלאָפען צום רבי׳ן זייערען, וועלענדיג איהם אויפהויבען אין דער הויך און טראָגען אויף די הענד, אָבער רבי ישראל סאַלאַנטער האָט זיי דערפון אָבגעהאַלטען.

— ניין, מיינע טייערע קינדער — מאַכט ער צו זיי — אַ מענש טאָר מען נישט אויפהויבען העכער, ווי ער איז...

ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת... (כח. ב.)

עס איז געווענדעט, ווער עס טראָגט די בגדי־קדש, דעם איצטלא דרבנן. לכבוד ולתפארת זענען זיי נור דאַמאָלס, ווען עס טראָגט זיי — אַהרן אחיך, אַ מענש, וועלכער איז ראוי און פאַסענד דערצו...

(באר יצחק)

נאָר פאַר אַזעלכע ווי אהרן אחיך וועלען די דאָזיגע קליידער זיין לכבוד ולתפארת, דען נישט פאַר יעדען זענען די בגדי קודש פאַסענד, נישט פאַר יעדען זענען זיי לכבוד ולתפארת. פאַרהאַן אַזעלכע וואָס קליידען זיך אין די בגדי קודש און זיי בעמיהען זיך דערביי, אַז זיי זאָלען זיין פון שענסטען שטאָף און אויסזעהען וואָס הערליכער,

ווייל זיי האָבען זיך נישט מיט עפּיס אָנדערש צו בעווייזען, ווי די גמרא זאָגט: „מפּני מה תלמידי חכמים שבבבל מצויינים?״ (פאַרוואָס געהן זיי געקליידעט אין אַזעלכע שעהנע מלבושים?) — „מפּני שאינם בני תורה״ (שבת קמ״ה) און דערויף זאָגט רש״י: „לפי שאינם בני תורה ואין מכבדים אותם בשביל התורה, עושים להם בגדים יפים כדי שיכבדו אותם בשביל בגדיהם״...

און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין זוהר (בהעלותך קנ״ב) „הטפשין כד חמין לבר־נש בלבושא דאתחזי להון שפירא לא מסתכלין יתר ולא מסתכלין במה דתחות לבושא״. די שוטים בשעת זיי זעהען ווען אין אַ שעהן מלבוש, קוקען זיי נישט מעהר און זיי בעאָבאַכטען נישט וואָס עס טהוט זיך ביי יענעם אונטער׳ן מלבוש...

(אמרי חן)

דער דובנער מגיד איז אַמאָל אַריינגעפאַלען שבת צווישען אַ חסידישען עולם, וואו אַלע זענען געווען געקליידעט אין זיידענע זשופּיצעס און געטראָגען שטריימלעך. ער האָט זיי אָנגענומען פאַר תלמידי־חכמים און גענומען שמועסען מיט זיי אין לערנען, ביי וואָס ער האָט זיך אָבער באַלד איבערציינט, אַז ער האָט נישט פאַר זיך קיין גע־הויבענע לומדים.

מאַכט ער צו זיי: די גמרא זאָגט „מפּני מה ת״ח שבבבל מצוינים, מפּני שאינם בני תורה״. פרעגט זיך אַ קשיא: אויב זיי זענען נישט קיין בני־תורה, טאָ פאַרוואָס רופט ער זיי „תלמידי חכמים״?

נאָר דער פּשט איז: ווייל זיי זענען נישט געווען קיין בני־תורה, זענען זיי דעריבער געווען „מצוינים״, האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט מיט׳ן טראָגען רבנ׳ישע קליידער כדי זיי זאָלען כאָטש אויסזעהן ווי תלמידי־חכמים...

רבי גרשון העניך פלעגט זאָגען, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהען קיין נאָכגעמאַכטען רבי׳ן. וואָרום וואָס הייסט אַ נאָכגעמאַכטער רבי? — אַ מענש, וואָס לאָזט זיך וואַקסען לאַנגע פּיאות, טהוט אָן אַ זיידענע זשופּיצע, ווייסע זאָקען וכדומה, איז אויב איינער טהוט דאָס, ווערט ער שוין דערמיט אַליין אַ רבי, דען אין דעם טאַקי בעשטעהט דאָך די גאַנצע היינטיגע רבי׳סטווע!...

רבי שמואל מאָהילעווער איז אַמאָל געווען אין אַנ׳אויסלענדישען קוראָרט צוזאַמען מיט אַ געוויסען חסידישען רבין, מיט וועלכען ער האָט זעהר אָפט פערבראַכט.

— ווייסט איהר וואָס, ביאַליסטאָקער רב — רופט זיך אַמאָל אָב דער חסידישער רבי צו איהם — לאָמיר אַריינגעהן אָנקוקען, ווי אַזוי עס זעהט אויס טעאַטער. אין דער היים קאָנען מיר עס נישט טהון מפּני מראית־עין, אָבער דאָ, במקום שאין מכירין, איז טשיקאַווע אַמאָל צו זעהען.

— ווי — פרעגט איהם רבי שמואל — קאָנען מיר זיך בעווייזען אין אַזאַ אָרט אין אונזערע „דוכאַוונע בגדים״?

— דאָס — מאַכט דער רבי — נעהם איך אויף מיר. איך וועל בעזאָרגען אייראָ־פּעאישע בגדים פאַר מיר און פאַר אייך.

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט איהם דערויף רבי שמואל מאָהילעווער — איהר זענט אַ חסידישער רבי, איז וויבאַלד איהר טהוט אויס דאָס שטריימעל מיט דער זיידענער זשופּיצע, ווערט איהר אויס רבי און איהר מעגט שוין ממילא טהון מה שלבכם חפץ. איך אָבער בין אַ רב ביי אידען, און וואָסערע בגדים כ׳זאָל נישט אָנטהון — בלייב איך אַלץ רב...

„דרחים רבנן הוו ליה בנין רבנן וכו' דדחיל מרבנן הוא גופיה הוי צורבא מרבנן" (שבת כג"ב)

פאַרוואָס ווערט אויך ביי אַ „רחים רבנן" נישט געזאָגט, אַז ער אַליין וועט דערפאַר זוכה זיין צו ווערען אַ תלמיד־חכם, אַ צורבא מרבנן?

ווייל אויב ער איז אַ רחים רבנן, איז ער שוין זיכער אַליין אויך אַ תלמיד־חכם, וואָרום ווען ער וואָלט געווען אַן עם־הארץ, וואָלט ער נישט ליעב געהאַט קיין תלמידי חכמים, ווי די חז"ל זאָגען: „גדולה שנאה ששונאים עמי הארץ לתלמיד־חכם יותר משנאה ששונאין עכו"ם את ישראל" (פסחים מ"ט).

(מהרש"א)

מערקווירדיג! זינט דורות איז ביי אונז אָנגענומען, אַז אויף אַן אַנערקענטען תלמיד־חכם, אַ גדול בתורה, זאָל מען שרייבען אַלס שבח: „צנא דמלא ספרי", ווערענד באמת פערטייטשט רש"י דעם דאָזיגען אויסדרוק אין דער גמרא אַלס גנאי: „צנא דמלא ספרי — אינו אלא כסל שמלאוהו ספרים ואין מבין מה בתוכה" (מגילה כח).

און ווירקליך זענען צו געפינען פיעל אַזעלכע אויסדריקען וועלכע האָבען מיט דער צייט בעקומען גאָר אַן אַנדער בעדייטונג. דאָס וואָרט „עם הארץ", למשל, ווערט אין דער תורה בעצייכענט אַלס שם כבוד, ווי רש"י ברענגט אין נאָמען פון תורת כהנים אויפ'ן פסוק „עם הארץ ירגמוהו באבן" (ויקרא כ. ב.): „עם הארץ — עם שבגינו נברא הארץ, דבר אחר עם שעתידין לירש את הארץ על ידי מצוות הללו". שפּעטער אָבער, בימי התלמוד, איז עס פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שם גנאי...

אָדער, צום ביישפּיעל, דאָס וואָרט „בית עם", וואָס בימי הנביאים האָט עס געהאַט די בעדייטונג אַלס אַ זעהר חשוב הויז, ווי עס איז צו זעהן פון פסוק „ואת בית המלך ואת בית העם שרפו הכשים" (ירמיהו לט. ח.) און דערויף זאָגט רש"י: „בית העם — התי כנסיות". אַלזאָ, די שוהלען, די בתי כנסיות, זענען דאַן גערופען געוואָרען מיט'ן נאָמען „בית־עם". דאַגעגען געפינען מיר אין דער גמרא: „רבי ישמעאל בן אלעזר אומר בעוון שני דברים עמי הארצות מתים, על שקורין לארון הקודש ארנא ועל שקורין לבית־הכנסת בית־עם" (שבת ל"ב) און דערויף זאָגט דאָרט רש"י: „בית־עם לשון בזוי, שמתקבצין בו הכל". פון וואָס עס איז, אַלזאָ, צו זעהען, אַז אין יענער צייט איז שוין דאָס זעלבע וואָרט „בית־עם" געווען אַ שם גנאי...

אָדער נעהמען מיר, למשל, דעם אויסדרוק „בעל־חוב". אין תלמוד ווערט געמיינט מיט'ן וואָרט „בעל־חוב" אַזעלכער, וואָס אַנדערע זענען איהם שולדיג געלד, ווי: „אתא בעל־חוב וטרפה" (כתובות צ"א), „בעלי חוב באים ונפרעים" (נדרים מ"ז), „כאן מצא בעל־חוב לגבות את חובו" (ב"ר פ"ה) און אין נאָך פיעל פערשידענע ערטער. מיט דער צייט אָבער האָט עס בעקומען אַ פונקט פערקעהרטע בעדייטונג און „בעל־חוב" הייסט אַזעלכער וועלכער איז יענעם שולדיג געלד.

(הרב ברוך עפשטיין)

ואלה הבגדים אשר יעשו וכו' מצנפת ואבנט... (כח. ד.)

„אבנט מכפרת על הרהור הלב" (ערכין טז)

אויף הרהור, זאָגען די חז"ל, איז מען נישט מעניש: „מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה, שנאמר און אם ראיתי בלבי לא ישמע ד'" (קידושין ט'), טאָ פאַרוואָס דאַרף מען דערויף האָבען אַ כפּרה?

האָט געענטפערט רבי פנחס הורוויץ, דער בעל „הפלאה״:

אויף הרהור איז מען נאָר דאַמאָלס נישט מעניש, ווען דער מענש האַלט דעם הרהור פאַר אַ חטא און ער האָט דערויף חרטה. אויב אָבער מען האַלט עס נישט פאַר קיין חטא — דאַמאָלס איז עס דער גרעסטער חטא... און אַזוי איז טאַקי משמע פון פסוק, וואָס די גמרא ברענגט: „און אם ראיתי בלבי — אויב איך אַליין זעה און בע־טראַכט עס פאַר אַנ׳און, דאַן איז — לא ישמע ד׳״...

והם יקחו את הזהב ואת התכלת... (כח. ה.)

ווייל דאָס דאָזיגע זהב ותכלת וארגמן איז פאַר דיין ברודער, פאַר אהרנ׳ען מיט די קינדער, זאָלסטו דאָס אַלץ אַליין נישט נעהמען, נאָר — „והם יקחו״, אַנדערע זאָלען זיך פאַרען דערביי...

(נחלת שמשון)

אין אבן־עזרא אויפ׳ן דאָזיגען פסוק געפינען מיר צווישען אַנדערען פאָלגענדען זאַץ: „והנה כתוב אפוד ירד בידו וכו׳ ושם כתוב שמונים איש נושא אפוד בד״.

אַ פלא! דער דאָזיגער פסוק, איף וועלכען דער אבן־עזרא פעררופט זיך, געפינט זיך אין שמואל א׳ (כב. יט.), און דאָרט שטעהט דאָך בפירוש — „שמונים וחמשה איש נושא אפוד בד״!...

וחשב אפודתו אשר עליו כמעשהו... (כח. ח.)

דער אפוד, זאָגען די חז״ל, האָט מכפר געווען אויף עבודה־זרה — און ביי עבודה־זרה איז, לויט׳ן דין, מחשבה כמעשה. „וחשב — כמעשהו״...

(ווילנער גאון)

ששה משמותם על האבן האחת... (כח. י.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „שיתא מן קצת שמהתהון על מרגליא חדא״.

די מפרשים מאַטערען זיך צו פערשטעהן די בעדייטונג פון די ווערטער „קצת שמהתהון״. באמת אָבער — ערקלערט רבי מאיר שמחה דווינסקער — איז עס גאַנץ איינפאַך. אין ירושלמי סוטה ווערט געזאָגט, אַז דער נאָמען פון יעדען שבט איז געווען איינגעטיילט אויףביידע אבנים. פון נאָמען בנימין, למשל, זענען אויף איין אבן געווען געשריבען די אותיות „בנ״ און אויפ׳ן צווייטען — „ימין״ א.אַז.וו. און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט: „מן קצת שמהתהון״, אויף יעדען אבן זענען געווען געשריבען בלויז אַ קצת, אַ טייל פון די נעמען.

ונשא אהרן את שמותם לפני ד׳ על שתי כתפיו לזכרון ... (כח. יב.)

דער כהן־גדול, דער מנהיג האומה, דאַרף זיך איינגאַנצען ווידמען דעם פאָלק. ער דאַרף די נעמען פון די בני ישראל טראָגען שטענדיג „על כתפיו לזכרון״, שטענדיג געדענקען אין זיי, שטענדיג זאָרגען רק לטובתם... „ונשא אהרן את משפט בני ישראל

על לבו". דער משפט און דער גורל פון די בני ישראל זאָל איהם תמיד זיין נאָהענט צום האַרצען, און נור אין דער דאָזיגער ריכטונג, צו פערבעסערען דעם אידישען גורל, דאַרפען זיין געווענדעט אַלע זיינע מעשים און האַנדלונגען... „והיה על אהרן לשרת ונשמע קולו בבואו אל הקודש". די בגדי־כהונה און דער „אצטלא דרבנן", זאָל ער געדענקען, זענען איהם געגעבען געוואָרען, נישט בכדי צו שטאָלצירען דערמיט און זיך גרויס צו האַלטען איבער'ן צבור, נאָר — „והיה על אהרן לשרת", די דאָזיגע קליידער לעגען אַרויף אויף איהם די פליכט צו זיין אַ משרת פאַר'ן פאָלק, צו דיענען איהם מיט אַלע מעגליכקייטען, „לא שררה אני נותן לך, אלא עבדות", און נור דאַן — „ונשמע קולו בבואו אל הקודש", וועט זיין קול געהערט ווערען, וועט ער געוואונען ביי אַלעמען צוטרוי און אַכטונג און זיינע רייד וועלען די געהעריגע ווירקונג האָבען...

(רעיונות וחמר לדרוש)

ועשית חשן משפט... (כח. טו.)

„חשן משפט — שמכפר על עונות משפט. ומה משפט ביום אף בשאלת אורים ביום"
(בעל הטורים)

דאָס הייסט, אַז צום אורים ותומים האָט מען זיך געמעגט ווענדען נאָר בייטאָג און נישט ביינאַכט. פרעגט זיך: מיר געפינען דאָך בפירוש אין פסוק „וישאל שאול באלקים, הארד אחרי פלשתים" (שמואל א' יד. לז.), און געווען איז דאָס ביינאַכט, ווי עס ווערט געזאָגט אין די פריהערדיגע פסוקים: „ויגישו כל העם איש שורו בידו הלילה" און „נרדה אחרי פלשתים לילה ונבוזה בהם עם אור הבקר". זעהט מען דאָך, אַז אויך ביינאַכט האָט מען זיך געמעגט אָנפרעגען אין אורים ותומים?...

שפה יהיה לפיו... (כח. לב.)

אַ צוים זאָל דער מענש האָבען אין מויל, נישט צו ריידען דאָס, וואָס מען דאַרף נישט און דאָס זענען אונז אויך מרמז די חז"ל: „מצאו נעול בידוע שיש שם אדם, מצאו פתוח בידוע שאין שם אדם" (תמיד כ"ו). אויב דער מענש האַלט דאָס מויל פערשלאָסען, איז אַ סימן, אַז ער איז אַ מענש, האַלט ער עס אָבער אָפען, שיטענדיג מיט ניין מאָס רייד, בעווייזט עס, אַז ער איז קיין מענש נישט...

(רבי יעקב יצחק מפשיסכע)

ונשמע קולו בבואו אל הקדש... (כח. לה.)

דער טעם פון די פעמוני־זהב ווערט אַמאַיינפאַכסטען ערקלערט דורכ'ן רשב"ם:

בשעת דער כהן־גדול איז אַריינגעגאַנגען יום־כפור אין קדשי־קדשים טהון די עבודה, האָט זיך דאַן קיינער נישט געטאָרט געפינען אין אהל־מועד, ווי עס ווערט דייטליך געזאָגט: „וכל אדם לא יהיה באהל־מועד בבואו לכפר בקדש עד צאתו" (ויקרא טז. יז.) — און דעריבער, אַלזאָ, איז דער בגד פון כהן־גדול געווען איינגעריכטעט מיט פעמונים, מיט גלעקלעך ביים זוים פון קלייד, כדי עס זאָל זיין „ונשמע קולו בבואו אל הקדש", כדי מען זאָל הערען פונדערווייטענס, אַז דער כהן־גדול געהט, און דער עולם זאָל דאַן בעצייטענס פערלאָזען דעם אהל־מועד...

דער מנהיג־העם, אויב ער וויל, מען זאָל זיך צוהערען צו איהם, דאַרף זיין „ונשמע קולו״, דאַרף ער אין געוויסע מאָמענטען ריידען מיט אַ שטרענגען, בעפעה־לערישען טאָן, נישט בויגען זיך און נישט זיין אונטערטעניג פאַר קיינעם, אַנדערש וועט מען צו איהם קיין אַכטונג נישט האָבען...

(חתם סופר)

עניוות, נאָכגיביגקייט און שטילע, ווייכע דבורים איז פאַר׳ן מנהיג־הצבור נישט פון די שטענדיגע מעלות. פאַרהאַן מאָמענטען, איבערהויפּט ווען עס איז „בבואו אל הקודש״, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען העכערע, גייסטיגע ענינים, דאַרף דאַן זיין „ונשמע קולו״, דאַרף ער רעדען הויך, שטרענג, בעפעהלעריש; אַנדערש וועלען זיינע רייד קיין ווירקונג נישט האָבען, אַנדערש וועט מען איהם נישט הערען...

(הדרש והעיון)

און דאָס — פלעגט זאָגען רבי משה פאָלאָק — איז דער פשט פון דער גמרא: „תלמיד־חכם צריך שיהא בו אחד משמונה בשמינית״ (סוטה ה׳). דאָס מיינט מען דעם אַכטען פסוק פון די אַכט פסוקים, וואָס משה אַליין האָט, לויט די חז״ל, געשריבען, נעמליך: „ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל״. הגם, הייסט עס, משה רבינו האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין אונגעוועהנליכע שפלות און עניוות, דאָך האָט ער „לעיני כל ישראל״ געמוזט אַרויסווייזען אַ „יד חזקה״ און „מורא גדול״, דען אַנדערש וואָלט ער קיין מנהיג נישט געקענט זיין...

טראָגענדיג אויף זיך דעם חשן און די פעמוני־זהב, אַזוי פיעל גאָלד און ברי־ליאַנטען — „ונשמע קולו״, וועט מען זיך צוהערען צו איהם און צו יעדען וואָרט זיינעם, דען פאַר אַ גביר האָט מען דרך־ארץ...

(לוית חן)

„ונשמע קולו בבואו אל הקדש״... אַמאָל, אַז אַ קהלה פלעגט אויפנעהמען אַ רב, פלעגט זי קודם־כל מקפיד זיין, ער זאָל זיין אַ גרויסער למדן, אַ ירא־שמים, אַ בעל־מדות; היינט אָבער איז „ונשמע קולו בבואו אל הקדש״... היינט, אַז מען נעהמט־אויף אַ נייעם רב, אַ „משמש־בקדש״, פערהערט מען איהם פריהער דאָס קול, צי ער איז אַ גוטער רעדנער מיט אַ פיינער שטים, צי קען ער אַ שענע רעדע האַלטען... אַלעס איבעריגע איז שוין אַ נעבען־זאַך...

(מגד־ירחים)

דער פּיטסבורגער רב, רבי משה שמעון זיוויץ, פלעגט זאָגען:

„ונשמע קולו בבואו אל הקדש״ — בשעת אַ רב קומט דאָס ערשטע מאָל אין אַ שטעדטעל אַריין איבערנעהמען דאָס כסא־רבנות, דאַמאָלס איז „ונשמע קולו״, ווערט זיין קול געהערט, מען האָט שטאַרק דרך־ארץ פאַר איהם און מען גיט איהם אָב גרויס כבוד, דאַגעגען — „ובצאתו ולא ימות״, אין אַ שטיקעל צייט אַרום, בשעת ער ווערט צוליעב פערשיעדענע מחלוקת געצוואונגען צו פערלאָזען דאָס שטעדטעל, דאַרף ער בעטען דעם אויבערשטען אויף „ולא ימות״, אַז ער זאָל כאָטש אַרויס מיט גאַנצע ביינער...

רבי חיים בריסקער האָט אַמאָל בעמערקט אין בית־מדרש, ווי אַ חסידישער איד מאַכט מורא׳דיגע געוואַלדען ביים דאַווענען, האָט ער איהם נאָכ׳ן דאַווענען צוגערופען צו זיך און געזאָגט:

— איהר ווייסט, ליעבער איד, די תורה האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל דעם כהן־גדול אָנטהון פעמונים, גלעקלעך, בכדי אַז ער וועט אַריינקומען אין בית־המקדש אַריין זאָל זיין „ונשמע קולו בבואו אל הקדש״, זאָל מען הערן, אַז דער כהן־גדול איז דאָ און איז מתפלל. ווען אָבער די כהנים וואָלטען, ווי די חסידים, געמאַכט געוואַלדען ביים דאַווענען, טאָ נאָכוואָס האָט מען געדאַרפט האָבען די פעמונים?...

אַ מתנגדישער רב האָט זיך אַמאָל שאַרף אויסגעדריקט פאַר׳ן קאָצקער רבי׳ן געגען דעם מנהג פון די חסידים אַרומצולויפען אַהין און צוריק בעת׳ן דאַווענען, וואָס דאָס איז דאָך געגען דעם דין, די גמרא זאָגט דאָך בפירוש: „המתפלל צריך שיכון את רגליו, שנאמר ורגליהם רגל ישרה״ (ברכות י׳).

ענטפערט איהם דער קאָצקער: דער פשט איז פון „צריך שיכון את רגליו״, אַז ער זאָל ביים דאַווענען שטעהן מיט ביידע פיס, ווייל אַמאָל קאָן מען מיט איין פיס ביים דאַווענען שטעהן אין הימעל און מיט׳ן צווייטען — אין שאול תחתיה...

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ בונם, הלמאַי ער דאַווענט שפעט און איז עובר אויף תפלה בזמנה, האָט ער געענטפערט: אין דער פריה, ביי ברכות השחר, זאָגען מיר: „לעולם יהא אדם ירא בשמים בסתר ובגלוי ומודה על האמת ודובר אמת בלבבו וישכם ויאמר״. אויב איינער איז שוין פאַרטיג ביי זיך מיט די דאָזיגע מידות, דאַן — „וישכם ויאמר״, מעג ער זיך אַוועקשטעלען דאַווענען השכמה...

ועשית ציץ זהב טהור וכו׳ קדש לד׳... (כח. לו.)

פאַרוואָס ווערט נור ביי ציץ געזאָגט „קדש לד׳״?

ווייל אין יענע צייטען פלעגען אויך סתם מענשען טראָגען אויפ׳ן שטערען אַ ציץ אַלס תכשיט, ווי עס איז צו זעהען פון דער משנה אין שבת: „במה אשה יוצאה ובמה אינה יוצאת, לא תצא אשה וכו׳ ולא בטוטפת וכו׳ ולא בכבול״ (שבת נ״ז) און דעריוף פערטייטשט דער רמב״ם אין פירוש המשניות: „טוטפת היא ציץ, וקשרו אותו על המצח מאוזן לאוזן וכו׳ וכבול חתיכה של בגד כמו מצנפת שקושרין אותה על המצח ונותנין הציץ עליה כדי שלא יזיק הציץ במצח״.

און בכדי צו אונטערשיידען עס פונ׳ם עהנליכען תכשיט של חול, ווערט דעריבער אָנגעזאָגט, אַז דער ציץ פון כהן גדול זאָל זיין קדש לד׳...

(רבי שאול הלוי מורטירא)

דעריבער האָט ער דעם ציץ געטראָגען אויפ׳ן שטערען, דען דער ציץ האָט מכפר געווען אויפ׳ן חטא פון עזות מצח. דער שטערען איז דער סימבאָל פון עזות, ווי: „ומצחך נחשת״ (ישעיהו מח. ד.), „מצח אשה זונה היה לך מאנת הכלם״ (ירמיהו ג. ג.), „חזקי מצח וקשי לב״ (יחזקאל ג. ז.) און „על חטא שחטאנו לפניך בעזות מצח״.

און הגם עזות איז איינע פון די ערגסטע מדות, ווערען דערביי צוגעגעבען אין פסוק די ווערטער „קדש לד׳״, אַז ס׳זענען פאַרהאַן אַזעלכע מאָמענטען, ווען די זעלבע מדה פון עזות איז קדש און מען דאַרף זיך בענוצען דערמיט, ווי עס ווערט געזאָגט „הוי עז כנמר לעשות רצון אביך שבשמים״ (אבות פרק ה׳) און — „הנה נתתי את פניך חזקים לעומת פניהם ואת מצחך חזק לעומת מצחם, כשמיר חזק מצור נתתי פניך, לא תירא אותם ולא תחת מפניהם״ (יחזקאל ג. ח.)...

(תוספת ברכה)

ועשית ציץ זהב... פתוחי חותם קדש לד׳... (כח. לו.)

דער ציץ, ווי עס זאָגען די חז״ל, האָט מכפּר געווען אויף עזות און גאַוה, און דעריבער זענען אויפ׳ן ציץ אויסגעקריצט געווען די ווערטער „קדש לד׳״, מרמז צו זיין, אַז נישט שטענדיג איז עזות אַ מדה מגונה; פאַרהאַן אויך „עזות דקדושה״: ווען עס האַנדעלט זיך אין כבוד השם, אין כבוד התורה, דאַמאָלס איז דורכאויס נויטיג צו בענוצען זיך מיט דערדאָזיגער מדה, דורכאויס ערלויבט...

(חתם סופר)

דער „כתב סופר״ טייטשט: „אשמרה לפי מחסום בעוד רשע לנגדי״ (תהלים לט. ב.) איך דאַרף אַזוי לאַנג פאַרשווייגען דעם רשע, „בעוד רשע לנגדי״, כל־זמן זיינע מעשים זענען געווענדעט „לנגדי״, געגען מיר פּערזענליך. בשעת אָבער עס ריהרט אָן דעם כבוד־שמים, דאַמאָלס טאָר איך מעהר קיין עניו און סבלן נישט זיין, דאַמאָלס טאָר איך איהם מעהר נישט פאַרשווייגען...

אויף אַן׳עהנליכען אופן: „לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה״ (תהלים נא. יט.). „לב נשבר ונדכה״ — אַ צעבראָכען האַרץ, שפלות און הכנעה, איז אַוודאי אַ זעהר טייערע מדה, אָבער — „אלקים לא תבזה״, דעם אויבערשטען זאָלסטו מיט׳ן דאָזיגען שפלות נישט מבזה זיין. בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען העכערע, געטליכע ענינים, דאַמאָלס איז פאַר שפלות און הכנעה קיין אָרט נישטאָ...

און דאס איז דער טייטש: „בשמים ממעל ועל הארץ מתחת״ — ווען עס האַנדעלט זיך „בשמים״, וועגען הימעל, וועגען העכערע, גייסטיגע כלל־ענינים, דאַן איז „מ מ ע ל״, דאַרפסטו בענוצען די מדה פון גאַוה און זיך האַלטען הויך, שטאָלץ, נישט נאָכגעבען, נישט מוותר זיין, נישט אָבטרעטען יענעם דעם וועג; דאַגעגען „ועל הארץ״, אין ערדישע, גשמיות׳דיגע ענינים, וועלכע זענען נוגע דיר אַליין, איז — „מ ת ח ת״, דאַרפסטו אַרויסווייזען שפלות און עניוות.

(עולת חדש)

„ציץ מכפר על עזות פנים״ (זבחים פ״ח)

ווערט דערויף געפרעגט אין כלי יקר: אין אַ ווייטערען פסוק ווערט דאָך בפירוש געזאָגט, אַז „והיה על מצח אהרן ונשא אהרן את עון הקדשים אשר יקדישו בני ישראל״, אַז דער ציץ איז גאָר מכפר אויף די זינד פון קדשים, וועלכע מען האָט מקריב געווען בטומאָה?

— עס איז היינו הך — האָט דערויף געענטפערט בדרך הלצה רבי אליעזר דזשיקאָווער — דער ציץ איז טאַקי מכפר אויף עזות־מצח, זוכען אָבער דאַרף מען דאָס עזות בעיקר ביי די „קדשי בני ישראל״, ביי די „כלי קדש״ און די „בנן של קדושים״, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער ברייטקייט און שאַרפקייט און זיי נויטיגען זיך דעריבער אַממעהרסטען אין אַ כפרה אויפ׳ן דאָזיגען חטא...

„שלשה עזין הן, ישראל באומות, כלב בחיות, תרנגול בעופות״ (ביצה כ״ה)

וועגען כלב דריקען זיך אויס די חז״ל: „לית עני מכלבא״ (שבת קנ״ח). און פונדעסטוועגען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז אָרים, דאָך איז ער אַן׳עזות־

פנים, און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין פון מאמר: „בעקבתא דמשיחא חוצפה יסגי, פני הדור כפני הכלב" (סוטה מ"ט). הגם, הייסט עס, דער עולם וועט דאַמאָלס זיין פעראָרימט, דען „אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס", פונדעסטוועגען וועט זיין חוצפה יסגי, וועט דער דור זיין פול מיט עזות־פנימ'ער — „כפני הכלב", פונקט ווי די כלבים, וואָס כאָטש זיי זענען אָרים, דאָך זענען זיי גרויסע מחוצפים...

ר' נתן פרידלאַנד איז אַמאָל געקומען אין אַ שטעדטעל דרש'ענען פאַר חבת ציון. אין שוהל האָט ער אָבער אָנגעטראָפען אויף איינעם פון די גבאים, אַ גרויסער עזות־פנים, וועלכער האָט זיך געגענגעשטעלט, געמאַכט אוואַנטורעס און נישט געלאָזט איהם האַלטען די דרשה.

— צי דער דאָזיגער איד — פרעגט פרידלאַנד ביי איינעם פון די בעלי־בתים — איז טאַקי אַזאַ גרויסער נגיד, וואָס ער רעדט אַזוי עזות'דיג?

ענטפערט מען איהם, אַז לאו דוקא, ער איז גאַנץ ווייט פון עשירות.

— רבותי — ווענדעט זיך דאַן פרידלאַנד צום עולם — נור עטליכע ווערטער... די גמרא זאָגט: „מדחציף כולי האי שמע מינה ממזר הוא". וואָס עפּיס „מדחציף כולי האי"? נאָר, פערשטעהט איהר מיך, ווען איינער איז אַזוי פיעל עזות־פנים, וויפיעל ער איז עושר, מילא, קומט עס איהם, דען „עשיר יענה עזות", אָבער — „מדחציף כולי האי", ווען ער איז אָבער אַ סך אַ גרעסערער עזות־פנים, ווי עושר, שמע מינה, איז דערפון געדרונגען, אַז זיין עזות שטאַמט נישט פון עשירות, נאָר פון עפּיס אַנדערש...

בעמערקונג פון זאַמלער:

דער מאמר „מדחציף כולי האי" געפינט זיך אין בבא מציעא פ"ג, אָבער דאָרט איז דער נוסח: „מדחציף כולי האי שמע מינה רשיעא הוא".

דער פערגלייך פון אַ חצוף צו אַ ממזר איז פאַרהאַן בלויז אין מס' כלה, וואו עס ווערט געזאגט: „עז פנים, רבי אליעזר אומר ממזר, רבי יהושע אומר בן הנדה".

דאַגעגען אַ מאמר „מדחציף כולי האי שמע מינה ממזר הוא", כאָטש ער איז ביי אַלעמען אַזוי פּאָפּולער און אָנגענומען, געפינט זיך נישט, דוכט זיך, אין ערגיץ...

„עז פנים לגיהנם וכו' ותן חלקנו בתורתך"... (אבות ה' כ"ג)

וואָס פאַר אַ המשך האָט דאָ דער אויספיהר: „ותן חלקנו בתורתך"? נאָר די גמרא זאָגט: „לא נתנה תורה לישראל אלא מפני שעזים הם" (ביצה כ"ח). בעטען מיר, אַלזאָ: „ותן חלקנו בתורתך", אויב ס'איז אונז יאָ בעשערט צו האָבען אין זיך אַביסעל עזות, טאָ זאָל דאָס חלק עזות אויסגענוצט ווערען בתורתך, צום לערנען, לשם־שמים...

(רבי יעקב עמדין)

ופתחת עליו פתוחי חתם קדש לד'... (כח. לו.)

„שלשה מפתחות בידו של הקב"ה שלא נמסרו ביד שליח, ואלו הן, מפתח של גשמים, מפתח של חיה (יולדת) ומפתח של תחיית המתים" (תענית ב')

און דאָס — בעמערקט דערויף דער ווילנער גאון — איז מרומז דאָ אין פסוק: פתוחי חתם — די מפתחות פון חת"ם (חיה תחיה, מטר) — קדש לד', קיין שום מלאך און קיין שום שליח האָט איבער זיי קיין שליטה נישט...

„בפני נכתב ובפני נחתם" — פלעגט טייטשען רבי ברוך מעזשיבוזשער — אויפ'ן פנים פון יעדען מענשען איז אָנגעשריבען און אָנגעחתמ'עט זיין אינערליכער מהות, וואָס און ווער ער איז... און דאָס איז דער פשט: „ופתחת עליו פתוחי חתם קדש לד'", אויף זיין שטערען זאָל זיין אויסגעקריצט דער „קדש לד'", די קדושה זאָל אַרויס־שיינען פון זיין געזיכט...

ונשא אהרן את עון הקדשים... (כח. לח.)

דער בעקאַנטער גאון רבי זרח מייזליץ, וועלכער האָט געוואוינט אין פראָג, האָט אַמאָל פאַרגעוואָרפען דעם נודע־ביהודה, מיט וועלכען ער האָט נישט געלעבט בשלום, מחמת ער האָט געזאָלט זיין רב אויפ'ן נודע־ביהודה'ס אָרט, באשר ער גיט ווייניג השגחה אויף דער שטאָדט, דער עולם איז נישט פרום און עס ווערען זעהר פיעל זינדיגע מעשים בעגאַנגען.

— טאָ וואָס קען איך טהון דערצו? — ענטפערט איהם דער נודע־ביהודה — אויך איהר זיצט דאָך אין פראָג און הלמאַי זאָל איך פאַר פרעמדע זינד מעהר פער־אַנטוואָרטליך זיין פון אייך?

— געוויס זענט איהר מעהר פעראַנטוואָרטליך — בייזערט זיך רבי זרח — איהר נעהמט געלד און עס שטעהט בפירוש אין פסוק: „ונשא אהרן את עון הקדשים וכו' לכל מתנות קדשיהם". דער, וואָס געניסט פון די „מתנות קדשיהם", דער דאַרף טראָגען אויף זיך די „עון הקדשים"...

רבי יאָשע בער בריסקער פלעגט זאָגען: לעולם דאַרפען די בעלי־הבתים פון דער שטאָדט פונקט אַזוי זאָרגען פאַר'ן אידישקייט, ווי דער רב, דער חילוק צווישען זיי איז בלויז, וואָס די בעלי־בתים זענען שומרי חנם און דער רב איז אַ שומר שכר...

והיה על מצחו תמיד לרצון להם לפני ד'... (כח. לח.)

דער ציץ, זאָגען די חז"ל, האָט מרצה געווען אויפ'ן חטא פון עזות, אָבער נור אויף אַזאַ עזות, וואָס איז „לפני ד'", מיט וועלכען מען בענוצט זיך לשם שמים.

ביי מילי דשמיא דאַרף מען און מען מעג אַמאָל זיין אַנ'עזות־פנים. דאַגעגען אין אַנדערע זאַכען טאָר מען נישט זיין קיין עזות־פנים אויפ'ן כהן־גדול'ס חשבון, פערלאָזענדיג זיך, אַז דער ציץ פון כהן־גדול וועט דערויף מכפר זיין...

(רבי מאיר יחיאל מאָגעלניצער)

דאַגעגען האָט געזאָגט רבי זישע האַניפּאָלער:

אַמאָל האָט מען זיך געמעגט ערלויבען צו זיין אַנ'עזות־פנים אין מילי דשמיא, ווייל דער ציץ האָט דערויף מכפר געווען, היינט אָבער, בעוונותינו הרבים, ווען מיר האָבען נישט ווער עס זאָל אויף אונז מכפר זיין, טאָר מען אַפילו אין אַזעלכע זאַכען, אין הימעל־זאַכען, אויך נישט זיין קיין עזות־פנים...

און רבי צדוק הכהן פון לובלין פלעגט זאָגען:

„בעקבות משיחא חוצפא יסגא" (סוף סוטה), חוצפה וועט דאַמאָלס זיין אַ גרויסע זאַך, מען וועט דאַרפען פערמאָגען אַ סך חוצפה בכדי צו קענען זיין אַ איד, צו פיהרען

זיך ווי אַ איד און עוסק צו זיין בעבודת הקדש, מען וועט דאַן אָהן חוצפה נישט קענען אויסקומען...

ומלאת את ידם... (כח. מא.)

וועגען דער בעדייטונג פון די ווערטער „ומלאת את ידם" ווערען געגעבען פערשידענע פשטים (זעה רש"י און רמב"ן). באמת אָבער, ווי עס איז צו זעהען אין תנ"ך, ווערט דער אויסדרוק „מלואת ידים" געברויכט אינ'ם זין פון התחזקות, ער־מונטערען, אַריינגעבען מוט, ווי: „מלאו ידיכם היום לד'" (תשא לב. כט), וואו די בני לוי זענען אויפגעפאָדערט געוואָרען נישט אָבצושרעקען זיך און „והרגו איש את אחיו". ביי אהרן ווערט געזאָגט, אַז ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט צוצוטרעטען אין די שבעת ימי המלואים צו דער עבודה, ווי עס ווערט גע'דרשנ'ט אויפ'ן פסוק: „ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח" (שמיני ט. ז): „שהיה אהרן בוש ויירא לגשת", און מען האָט איהם דעריבער געדאַרפט מחזק זיין, צוגעבען מוט און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט: „ומלאת את ידם"...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

ומשחת אותם וכו' וקדשת אותם וכהנו לי... (כח. מא.)

צו רבי יהושע'לע קוטנער זענען אַמאָל געקומען האָבען אַ דין־תורה עטליכע רבי'שע קינדער, וועלכע האָבען זיך אַרומגעקריגט איבער דער ירושה און יעדער פון זיי האָט געוואָלט ווערען רבי אויפ'ן פאָטער'ס אָרט.

אויסהערענדיג זייערע טענות זאָגט צו זיי רבי יהושע'לע:

אין דער תורה ווערט געזאָגט: „והלבשת אותם את אהרן אחיך ואת בניו ומשחת אותם ומלאת את ידם וקדשת אותם וכהנו לי". איז נאָכוואָס האָט מען אייגענטליך געדאַרפט זאַלבען אַהרנ'ס קינדער, עס וואָלט דאָך גענוג געווען, מען זאָל זאַלבען בלויז אהרנ'ען, וואָלטען שוין אויך די קינדער ממילא געוואָרען קודש? נאָר מוז זיין, אַז דערמיט, וואָס דער טאַטע איז אַ קדוש ווערט מען נאָך אַליין נישט קיין קדושים, די קינדער דאַרפען האָבען אַ בעזונדערע משיחה און אַליין זיין ראוי דערצו...

אַנ'עהנליכע דין־תורה איז אַמאָל פאָרגעקומען פאַר'ן „חפץ־חיים".

אין אַ געוויסער שטאָדט איז נאָך דער פטירה פון רב ענטשטאַנען אַ מחלוקת אַרום כסא־רבנות, וועלכען עס האָט געוואָלט איבערנעהמען דעם רב'ס זוהן, שטיצענדיג זיך אויף דער טענה פון חזקה, הגם ער איז לויט זיינע קוואַליפיקאַציעס נישט געווען ראוי דערצו, אָבער די שטאָדט האָט נישט געוואָלט, בעשליסענדיג אויפצונעהמען אַלס רב אַ צווייטען, מעהר ענטשפרעכענדען קאַנדידאַט. איז מען אַוועק צום „חפץ חיים", וועלכער האָט אויסגעהערט די טענות און געזאָגט:

— אמת הדבר, אַז עס איז חל ביי אונז דער דין פון חזקה, דער רמב"ם אין הלכות כלי־מקדש (פרק ד' הלכה כ') זאָגט בפירוש: „כשימות המלך או כהן־גדול או אחד משאר ממונים מעמידין בנו תחתיו או הראוי ליורשו, וכל הראוי לנחלה קודם לשררות המת", און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין רמב"ם הלכות מלכים. אַנ'אויסנאַהם ווערט בלויז געמאַכט ביי אַ כהן משוח מלחמה, ביי איהם זאָגט די גמרא: „יכול יהא בנו של משוח־מלחמה משמש תחתיו כדרך שבנו של כהן גדול משמש תחתיו? תלמוד לומר שבעת ימים ילבשם הכהן תחתיו מבניו אשר יבא אל אהל מועד, מי שראוי לבא אל

אהל מועד״ (יומא ע״ג). אַלזאָ, ביי אַ כהן משוח־מלחמה גערט זיין התמנות נישט איבער בירושה צו די קינדער. און אויך אַ רב — פיהרט אויס דער חפץ חיים — איז לויט זיין התמנות אַ משוח־מלחמה, ער דאַרף זיך תמיד געפינען אויף׳ן מלחמה־פּלאַץ און פיהרען אָהן אויפהער אַ מלחמה כבדה פאַר׳ן יהדות און דערצו זענען נויטיג בעזונדערע כשרונות, אַ סך מוט און ענערגיע, און דעריבער קאָן דערביי נישט שייך זיין קיין ירושה...

נאָך דער פּטירה פון בעש״ט האָבען אַ טייל פון זיינע חסידים געוואָלט בעשטימען אויף זיין אָרט זיין זוהן רבי צבי, אָבער די נאָהנטסטע תלמידים און מקורבים פון בעש״ט האָבען זיך געגענגעשטעלט און ערקלערט:

— ביי אַלעמען איז שייך דער דין פון חזקה און ירושה, אַפילו ביי אַ כהן גדול, אַפילו ביי אַ מלך, אַ חוץ ביי אַ נביא. מיר געפינען נישט אין ערגיץ, אַז דער זוהן פון אַ נביא זאָל האָבען גע׳ירשנ׳ט דאָס נביאות פון זיין פאָטער און אויך געוואָרען אַ נביא. נבואה גערט נישט איבער בירושה, רוח־הקדש רוהט נור אויף אַזעלכען, וועלכער איז אַליין ראוי דערצו...

והקרבת את הפר... וסמך אהרן ובניו את ידיהם... (כט. י.)

און אינ׳ם ווייטערן פסוק (כט. טו.) שטעהט: „ואת האיל האחד תקח וסמכו אהרן ובניו את ידיהם״... דער פר איז געווען אַ קרבן־חטאת, ביי וועלכען מען דאַרף זיך מתודה זיין אויף די זינד, איז דעריבער „וסמך״, דאַרף עס טהון יעדער בעזונדער, ביחידות, כדי איינער זאָל נישט הערען דעם צווייטענ׳ס ווידוי, דעם צווייטענ׳ס חטאים... דער איל, דאַגעגען, איז געווען אַ קרבן־שלמים, ביי וועלכען עס איז נישט נויטיג קיין ווידוי, און דעריבער — „וסמכו״, צוזאַמען...

(רבי שלום בעלזער)

כבשים בני שנה שנים ליום תמיד... (כט. לח.)

דאַגעגען אין פּרשת פנחס (כח. ג.) ווערט געזאָגט: „כבשים בני שנה תמימים שנים ליום״. פאַרוואָס שטעהט אויך נישט דאָ דאָס וואָרט „תמימים״?

נאָר די גמרא זאָגט: „עד שלא הוקם המשכן היו הבמות מותרות״. עס שטעהט דעריבער נישט דאָ דאָס וואָרט „תמימים״, דען דאָ איז נאָך געווען פאַר הקמת המשכן, ווען מען האָט אויך בעלי מומין געמעגט מקריב זיין...

(באר יצחק)

שנים ליום תמיד... (כט. לח.)

יעדער איד דאַרף שטענדיג טראָגען מיט זיך, אין זיך, צוויי „תמידים״: „שויתי ד׳ לנגדי תמיד״ און „וחטאתי נגדי תמיד״...

(אַ חסידיש וואָרט)

דער ליסער רב איז אַמאָל געווען אין בריסק און האָט לאָזשירט ביי ר׳ לייב קאַצענעלבויגען. ר׳ לייב איז געווען אַנ׳אויסערגעוועהנליכער מתמיד, שטענדיג פאַר־

טהון אין לערנען און ער האָט קיינמאָל נישט געגעסען צו דער צייט און נישט געשלאָפען אין דער צייט.

ביים געזעגענען זיך, מאַכט צו איהם דער ליסער רב: איך ווינש אייך, ר׳ לייב, אַז עס זאָל זיין ביי אייך „שנים ליום תמיד״.

— וואָס הייסט — פערשטעהט נישט ר׳ לייב — וואָס מיינט איהר דערמיט?

— גאָר פשוט — מאַכט ער — דער שלחן ערוך הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „שויתי ד׳ לנגדי תמיד״ און ענדיגט זיך מיט: „וטוב לב משתה תמיד״. ווינש איך אייך, אַלזאָ, אַז אָט די ביידע „תמיד׳ן״ זאָלען זיך ביי אייך נישט אויסמישען. אין דער צייט פון לערנען — זאָלט איהר לערנען, און אין דער צייט פון עסען — עסען...

ושכנתי בתוך בני ישראל והייתי להם לאלקים... (כט. מה.)

דער אַלעקסאַנדער רבי, ר׳ העניך, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז זייענדיג אַ שטיקעל צייט ביי אַ געוויסען רבי׳ן, איז וואָס מעהר ער האָט זיך דערנעהנטערט צו איהם און וואָס היימישער ער איז מיט איהם געוואָרען, אַלץ ווייניגער האָט ער גענומען פון איהם האַלטען, אַלץ קלענער איז געוואָרען אין די אויגען זיין חשיבות... ערשט דאַן ווען ער האָט אָנגעהויבען פאָהרען קיין קאָצק, איז וואָס נעהנטער ער איז צו איהם געוואָרען און וואָס מעהר ער האָט זיך גענומען צו איהם צוקוקען — אַלץ גרעסער איז ער פאַר איהם אויסגעוואַקסען און אַלץ מעהר מורא האָט ער פאַר איהם בעקומען...

ערשט דאַמאָלס — האָט ער אויסגעפיהרט — האָב איך פערשטאַנען דעם פסוק: „ושכנתי בתוך בני ישראל והייתי להם לאלקים״. אָבגעטער, פאַלשע געטער, זענען שעהן און בעצויבערענד נאָר פון דערווייטענס. ווען מען דערנעהנטערט זיך צו זיי, דערזעהט מען, אַז זיי זענען גאָרנישט, אָבער ביי השי״ת איז „ושכנתי בתוך בני ישראל״ און ערשט דאַן — „והייתי להם לאלקים״, וואָס מעהר אַ איד דערנעהנטערט זיך צום אויבערשטען, אַלץ מעהר ווערט ער מסוגל משיג צו זיין זיין גדלות...

— נפתלי! — האָט זיך אַ חסיד געווענדעט צו רבי נפתלי ראָפשיצער, בעת ער איז נאָך אַ קליין יונגעל געווען — נאַ דיר, נפתלי, אַ גילדען און זאָג מיר: וואו וואוינט דער רבונו־של־עולם?

דערויף האָט איהם רבי נפתלי מניה־וביה געענטפערט:

— נאָט אייך צוויי גילדען און זאָגט מיר: וואו וואוינט ער נ י ש ט?...

אויך רבי מענדעלע קאָצקער, אַלס יונגעל, האָט מען דיזעלבע שאלה געשטעלט:

— וואו וואוינט דער רבונו־של־עולם?

און ער האָט געענטפערט:

— וואו מען לאָזט איהם אַריין...

והקטיר עליו אהרן קטרת סמים... (ל. ז.)

קטורת ברענגט גליק, קטורת איז מעשיר, ווי מיר געפינען אין דער גמרא: „מעולם לא שנה אדם בה, מאי טעמא? א״ר חנינא מפני שמעשרת״ (יומא כ״ו), אָבער קטורת, אויב מען ווייסט זיך נישט דערמיט ווי אומצוגעהן, ברענגט אויך אומגליק, ווי מיר זעהען ביי נדב ואביהו, ביי דער עדת קרח און ביי עזיהו המלך. ביי קטורת איז דער

דין: „אם חסר אחת מכל סמניה חייב מיתה״, און דאָס זעלבע איז אויך מיט עשירות, מיט געלד. געלד איז אַ מיטעל, דורך וועלכען אַ מענש קאָן זיין גליקליך און זיך ער־ווערבעןביידע וועלטען, אויב ער ווייסט זיך דערמיט ווי אומצוגעהן, און אומגליקליך — אויב ער איז נישט גענוג פאַרזיכטיג און בענוצט זיך דערמיט צו שעדליכע צוועקען...

לא תעלו עליו קטורת זרה... (ל. ט.)

אויפ׳ן דאָזיגען פסוק איז פאַרהאַן אַנ׳אונפערשטענדליכע שטעלע אין תרגום יונתן, וואו עס ווערט דערויף געזאָגט: „לא תסקון עלוי קטרת בוסמין דעממין נוכראין״. וואונדערען זיך אַלע און פרעגען: צי דען נור קטרת פון עכו״ם, פון „עממין נוכראין״, איז פסול, עס איז דאָך איבערהויפּט פסול ווען מען נעהמט עס פון אַ זר, אַפילו פון אַ ישראל?

נאָר, ווי עס ווייזט אויס, איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות. עס טרעפט אָפט, בע־מערקט דער רמב״ן אין אַנ׳אָרט, אַז די מדפיסים פערבייטען אַ ס׳ אויף אַ ע׳ (אַנשטאָט אַ ס׳ נעהמט ער אַרויס עפ״י טעות פונ׳ם זאַץ־קאַסטען דאָס נעכסטע אות, וואָס ליעגט דערנעבען). דאָס זעלבע שרייבט אויך רבי יצחק אריה די מודינא אין זיין ספר וועגען זכרון, „לב אריה״, און אויך דאָ, אַלזאָ, דאַרף זיין באמת, נישט „בוסמין דעממין נוכראין״, נאָר „בוסמין ד ס מ מ י ן נוכראין״, עס הייסט, אַז מען טאָר נישט בענוצען קיין קטרת פון סמים זרים.

(ספר ינחנו)

כִּי תִשָּׂא

כי תשא את ראש בני ישראל... (ל. יב.)

אַלס מנהיג און „ראש בני־ישראל" איז ראוי צו זיין בלויז אַזעלכער, וועלכער איז גרייט צו געבען „כפר נפשו לד' בפקוד אותם" — צו דיענען דעם כלל־ישראל מיט מסירת־נפש ממש...

(אַלשיך)

דער בעריהמטער גאון און מחבר פון „מנחת עני", איז געווען רב אין אונגאַרישען שטעדטעל מיקלאַש, וועלכעס איז עפ"י רוב בעשטאַנען פון בעלי־עבירה'ניקעס און מחללי־שבת. פרעגט איהם אַמאָל אַ דורכפאַהרענדער רב: היתכן, ווי קומט עס, אַז אַזאַ פריי שטעדטעל זאָל פאַר זיך אויסקלויבען דוקא אַזאַ פרומען רב? ענטפערט איהם דערויף דער בעל „מנחת עני":

די אידען פון מיין שטעדטעל האַלטען זיך ביים כלל, אַז „כי תשא את ראש בני ישראל", אַז מען געהט אויסוועהלען פאַר זיך אַ ראש, אַ רב, „ונתנו איש כופר נפשו", זאָל מען וועהלען אַזעלכען, וועלכער זאָל זיין פאַר יעדען איינעם פון זיי אַ „כופר נפש", אַב'אויסלייזונג פאַר זייערע חטאים, און ווייל מיקלאַש איז פול מיט עבירות, האָבען זיי דעריבער געזוכט אַ רב אַ גאַר גרויסען צדיק, וועלכער זאָל האָבען „ברייטע פּלייצעס" צו נעהמען אויף זיך אַלע זייערע זינד...

(דעת זקנים)

פאַרוואָס עפיס ווערט דאָס צעהלען אויסגעדריקט מיט די ווערטער „תשא את ראש"? ווייל בשעת אַ צעהלונג איז יעדער איינער, בשעת מען רופט אויס זיין נאָמען, הויבט ער אויף העכער דעם קאָפּ, כדי דער צעהלער זאָל איהם בעמערקען און זעהן, אַז ער געפינט זיך אויפ'ן פּלאַץ...

(רבי יוסף אבן כספי)

ונתנו איש כפר נפשו... (ל. יב.)

דאָס וואָרט „ונתנו", לייענענדיג די אותיות צ ו ר י ק, מאַכט עס אויך „ונתנו"... פון געבען צדקה ווערט מען נישט אָרימער: מען בעקומט עס צוריק כפל־כפלים...

(בעל הטורים)

די טעמי הנגינה אויפ'ן וואָרט „ונתנו" איז אַ קדמא ואזלא, מען דאַרף זיך מקדים זיין מיט'ן געבען צדקה און אַנטקעגען־טראַגען דעם מקבל די נדבה „אקדימו ליה ריפתא"! (שבת קנ"א) און „דרכם של גומלי חסדים לרוץ אחרי דלים" (שבת ק"ד).

ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם... (ל. יב.)

בשעת משה רבינו האָט געהערט, אַז דער אויבערשטער הייסט צעהלען די אידען, איז ער געוואָרען אונרוהיג. עפּעס אַ קלייניגקייט? עס וועלען זיך אַ לאָז טהון ששים רבוא אידען, יעדער וועט זיך איילען מקיים צו זיין די מצוה, יעדער וועט וועלען זיין דער ערשטער, ס'וועט זיך אָנהויבען אַ שטופּעניש און אַ שטויסעניש דורך טהיר־און־פענסטער און עס וועט קומען, חלילה, צו אַ קאַטאַסטראָפע... האָט איהם דער אויבער־שטער בערוהיגט: שרעק דיך נישט... בשעת אידען וועלען דערהערען דעם צווייטען טייל פון דער מצוה — „ונתנו איש כפר נפשו", אַז דאָס צעהלען קאָסט געלד, יעדער איינער דאַרף דערביי איינצאָהלען אַ האַלבען שקל, דאַן, זיי זיכער — „ולא יהיה בהם נגף": וועט מען זיך שוין נישט שטופּען אַזוי שטאַרק, עס וועט שוין דאַן נישט זיין אַזאַ געלויף...

(רבי יאָשע־בער בריסקער)

אַמאָל, אויב מען האָט אין אַ שטאָדט געוואָלט וויסען, וויפיעל אידען עס געפינען זיך דאָרט, האָט מען עס זעהר לייכט געקאָנט דערגעהן דורך פערשידענע אופנים: מען האָט זיי געקאָנט איבערצעהלען יעדען פריהמאָרגען אין די שוהלען און בתי־מדרשים; מען האָט עס געקאָנט פעסטשטעלען דורך דער צאָהל מזוזות אין די הייזער; מען האָט עס געקאָנט געוואויר ווערען ביי די קצבים פון כשר־פלייש. איבעריגענס, איז גענוג געווען בלויז דורכצובלעטערן דאָס בוך פון דער קהלה... היינט, אָבער, זענען די אַלע סימנים מעהר נישט מאָסגעבענד און אויך די קהלה־ביכער ווייזען נישט מעהר די ריכטיגע ציפער — ווייל ערשטענס, זענען אין מערב־איראָפּע און אין אַמעריקע די אידישע איינוואוינער אין יעדער שטאָט און שטעדטעל געטיילט אין עטליכע קהלות: שטרענג־אָרטאָדאָקסישע, מעסיג־אָרטאָדאָקסישע, ליבעראַלע, רעפאָרמירטע, עקסט־רע־פאָרמירטע, און איינע מיט דער צווייטער האָט קיין שום געמיינזאַמעס נישט; צווייטענס, ערקלערען זיך אַ סך אידען אַלס קאָנפעסיאָנסלאָזע, אויסשליסענדיג זיך פון די קהלות... בלויז איין זאַך פעראייניגט זיי נאָך אַלעמען — דער בית־הקברות: דאָס איז אין אַ סך שטעדט דער איינציגער שליסעל, דורך וועלכען מען קאָן אָבשאַצען און אונגעפעהר פעסטשטעלען די צאָהל אידישע איינוואוינער...

און דערויף איז עס געזאָגט געוואָרען: „ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם"! — זעהט, איהר זאָלט, חלילה, נישט צוקומען צו דער מדרגה פון אַזאַ בית־הקברות־אידענטום, אַז ביים „בפקוד אותם", ביים פעסטשטעלען די סטאַטיסטיק פון דער צאָהל אידען, זאָלט איהר נישט דאַרפען נעהמען צוהילף דעם „נגף", דעם מלאך־המות און דעם בית־הקברות!...

(דרשות אל עמי)

ולא יהיה בהם נגף וכו' זה יתנו — מחצית השקל... (ל. יב. יג.)

וואָרום אויב מען וועט הייסען געבען יעדען לויט זיין ערך און מעגליכקייט נאָך, וועט עס קומען צו קנאה־שנאה און מחלוקת, וועלכע וועט דערפיהרען צו געשלעגערייען און צו אַ „נגף" צווישען עולם, יעדער וועט טענה'ן, אַז מען דאַרף פון איהם נעהמען וועניגער, ווי פון זיין שכן, דען יענער איז מעהר עושר, מעהר גביר... זאָלען דעריבער אַלע געבען גלייך — וועט דאַן דער שלום צווישען זיי נישט געשטערט ווערען.

(רבי משה חפץ)

זה יתנו כל העובר על הפקודים... (ל. יג.)

„הראה לו כמין מטבע של אש וכו׳ ואמר לו כזה יתנו״ (רש״י)

פאַרוואָס האָט מען משה רבינו׳ן נישט געוויזען קיין מוסטער פון משכן און די פערשידענע כלים, נאָר בלויז פון מחצית השקל? ובכלל, צי האָט משה גאָר קיין צורת־מטבע נישט געקענט און מען האָט איהם ערשט געדאַרפט ווייזען, ווי אַזוי עס זעהט אויס?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי משה קאָברינער — משה רבינו האָט זיך גע־וואונדערט און נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס אַזאַ קליינע מטבע, אַ מחצית השקל, זאָל דיענען אַלס כופר נפש, „לכפר על נפשותיכם״... און בכדי איהם דאָס צו פערענטפערען, האָט מען איהם געוויזען „מטבע של אש״, אַז בשעת עס קומט צום געבען צדקה צוברענט זיך דאַמאָלס אין יעדע מטבע אַ פייער, אַ פייער פון יצר־הרע, וועלכער לאָזט נישט דעם נותן זיך צוריהרען צו זיין געלד, אַבשטויסענדיג איהם דערפון מיט די פערשידענסטע תירוצים. עס פאָדערט זיך דאַן פון מענש אַ סך אָנשטרענגונג בכדי גובר צו זיין דאָס דאָזיגע פייער און דערפאַר איז די מצוה פון נתינת צדקה אַזוי גרויס און ווערט פער־רעכענט אלס כופר נפש...

משה׳ן איז אויסגעקומען זעהר וואונדערליך, אַז אַ מחצית־השקל, אַ פשוט׳ע מטבע, זאָל זיין בכח צו דיענען אַלס כופר נפש, אַלס אויסלייזונג פאַר די מענשליכע חטאים, און נישט אַנדערש — האָט ער דערביי געקלערט — אַז דאָס ווערט אַוודאי געזאָגט בדרך־רמז: שקל הקודש מיינט מען תשובה, סגופים וכדומה... האָט איהם דעריבער השי״ת געוויזען: כזה יתנו! אַ פשוט׳ע מטבע אָהן שום רמזים און אָהן שום קונצען, טאַקי געלד, צדקה ממש!...

(רבי אברהם הכהן שוואַרץ)

„זה יתנו... הראה לו כמין מטבע של אש״... (רש״י)

מיט התלהבות זאָל מען געבען, מיט פייער, מיט ברען!...

(ספר הדרוש)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי נחמן בראַצלאַווער — האָט מען משה׳ן געוויזען אַ „מטבע של אש״, ווייל פייער איז איינע פון די נוצליכסטע זאַכען, אָהן וועלכען די וועלט קאָן נישט אויסקומען, אָבער מיט׳ן זעלבען פייער קאָן מען אויך די וועלט חרוב מאַכען, און אַזוי איז אויך מיט געלד: עס איז די נוצליכסטע זאַך, אויב מען ווייסט זיך דער־מיט ווי אומצוגעהן, און די געפעהרליכסטע זאַך — אויב זי פאַלט אַריין אין שלעכטע הענד...

„זה יתנו — הראה לו באצבעו״ (מדרש)

וואָס איז דער זין פון די ווערטער „הראה לו באצבעו״, וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָר כידוע, איז די פערטיילונג פון דער עבודה אין בית־המקדש פאָרגעקומען צווישען די כהנים לויט אַ גורל, און דערביי זענען געצעהלט געוואָרען נישט די פער־זאָנען זעלבסט, וואָס דאָס איז אָסור, נאָר — „הממונה אומר להם הצביעו וכו׳ הוציאו אצבעותיכם למנין״ (יומא כ״ב).

און דאָס איז אַלזאָ דער פשט: „הראה לו באצבעו״. עס איז אָנגעוויזען געוואָרען,

אַז אויף להבא זאָל יעדע אידישע צעהלונג פאַרקומען נישט לויט פערזאָנען, נאָר — „באצבעות״...

(ברית שלום)

מחצית השקל תרומה לד׳... (ל. יג.)

דער דאָזיגער אויסדרוק ווערט איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאָל: „יתן תרומת ד׳״, „לתת את תרומת ד׳״, דאַגעגען ביי די נדבות אין פ׳ תרומה שטעהט נישט „תרומת ד׳״, נאָר סתם: „ויקחו לי תרומה״, „תקחו את תרומתי״, „וזאת התרומה״, דען דאָרט רעדט זיך וועגען די נדבות, וואָס זענען געוואָרען געוואָרען פון יעדען לויט זיין ערך און יכולת, דער גביר מעהר און דער אָרימאַן — ווייניגער, און דעריבער שטעהט נישט דערביי „תרומה לד׳״ מחמת ביי דער דאָזיגער זאַמלונג ווערען מענשען נכשל מיט פערשיעדענע מדות מגונות, ווי גאוה און קנאה, דער עושר מיט זיין גרויסע נדבה שטאָלצירט איבער׳ן אָרימאַן און דער אָרימאַן מיט זיין קליינע נדבה איז מקנא דעם עושר. דאַ אבער רעדט זיך וועגען מחצית השקל, וועלכער איז גענומען געוואָרען פון אַלעמען גלייך, „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט״, ביי דערדאָזיגער זאַמלונג איז מעהר קיין אָרט נישטא פאַר גאוה און קנאה און דעריבער ווערט זי אָנגערופען — „תרומת ד׳״, אַ געטליכע, זויבערע תרומה, אָהן פניות, אָהן שלעכטע מחשבות...

(כלי יקר)

מחצית השקל בשקל הקדש... (ל. יג.)

„שקל בא לכפר על העגל״ (מדרש)

טאָ וואָס עפּיס גראָד מחצית השקל?

דען דער עגל־הזהב, ווערט געזאָגט אין מדרש, האָט געוואויגען הונדערט און צוואנציג קנתרין. אַ קנתר, זאָגען די חז״ל אין ברכות, איז הונדערט שקלים. צוזאַמען, אַלזאָ, צוועלף טויזענד שקלי זהב. אין בבא מציעא (פרק איזהו נשך) ווערט געזאָגט, אַז אַ דינר זהב האָט דעם ווערט פון פינף און צוואנציג דינרי כסף, וממילא איז אַ שקל זהב — פינף און צוואנציג שקלי כסף. צוועלף טויזענד שקלי זהב זענען, אַלזאָ, דריי מאָל הונדערט טויזענד שקלי כסף. אידען זענען געוועזען זעקס מאָל הונדערט טויזענד.

נעהמענדיג, אַלזאָ, פון יעדען איד אַ מחצית־השקל, האָט די סומע צוזאַמען בעטראָפען אין גאָלד פונקט אַזויפיעל, וויפיעל עס האָט געוואויגען דער עגל־הזהב...

(אור יקרות)

די כוונה פון מחצית־השקל איז, אַז איין איד אָהן התחברות און אַחדות מיט׳ן צווייטען איז נישט מעהר, ווי אַ האַלבע, נישט־פערענדיגטע זאַך, אַ חצי־דבר, אַ פלג־גוף...

(נהר שלום)

יעדער מענש — זאָגען אונז די חז״ל — דאַרף זיך פאָרשטעלען, אַז די וועלט געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון „מחצה על מחצה״ און אַז מיט זיינע מעשים קאָן ער אַמאָל מכריע זיין די וואָגשאָל אויף גוט, אָדער אויף שלעכט. טהוט ער אַ מצוה — איז ער מכריע לכף־זכות; אַן־עבירה — איז ער מכריע לכף־חוב... אָט דידאָזיגע וואָרעניש איז מרומז אין פסוק: „כל העובר על הפקודים״ — בשעת דער מענש האַלט ביי טהון אַן־עבירה, ביי עובר־זיין אויף איינס פון די פקודים און מצוות־השם, דאַרף ער זיך

דורכנעהמען מיט׳ן געדאַנק פון „מחצית השקל״, גלייך ווי די וועלט וואָלט זיך געוואַקעלט צווישען דעם גלייכגעוויכט פון העלפט־אויף־העלפט און זיינע זינד קאָנען אַמאָל איבערוועגען...

(באר מים חיים)

רבי אלימלך פון ליזענסק האָט אַמאָל געזאָגט צום זוהן זיינעם: צי ווייסטו, קינד מיינס, פאַרוואָס דער עולם בעלאַגערט מיך אַזוי, פאַרוואָס יעדען טאָג קומען צו מיר אַזוי פיעל מענשען און פערלאַנגען, כ׳זאָל זיי פערזאָרגען מיט געזונד און פרנסה? — דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי ווייסען מסתמא, אַז איך בין שולדיג, וואָס עס געהט זיי אַזוי שלעכט, ווייל מיט מיינע זינד האָב איך מכריע געווען די וועלט לכף־חוב...

דער מחצית־השקל איז געווען „לכפר על נפשותיכם״, מכפר צו זיין אויף די זינד, און דעריבער האָט מען די אידען געהייסען געבען בלויז אַ מחצית־השקל, אַ העלפט, וואָרום די אַנדערע העלפט איז שולדיג דער רבונו־של־עולם כביכול זעלבסט, הלמאַי ער האָט בעשאַפען דעם מסית, דעם יצר־הרע, וועלכער טרייבט אונז און צווינגט אונז צו זינדיגען...

(רבי בונם מפשיסכע)

דעם מיטעל־וועג, דעם „דרך־האמצעי״ פערלאַנגט השי״ת פונ׳ם מענשען, דעם „מחצית־השקל״ — „חציו לד׳ וחציו לכם״...

(תכלת מרדכי)

אין פלאָנסק איז געווען אַ איד אַ נגיד, נאָר אַ גרויסער קמצן, וועלכער האָט שטאָלצירט מיט זיין יחוס, אַז ער איז דעם מגן־אברהמ׳ס אַנ׳אייניקעל. איינמאָל איז דער פלאָנסקער רב, הרב יחזקאל מיכלזאָן, אַריינגעקומען צו איהם נאָך אַ נדבה, אָבער דער קמצן האָט זיך אָבגעזאָגט און נישט געוואָלט געבען.

— איהר ווייסט — מאַכט צו איהם הרב מיכלזאָן — איך הויב שוין אָן צו צווייפ־לען, צי איהר שטאַמט טאַקי פון „מגן־אברהם״, וואָרום צום „מגן־אברהם״ איז אונ־מעגליך צוצוגעהן אָהן דעם „מחצית־השקל״ (אַ פירוש אויפ׳ן „מגן־אברהם״)...

העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט... (ל. טו.)

דער גביר וועט מיט׳ן נישט־געבען נישט רייכער ווערען, און דער אָרימאַן מיט׳ן געבען — נישט אָרימער...

(אמרי שפר)

דעריבער האָט די תורה געדאַרפט דאָ אָנזאָגען, אַז „העשיר לא ירבה״, ווייל עפ״י שכל וואָלט דער עושר געדאַרפט געבען מעהר, נישט־נאָר ווייל ער איז רייך און האָט מעהר געלד, נאָר אויך ווייל ער זינדיגט מעהר און ער נויטיגט זיך דעריבער אין אַ גרעסערען „כופר־נפש״, ווי דער אָרימאַן...

(באר יצחק)

„העשיר לא ירבה״... אויף דעמדאָזיגען לאו האָט נאָך קיין שום גביר, חלילה, נישט עובר געווען...

(דרשות אל עמי)

אין די טעמי הנגינה איז דער טראָפּ אויף די ווערטער „העשיר לא ירבה" אַ „מונח רביעי": אַ רמז אויפ׳ן מאמר חז"ל, אַז „המבזבז אַל יבזבז יותר מחומש"; אַ פינפטעל זאָל דער מענש אַוועקגעבען, און — „מונח רביעי", פיער חלקים זאָל ער לאָזען פאַר זיך...

(ווילנער גאון)

פאַרוואָס — האָט אַמאָל געפרעגט רבי אייזיל סלאָנימער — שטעהט אויך נישט בפירוש אין דער תורה, אַז „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש", פונקט ווי עס שטעהט ביי מחצית־השקל: „העשיר לא ירבה"?

ווייל ביי עפענטליכע צדקה האָט ער דערויף געענטפערט — ווי ביי מחצית־השקל, מאַכט זיך אַ מאָל, אַז אַ נגיד זאָל ליעב האָבען אַרויסצווייזען פזרנות און צו געבען מעהר ווי אַ האַלבען שקל, האָט מען דעריבער געדאַרפט דערביי אָנזאָגען: „העשיר לא ירבה", דאַגעגען ביי סתם צדקה, ביי צדקה בסתר, איז נישט נויטיג געווען אַזוי שטאַרק צו וואָרענען און צו שרייבען וועגען דעם בפירוש אין דער תורה, מען קאָן דערביי זיין פולשטענדיג זיכער, אַז זיי וועלען אויף אַנ׳איסור דרבנן אויך, חלילה, נישט עובר זיין...

רבי מענדיל וויזשניצער איז געווען אַ גרויסער פזרן. וויפיל ער האָט געהאַט האָט ער צעטיילט צווישען די אָרימעלייט. האָט איהם אַמאָל איינער פון זיינע מקורבים געפרעגט: היתכן, רבי? ס׳איז דאָך אַ בפירושער דין אין דער גמרא: „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש" (כתובות ס"ז)! דערויף האָט איהם רבי מענדיל געענטפערט: — עובר זיין אויף אַ תקנת חז"ל איז טאַקי אַ גרויסע עבירה, פאַר וועלכער עס קומט גיהנום, אָבער בשעת איך צעטייל אינדערפריה דעם חומש און דערנאָך קומט צו מיר אַריין אַ איד און וויינט, אַז ער האָט נישט פאַר זיין ווייב און קינדער קיין שטיקעל ברויט, קאָן איך זיך נישט איינהאַלטען נישט צו טהון קיין עבירה און נישט מבזבז זיין די איבעריגע פאַר גראָשען. פערפאַלען, צוליעב אַזאַ עבירה איז כדאי צו זיין אין גיהנום...

רבי אַבישעל פראַנקפורטער האָט צוטיילט זיין גאַנץ פערמעגען אויף צדקה, האָבען איהם די מקורבים געמוסר׳ט: היתכן? דער דין איז דאָך: „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש" (כתובות ס"ז)?

— אמת טאַקי — האָט ער זיי דערויף געענטפערט — אַז עפ"י דין טאָר מען מעהר נישט געבען, ס׳איז אַנ׳עבירה; ביי צדקה ווערט אָבער געזאָגט: „מרבה צדקה מרבה חיים". צדקה איז אַ סגולה צום לעבען, און אויב אַזוי איז עס דאָך פיקוח־נפש, אַ לעבענס־זאַך, און ביי פיקוח נפש, ווי איהר ווייסט, מעג מען עובר זיין אַפילו אויף אַנ׳עבירה מדאורייתא, מען מעג אפילו מחלל שבת זיין, מכל שכן אַנ׳עבירה מדרבנן...

די זעלבע פראַגע האָט מען אויך אַמאָל געפרעגט רבי אלי׳ חיים מייזעל, וועלכער איז געווען אַ געוואַלדיגער פזרן אין צדקה:

— היתכן, רבי, דער דין איז דאָך: „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש"?

— פערשטעהט איהר מיך — האָט ער זיי דערויף געענטפערט — כ׳בין איינמאָל נכשל געוואָרען אינ׳ם דאָזיגען חטא און מבזבז געווען מעהר פון אַ חומש, און בכדי אויסצוקויפען זיך פון אַ בעגאַנגענעם חטא מוז מען געבען צדקה, ווי עס ווערט געזאָגט: „וחטאך בצדקה פרוק", און וואָס ווייטער כ׳געב צדקה, אַלץ מעהר פערשטאַרקט זיך

ממילא דער חטא פון „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש", מוז איך זיך פון דאָס ביי אויס־קויפען מיט צדקה און אַט אַזוי האָב איך זיך נעביך פערפלאָנטערט און קאָן נישט אַרויסקריכעז...

מען האָט דעם לאַדזער רב, רבי אלי' חיים מייזעל, אָנגעוויזען אויף אַ געוויסען לומדישען גביר, וועלכער וויל נישט געבען אַ גראָשען צדקה און ער איז יוצא, ווי ער טענה'ט, דערמיט וואָס ער זיצט שטענדיג און לערנט.

האָט רבי אלי' חיים דערויף דערצעהלט, אַז בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה איז אין די דערפער פּראָקלאַמירט געוואָרען אַ פּאַטריאָטישע געלד־זאַמלונג אויפצובויען אַ „פּריוויליגען" קריגס־פלאָט אויפ'ן נאָמען פון די פויערען און דערביי האָט זיך יעדעס דאָרף געדאַרפט פערשרייבען אויסצוקויפען אַן־אַקציע, פון וועלכען די קלענסטע האָט בעטראָפען צעהן רובל. שפּעטער, ווען מען איז געקומען אין אַ געוויסען דאָרף אויפמאָהנען דאָס געלד, האָבען די פויערען געענטפערט:

— מיר ווייסען, אַז פאַר צעהן רובל שטראָף זיצט מען אָב צוויי וואָכען אין טורמע. קיין געלד האָבען מיר נישט, מיר זענען אָבער גרייט צו געהן „אָבזיצען", ווי־פיעל עס וועט אויסמאַכען פאַ זאַקאָנו...

— ווי עס זעהט אויס — האָט רבי אלי' חיים אויסגעפיהרט — זענען אויך צווישען די נגידים פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע זענען גרייט צו געהן „אָבזיצען", צו זיצען און לערנען „פאַ זאַקאָנו", ווי לאַנג איהר ווילט, אַבי נור קיין געלד נישט צו געבען...

קח לך סמים נטף ושחלת וחלבנה... (ל. לד.)

דער פשוט'ער טעם פון דער דאָזיגער מצוה איז, ווייל מען האָט יעדען טאָג מקריב געווען במקום המקדש זעהר פיעל בהמות, דאָס פלייש איז געוואָרען געשניטען און פערברענט און מען האָט געוואַשען די קרבים ומעיים, און דעריבער האָט די תורה געהייסען, מען זאָל דאָרט צוויי מאָל אין טאָג מקטיר זיין קטורת פון פערשידענע בשמים, כדי צו פערטרייבען דעם שלעכטען ריח און דעזינפעקציאָנירן די בגדי־הכהנים...

(מורה־נבוכים מאמר ג' פמ"ה)

רבי פנחס, דער בעל „הפלאה", האָט צונויפגעקליבען ביי זיך אַ מנין צום דאַווענען. עס זענען שוין געווען צעהן אידען, אָבער ר' פנחס האָט געהייסען וואַרטען אויף אַן־עלפטען, מחמת צווישען די צעהן האָט זיך געפונען אַ איד אַ קל און ער האָט איהם נישט געוואָלט מצרף זיין צום מנין. יענער האָט עס פערשטאַנען און ער טהוט איהם אויפ'ן אָרט אַ פרעג:

— רבי, די תורה האָט דאָך געהייסען, אַז מען זאָל אויך „חלבנה" אַריינגעהמען צווישען די קטורת?...

— דערפאַר טאַקע — ענטפערט איהם רבי פנחס — האָט מען געדאַרפט האָבען ע ל ף סממנים...

„כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינה תענית, שהרי חלבנה ריחה רע ומנאה הכתוב עם סממני קטרת" (כריתות ו')

נאָכוואָס עפּיס זענען דערביי נויטיג פושעי־ישראל? ווייל עס איז פאַרהאַן אַ מאַן דאמר, אַז אַ „היושב בתענית נקרא חוטא", אַז עס איז אַ חטא צו פייניגען זיך און צו

פאַסטען, פונקט ווי אויך נזירות איז גלייכצייטיג אַ חטא, אויף וועלכען מען דאַרף אַ קרבן ברענגען, „לפי שהזיר את עצמו מן היין". אויב אָבער פושעי־ישראל בעטייליגען זיך אין תענית — מעג מען שוין דאַמאָלס פאַסטען, דאַמאָלס איז שוין דער תענית חל אויף דעם גופא טאַקי, וואָס עס זענען פאַרהאַן צווישען אונז ר"ל פושעי ישראל און וואָס — „כל ישראל ערבים זה בזה"...

(כלי יקר)

כל תענית שאין בה מפושעי ישראל — פלעגט זאָגען דער בעש"ט — אויב די מתענים קענען אין תענית נישט מיטרייסען קיין פושעי־ישראל, אויב זיי קענען מיט זייער תשובה נישט מעורר זיין די פושעי־ישראל, אַז אויך זיי זאָלען תשובה טהון — אינה תענית, איז עס אַ סימן, אַז די פאַסטער מיינען עס נישט מיט'ן גאַנצען האַרצען. אויב אַ פייער פלאַקערט ווי געהעריג, ווערען אויך די שלעכטע, פייכטע שפענער, וואָס אַליין איז זיי שווער אונטערצוצינדען, אַריינגעכאַפּט אין די פלאַמען...

ראה קראתי בשם בצלאל... (לא. ב.)

גאָט האָט געוויזען משה'ן אַלע דורות ביז תחית־המתים; יעדען דור מיט זיינע מלכים, יעדען דור מיט זיינע מנהיגים, יעדען דור מיט זיינע נביאים...

(שמות רבה)

— פאַרוואָס — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער — האָט גאָט געוויזען משה'ן פריהער די דורות און ערשט נאָכדעם די מנהיגים? — ווייל די דורות און זייערע פיהרער ווערען וואָס־אַמאָל שוואַכער, וואָס־אַמאָל קלענער... טאַ שטעלט זיך פאַר, ווען מען ווייזט משה'ן פריהער די מנהיגים און ער דערזעהט פלוצים, אַז אויך נפתלי ראָפּשיצער אין אין דער חברה, וואָלט ער דאָך זיכער אויפגעשפרונגען פון אי־בערראַשונג און אויסגעשריען: וואָס? אויך נפתלי איז אַ מנהיג? אויך נפתלי — אַ רבי?... דעריבער האָט מען איהם פריהער געוויזען דעם דור, און דאַן האָט ער זיך שוין מעהר נישט געוואונדערט: אין אַזאַ דור קאָן שוין נפתלי אויך זיין אַ מנהיג...

(עשר צחצחות)

ואמלא אותו רוח אלקים בחכמה ובתבונה... (לא. ג.)

אַ משולח פון דער וואָלאָזשינער ישיבה האָט זיך געקלאָגט פאַר רבי חיים וואָלאָזשינער, אַז איינער, אַ בעקאַנטער גביר פון אַ נאָהנט שטעדטעל, וועלכער פלעגט שטענדיג געבען גרויסע נדבות פאַר דער ישיבה, איז מיטאַמאָל ברוגז געוואָרען און ער וויל מעהר נישט געבען אַ גראָשען. איז רבי חיים אַליין אַריבערגעפאָהרען צום גביר, וועלכער האָט אויף דער פראַגע פון רבי חיים'ן, הלמאי ער האָט אויפגעהערט צו געבען געלד אויף דער ישיבה, ערקלערט, אַז כל־זמן ער איז געווען זיכער, אַז דאָס געזאַמעלטע געלד ווערט אויסגעגעבען פאַר די אָרימע ישיבה־בחורים, האָט ער גע־געבען גערן, מיט חשק וביד רחבה, איצט אָבער איז ער דערגאַנגען, אַז אַ בעדייטענדער טייל פון דעם געלד ווערט פערוועדעט פאַר די משולחים, וועלכע פאָהרען אין וועג אויף אַ בהרחבה'דיגען אופן, געהען זעהר לייטיש געקליידעט און לעבען זיך בכלל גאַר בישקשה'דיג און אויף אַזעלכע זאַכען איז ער נישט מחויב צו געבען.

ענטפערט איהם רבי חיים:

אין פ׳ תשא שטעהט: „ואמלא אותו רוח אלקים בחכמה ובתבונה ובדעת ובכל מלאכה ולחשוב מחשבות לעשות בכסף וזהב ונחושת״. איז אייגענטליך נאָכוואָס איז דאָ דער פסוק אַזוי מאריך? עס איז דאָך גאַנץ גענוג דער שבח, אַז ער איז געווען פול „בחכמה ובתבונה ובדעת״, צוליעב וואָס איז נאָך נויטיג דערביי צוצוגעבען, אַז ער איז געווען אימשטאַנד „לחשוב מחשבות לעשות בכסף וזהב ונחושת״? נאָר דער ענין דערפון איז אַזוי: אויך דאָרט, ביים מנדב זיין אויפ׳ן מלאכת המשכן, זענען געווען אַזעלכע נדבנים, וועלכע האָבען פערלאַנגט, אַז זייערע נדבות זאָלען פערווענדעט ווערען נאָר אויף דעם אייגענטליכען הייליגען צוועק, נישט אויף אַנדערע זאַכען, אויף די אַלע זייטיגע, נויטיגע אויסגאַבען, און דאָס איז דאָך אָבער אונמעגליך, מען מוז דאָך האָבען אויך אויף הוצאות, און דעריבער דערצעהלט אונז דערביי די תורה דעם שבח פון בצלאל׳ן, אַז ער האָט פערשטאַנען „לחשוב מחשבות לעשות בכסף וזהב ונחושת״, אַז מיט זיין קלאָרען שכל האָט ער געקענט אַריינדרינגען אין האַרצען פון יעדען נותן און אַזוי אַרום צו וויסען, וואָס ער האָט צו מאַכען פון יעדער בעקומענער נדבה און אויף וואָס ער זאָל עס פערווענדען. די נדבה וואָס איז געגעבען געוואָרען בלויז לשם־שמים, האָט ער פערנוצט אויפ׳ן סאַמע הייליגסטען צוועק. די נדבה, וועלכע איז נישט געווען אינגאַנצען ריין פון זייטיגע פניות, האָט ער פערווענדעט אויף לייכטערע צרכי־קדושה און די נדבה וועלכע איז געגעבען געוואָרען רק לשם כבוד — האָט ער פערווענדעט אויף וואָכעדיגע זאַכען, וועלכע זענען אויך נויטיג צום בנין המשכן...

זייט זיכער — האָט רבי חיים אויסגעפיהרט — אויב איהר האָט אין זינען בשעת׳ן געבען די נדבה, אַז דאָס געלד זאָל געהן לשמה, נור אויף החזקת התורה, פאַר די אָרימע ישיבה־בחורים, ווערט עס אויף קיין שום אַנדערע זאַך נישט פערווענדעט, נאָר אויף דעם דאָזיגען צוועק. דאַגעגען אויף אויסצוהאַלטען די משולחים און די אַלע אַנדערע וואָכעדיגע הוצאות — דאָס ווערט גענומען פון די געלדער, וועלכע ווערען געגעבען שלא לשמה...

(דור דעה)

ואת בגדי השרד... (לא. י.)

„אי אפשר לומר שבבגדי כהונה מדבר וכו׳ אלא אלו בגדי השרד הם בגדי התכלת והארגמן וכו׳ האמורים בפ׳ מסעות״ (רש״י)

דאַגעגען אין סוכה (נ״א) אויף די ווערטער פון דער גמרא „מבלאי מכנסי כהנים״ זאָגט רש״י: „וממכנסי בגדי השרד״, הייסט דאָך עס, אַז די „בגדי כהנים״ ווערען אָנגערופען „בגדי השרד״, ווי־זשע קומט עס, וואָס רש״י זאָל זיך זעלבסט סותר זיין?...

עס ווערען אויף דער דאָזיגער פראַגע געגעבען פערשידענע ענטפערס, פון וועלכע דער ריכטיגסטער איז, אַז רש״י זעלבסט בעמערקט דאָ אויפ׳ן אָרט גאַנץ דייטליך, „שאי אפשר לומר שבבגדי כהונה מדבר לפי שנאמר אצלם ואת בגדי הקודש לאהרן הכהן״, עס הייסט, אַז איבעראַל זענען אין די ווערטער „בגדי השרד״ אויך די בגדי־כהונה בכלל, בלויז דאָ אַלס אויסנאַהם בעציהט זיך עס נישט אויף די בגדי כהונה, ווייל די בגדי כהונה שטעהען דאָך אינ׳ם זעלבען פסוק בעזונדער דערמאָהנט...

אַגב, איז בכלל נישט צו זוכען קיין סתירות פון פירוש רש״י אין חומש און פירוש רש״י אין דער גמרא, וואָרום אַזעלכע סתירות קאָן מען געפינען אַ גאַנץ סך, צב״ש: דער פסוק „פתהן יערה״ (ישעי׳ ג. יז.) טייטשט רש״י: „פתהן כליהם״ און אין דער גמרא (שבת סב.) — „פתהן כמו פתחיהן״. דאָס וואָרט „צרבת״ (ויקרא נג. כג.) טייטשט רש״י

אין חומש — „רגיעת עור הנרגע מחמת חימום״, און אין דער גמרא (ביצה ז.) — „כויה שבושל כל צרכה״. און נאָך אַזעלכע אונצעהליגע ביישפּיעלען. דער געלעהרטער א. ה. ווייס בעהאַנדעלט דאָס אויספּיהרליך אין זיין „דור דור ודורשיו״ (כ׳ ד׳ ז. 290) און ער פיהרט דאָרט אויס: „טעם הדבר הוא שבפירושו בגמרא יפרש כפי כונת בעלי־הגמרא, תחת אשר בפירושו למקרא מבאר לפי דעתו בפירוש הכתוב״.

את שבתותי תשמרו... (לא. יג.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מכילתא: „אין לי אלא דברים שהם משום מלאכה, דברים שהם משום שבות מנין? תלמוד לומר את שבתותי תשמרו, להביא דברים שהם משום שבות״.

פרעגט מען: פונוואַנען איז עס פונ׳ם „את שבתותי תשמרו״ אַ ראיה, אַז מען איז חייב אַפילו אויף אַ שבות?

האָט געענטפערט דערויף דער רבי ר׳ העשיל:

דער איסור פון שבות בעשטעהט נישט פון טהון אַליין אַ מלאכה (דאָס איז דאָך אסור מדאורייתא), נאָר פון דבור, פון „אמירה לנכרי״, הייסענדיג אַ צווייטען טהון אַ מלאכה אום שבת, און דאָס טאַקי איז מדויק אין „את שבתותי תשמרו״, פון וועלכען דער פשוט׳ער טייטש איז: איהר זאָלט אָבהיטען מיינע רוה־טעג, איהר זאָלט רוהען אַזוי, ווי איך האָב גערוהט, און ביי השי״ת איז דאָך די רוה בעשטאַנען פון דבור, דען — „בדבר ד׳ שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם״...

„אף על פי שהפקדתיך לצוותם על מלאכת המשכן, אל יקל בעיניך לדחות את השבת מפני אותה מלאכה״ (רש״י)

פאַרוואָס וואָלט געווען אַ הוא־אמינא ווען די תורה וואָלט וועגען דעם בפירוש נישט געוואָרענט, אַז מלאכת־המשכן זאָל דוחה זיין שבת? — ווייל דער משכן האָט מכפר געווען אויפ׳ן חטא העגל, איז עס דאָך אַ קרבן־צבור, און אַ קרבן־צבור איז דוחה שבת.

איי פאַרוואָס טאַקי האָט דער בנין המשכן נישט געהאַט דעם דין פון אַ קרבן־צבור? — ווייל שמירת־שבת גופא איז אַליין אויך מכפר אויפ׳ן עגל, דען — „כל המשמר שבת כהלכתה אַפילו עובד ע״ז כדור אנוש מוחלין לו״ (שבת קי״ח)...

(כתב סופר)

כי אות הוא ביני וביניכם... (לא. יג.)

דער עסטרייכישער קייזער, פראַנץ יאָזעף, איז אַמאָל געקומען קיין קראָקאָ און צווישען די פערשידענע אָפיציעלע וויזיטען האָט ער אויך בעזוכט די אידישע שוהל. אין פאָליש פון שוהל פלעגט שטענדיג הענגען פראַנץ יאָזעף׳ס בילד. אינ׳ם דאָזיגען טאָג אָבער איז פלוצים דאָס בילד פערשוואונדען: אַ געהיימע אַנטיסעמיטישע האַנד האָט, איידער דער קייזער איז אַריין אין שוהל, דאָס בילד אַרויסגע׳גנב׳עט און גלייך האָט מען פראַנץ יאָזעף׳ן אונטערגעטראָגען די מסירה, אַז די אידען האָבען, אַלס דעמאָנסטראַציע געגען קייזער, אַראָבגענומען דאָס בילד פון דער וואַנד...

אַריינקומענדיג אין שוהל האָט זיך פראַנץ יאָזעף אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום רב, רבי שמעון סופר, וועלכער איז אויך געווען

דעפוטאַט אין עסטרייכישען רייכסטאַג, און איהם געפרעגט, צי עס איז אמת, אַז שטענדיג פלעגט דאָ הענגען זיין בילד, נאָר היינט, אין ערוואַרטונג פון זיין בעזוך, האָט מען דאָס בילד אַראָבגענומען.

רבי שמעון האָט ערשט איצט צו זיין גרויס שרעק דערזעהען, אַז דאָס בילד איז פלוצים פערשוואונדען. ער האָט זיך אָבער נישט פערלוירען און האָט געענטפערט:

— עס איז אמת, מאַיעסטעט, אַז מיר האָבען דאָס בילד היינט אַראָבגענומען און געטהון האָבען מיר עס צוליעב פאָלגענדען טעם: לויט אונזערע רעליגיעזע פאָר־שריפטען זענען מיר אידען פערפליכטעט צו לעגען יעדען טאָג תפילין, וועלכע דיענען פאַר אונז אַלס „אות ברית״, אַלס אַ סימבאָלישע פערבינדונג מיט אונזער גאָט. שבת דאַגעגען טאָר מען קיין תפילין נישט לעגען, ווייל וועגען שבת ווערט געזאָגט אין דער תורה: „כי אות הוא ביני וביניכם״, שבת פיהלען מיר זיך אַזוי דערנעהנטערט צו גאָט, אַז עס איז אינ׳ם דאָזיגען טאָג נישט נויטיג מעהר קיין שום אָנדענקונגס־צייכען... און לויט׳ן זעלבען ביישפיעל האָבען מיר געהאַנדעלט אין איצטיגען פייערליכען מאָ־מענט: אַ גאַנץ יאָהר לאָזען מיר הענגען אין שוהל דיין בילד אַלס זכר און צייכען פון אונזער פערבינדונג מיט דיין קעניגליכער מאַיעסטעט, אינ׳ם היינטיגען טאָג אָבער, ווען דיין מאַיעסטעט האָט בעוויליגט פערזענליך צו ערשיינען פאַר אונז, וואָלט געוועזען אַ פערשוועכונג צו קוקען אויפ׳ן בילד דאָן, ווען מיר האָבען דאָס גליק צו זעהען דיך זעלבסט...

מחלליה מות יומת... (לא. יד.)

„מה ת״ל והא כבר נאמר כל העושה מלאכה ביום השבת מות יומת? אלא שיכול אין לי אלא עונש על מלאכת היום, ומניין עונש על מלאכת הלילה, תלמוד לומר מות יומת״ (מכילתא)

וואונדערען זיך די מפרשים: ווי אַזוי איז פונ׳ם וואָרט „מחלליה״ געדרונגען, אַז דער עונש איז אויך על מלאכת הלילה? — רבי נפתלי צבי בערלין אין „העמק שאלה״ ערקלערט דערויף, אַז דער דיוק איז דערפון, וואָס עס שטעהט „מחלליה״ אַ לשון נקבה, און דערפון איז משמע אַז עס בעציהט זיך על מלאכת הלילה, דען אויך לילה איז אַ לשון נקבה.

די דאָזיגע ערקלערונג איז באמת אַ פלא, מחמת ווי בעקאַנט, ווערט אומעטום אין תנ״ך דאָס וואָרט לילה אויסגעדריקט בלשון זכר, ווי „ונחלמה חלום בלילה אחד״, „הלילה אמר״, „בלילה ההוא״ א. ד. גל. דאַגעגען געפינען מיר אין ערגיץ נישט, אַז „לילה״ זאָל קומען בלשון נקבה, און נאָכמעהר פלא איז, וואָס ער שטיצט זיך אין דער דאָזיגער ערקלערונג אויפ׳ן ווילנער גאון...

(תורה תמימה)

ששת ימים יעשה מלאכה... (לא. טו.)

שבת — האָט געזאָגט דער חתם־סופר — איז אויסער דעם טעם פון „כי ששת ימים עשה ד׳ את השמים ואת הארץ וכו׳ וינח ביום השביעי״, אויך אַ זכר ליציאת מצרים, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: „וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים וכו׳ על כן צוך ד׳ לעשות את יום השבת״ (דברים ה. טו.), און דעריבער איז נישט גענוג בלויז, וואָס מען רוהט אינ׳ם זיבעטען טאָג, נאָר מען דאַרף די גאַנצע זעקס טעג אַרבייטען, און אַזוי טאַקי ווערט געזאָגט אין אָבות דרבי נתן (פרק י״א): „שמעי׳

אומר אהוב את המלאכה וכו׳ כשם שהתורה ניתנה בברית כך המלאכה ניתנה בברית, שנאמר ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך״, ווייל אויב מען אַרבייט נישט און מען געהט אַרום אַ גאַנצע וואָך לעדיג, איז דער שבת נישט קיין זכר ליציאת מצרים, וואו מען האָט געהרוהט נאָך זעקס שווערע אַרבייטס־טעג...

בכלל האָט דער חתם־סופר אַרויסגעוויזען אַ זעהר פּאָזיטיווע בעציהונג צו פיזישע אַרבייט און אַ נעגאַטיווע בעציהונג נישט נאָר צו לעדיג־געהן נאָר אַפילו צו מסחר. אין איין אָרט געפינען מיר ביים חתם־סופר פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע שטעלע:

„...ויתרון ארץ בכל הוא מלך לשדה נעבד — האדם המושל בכל הוא בעל הארץ והשדה, הזורע והחורש, קוצר ונוטע, מגדל ותולש, גוזז, טווה ורוקם... והם עיקר הארץ ואלמלא הם אין עולם... ואחריהם כמוהם כל בעלי־המלאכה... ואחריהם ופחותים מהם הם המכונים סוחרים... ואלו הסוחרים אין מסגלים לעולם כלום ואינם יודעים לסגל והם הם הפחותים ונחשבים לגדולים וחשובים, ואחריהם הפחותים מהם הם השולחנים המכונים באַנקירען... והם פחותי הפחותים שבישוב העולם ונחשבים לגדולי הגדולים...״

ושמרו בני ישראל את השבת... (לא, טז.)

דער שבת איז דער שומר פון די בני־ישראל, דער שבת היט און דערהאַלט דעם קיום פון אידישען פאָלק...

(רבי משה מקאָברין)

וואונדערליך איז די ערקלערונג פון אור־החיים אויפ׳ן דאָזיגען פסוק, נעמליך: „אימתי אמרתי לך לשמור איש ישראל וכו׳ דוקא לעשות, פי׳ באדם שישנו בגדר עמוד לעשות, אבל מי שודאי לא יקום ולא יגיע לשבת לשומרו, הגם שרפואות אלו יועילו לשעות או לימים, לא יחללו עליו שבת״ — וואָס דאָס איז דאָך געגען דעם אָנגענומענעם דין, געגען די אונצעהליגע מאמרים אין תלמוד, לויט וועלכע „מפקחין על ספק נפשות בשבת״ און „אפילו מצאו מרוצץ שאינו יכול לחיות אלא לפי־שעה״ א. אַז. וו.!

(אַ וועלט־קשיא)

פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין „שהחיינו״ אויף שבת פונקט אַזוי, ווי אויף יעדען יום־טוב?

די דאָזיגע פראַגע געפינען מיר ביים דווינסקער גאון, רבי יאָשע דינאַבורגער, און ער פערענטפערט עס מיט אַ זעהר שאַרפען באריכות׳דיגען פלפול.

לוחות אבן כתובים באצבע אלקים... (לא, יח.)

דער אויסדרוק „אצבע אלקים״ האָט אומעדום, אין גאַנץ תנ״ך, די בעדייטונג: אַ זאַך, וואָס איז פאַר אַלעמען קלאָר און בעשיינפערליך, ווי: „ויאמרו החרטומים אל פרעה אצבע אלקים הוא״, מען זעהט דייטליך, אָהן שום צווייפעל, אַז עס איז אַ געטליכע זאַך, און דאָס איז אויך דער פשט פון „לוחות אבן כתובים באצבע אלקים״, אַלע האָבען געזעהען, אַז די לוחות זענען, חלילה, נישט קיין מענשליכע אַרבייט, נאָר זיי זענען געגעבען געוואָרען פון גאָט.

(רבי צבי הירש קאַלישער)

ויקהל העם על אהרן ויאמרו אליו קום עשה לנו אלקים... (לב. א.)

פרעגען אַלע מפרשים: פאַרוואָס האָט זיך אהרן נישט מוסר נפש געווען אויף קידוש־השם, דער דין איז דאָך ביי עבודה־זרה: „יהרג ואַל יעבור״?

האָט דערויף געענטפערט דער חידושי הרי״ם, אַז „יהרג ואַל יעבור״ איז געזאָגט געוואָרען נאָר אין פאַל, ווען מען צווינגט יענעם צו דיענען עבודה־זרה, אָבער נישט ווען מען פאָדערט פון איהם, ווי דאָ ביי אהרנ׳ען — צו מ אַ כ ע ן אַנ׳עבודה־זרה...

די דאָזיגע ערקלערונג ווערט, אגב, שוין געבראַכט אין אור־החיים אויפ׳ן פסוק „מה עשה לך העם הזה״ און נעמליך: „לצד שאיסר מעשה ע״ז לאחרים אינו אלא בלאו מלקות לבד הוא שחייב, ואין זה מדברים שנאמר בהם יהרג ואַל יעבור וכו׳״.

נאָך דער פטירה פון רבי שמואל מאָהילעווער איז אויפ׳ן ביאַליסטאָקער רבנות אַרויסגעשטעלט געוואָרען די קאַנדידאַטור פון בעקאַנטען גאון רבי מאיר שמחה דווינסקער, וועלכער שטאַמט אַליין פון ביאַליסטאָק, אָבער די שטאָדט האָט נישט געוואָלט. האָט רבי מאיר שמחה דאַן געזאָגט:

עס שטעהט, אַז די אידען זענען געקומען צו אהרנ׳ען און געזאָגט צו איהם: „עשה לנו אלקים וכו׳ כי זה משה האיש וכו׳ לא ידענו מה היה לו״. איז דאָך אייגענטליך קשה: צי דערפאַר, וואָס משה איז נישטאָ, דאַרף מען שוין דעריבער נעהמען אַ קאַלב, זיי האָבען דאָך געקענט בעשטימען אַהרנ׳ען אויף זיין אָרט? נאָר, ווייזט אויס, אַז דאָס איז שוין אַנ׳אַלטע טבע ביי אידען: בעסער אַ קאַלב פון דער פרעמד, איידער אַנ׳אהרן פון דער היים...

פאַרוואָס האָבען זיי נישט אַהרנ׳ען אַליין געמאַכט פאַר זייער מנהיג אויף משה׳ס אָרט? ווייל — ענטפערט דערויף רבי יצחק וואָרקער — מיט אהרנ׳ען, אַלס רודף־שלום, זענען זיי געווען צו־נאָהנט, צו־היימיש און פאַר אַ היימישען מענש האָט מען קיין דרך־ארץ נישט...

אַודאי — פלעגט זאָגען רבי איזשע סלאָנימער — האָבען די אידען מיט׳ן מעשה־העגל שטאַרק געזינדיגט, פונדעסטוועגען מוז מען מודה זיין, אַז זיי זענען נאָך אַלץ געשטאַנען העכער פון די היינטיגע אידען.

יענע אידען זענען געווען גרייט אָבצוזאָגען זיך פון זייער גאָלד און זילבער, אַבי צו האָבען אַ גאָט, און היינט זענען אידן, בעוונותינו הרבים, גרייט אָבצוזאָגען זיך, חלילה, פון גאָט, אַבי צו האָבען גאָלד און זילבער...

פרקו נזמי הזהב אשר באזני נשיכם... (לב. ב.)

אהרן, וועלענדיג די זאַך משמיט זיין, האָט ער זיי געהייסען ברענגען די „נזמי הזהב אשר באָזני נשיכם ובנותיכם״, וויסענדיג, אַז די ווייבער וועלען אויף אַזעלכע זאַכען, ווי אָוועקגעבען דאָס ציהרונג, אַזוי גיך נישט מסכים זיין. די אידען אָבער זענען אַוועק און האָבען געבראַכט „את נזמי הזהב אשר באָזניהם״, זייער אייגען ציהרונג, דען די ווייבער האָבען טאַקי נישט געגעבען... (אַלשיך)

ביי די אור־פעלקער זענען די „נזמים״ געווען אַ הייליגקייט, מיט וועלכע מען פלעגט בעציערען די געצען, און „נזם״ אויף כשדיש בעדייט: הייליג.

(ד״ר שלמה רובין)

ויתפרקו כל העם את נזמי הזהב... (לב. ג.)

די הויפט־סיבה, וועלכע איז גורם צום פריקת־עול, צום אַראָבוואַרפען פון זיך דעם עול פון תורה און אמונה, פון מאָראַל און עהרליכקייט, זענען די — „נזמי הזהב", דער אונאויפהערליכער, ווילדער געיעג נאָך לוקסוס, נאָך ציהרונג, נאָך רייכע טואַלעטען פאַר זייערע פרויען...

(אור המאיר)

וישב העם לאכל ושתו... (לב. ו.)

כידוע — האָט רבי יאָשע בער אַמאָל געזאָגט בדרך הלצה — איז פאַרהאַן אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען מתנגדים און חסידים. מתנגדים פאַסטען אין טאָג פון זייער רבינ'ס יאָהרצייט, חסידים, דאַגעגען, טרינקען בראַנפען און פראַווען סעודה'לעך. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס גאָר קיין נייעס נישט און אויך פאַרצייטענס, אין דער מדבר, האָט שוין דער דאָזיגער אונטערשיעד עקזיסטירט, ווי מיר געפינען עס בפירוש אין דער תורה: פאַר מתן־תורה, איידער די אידען האָבען געקענט לערנען, האָבען זיי זיך געהאַלטען אָן חסידישען מנהג און בעת משה רבינו איז אַרויף אין הימעל אַריין און זיי האָבען געמיינט, — ווי עס ערקלערען די חז"ל — אַז ער לעבט נישט מעהר, האָבען זיי זיך דאַן אָוועקגעזעצט פראַווען אַ סעודה — „וישב העם לאכל ושתו"... דאַגעגען ביים צווייטען מאָל, ווען משה רבינו איז אויף אַן אמת געשטאָרבען, און געווען איז עס שוין נאָך מתן־תורה, ווען אידען האָבען שוין געקענט לערנען, האָבען זיי זיך נוהג געווען, ווי די מתנגדים און — „ויבכו בני ישראל את משה"...

ויקומו לצחק... (לב. ו.)

בעת די בעריהמטע קעניגין מאַריאַ טהערעזאַ איז אָנגעקומען נאָך פראַג (נאָך דעם זיעבען־יעהריגען קריעג מיט פריעדריך דעם צווייטען), האָבען די אידען איינגעאָרדענט פאַר איהר אַ באַל, אויף וועלכען אידישע מיידלעך האָבען זיך געוויילט און געטאַנצט.

צום באַל איז משום שלום־מלכות אויך געקומען דער „נודע ביהודה".

צוזאַמען מיט דער קעניגין איז אויפ'ן באַל אויך אָנוועזענד געווען דער בעוואוסטער גענעראַל בראַקמאַן, אויף וועלכען מען האָט דערצעהלט, אַז ער האָט איינמאָל פערשפּיעלט אַ שלאַכט צוליעב דעם, וואָס זייענדיג אַ גרויסער הולטאַי, האָט ער אינ'ם דעצידירענדיגען מאָמענט פערבראַכט מיט זיינע קאַמעראַדען ערגיץ אין אַ הוליאַנקע.

די קעניגין דריקט־אויס פאַר'ן „נודע ביהודה" איהר ענטציקונג פאַר די טאַנצענדע אידישע מיידלעך, אָבער דער אַנטיסעמיטישער גענעראַל קאָן עס נישט אויסהאַלטען און ער בעמערקט מיט אַ שטאָך:

— נו, יאָ, אידישע מיידלעך זענען בעקאַנט אַלס טענצערינס פון לאַנגע צייטען, זיי האָבען געטאַנצט נאָך ביים עגל, „ויקומו לצחק"...

דערויף ענטפערט איהם דער „נודע ביהודה":

— געוויס, דער עגל איז געווען אַ גרויס אומגליק, אָבער דאָס אומגליק האָט זיך גענומען צוליעב'ן „כי בושש משה", וויל דער גענעראַל האָט פערלאָזט די אַרמיי...

לך רד כי שחת עמך... (לב. ז.)

אַ וואונדערליכען מאמר געפינען מיר אויפ׳ן דאָזיגען פסוק אין מדרש רבה (פרשה ט״ו):

בשעת הקב״ה האָט געזאָגט צו משה׳ן: „לך רד כי שחת עמך״, האָט משה גע־האַלטען די לוחות און ער האָט נישט געגלויבט, אַז די אידען האָבען געזינדיגט, זאָ־גענדיג: „אם איני רואה איני מאמין״, אויב איך וועל נישט זעהען, וועל איך נישט גלויבען, ווי אין פסוק שטעהט: „ויהי כאשר קרב משה אל המחנה וכו׳״, ער האָט פריהער די לוחות נישט צובראָכען, ביז ער האָט מיט זיינע אויגען געזעהען... וועה צו די יעניגע מענשען, וועלכע זאָגען עדות אויף זאַכען, וואָס זיי זעהען אַליין נישט. האָט דען אפשר משה נישט געגלויבט דעם אויבערשטען, בשעת ער האָט איהם געזאָגט: „כי שחת עמך״? נאָר משה האָט דערמיט געוואָלט לערנען די אידען דרך־ארץ, אַז ווען אַפילו אַ מענש וועט הערען אַ זאַך פון דעם בעגלויבסטען יחיד, זאָל ער דאָס עדות נישט מקבל זיין און נישט אויספיהרען אויף דעם גרונד קיין אורטייל, ביז ער וועט נישט זעהן און זיך אַליין דערין איבערצייגען...

„לך רד״ — דו מוזט אַראָבנידערן, דען זיי זענען צו דיר נישט דערוואָקסען, דו ביזט צו־גרויס פאַר זיי, נישט פאַר זייער מאָס... פונקט ווי אַ מלבוש טויג נישט, אויב עס איז צו־קליין, טויג עס אויך נישט, אויב עס איז צו־גרויס...

(הדרש והעיון)

אויב ס׳איז „שחת עמך״, דאַן — „לך רד״, מוזטו זיך אַראָבלאָזען צוזאַמען מיט זיי. דער מנהיג טאָר זיך נישט דערווייטערען פון פאָלק אויך דאַמאָלס, ווען ער געפינט זיך אין ירידה...

(עוללות אפרים)

אינ׳ם פסוק „לא תשתחוה לאל אחר״ (שמות לד. יד.) איז דאָס וואָרט „אחר״ מיט אַ גרויסע „ר״, כדי מען זאָל זיך נישט טועה זיין און מען זאָל עס נישט פערבייטען אויף קיין „ד״; דאַגעגען ווידער אין פסוק „שמע ישראל וכו׳ ד׳ אחד״ איז דאָס וואָרט „אחד״ מיט אַ גרויסע „ד״, כדי מען זאָל עס נישט פערבייטען אויף קיין „ר״...

און דאָס איז — „רד כי שחת עמך״: מיט דער מעשה־העגל האָבען די אידען פערדאָרבען און איבערגעביטען די אותיות „ר ד״, די „ר״ פון „אחר״ און די „ד״ פון „אחד״...

(רבי לייביש חריף)

ראיתי את העם הזה והנה עם קשה עורף הוא... (לב. ט.)

„שלשה חצופים הם, חצוף בחיה — כלב, בעוף — תרנגול, ובאומות — ישראל...
אתה סבור שהוא לגנאי? ואינו אלא לשבחן״... (מדרש רבה)
„א״ר אבין, עד עכשו קורין את ישראל בחוצה לארץ: האומה של קשה עורף״ (דאָרט)

און דאָס — זאָגט רבי מרדכי יוסף איזשביצער — איז דער טייטש: „ראיתי את העם הזה״, עס געפעלט מיר (פון „רואה אני את דברי אַדמון״), „והנה עם קשה עורף הוא״, וואָס אידען זענען אַנ׳עם קשה עורף, וואָרום ווען נישט דידאָזיגע מדה, וואָלטען זיי נישט ביכולת געווען אויסצוהאַלטען דעם גלות...

(מי שלוח)

ואעשה אותך לגוי גדול... (לב. י.)

פאַרהאַן אַ מדרש פליאה: „כששמע משה מפי הגבורה אנכי ד' אלקיך בירך ברוך שלא עשני גוי".

דער זין פונ'ם דאָזיגען מאמר, וועלכער זעהט אויס אין פלוג אונפאַרשטענדליך, איז:

די חז"ל זאָגען, אַז בשעת משה האָט געהערט פון השי"ת די ווערטער: „ועתה הניחה לי ויחר אַפי בהם ואכלם ואעשה אותך לגוי גדול", האָט ער ממליץ געווען אויף די אידען און גע'טענה'ט: „אנכי ד' אלקיך לי אמרת ולא להם", די אידען זענען, הייסט עס, נישט מחויב געווען מקיים צו זיין דעם געבאָט פון „אנכי", ווייל זיי האָבען געהאַט דאַס רעכט צו מיינען, אַז ער איז געזאָגט געוואָרען בלשון־יחיד, בלויז צו משה'ן אַליין.

און דאַס, אַלזאָ, איז די כוונה פון מדרש: „כששמע משה מפי הגבורה אנכי ד' אלקיך", בשעת ער האָט דערהערט זאָגען: „אנכי ד' אלקיך" בלשון יחיד, „בירך ברוך שלא עשני גוי", האָט ער געמאַכט אַ ברכה און זיך געפרעהט: „שלא עשני גוי", וואָס עס וועט צוליעב דעם נישט אויסגעפיהרט ווערען דער „ויחר אַפי בהם וכו' ואעשה אותך לגוי גדול", דען ער וועט האָבען דאָס רעכט צו טענה'ן צו השי"ת: „אנכי ד' אלקיך לי אמרת ולא להם"...

(ילקוט האורים)

למה ד' יחרה אפך בעמך אשר הוצאת מארץ מצרים בכח גדול וביד חזקה... (לב. יא.)

וואָסערע טענות קאָנסטו האָבען צו די אידען? — בגוואַלד האָסטו זיי דאָך אַרויס־גענומען פון מצרים, „בכח גדול וביד חזקה"; זיי אַליין האָבען דאָך עס גאַר אינגאַנצען נישט געוואָלט...

(אור תורה)

אַ גביר האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער פאַר אַנ'אָרימען קליינשטעדטעלדיגען ישיבה־בחור און, כנהוג, האָט ער איהם געגעבען קעסט און געשטאָפּט איהם מיט די בעסטע און טייערסטע מאַכלים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר... ויהי היום, איינמאַל, ווען דער גביר איז אין דער היים נישט געווען, האָט דער אידעם צופעליג פאַרבלאָנ־דזשעט אין קיך — און דערזעהענדיג דאָרט שוואַרץ ברויט מיט ציבעלעס, זיינע אַמאָליגע טאָג־טעגליכע מאַכלים, האָט ער זיך נישט געקאָנט בעהערשען און ער האָט זיך צוגעכאַפּט דערצו מיט אַזאַ אַפּעטיט, מיט אַזאַ אויסטערלישער תאוה, דאָס ער האָט זיך איבערגעגעסען און איז קראַנק געוואָרען... ווען דער שווער איז אַהיים געקומען און ער האָט דערהערט, וואָס עס האָט מיט דעם אידעם זיינעם פּאַסירט, איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרען: דו אַזעלכע און אַזעלכער, דו שוטה איינער! ווי פּאַלסטר־אויס זיך אָנצועסען מיט דידאָזיגע גראָבע מאַכלים, אין דער צייט, ווען ביי מיר אין שטוב שטעהט גרייט פאַר דיר פון אַלעם גוטען!?... אמת, — פערענטפערט זיך דער אידעם, — אַוודאי זענען אייערע מאַכלים פיעל בעסער; איהר דאַרפט אָבער נישט פערגעסען, שוואַר־לעב, פונוואַנען איך שטאַם, פון וואָס פאַר אַ קבצנ'ישער שטוב איך קום אַרויס. דאָרט האָט מען מיך דעם גאַנצען לעבען געקאָרמעט מיט ברויט און ציבעלעס — און דעריבער, אַז כ'האָב דאָ דערזעהען דידאָזיגע מאַכלים, האָב איך נישט געקאָנט גובר זיין די תאוה, פון אַ רגילות איז נישט אַזוי לייכט אָבצוגעוועהנען זיך!...

דאָסזעלבע האָט משה רבינו, נאָכ'ן מעשה־העגל, גע'טענה'ט צו גאָט: „למה ד' יחרה אַפּך בעמך", נאָכוואָס זאָלסטו, גאָט, אויף זיי אין כעס זיין? פערגעס נישט, פונוואַנען עס שטאַמט דערדאָזיגער אײדעם, מיט וועלכען דו האָסט זיך ערשט מתחתן געווען, אין וואָס פאַר אַ הויז און צווישען וואָסערע מענשען ער איז ערצויגען געוואָרען — „אשר הוצאת מארץ מצרים"... אין אַ מקום טומאה און עבודה־זרה האָט ער זיך אויסגעהאָדעוועט... טאָ וואָס איז דער חידוש, וואָס ער קאָן אַזוי גיך נישט אויסרייסען פון זיך די אַלטע, מיאוס'ע רגילות'ן?...

(כפלים לתושיה)

ויפן וירד משה מן ההר... (לב. טו.)

בשעת משה איז געשטאַנען פאַר השי"ת האָט ער אויף די אידען מלמד־זכות געווען און געהאַלטען אין איין לויבען, אין איין ריהמען זייערע מעלות־טובות, ערשט שפּעטער, נאָכ'ן „ויפן משה וירד מן ההר", ווען ער איז געווען מיט די אידען אַליין, האָט ער זיי געשליידערט דעם ביטערען אמת אין פּנים אַריין און אָנגעוויזען אויף זייערע חסרונות, אויף זייערע עולות און חטאים... אין דעם דאָזיגען דרך דאַרף זיך אויך האַלטען יעדער אידישער מנהיג. אַנדערש דאַרף ער רעדען מיט די אידען זעלבסט און אַנדערש — ווען ער רעדט מיט אַנדערע וועגען אידען...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

און דאָס איז אויך דער פשט: „כשופר הרם קולך". דער שופר ערפילט גלייכצייטיג צוויי אויפגאַבען. פון איין זייט, ווענדענדיג זיך צום הימעל, איז ער ממליץ־טוב אויף אידען, דערמאָהנענדיג, אלס „קרן־איל", דעם זכות פון דער עקדה, דאַגעגען פון דער צווייטער זייט, ווענדענדיג זיך צו די אידען, איז ער אויף זיי מטיל־אימה און דערמאָהנט זיי אין זייערע זינד — „היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו"... עהנליך דאַרף זיך אויך אויפפיהרען דער אידישער מוכיח, ביי וועלכען עס דאַרף זיין „תוכחת מגולה ואהבה מסותרת"...

(רבי אלעזר פלעקעלש)

לוחות כתובים משני עבריהם... (לב. טו.)

„משני עבריהם", זאָגען די מפרשים, מיינט מען „נגלה" און „נסתר".

אויב אַ איד — דריקט־זיך אויס דער חתם־סופר אין אַנ'אָרט — זאָגט „בנגלה" (עפענטליך), אַז ער גלויבט נישט אין „נ ס ת ר" — איז אַ סימן, אַז „בנסתר" (אין געהיים, ביי זיך אין האַרצען) גלויבט ער אויך נישט אין „נ ג ל ה"...

מזה ומזה הם כתובים... (לב. טו.)

צום קאַלישען רב, רבי חיים אלעזר וואַקס, איז אַמאָל געקומען זיינער אַ ידיד, אַ רייכער סוחר און אַנ'איש נכבד און איהם מגלה געווען, אַז ער האַלט ביי מאַכען גאַר אַ גרויס געשעפט, וואָס אויב ער זאָל דערביי אָנווענדען אַ געוויסע סוחר'ישע ערמה און קאָמבינאַציע, קאָן איהם געלונגען אַ סך געלד צו פערדיענען.

ענטפערט איהם דער קאַלישער רב: די תורה דערצעהלט אונז וועגען די לוחות, אַז „מזה ומזה הם כתובים", אַז זיי זענען געווען געשריבען פוןביידע זייטען. צוליעב

וואס דערצעהלט זי עס אונז? כדי צו וויסען, אז ווי אזוי, אויף וועלכע זייט מען זאל די תורה נישט דרעהען, בלייבט אלץ דער — „לא תגנוב"...

ויהי כאשר קרב אל המחנה וירא את העגל ומחולות... (לב. יט.)

ווען משה האט, אויסער דעם עגל, אויך דערזעהן די מחולות, די טענץ, דאן — „ויחר אף משה וישלך מידיו את הלוחות". פון מענשען, וואס לא־די זיי האבען געזינדיגט, טאנצען זיי נאך און פרעהען זיך מיט די בעגאנגענע זינד, פון אזעלכע מענשען איז שוין קיין גוט׳ס נישט צו ערווארטען...

(רבי יצחק קארו)

מען האט דערצעהלט דעם חדושי הרי״ם וועגען איינעם פון זיינע חסידים, א ווארשאווער יונגערמאן, וועלכער האט גע׳שמ׳ט אלס גרויסער למדן, אז ער האט זיך מתחבר געווען מיט די משכילים און איז נתפקר געווארען. דערהערענדיג די דאזיגע טרויעריגע ידיעה האט דער חדושי־הרי״ם ארויסגעגעבען א שטרענגען בעפעהל צו די חסידים, אז עס זאל קיינער נישט דערוועגען צו רעדען אויף איהם א שלעכט ווארט. נישט לאנג דערנאך איז דער חדושי־הרי״ם אוועק צום דאזיגען יונגערמאן, זיך פער־מאכט מיט איהם אין א חדר־מיוחד, וואו ער האט מיט איהם אבגעשמועסט א לענגערע צייט און ארויסגעהענדיג פון דארט האט ער א געשריי געטהון אויף איהם פאר אלעמען אין די אויגען: רשע!

און דאן האט זיך דער חדושי הרי״ם געווענדעט צו זיינע בעגלייטער און זיי ערקלערט:

בשעת משה רבינו האט דערהערט, אז די אידען האבען געזינדיגט, האט ער נישט צובראכען באלד די לוחות, געטהון האט ער דאס ערשט שפעטער „כאשר קרב אל המחנה וירא את העגל ומחולות", שטיצענדיג זיך דערביי, ווי רש״י ברענגט אויפ׳ן ארט, אויף א קל־וחומר פון קרבן־פסח. איז אייגענטליך נאכוואס האט ער געדארפט ווארטען אזוי לאנג? דעם זעלבען קל־וחומר האט ער דאך אויך פריהער געקענט ארויסלערנען? נאר פריהער האט משה רבינו געהאפט, אז בעת ער וועט געהן צו זיי און זיי וועלען דערזעהען דעם רבי׳ן זייערען, וועלען זיי זיך שעמען און חרטה האבען, און דעריבער האט ער אויף זיי נישט געלאזט רעדען קיין שלעכט ווארט און ער האט זיי פערטיידיגט און געטענה׳ט: „למה ד׳ יחרה אפך", אבער „ויהי כאשר קרב אל המחנה וירא את העגל ומחולות", זעהענדיג אז זיי שעמען זיך שוין פאר׳ן רבי׳ן אליין אויך נישט, אז זיי טאנצען ארום עגל אויך איהם אין די אויגען, דאן — „ויחר אף משה וישלך מידיו את הלוחות", אויב זיי שעמען זיך שוין אפילו פאר׳ן אייגענעם רבי׳ן נישט, דאן איז נישטא מעהר קיין האפנונג, מען זאל זיי מחזיר למוטב זיין...

וישלך מידיו את הלוחות... (לב. יט.)

קומט אראב א משה רבינו, איין־איינציגער איד מיט א תורה׳לע אין דער האנד און ער קוקט זיך ארום און דערזעהט, אז ער איז געבליבען א מנהיג אהן א פאלק, א רבי אהן תלמידים, אלע אידען דיענען די עבודה־זרה, נאר ער איינער דרעהט זיך ארום מיט א תורה, איז — „וישלך מידיו את הלוחות"...

(רבי יחזקאל מקוזמיר)

פאַרוואָס האָט ער ערשט איצט צובראָכן די לוחות און נישט פריהער, תיכף ווי נור ער האָט דערהערט, אַז די אידען האָבען געזינדיגט און אַן עגל געמאַכט?

נאָר הערענדיג דעם אויבערשטענס ווערטער: „ועתה הניחה לי ויחר אפי בהם ואכלם ואעשה אותך לגוי גדול", אַז צוליעב'ן בעגאַנגענעם חטא פון עבודה־זרה, איז השי"ת גרייט, חלילה, אַלע אידען אומצוברענגען און בלויז ער אַליין, משה, וועט בלייבען לעבען, בכדי עס זאָל דורך איהם מקוים ווערען די געטליכע הבטחה פון „ארבה את זרעך ככוכבי השמים", און מורא האָבענדיג, אַז עס זאָל טראַץ זיין תפלה אַזוי נישט געשעהען, דעריבער — „ויחר אף משה וישלך מידיו את הלוחות", האָט ער צעבראָכען די לוחות בשעת ער איז געווען אין כעס, און די חז"ל זאָגען דאָך: „כל הכועס כאילו עובד עבודה־זרה", ממילא וועט ער שוין האָבען דעם זעלבען דין וואָס כל־ישראל און מען וועט שוין נישט קאָנען לגבי איהם מאַכען דעם אויסנאַהם פון „ואעשה אותך לגוי גדול", און בכדי צו דערהאַלטען די געגעבענע שבועה וועט מען שוין אַלעמען מוזען מוחל זיין...

(דברי אליעזר)

כי פרעה אהרן לשמצה בקמיהם... (לב. כה.)

„להיות להם הדבר הזה לגנות בפי כל הקמים עליהם" (רש"י)

דערמיט, וואָס די אידען האָבען געמאַכט אַן עגל און אָנגעהויבען דינען צו עבודה־זרה, וועלען זיי ביי די גוים נישט נושא חן זיין, נאָר פערקעהרט, זיי וועלען ווערען „לשמצה בקמיהם". מיט פעראַכטונג וועט מען זיך בעציהען צו זיי און מיט נאַכמעהר שנאה, ווי פריהער, דען די גרעסטע פעראַכטונג האָבען די גוים צו יענע אידען, וועלכע בעמיהען זיך זיי נאָכצוטהון און נאָכצומאַלפּעווען...

(אדני פז)

ויאספו אליו כל בני לוי... (לב. כו.)

„מכאן שכל השבט כשר" (רש"י)

ביי'ם פוילישען קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט איז געווען פינאַנץ־ראַט דער איד ר' ישכר בער הלוי לעהמאַן. צווישען קעניג'ס מקורבים האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבען נישט געקענט פערטראָגען, הלמאי אַ איד פערנעהמט אַזאַ הויכען אַמט און איינער פון זיי האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט'ן קעניג אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג, ווי אַזוי מען קען האָבען צוטרוי צו אַ איד אין פינאַנציעלע ענינים, ווען די אידען זענען זעהר כיטרע אויף געלד און נאָך אין דער מדבר האָבען זיי געדיענט צו גאָלד, צום עגל־הזהב.

דערויף האָט איהם דער קעניג אויגוסט, וועלכער פלעגט אָפט לייענען די ביבעל, געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— מיין איד לעהמאַן, דאַרפט איהר וויסען זיין, איז אַ לוי און די לויים, ווערט דערצעהלט אין דער ביבעל, האָבען צום עגל־הזהב נישט געדיענט. פערקעהרט, זיי האָבען זיך בלוטיג נוקם געווען אין די יעניגע, וועלכע האָבען געהאַט צו טהון מיט'ן גאָלדענעם קאַלב...

ויפול מן העם ביום ההוא כשלשת אלפי איש... (לב. כח.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „כשלשת אלפי איש, הדא הוא דכתיב חמשה בקר ישלם תחת השור".

עס איז אין פלוג אַ אונפערשטענדליכער מאמר. וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָר אין מדרש רבה קהלת, אויפ'ן פסוק „אדם אחד מאלף מצאתי — ואשה בכל אלה לא מצאתי", ווערט גע'דרש'נ'ט: „אדם אחד מאלף מצאתי — זה מעשה העגל שאחד מאלף חטא, ואשה בכל אלה, באלה אלהיך ישראל לא מצאתי, דנשים לא חטאו בעגל".

לויט'ן דאָזיגען דרש, אַז געזינדיגט במעשה העגל האָט נאָר איינער פון טויזענד, קומט, אַלזאָ, אויס, אַז פון די ששים רבוא אידען האָבען בס"ה געזינדיגט זעקס הונדערט, און אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס זענען פון זיי געפאַלען „כשלשת אַלפי איש", דריי טויזענד?

און דערויף זאָגט דער מדרש: „הדא הוא דכתיב חמשה בקר ישלם תחת השור", פאַר דיענען דעם עגל, דעם „תבנית שור אוכל עשב", איז דער עונש געווען, זיי זאָלען בעצאָהלען פינף מאָל אַזוי פיעל און פינף מאָל זעקס הונדערט איז — „שלשת אלפי איש"...

(ווילנער גאון)

אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך... (לב. לב.)

מיט'ן מעשה־העגל זענען די אידען אַ צווייפאַכע זינד בעגאַנגען: בין אדם למקום און בין אדם לחבירו, אי געגען השי"ת, אי געגען משה'ן, בעשטימענדיג אַ קאַלב אַלס ממלא־מקומו... האָט דעריבער משה ערקלערט: „אם תשא חטאתם ואם אין", צי דו ווילסט זיי יאָ מוחל זיין די זינד, וואָס זיי האָבען געזינדיגט געגען דיר, צי נישט, אָבער קודם־כל, וואָס מ י ר אַנבעלאַנגט, איז — „מחני נא מספרך", מ י ך מעק־אויס, מ י ך מישט נישט אַריין אין אָט דער גאַנצער זאַך; מ י י ן קשיוודע, מ י י ן בע־ליידיגטען כבוד בין איך מוחל...

(רבי דוד־טעביל ממינסק)

והביטו אחרי משה... (לג. ח.)

זאָגט דערויף דער מדרש, אַז די אידען האָבען גערעדט צווישען זיך און גע־מורמעלט: „אוכל מדילן ושתי מדילן"... אונזערס עסט ער, אונזערס טרינקט ער!...

וואָס דען האָבען זיי געוואָלט? שוין־זשע זענען זיי געווען אַזעלכע רשעים, אַז עס איז ביי זיי רעכט געווען, אַז מען דאַרף אַזאַ משה רבינו לאָזען הונגערן?

נאָר דער פשט איז: זיי האָבען גערעדט צווישען זיך, אַז דאָס, וואָס דערדאָזיגער משה רבינו איז אַזאַ צדיק, איז נישט קיין גרויסע רבותא; „אוכל מדילן ושתי מדילן" — ער האָט נישט קיין דאַגות־הפרנסה, קהל האַלט איהם אויס, טאָ פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין קיין צדיק?... יעדער איינער פון זיי וואָלט געקאָנט דאָסזעלבע בעוויזען, ווען קהל זאָל אים מיט אַלעם פערזאָרגען...

(כתב סופר)

וחנותי את אשר אחון... (לג. יט.)

„וחנותי את אשר אחון — אף על פי שאינו הגון" (ברכות ז׳)

רבי זושא אַניפּאָלער האָט געהאַט אַ רייכען חסיד, וועלכער פלעגט פון צייט צו

צייט קומען צו איהם און איהם מהנה זיין מיט אַ בכבוד׳יגען פדיון. איינמאָל איז ער געקומען צו פאָהרען און דעם רבי׳ן נישט געטראָפען.

— וואו איז דער רבי?

— דער רבי — ענטפערט איהם די רביצין — איז אַוועקגעפאָהרען צו זיין רבי׳ן.

— וואָס? — חדוש׳ט זיך דער גביר — דער רבי אַליין האָט אויך אַ רבי׳ן?

— יאָ — ערקלערט איהם די רביצין — דער רבי זיינער איז דער מגיד פון מעזריטש.

ווי דער גביר האָט דאָס געהערט האָט ער געטראַכט ביי זיך: מה־דאָך, אַז כ׳בין געפאָהרען צו דעם רבי׳ן האָב איך ב״ה מצליח געווען אין מיינע עסקים, מכל־שכן, אַז איך וועל אָנהויבען פאָהרען צום רבינ׳ס רבי׳ן, וועל איך דאָך אַוודאי מצליח זיין!

פון דאַמאָלס אָן האָט ער גענומען כסדר פאָהרען צום מעזריטשער מגיד. אָבער וואָס מעהר ער איז געפאָהרען אַלץ מעהר האָט זיך די הצלחה אָבגעטהון פון איהם און די עסקים האָבען אָנגעהויבען געהן באַרג אַראָב.

ער האָט גענומען מפשפש במעשיו זיין און ער האָט איינגעפונען, אַז דאָס איז ער נענש געוואָרען דערפאַר ווייל ער האָט בעליידיגט דעם רבי׳ן ר׳ זושא און אויפגעהערט צו פאָהרען צו איהם. ער איז, אַלזאָ, גלייך אַוועק קיין אַניפּאָלע און אַריינקומענדיג צום רבי׳ן האָט ער איהם מפייס געווען און געפרעגט:

— זייט מיר מוחל, רבי, און ערקלערט מיר: פאַרוואָס אַז כ׳בין געפאָהרען צו אייך, האָב איך ב״ה כסדר מצליח געווען און בין געשטיגען מעלה מעלה און ווי נור כ׳האָב אָנגעהויבען פאָהרען צום רבי׳ן פון מעזריטש, צו וועלכען אויך איהר אַליין, רבי, פאָהרט, האָט זיך די הצלחה מיט איינמאָל פון מיר אָבגעטהון?

— עס איז גאַנץ פשוט — ערקלערט איהם דער רבי ר׳ זושא — לעולם בין איך אַליין גאָר לגמרי קיין צדיק נישט. כ׳בין אַ געוועהנליכער איד ווי אַלע אידען, און דעריבער, אַז דו פלעגסט צו מיר קומען און געבען געלד, כאָטש איך בין דערצו נישט כדאי און נישט ראוי געווען, האָט מען אויך מיט דיר אין הימעל נישט מדקדק געווען און מען האָט אויך דיר געגעבען מיט דער פולער האַנד, כאָטש דו האָסט עס דיר אפשר ניט פערדינט און ביזט נישט כדאי און ראוי געווען. מיט׳ן מאָמענט אָבער ווען דו האָסט אָנגעהויבען מדקדק זיין און אויסגעזוכט פאַר זיך אַנ׳אמת׳ן צדיק, דעם מגיד פון מעזריטש, איינגעפינענדיג, אַז איך בין פאַר דיר צו־קליין, האָט מען אין הימעל אויך מיט דיר אָנגעהויבען מדקדק זיין און דעריבער האָט זיך די הצלחה פון דיר אָבגעטהון...

פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים... (לד. א.)

„הפסלת לך משם העשיר משה. אמר הקב״ה: דין הוא שיטול אותן פסולת משה למה, אלא ישראל שלא נתעסקו במצוות נתתי להם כל טוב ארץ מצרים וכו׳ ומשה שעסק בעצמותיו של יוסף והיה עני אתן לו הפסלת שיעשיר״ (מדרש רבה)

פרעגט זיך: אויב דאָס איצטיגע עשירות איז געווען אַנ׳ענטשעדיגונג פאַר משה׳ן פאַר דעם היזק, וואָס ער האָט געהאַט ביים ביזת־מצרים, בשעת ער האָט עוסק געווען בעצמותיו של יוסף, האָט דאָך השי״ת איהם געקאָנט באַלד דאַמאָלס רייך מאַכען און נישט לאָזען איהם וואַרטען ביז צום אויסהאַקען די צווייטע לוחות און די גאַנצע צייט זאָל ער דערווייל זיין אַנ׳ארימאַן?

באמת, אָבער, האָט משה קיין שום לוסט נישט געהאַט צו עשירות און אויך איצט האָט ער זיך דערין נישט געגויטיגט. נאָר נאָכ'ן מעשה־העגל, בשעת משה רבינו האָט געטענה'ט צו השי"ת: „בשביל כסף וזהב שהשפעת להם לישראל וכו' הוא גרם להם שעשו העגל, אין ארי נוהם מתוך קופה של תבן אלא מתוך קופה של בשר" (ברכות לב.), האָבען די אידען געהאַט אַ גרונד איהם צו ענטפערען: „אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו", אַז איהם איז לייכט צו זאָגען אַנדערע מוסר, ווייל ער איז אַנ'אָרימאַן און האָט קיין געלד נישט, ווען אָבער אויך ער וואָלט געווען אַנ'עושר און געהאַט דעם דאָזיגען „קופה של בשר", וואָלט ער נישט געווען בעסער פון זיי און אויך ער וואָלט דעם נסיון נישט בייגעשטאַנען... און דעריבער האָט איהם השי"ת איצט, נאָכ'ן מעשה העגל, בעשאַנקען מיט עשירות, כדי צו ווייזען די אידען, אַז משה רבינו קאָןביישטעהן נישט נור דעם נסיון־העוני, נאָר אויך דעם נסיון־העושר...

(קטרת סמים)

פסל לך שני לוחות אבנים... (לד. א.)

„לא העשיר משה אלא מפסלתן של לוחות, שנאמר פסל לך, פסלתן שלך יהא, אמר רבי יוחנן אין הקב"ה משרה שכינתו אלא על גיבור ועשיר וחכם ועניו, וכולן ממשה"

(נדרים ל"ח)

צי דען זענען גבורה און עשירות אַזעלכע מעשים טובים, אַז צוליעב זיי איז דער מענש אַזש זוכה צו השראת השכינה?

נאָר פון די אַלע אויסגערעכענטע מדות איז די וויכטיגסטע באמת די מדה פון עניוות, אָבער בשעת דער עניו איז אַ קרענקליך שוואַכע בריאה, און דערצו איז ער אויך אַ קבצן און אַ שוטה, האָט זיין עניוות קיין שום ווערט נישט, וואָרום זאָל ער פּרובען, אַדרבה, און זיין אַ בעל־גאוה און זיך גרויס האַלטען, מען וועט דאָך מאַכען פון איהם ליצי־ליצנות!... אַ רבותא איז, ווען דער מענש האָט זיך מיט וואָס גרויס צו האַלטען, ער איז אַ גבור, אַנ'עושר, אַ חכם, און דאָך מאַכט ער פון זיך קיין ווזען נישט און צייכענט זיך אויס מיט עניוות — אַזאַ איינער פערדיענט, אַז די שכינה זאָל רוהען אויף איהם!...

(משל ומליצה)

עהגליך טייטשט דער דובנער מגיד: „כספו לא נתן בנשך ושוחד על נקי לא לקח, עושה אלה לא ימוט לעולם".

עס איז נישט קיין רבותא, ווען איינער ריהמט זיך, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל קיין רבית נישט גענומען, אין דער צייט, וואָס דער דאָזיגער פאַרשוין טרויט בכלל נישט אַרויס קיין גראָשען פון האַנד און ער האָט נאָך אין זיין לעבען קיינעם קיין גמילות־חסד נישט געבאָרגט. עס איז אויך קיין רבותא נישט, ווען אַ פּראָסטער מענש, צו וועלכען עס וועט גאָר קיינעם נישט איינפאַלען צו ווענדען זיך מיט משפטים און בוררות'ן, ריהמט זיך, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גענומען קיין שוחד.

אַ רבותא איז, ווען ער איז „עושה אלה", ווען ער באָרגט געלד און פיהרט משפטים און פונדעסטוועגען האָט ער נאָך קיינמאָל נישט גענומען קיין נשך און קיין שוחד — אַזעלכען קומט געלויבט צו ווערען און אַזעלכער פערדיענט די ברכה, אַז „לא ימוט לעולם!"...

רבי ישראל'טשע ריזשינער האָט זיך אַמאָל צונויפגעטראָפען מיט רבי מאיר'ל

פרימישליאַנער. דער ריזשינער האָט, כידוע, געפיהרט אַ רייכען ברייטען שטאָט און דער פרימישליאַנער האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז לפי דעתו, דאַרפען צדיקים נישט לעבען אין אַזאַ הרחבה. דערויף האָט איהם דער ריזשינער געענטפערט, אַז אויך משה רבינו האָט געלעבט אין עשירות, ווי די חז״ל זאָגען און ווי רש״י ברענגט אויפ׳ן פסוק „פסל לך״ — „הראהו מחצב של סנפירינון מתוך אהלו ואמר הפסולת יהי׳ שלך ומשם נתעשר הרבה״.

רופט זיך אָן רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער:

— הייליגער ריזשינער! אויב השי״ת האָט געוויזען משה׳ן אין זיין געצעלט אַ „מחצב של סנפירינון״, אַ גאַנצע שיכט מיט ברילליאַנטען, טאַ נאַכוואָס האָט ער איהם געהייסען רייך ווערען פונ׳ם פסולת פון די לוחות? פונ׳ם „מחצב של סנפירינון״ האָט ער דאָך געקענט האָבען אַ סך מעהר עשירות? נאָר דער פשט איז, הגם, ער האָט איהם געוויזען אַ „מחצב של סנפירינון״ האָט ער איהם נישט געהייסען דערפון נהנה זיין, דען אַ צדיק דאַרף נישט קיין עשירות, אַ צדיק דאַרף נישט קיין ברילליאַנטען, נאָר „הפסולת יהי׳ שלך״, ערנעהרען זאָל ער זיך פון „פסולת״, פון קלייניגקייטען און — „משם נתעשר הרבה״, דען נאָר דאָס איז די אמת׳ע עשירות פאַר אַ צדיק. „איזהו עשיר — השמח בחלקו״...

ד׳ ד׳ אל רחום וחנון... (לד. ו.)

דערויף זאָגען די חז״ל: „אני הוא קודם שיחטא האדם ואני הוא לאחר שיחטא״.

פרעגען די מפרשים: „קודם שיחטא״, איידער דער מענש זינדיגט, אויב ער האָט נאָך נישט קיין שום חטאים אויף זיך, נאָכוואָס נויטיגט ער זיך אין מדת־הרחמים? ענטפערט דערויף רבי מענדעלי קאָצקער: דער מענש, וואָס זינדיגט נישט, דאַרף האָבען גרויס רחמים, אַז ער זאָל צוליעב דעם אַליין נישט אַרומגעהן אַ צופרידענער מיט זיך און נישט אַריינפאַלען אין גיאות, אינ׳ם שווערסטן חטא פון אַלע חטאים...

נצר חסד וכו׳ פוקד עון אבות על בנים... (לד. ז.)

אויך דאָס איז אַ חסד, וואָס „פוקד עון אבות״, וואָס בשעת די אידען זינדיגען, נעהמט השי״ת אין אַכט, אַז נישט אין זיי ליעגט די גאַנצע שולד, דען אויך זייערע עלטערען האָבען געזינדיגט און ממילא האָבען זיי זיך געהאַט פון וועמען אַראָבצו־לערנען...

(דמשק אליעזר)

„פוקד״, ער מינערט (פון לשון „ולא נפקד ממנו איש״) די זינד פון די פאַטערס, „על בנים״, אין זכות פון די קינדער, אויב די קינדער זענען גוט; דען — „ברא מזכה אבא״...

(מהר״ם אלגאזי)

אַ צווייטער פשט:

„פוקד עון אבות על בנים״, ער געדענקט די זינד פון די פאַטערס צו די קינדער: אַז די קינדער זינדיגען, איז זייער שולד און שטראָף אַ קלענערע, אויב דערצו האָבען גורם געווען די עלטערן, ווייל זיי האָבען זיי קיין בעסערע ערציהונג נישט געגעבען,

ווייל אויך די עלטערן אליין זענען נישט בעסער געווען, און די קינדער האבן זיך געהאט אויף וועמען צו פערקוקען...

(הדרש והעיון)

וימהר משה ויקוד ארצה וישתחו... (לד. ח.)

וואס עפיס „וימהר", פארוואס האט ער זיך געאיילט?

נאר ווי משה האט דערהערט, ווי השי"ת רעכענט אויס, אז די זינד פון עגל וועלען איבערגעטראגען ווערען „על בנים ועל בני בנים, על שלשים ועל רבעים"... האט זיך משה צוגעאיילט און זיך גענומען בוקען, כדי מפסיק צו זיין די דברי השם, דער חשבון זאל זיך נישט ציהען נאך ווייטער...

(יערות דבש, אויך אין כלי יקר)

ילך נא ד' בקרבנו כי עם קשה עורף הוא... (לד. ט.)

„והנה עם קשה עורף הוא, א"ר יקים שלשה חצופים הם, בחיה — כלב, בעוף — תרנגול ובאומות — ישראל... אתה סבור שהוא לגנאי — ואינו אלא לשבחן" (שמות רבה פ' מ"ב)

די מדה פון עקשנות, פון קשיות עורף, האט איהרע שלעכטע, אבער פיעל מעהר נאך איהרע גוטע זייטען, און ווי מיר זעהען פון פסוק, האט סיי השי"ת, סיי משה רבינו, זיך בענוצט מיט דער זעלבער טענה. השי"ת האט געזאגט: „כי לא אעלה בקרבך כי עם קשה עורף אתה!" דערויף האט משה רבינו געענטפערט: אדרבה! „ילך נא ד' בקרבנו כי עם קשה עורף הוא!" די מדה פון עקשנות, דאס איז דוקא די גרויסע מעלה פון פאלק ישראל, הגם ער מאכט אמאל אנ'עגל, איז ער אבער אויך גרייט, ווען מען דארף, זיך מוסר נפש צו זיין פאר זיין גאט און פאר זיין תורה, איבערצו־טראגען די שווערסטע ענויים און נסיונות און זיך נישט אונטערצוגעבען!...

(חומר לדרוש)

א פעדלער, וועלכער האט ארומגעטראגען הילצערנע לעפעל צו פערקויפען, איז אמאל געקומען מיט זיין סחורה אין דער רעזידענץ־שטאדט, וואו ער האט אויפגעזוכט די סאמע שענסטע און רייכסטע גאס און זיך אוועקגעשטעלט מיט זיין קרעמעל. אבער אבשטעהענדיג א גאנצען טאג, האט ער קיין איין גראשען נישט געלייזט... פערדריסט דאס איהם און ער וואונדערט זיך: אזא רייכע גאס, בלויז גבירים, און מען זאל עס קיין קונה פאר די אויגען נישט זעהן!... דערזעהט איינער פון די דורכגעהער, ווי אנ'ארימער פעדלער שטעהט פער'דאגה'ט און ברומט עפעס אזוי בייז, שטעלט ער זיך אב און מאכט צו איהם: א רחמנות אויף אייער צייט, דא וועט איהר מיט אייער סחורה גארנישט מאכען, דא וואוינען בלויז גבירים, זיי דארפען נישט קיין הילצערנע לעפעל, זיי עסען מיט זילבערנע... אויב איהר ווילט אבלייזען אייער סחורה, טא זייט זיך מטריח און שפאצירט זיך אריבער אין ארימען אידישען קווארטאל, וואו עס וואוינען קבצנים; דארט, זעהט איהר, וועט איהר אויף אייערע הילצערנע לעפעל א סך בעלנים געפינען...

דאס זעלבע האט משה גע'טענה'ט צום אויבערשטען: מיט דיינע שלש־עשרה מדות פון רחמים וועסטו אויפ'ן הימעל, צווישען די מלאכים דיינע, גארנישט מאכען; זיי האבען נישט קיין יצר־הרע, זיי זינדיגען נישט און זיי נויטיגען זיך נישט אין את דער גאנצער סחורה... „אם נא מצאתי חן בעיניך ד'", אויב דו ווילסט באמת מאכען

געשעפט — „ילך נא ד׳ בקרבנו" — קום צו אונז, צום ביסעל אידען — „כי עם קשה עורף הוא" — ווארום דאס איז א פאלק, וואס האלט אין איין זינדיגען, און זיי זענען דעריבער די אמת׳ע קונים, וועלכע נויטיגען זיך אין דיינע ארטיקלען פון סליחה ומחילה — „וסלחת לעוננו ולחטאתנו" — נאר ביי זיי וועסטו קאנען אויסברענגען דאס דאזיגע ביסעל סחורה...

(דובנער מגיד)

כי לא תשתחוה לאל אחר וכו׳ אל קנא הוא... (לד. יד.)

„אל קנא הוא", ער איז איפערזיכטיג (פון לשון „וקנא לאשתו") און ער וויל נישט, אז מען זאל זיך אבגעבען אויך מיט אנדערע געטער...

(רבי יוסף אבן כספי און אזוי טייטשט אויך דער ספורני אין פ׳ יתרו)

ולא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות את פני ד׳ אלקיך... (לד. כד.)

„מפני מה אין פירות גינוסר בירושלים? כדי שלא יהיו עולי רגלים אומרים אלמלא עלינו אלא לאכול פירות גינוסר בירושלים דיינו, נמצאת עליה שלא לשמה" (פסחים ח.)

איז דערפון צו זעהן — האט געזאגט הרב קוק — אז די עליה קיין ארץ־ישראל, דארף זיין לשמה, נישט צוליעב אייגענע פערזענליכע נוצען ולשם עסקים און ביזנעס, און נור דאן וועט זיין „ולא יחמוד איש את ארצך", וועלען מיר נישט האבען אויף זיך אזויפיעל מקטרגים ביים בנין הארץ...

כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית... (לד. כז.)

דערויף דרשנ׳ען די חז"ל: „לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל אלא על ידי תורה שבעל פה". וואו איז דאס מרומז אינ׳ם דאזיגען פסוק?

ווארום פריהער, פאר דעם פסוק, שטעהט: „לא תבשל גדי בחלב אמו", און די חז"ל זאגען אונז, אז בשעת די מלאכים האבען מקטרג געווען געגען געבען אידען די תורה, האט זיי משה רבינו מנצח געווען דערמיט, וואס ער האט זיי פארגעווארפען, אז זיי האבען ביי אברהמ׳ן געגעסען „בשר בחלב". פרעגט זיך: די מלאכים האבען דאך ביי אברהמ׳ן געגעסען „בן בקר וחמאה", ווערענד די תורה האט בלויז גע׳אסר׳ט „גדי בחלב אמו"? איז דערפון אלזא א ראיה, אז מען מוז זיך אין די דבר־תורה שטיצען אויף די דברי חז"ל, וועלכע זאגען, אז „גדי בחלב אמו" איז לאו דוקא און דער איסור איז חל אויף יעדען מין בשר־בחלב... און דערמיט איז אלזא פערשטענדליך די סמיכות פון די צוויי פסוקים: „לא תבשל גדי בחלב אמו" און פונ׳ם דאזיגען פסוק איז א בע־וויז, אז „כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית", אז — „לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל אלא ע"י תורה שבע"פ"...

(רבי יעקב, דער ליסער רב)

וַיַּקְהֵל

ויקהל משה וכו׳ אלה הדברים אשר צוה ד׳... (לה. א.)

דאָס צונויפזאַמלען די „כל עדת בני ישראל״, דאָס איינפלאַנצען צווישען זיי התחברות און אַחדות, „אלה — דאָס זענען — הדברים אשר צוה ד׳״, אַט דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע און די הויפּט־שטרעבונג, דער אַלף און דער תיו פון דער תורה...

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

„ויקהל משה — למחרת יום הכפורים״ (רש״י)

און אויך אין פ׳ יתרו, אויפ׳ן פסוק „ויהי ממחרת וישב משה לשפוט את העם״, זאָגט רש״י: „ממחרת יום־הכפורים״. ביידע זאַכען, סיי דאָס דורכפיהרען די משפטים בין אדם לחברו, סיי די זאַמלונג פון נדבות אויפ׳ן משכן, זענען אַלזאָ פאָרגעקומען אינ׳ם זעלבען טאָג.

משה רבינו האָט דערמיט געוואָלט פערהיטען און בעוואָרענען, אַז אינ׳ם גאָלד און זילבער, פון וועלכען עס דאַרף געבויט ווערען דאָס געטליכע הויז, דער משכן, זאָל זיך, חלילה, נישט געפינען קיין שמץ פון גנבה וגזלה. און דעריבער האָט ער פריהער אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק, זיי זאָלען זיך פערזאַמלען און פאָרלעגען פאַר איהם אַלע זייערע געגענזייטיגע טענות און געלד־תביעות, און ערשט נאָכ׳ן דורכפיהרען דעם דאָזיגען אַלגעמיינעם משפט, בעת וועלכען ער האָט מוציא געווען ביי די בעלי־דינים די אַלע אונגערעכטע געלדער, וואָס איינער ביים אַנדערען האָט פערכאַפּט שלא כדין — ערשט דאַן איז ער אינ׳ם זעלבען טאָג, כל־זמן דאָס געלד איז נאָך ביי איטליכען געווען כשר און עהרליך, צוגעטרעטען צו זאַמלען נדבות אויפ׳ן משכן...

(כלי יקר)

יום־כפור, ווי דער שטייגער איז, זענען אַלע אידען גוט און פרום, יום־כפור איז איין איד דעם צווייטען מפייס און אַלע זענען דורכגעדרונגען מיט שלום, אהבה און אַחדות, אָבער דויערן דויערט עס און האַלטען האַלט זיך עס בלויז ביז מוצאי יום־כפור... און דעריבער: „ויקהל משה — ל מ ח ר ת יום־הכפורים״: ער האָט פערלאַנגט פון זיי, אַז נישט בלויז דעם יום־כפור׳דיגען טאָג, נאָר אויך נאָך יום־כפור זאָלען זיי זיין פערזאַמעלט און פעראייניגט צווישען זיך...

(עוללות אפרים)

דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען צוליעב שנאת־חנם, צוליעב פּירוד און מחלוקת. צוטרעטענדיג, אַלזאָ, אויפצושטעלען דעם ערשטען משכן, איז דערביי דער ערשטער בעדינג געווען: — „ויקהל״, קהלה אחת, אייניגקייט, פרידען, אחדות!...

(אור פני משה)

ביי׳ם מאַכען אַנ׳עגל איז געווען „ויקהל העם על אהרן״, האָט דאָס פאָלק זיך אַליין פערזאַמעלט, מען האָט עס נישט געדאַרפט רופען און מעורר זיין, דאַגעגען ביי׳ם מאַכען אַ משכן איז — „ויקהל משה״, האָט דאָס פאָלק געוואָרט, ביז משה וועט זיי צונויפרופען און איינזאַמלען...

(אמרי נועם)

געהעריג בויען אַ משכן, אַ מקום־קדוש — „ויקהל משה״, האָט משה רבינו געפינען קודם־כל פאַר נויטיג איינצוזאַמלען די אידען, איינצופלאַנצען אין זיי אַביסעל אַחדות, וויסענדיג, אַז אַ מקום־קדוש איז דער הויפט־אָרט פאַר פערשיעדענע מיני מחלוקת...

(דברי ישראל)

אין קאַרטינגא פלעגען יעדען שבת פאַרקומען אין דער שטאָדטישער שוהל מורא׳דיגע קריגערייען און אַרומרייסעניש׳ען צוליעב דער פערטיילונג פון די עליות. כדי צו מאַכען אַ סוף דערמיט האָבען די גבאים איינמאָל בעשלאָסען אָבצושטעלען איינגאַנצען די כיבודים פון די עליות און צו פערטיילען זיי אַזוי ווי עס געהט, לויט דער רייה, אָבער דער קאַרטינגער רב, רבי אליהו, האָט דערצו נישט דערלאָזט, ווייל — האָט ער ערקלערט — אויב מען וועט מבטל מאַכען די כבודים, וועלען אַ סך בעלי־בתים אויפהערען צו קומען אין שוהל אַריין...

דאָס פערטיילען די עליות לויט דער חשיבות פון די פערזאָנען איז שוין געווען איינגעפיהרט בימי התלמוד, ווי עס איז צו זעהען פון דער גמרא: „אחריהן (נאָכ׳ן כהן און לוי) קוראין ת״ח הממונים פרנסים על הצבור, ואחריהן ת״ח הראוין למנותן פרנסים על הצבור, ואחריהן בני ת״ח שאבותיהן ממונים פרנסים על הצבור, ואחריהן ראשי כנסיות וכל אדם״ (גטין ס׳). דאַגעגען דער מנהג צו פערקויפען די עליות פאַר געלד, איז איינגעפיהרט געוואָרען אין אַ פיעל שפעטערער צייט, ווי עס איז צו זעהען פון מגן אברהם (אורח חיים סימן קל״ו) וואו עס ווערט געזאָגט, אַז אין די ערטער, וואו מען איז זיך נוהג צו פערקויפען די עליות קען מען אויפרופען וועמען מען וויל.

„למחרת יום הכפורים״...

און אין ילקוט ווערט דערויף צוגעגעבען, אַז דער דאָזיגער טאָג איז געווען שבת און „מכאן אמרו, משה תקן להם לישראל שיהי׳ דורשים הלכות פסח בפסח וכו׳ הלכות שבת בשבת״.

ווי־זשע איז עס מעגליך — פרעגט דערויף רבי יהודה ליב מפולנאה, אַ תלמיד פון בעש״ט — אַז „למחרת יום הכפורים״ זאָל זיין שבת? עס קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז פרייטאָג זאָל אויספאַלען יום־כפור?...

באמת אָבער איז דאָס גאָר קיין קשיא נישט, מחמת דער דאָזיגער כלל איז נור גילטיג זינט מען האָט אָנגעהויבען קובע זיין די ימים טובים לויט׳ן חשבון העיבור, געקענט אויספאַלען אום פרייטאָג, ווי עס איז צו זעהען בפירוש פון דער גמרא: „יום־הכיפורים שחל להיות ערב שבת לא הי׳ תוקעין״ (סוכה כ״ד) און פון פיעל אַנדערע מקומות...

ויאמר אליהם אלה הדברים אשר צוה ד׳ לעשות אותם... (לה. א.)

די מצוה פון „ויקהל", פון „עשה לך קהלות", איז מען ביי אידען שטאַרק מקיים. צו רופען דעם עולם יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אויף אסיפות און זיך מתווכח צו זיין וועגען פערשיעדענע פּראָיעקטען און פלענער — דערויף איז מען ביי אונז נישט קאַרג, אָבער עפ״י רוב קומט מען אָב בלויז מיט׳ן ריידען און די פּראָיעקטען בלייבען אויפ׳ן פּאַפּיר, האָט זיי משה דעריבער אָנגעזאָגט: „אלה הדברים אשר צוה ד׳ לעשות אותם". איהר זאָלט נישט יוצא זיין רק מיט׳ן ריידען, נאָר עס זאָל זיין אויך „לעשות אותם", די אַסיפות זאָלען ברענגען צו מעשים, מען זאָל עפּיס טהון!

(בית־יעקב)

ששת ימים תעשה מלאכה... (לה. ב.)

אין יאָהר 1841, בעת די רוסישע רעגירונג האָט פאַרגענומען צו פּראָדוקטיוויזירן די פּוילישע אידען און צו בעזעצען זיי אויף לאַנדווירטשאַפט, האָט זי זיך דאַן געווענדעט צו אַ רייהע אידישע גדולים פון פּוילען, זיי זאָלען אַרויסגעבען אַן אויפרוף צו די פּוילישע אידען און אָנווייזען אויף דער וויכטיגקייט פון יגיע כפּים, פון אַרבייט און ערד־אַרבייט בפרט.

אַזאַ אויפרוף איז טאַקי דאַן ערשינען און געווען זענען אויף איהם אונטערגע־שריבען: דער חדושי הרי״ם, רבי יצחק וואָרקער, הרב חיים דאַווידזאָהן און ר׳ שלמה זלמן פּויזנער.

האָט דאַן אַ חסיד געפרעגט דעם חדושי־הרי״ם:

— צי וועט דער רבי אַליין זיך אויך אַזוי נוהג זיין? צי וועט דער רבי אויך זיין זוהן לערנען אַ מלאכה, נישט קיין תורה?

האָט איהם דער חדושי־הרי״ם געענטפערט:

די גמרא זאָגט: „רבי מאיר אומר לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה וכו׳ ורבי נהוראי אומר מניח אני את כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה (קידושין פ״ב).

פרעגט מען דערויף אַ האַרבע קשיא: אין אַן אַנדער אָרט זאָגט דאָך די גמרא: „לא רבי מאיר שמו אלא נהוראי שמו ולמה נקרא שמו נהוראי שמאיר עיני חכמים בהלכה" (עירובין י״ג), אַז רבי מאיר און רבי נהוראי זענען צוויי נעמען פון איין פּערזאָן, טאָ ווי אַזוי קאָן איין און די זעלבע פּערזאָן אַרויסזאָגען צוויי להיפוכ׳דיגע מיינונגען?

נאָר דער תירוץ איז אַזוי: פאַר׳ן רבים, וואו ער איז אויפגעטרעטען אַלס מאיר, אַלס פּוסק און מורה־דרך, אַלס „מאיר עיני חכמים בהלכה", האָט ער געלערענט, אַז „לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה", אַז מען דאַרף נישט בלויז עוסק זיין בתורה, נאָר אויך בעשעפטיגען זיך מיט אַרבייט, מיט מלאכה, דען אַזוי פּאָדערט דער ישוב העולם, דאַגעגען פאַר זיך, אין זיין פּריוואַט־לעבען, אַלס נהוראי, (וואָס דאָס איז דאָך געווען זיין אמת׳ער נאָמען), האָט ער בנוגע זיינע אייגענע קינדער מחמיר געווען און געזאָגט: „מניח אני את כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה"...

וביום השביעי יהיה לכם קודש... (לה. ב)

שבת און ישראל זענען צוויי טרייע, האַרציגע פריינד, וועלכע זענען גרייט זיך

מוסר־נפש צו זיין איינער פאַר׳ן צווייטען. שבת זאָגט: דאָס לעבען פון אַ איד איז בילכער פון מיר און בשעת אַ איד ווערט חלילה קראַנק און מען דאַרף איהם ראַטעווען בין איך גרייט דאַמאָלס אָבצוטרעטען און מותר צו זיין אויף מיין כבוד, „פקוח נפש — דוחה שבת״. און ישראל זאָגט: דער כבוד פון שבת שטעהט העכער פון מיין פער־זענליך לעבען, „כל העושה בו מלאכה — יומת״...

(מלין חדתין)

דער רבי ר׳ בונים האָט אַמאָל געזאָגט: נישטאָ נאָך אַזאַ מצוה, ווי די מצוה פון סוכה. עס איז אַ מצוה, אין וועלכער דער מענש געהט אַריין איינגאַנצען מיט אַלע זיינע אברים, מיט די מלבושים און מיט די שטיוועל.

האָט איהם געענטפערט דערויף רבי שלמה לייב לענטשנער: נאָך גרעסער פון דער דאָזיגער מצוה איז די מצוה פון שבת. עס איז אַ מצוה, ביי וועלכער דער מענש דאַרף נישט טהון קיין שום פעולה, קיין שום מינדעסטע תנועה. עס קומט דער זמן פון שבת און דער מענש ווערט דאַן פון זיך אַליין אַריינגענומען אין דער מצוה און ביז דער שבת ענדיגט זיך געהט ער אויף קיין איין רגע נישט אַרויס פון איהר...

שבת איז דער יסוד, דער פונדאַמענט פון אידענטום... און דעריבער ווערט וועגען שבת געזאָגט: „כי אות היא ביני וביניכם״, עס איז אַ צייכען, אַ שילד... עס איז פונקט ווי די שילד, וואָס ווערט אַרויסגעהאָנגען אין דרויסען פאַר יעדען געשעפט און פירמע... כל־זמן די שילד הענגט, ווייסען מיר, אַז די פירמע עקזיסטירט; ווערט אָבער די שילד אַראָבגענומען, דאַן בעדייט עס, אַז די פירמע האָט זיך ליקווידירט, אָדער זיך איבערגעטראָגען אין אַ צווייטען, פרעמדען לאָקאַל...

(מחנה ישראל)

דעריבער ווערט שבת אָנגערופען „שבת מלכתא״, דען דאָס איז באמת אונזער „מלוכה אונטערוועגס״. אין גלות, אויף פרעמדער ערד, וואו פון אַלע זייטען לויערט אויף אונז די געפאַהר פערשלונגען צו ווערען צווישען די אַרומיגע שכנים, איז דער שבת אונזער איינציגער בעשיצער, וואָס דערהאַלט און פערהיט אונזער עקזיסטענץ.

(זו שות אל עמי)

„מנוחת אהבה ונדבה, מנוחת אמת ואמונה וכו׳״... (תפלת מנחה לשבת)

„מנוחת אהבה״ — מען זאָל זיך בעציהען צום שבת מיט ליבשאַפט, נישט אויפ־נעהמען איהם, ווי עפּיס אַנ׳עול, אַנ׳אָבקומעניש, פון וועלכען מען וואָלט וועלען וואָס־גיכער פטור ווערען... „ונדבה״ — געבען זאָל מען איהם מעהר, ווי עס קומט, מוסיף־זיין מחול על הקודש... „מנוחת אמת ואמונה״ — די שמירת־שבת זאָל זיין אַנ׳אמת׳ע, אַנ׳אויפריכטיגע, זי זאָל אָבגעהיט ווערען בסתר, פונקט ווי בפרהסיא... „מנוחת שלום ושלוה״ — מען זאָל נישט אויסנוצען דעם פרייען שבת׳דיגען טאָג אויף צו פיהרען מחלוקת... „מנוחת השקט ובטח״ — דער איד זאָל דערביי האָבען בטחון, אַז דער שבת וועט איהם חלילה קיין היזק נישט ברענגען, אַז השי״ת וועט איהם ממלא זיין דעם פערלוסט פון שבת׳דיגען פדיון...

(שער בת־רבים)

אין ספר „יוסף אומץ״ פון רבי יוזפא, פראַנקפורטער ראש בית דין, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון ב״ח, געפינען מיר אַ מערקווירדיגע ערקלערונג און נעמליך:

„אין מנהג לומר בקבלת שבת חרוז הראשון דלכה דודי", אַז דעם חרוז „לכה דודי" דאַרף מען אין חוץ־לארץ אינ׳ם נוסח פון קבלת שבת נישט זאָגען, ווייל, ווערט דערויף אָנגעגעבען אַ טעם: „מפני שאין אנו נוהגים לצאת ממקום למקום כדי ללכת לקראת שבת, כמו שהמנהג בארץ־ישראל לצאת לפחות לחצר בית הכנסת"...

אין די שבעת ימי המשתה איז דער דין, אַז ביים בענשען שבע־ברכות איז נויטיג יעדען טאָג אַ „פנים חדשות", אַ פרישער גאַסט. שבת דאַגעגען איז קיין פנים חדשות נישט נויטיג.

פאַרוואָס?

ווייל — האָט געזאָגט דערויף דער שפת־אמת — אויפ׳ן פסוק „ויברך אלקים את יום השביעי" זאָגט דער מדרש: „ברכו במאור פניו, אינו דומה מאור פניו של אדם בחול כמאור פניו של אדם בשבת". אום שבת בעקומט יעדער אַן׳אַנדער מאור פנים, וממילא איז דאָך דאַן יעדער איינציגער אַ „פנים חדשות"...

דער ט״ז האָט זיך נוהג געווען, אַז דעם שבת׳דיגען קידוש פלעגט ער נישט מאַכען פון אויסנווייניג, נאָר אַרויסזאָגען וואָרט ביי וואָרט פון סידור. געטהון האָט ער דאָס דערפאַר, כדי טאָמער מאַכט זיך אַמאָל ביים טיש אַן׳אורח אַן׳עם־הארץ וועלכער קאָן נישט מאַכען קיין קידוש פון אויסנווייניג, זאָל ער זיך נישט פיהלען פערשעהמט בשעת ער וועט דאַרפען זאָגען פון סידור...

(שער ההכנה)

ווי עס איז צו זעהען פון די אַלטע ספרים איז געווען דער מנהג אין פיעל פאַרצייטישע אידישע קהלות מקבל־שבת צו זיין נישט בלויז מיט געזאַנג, נאָר אויך מיט מוזיק, מיט כלי־זמרים. אַזוי ווערט געזאָגט אין ספר כבוד־חכמים: „ובמה קהלות מקבלים את השבת בבית הכנסת בכלי זמר עם מנגנים ומשוררים יחד", און דאָס זעלבע אויך אין ספר אלה דברי הברית: „בק״ק פראג תשעה בתי כנסיות ובגדול שבהם נהגו לקבל שבת בכלי זמר"...

אין דער פראַגער „אַלט־ניי־שוהל" איז מען זיך נוהג עד־היום צו זאָגען פרייטאָג־צו־נאַכטס, נאָך קבלת שבת, צוויי מאָל דאָס קאַפּיטעל „מזמור שיר ליום השבת". דער דאָזיגער מנהג זאָל שטאַמען פון מהר״ל׳ס צייטען און די פאָלקס־לעגענדע דערצעהלט וועגען דעם: איינמאָל פרייטאָג־צו־נאַכטס, בשעת דער מהר״ל איז געשטאַנען אין שוהל און געדאַווענט און דער חזן האָט שוין אָנגעהויבען זאָגען „מזמור שיר ליום השבת", איז מען געקומען אַריינצולויפען פון גאַס מיט אַ געוואַלד, אַז דער „גולם", וואָס דער מהר״ל האָט בעשאַפען, לויפט אַרום אַ צווילדעוועטער איבער די גאַסען פון פראַג, וואו ער מאַכט־אָן אַ חורבן און צושטערט אַלץ, וואָס עס קומט איהם אונטער דער האַנד. דער מהר״ל איז תיכף אַרויס פון שוהל און האָט זיך געלאָזט לויפען נאָכ׳ן גולם. אָב־שטעלענדיג איהם האָט ער איהם אַרויסגענומען דעם שם הקודש פון אונטער דער צונג און מאָמענטאַל איז דער גולם געבליבען ליגען אָהן אַ רוח חיים. צוריקקומענדיג אין שוהל אַריין האָט דער מהר״ל געהייסען דעם חזן נאָכאַמאָל זאָגען „מזמור שיר ליום השבת", און פון דאַמאָלס אָן עקזיסטירט אין דער פראַגער שוהל דער מנהג צו זאָגען יעדען פרייטאָג־צו־נאַכטס צוויי מאָל דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל...

עס איז אָנגענומען ביי׳ם פאָלק, אַז פרייטאָג־צו־נאַכטס, בשעת עס הויבען זיך אָן

שמעלצען אויפ׳ן טיש די אנגעצינדענע שבת־ליכט, זאל מען אוועקלעגען נאהענט צו די ליכט א חלה און דער המון גלויבט, אז דאס איז א סגולה, אז די ליכט זאלען גוט ברענען.

באמת אבער איז דער דאזיגער מנהג פערבינדען מיט א גאנץ פשוט׳ן טעם: בשעת די ליכט שמעלצען זיך קאן אמאל טרעפען, אז עמיצער פון די בני־בית זאל פערגעסען און אינסטינקטיוו, פון געוועהנהייט, צוריהרען זיך צו די ליכט און זיי ברענגען אין ארדנונג. לעגט מען דעריבער אוועק דערנעבען א חלה, כדי מען זאל זיך דערמאהנען, אז עס איז שבת און מען טאר די ליכט נישט אנריהרען...

(לקוטי צבי)

אנ׳ארענדאר איז אמאל געקומען צום בעלזער רבי׳ן, רבי שלום רוקח. מאכט מיט איהם דער רבי א שמועס מכח אידישקייט, צי דאוועגט ער יעדען טאג, צי איז ער נזהר אין כשרות, צי היט ער אב שבת וכדומה. ענטפערט איהם דער ארענדאר מיט א זיפץ, אז שבת איז ער, ליידער, נישט ביכולת אבצוהיטען, מחמת די ארבייט אין פעלד קאן נישט ווארטען. נעהמט איהם רבי שלום מוסר׳ן, וויזט איהם אויף, ווי הייליג דער שבת איז און ווי גרויס עס איז דער עונש פון חלול־שבת. איז דער ארענדאר מהרהר בתשובה און זאגט:

— הייליגער רבי, פון היינט־אן בין איך אויף מיר מקבל אבצוהיטען שבת א גאנץ יאהר... א חוץ אין דער צייט פון שניט, בעת די ארבייט ברענט...

— הער, מיין קינד — רופט זיך אן צו איהם רבי שלום — וועל איך דיר דער־צעהלען א מעשה:

א איד האט געהאלטען אנ׳ארענדע ביי א פריץ. ויהי היום, האט דער פריץ געמאכט א גרויסע סעודה פאר אלע פריצים פון דער סביבה. כטוב לבם, אז דער עולם איז געווארען בגילופין, האט מען, ווי דער שטייגער איז, אנגעהויבען רעדען וועגען אידען. איטליכער פריץ האט געלויבט זיין איד, אז זיין ארענדאר איז דער קליגסטער און געטרייעסטער. רופט זיך אן דער פריץ, וואס האט געמאכט די סעודה:

— אזא געטרייען איד, ווי איך האב, האט קיינער פון אייך נישט. נישטא די זאך וואס ער זאל נישט גרייט זיין פאר מיר צו טהון.

— אפילו זיך שמד׳ן? — כאפט זיך ארויס איינער פון עולם.

— יא — זאגט דער פריץ — אפילו דאס! און ער שיקט תיכף רופען דעם ארענדאר זיינעם.

— מאשקע! — פרעגט ער איהם פאר אלע פריצים — ביזט מיר געטריי?

— געוויס, אדוני פריץ! — ענטפערט דער ארענדאר — פאר׳ן ליבען פריץ־לעב בין איך גרייט אין פייער און אין וואסער אריין צו געהן!

— נו, וויבאלד אזוי — רופט זיך אן דער פריץ — פערלאנג איך פון דיר, מאשקע, דו זאלסט זיך שמד׳ן און איבערגעהן צו אונזער גלויבען.

ווערט דער איד א פערציטערטער, קלערט, קלערט, רייבט דעם שטערן, וויסט זיך קיין עצה נישט צו געבען. אבער סוף־כל־סוף איז דער פחד פאר׳ן פריץ גובר און ער בעשליסט זיך און ענטפערט מיט א האלב־מויל:

— גוט...

און דער פריץ האט גענומען און איהם אבגע׳שמד׳ט.

אין עטליכע חדשים ארום שיקט דער פריץ רופען איהם און זאגט צו איהם:

— וויסטו וואס, מאשקע, כ׳פערשטעה דאך, ווי דיך געוויסען נעבעך פייניגט

דיך... אַלזאָ איך ערלויב דיר... דו קאָנסט איצט צוריק ווערען אַ איד...

איז דער אַרענדאַר מלא־שמחה אַוועק אַהיים און דערצעהלט דעם וויב די בשורה, אַז דער פריץ ערלויבט זיי צו ווערען צוריק אידען... אָבער אַנשטאָט צו פרעהען זיך, האָט דאָס וויב פערבראָכען די הענד:

— אוי וועה! — מאַכט זי — וואָס וועלען מיר איצט טהון? עס געהט צו פסח, אַזאַ הוצאה: מצות, וויין, יום־טוב׳דיג געפעס... לויף געשווינד, מאַשקע, צום פריץ און בעט איהם ערלויבעניש, מיר זאָלען מעגען זיין גויים ביז איבער פסח!...

וועגען דער צייט, ווען עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די תקנה צו לייענען יעדען שבת אַ פרשה פון די נביאים, וועלכע ווערט אַנגערופען מיט׳ן נאָמען „הפטורה“ און וואָס עס בעדייט דאָס וואָרט „הפטורה“, זענען פערהאַן פערשיעדענע מיינונגען. אַ טייל מיינען, אַז דאָס איז איינגעפיהרט געוואָרען גלייך נאָך חתימת ספר הנביאים. אַנדערע, ווי רבי דוד אבודרהם, ערקלערען, אַז די דאָזיגע תקנה איז ענטשטאַנען אין דער צייט פון גריכישען קעניג אַנטיוכוס, וועלכער האָט גוזר געווען אויף די אידען נישט צו לייענען אין דער תורה, און כדי די תורה זאָל נישט פערגעסען ווערען, האָבען דעריבער די חכמים דאַן מתקן געווען, מען זאָל לייענען יעדען שבת אַ פרשה פון די נביאים, וואָס לויט איהר אינהאַלט האָט זי אין זיך עהנליכעס צו דער סדרה פון דער וואָך, און די שונאי ישראל, וועלכע האָבען נישט געהאַלטען די ספרי־הנביאים אַלס אַ טייל פון דער אידישער תורה, האָבען דערויף נישט מקפיד געווען, און דעריבער רופט מען עס „הפטרה“, פון לשון „פטור“, דערמיט האָט מען, הייסט עס, יוצא געווען און גע׳פּטר׳ט דעם חוב פון קריאת־התורה...

נאָך אַנדערע ווילען האָבען, אַז דאָס לייענען די הפטורה האָט מען מתקן געווען געגען די צדוקים און שומרונים, וועלכע האָבען געגלויבט אין תורת־משה, אָבער נישט אין די ספרי־הנביאים, און דערמיט איז מען, אַלזאָ, אויסען געווען צו בעווייזען דעם פאָלק, אַז אויך די ספרי נביאים זענען הייליג און געהערען צו דער תורה.

אינטערעסאַנט איז, אגב, די גאַנץ בעזונדערע און אָריגינעלע מיינונג פון רבינו תם, וועלכער ערקלערט, אַז דאָס וואָרט „מפטיר“ שטאַמט פון לשון „יפטירו בשפה“, אַנהויבען רעדען, דען קריאת־התורה, איז דער דין, מוז מען אויסהערען שווייגענדיג, מען טאָר נישט מפסיק זיין. דאָס וואָרט „מפטיר“ בעדייט, אַלזאָ, אַז די קריאת־התורה איז געענדיגט און מען מעג שוין אָנהויבען צו רעדען...

רבי אברהם׳לע סאָכאַטשעווער איז אַמאָל געווען זומער־צייט אין נויהיים אויף קוראַציע. שבת בייטאָג, שפּאַצירענדיג אויפ׳ן גאַס אין שטריימעל, שטעלט איהם אָב דער דאָרטיגער ראַבינער מיט פערוואונדערונג:

— רבי — מאַכט ער — נאָכוואָס טראָגט איהר אין אַזאַ הייסען טאָג אַזאַ וואַרימען פוטער־הוט?

— דערפאַר — ענטפערט איהם רבי אַברהם׳לע — ווייל דער שבת איז ביי אייך זעהר קאַלט...

רבי יאָשע־בער בריסקער האָט אַמאָל, זייענדיג אין וועג, געהאַלטען שבת אין אַן אַכסניה. צו שלש־סעודות זענען גראַד אויסגעגאַנגען די חלות און ס׳איז נישט געווען קיין „לחם־משנה“, צוליעב וואָס רבי יאָשע־בער האָט זיך שטאַרק מצער געווען.

— רבי — רופט זיך אָן איינער פון די אורחים — מיר ווייסען דאָך, אַז שלוש־סעודות

קאָן מען יוצא זיין אויך מיט תורה, טאָ מה רעש? זאָגט אונז אַ שטיקעל תורה, איז אי איהר וועט יוצא זיין מיט שלוש־סעודות, אי איהר וועט אונז מהנה זיין מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער.

— גאַנץ ריכטיג — ענטפערט איהם רבי יאָשע־בער — אָבער צו חלה מיט הערינג קומט עס פאַרט נישט: חלה מיט הערינג קאָן קיינער נישט אָבווענדען; דאַגעגען אָבער, אַז כ׳וועל זאָגען תורה, קאָן גראָד קומען אַ גרעסערער למדן און עס אינגאַנצען אָבווענדען, בלייב איך דאַן אי אָהן תורה, אי אָהן שלש־סעודות...

דעריבער איז מען זיך נוהג צו עסען פיש אום שבת, דען דריי ברכות זענען געגעבען געוואָרען ביי די מעשה בראשית. די ערשטע ברכה איז געגעבען געוואָרען די פיש: „ויברך אותם אלקים לאמר פרו ורבו ומלאו את המים בימים", די צווייטע ברכה — דעם מענש: „ויברך אותם אלקים ויאמר להם אלקים פרו ורבו ומלאו את הארץ", און די דריטע ברכה — דעם שבת: „ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו". בשעת, אַלזאָ, דער מענש עסט פיש לכבוד שבת קאָנצענטרירען זיך דאַמאָלס אַלע דריי ברכות צוזאַמען...

(בני יששכר)

דער רש"ל (אין „ים של שלמה" פ"ד סי׳ נ"א) זאָגט זיך אַרויס געגען עסען פיש אום פרייטאָג צו נאַכטס, ערקלערענדיג, אַז דאָס דאָזיגע בכבוד׳יגע און חשוב׳ע מאכל דאַרף מען איבערלאָזען צו דער סעודה פון שבת בייטאָג...

אַנ׳אינטערעסאַנטען מאמר געפינען מיר אין ירושלמי:

„טור שמעון למה חרב? שהי׳ משחקין בכדור בשבת" (ירושלמי תענית פ"ד ה׳ ס"ט)...

„יציאת השבת שתים שהן ארבע"... (שבת פ"א)

די הוצאות, וואָס אַ איד גיט־אויס אויף שבת ולכבוד שבת, וועלען איהם אומגעקעהרט ווערען מיט פּראָצענט, דאָפּעלט, „שתים שהן ארבע"...

(אַ חסידיש וואָרט)

אינ׳ם זמר לשבת „חי ד׳ וברוך צורי" ווערט געזאָגט: „אל ההרים אשא עיני כהלל ולא כשמאי". וואָס איז די בעדייטונג פון די ווערטער?

לויט דער ערקלערונג פונ׳ם פירוש „מטה יהודה" בעציהט זיך דאָס אויף דער פלוגתא פון בית־שמאי און בית־הלל (אין ברכות נ"ג). די בית־שמאי זאָגען: „מברך על היום ואח"כ מברך על היין" און די בית־הלל האַלטען: „מברך על היין ואח"כ מברך על היום". אין אַ פריהערדיגען חרוז זאָגט דער פייטן: „בכוס ישועות אשא פני", מיינענדיג דערמיט דעם כוס של קידוש, און ער פיהרט דעריבער אויס: „אל ההרים אשא עיני", אַז ער ווענדעט זיינע אויגען צו די הרי־ישראל, צו די מורי הלכה ביי אידען, און ער בעשליסט צו טהון „כהלל ולא כשמאי", צו מאַכען פריהער אַ ברכה על היין, דען — „הלל ושמאי, הלכה כהלל"...

אויף אַנ׳אַנדער, הגם עהנליכען אופן, פּרובט דאָס ערקלערען אין „בית המדרש החדש" הרה"ח ר׳ אברהם מרדכי פיורקא, נעמליך: די חז"ל דערצעהלען אונז (אין ביצה ט"ז.), אַז שמאי פלעגט אַ גאַנצע וואָך מקמץ זיין און אָבשפּאָרען פון דער פּרנסה, כדי ער זאָל האָבען אויף שבת. הלל דאַגעגען פלעגט זיך סומך זיין אויפ׳ן בטחון,

זאָגענדיג: „ברוך ד׳ יום יום״, און דערויף זאָגט דער פייטן: „אל ההרים אשא עיני״, אַז וועדענדיג די אויגען צו די הרי־ישראל, ווי אַזוי זיי האָבען זיך אין דעם ענין נוהג געווען, דאַרף מען זיך פיהרען „כהלל ולא כשמאי״, צו האָבען בטחון, צו זאָגען „ברוך ד׳ יום יום״ און זיך צו פערלאָזען אויף השי״ת, אַז ער וועט איהם אַודאי מזמין זיין די צרכי־שבת...

אין אַ צווייטען זמר לשבת — „שמרו שבתותי״, איז פאַרהאַן אַ חרוז: „מהרו את המנה לעשות את דבר אסתר וחשבו עם הקונה לשלם אכול והותר״. וואָס איז דער זין פון די ווערטער?

נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָט דער פייטן גענומען אַלס מליצה דעם פסוק „מהרו את המן לעשות את דבר אסתר״ (מגילת אסתר ד.). דאָס וואָרט „המן״ ווערט ביי איהם געענדערט אויף „מנה״, אַ פּאַרציע, אַ סעודה (פון לשון „מנה אחת אפים״). מיט די ווערטער „לעשות את דבר אסתר״ ווערט געמיינט שבת מלכתא, וועלכע ווערט פער־גליכען צו אסתר המלכה, און „וחשבו עם הקונה״ געהט אַרויף אויף השי״ת (פון לשון „הלא הוא אביך קונך״). עס הייסט: רעכענט זיך און האָט בטחון צו אייער בעשעפער, „לשלם אכול והותר״, אַז ער וועט אייך בעצאָהלען די אויסגאָבען פון שבת די והותר, מעהר וויפיעל עס האָט אייך געקאָסט, אַן׳אנדייטונג אויף׳ן בעקאַנטען מאמר — „אָמר הקב״ה לוו עלי ואני פורע״ (ביצה ט״ו.)...

(כלי יקר)

אַ ריכטיגער און פעסטענדליכער פירוש ווערט אויך געזוכט אינ׳ם זמר למוצאי שבת „אלקים יסעדנו״, צום חרוז — „אך לא בעי ישלח את פודנו״.

דער „מטה יהודה״, ווי אויך יעבץ, טייטשען דאָס וואָרט „בעי״ פון לשון „אך לא בעי ישלח יד״ (איוב ל.), אינ׳ם זין פון „חורבן״, פערניכטונג, מיינענדיג דערמיט צו זאָגען, אַז בעת השי״ת וועט אונז שיקען דעם גואל, זאָל ער דורכפיהרען די גאולה אָהן שאָדען און חורבן פאַר אונז, אָהן די פאַראויסגעזאָגטע „חבלי משיח״...

עס קורסירט אָבער אויך אַ צווייטער פירוש, נעמליך: דער פייטן איז דאָ מרמז אויף׳ן בעקאַנטען מאמר חז״ל, אַז „אין אליהו בא בערב שבת ובערב יום־טוב״ (עירובין מ״ב.) און דאָס וואָרט „בעי״ איז אַ ראשי־תיבות — „בערב יום״. עס הייסט: „לא בעי ישלח את פודנו״, דער גואל וועט נישט קומען אין קיין „ערב יום״, נישט אין אַ ע״ש און נישט אין קיין ערב יו״ט.

כמעט אין אַלע אידישע קהלות איז פאַרצייטענס געווען איינגעפיהרט, אַז די ראשי־הקהל פלעגען יעדען פרייטאָג אַרויסשיקען „פלעטען״ (בילעטען) צו די בעלי־בתים. דאָס בעקומען אַזאַ „פלעט״ האָט בעדייט, אַז עס איז פאַר איהם בעשטימט געוואָרען איינצולאָדען צו זיך אויף׳ן דאָזיגען שבת אַן׳אָרימען אורח.

געגען די קמצנים, וועלכע האָבען געוואָגט נישט אונטערצווואַרפען זיך די דאָזיגע אויפפאָדערונג, פלעגען אַנגעווענדעט ווערען שטרענגע מיטלען. אַזוי, צום ביישפּיעל, איז אין דער גרויסער שוהל אין גראָדנאָ געווען אויסגעהאָנגען אויף איינעם פון די זיילען ביי דער בימה אַ שוואַרצער הילצערנער טאָוועל, אויף וועלכען עס איז געווען אויפגעשריבען מיט ווייסע פאַרב: „דער (און דאָ איז געווען אַנגעגעבען דער נאָמען פון דער פערזאָן) וויל נישט נעהמען קיין פלעט אויף שבת״...

(התורה והחיים)

פונוואַנען נעהמט זיך דאָס ווערטעל, וואָס מען זאָגט אויף אַ גאָר גרויסען אביון, אַז ער איז „אַ געזונטער אָרימאַן"?

ווייל אויפ'ן פסוק אין בן־סירא „כל ימי עני רעים", אַז אַלע טעג פונ'ם אָרימאַן זענען שלעכט, פרעגט די גמרא: „והאיכא שבתות וימים טובים", און דאַמאָלס איז דאָך איהם נישט אַזוי שלעכט (מחמת שבת און יום־טוב עסט זאָגאָר דער אָרימאַן אַ בעסער מאַלצייט)? קומט דערויף דער ענטפער: „שינוי וסת תחילת חולי־מעים" — אַז צוליעב דעם, הייסט עס, וואָס דער אָרימאַן איז אַ גאַנצע וואָך אַבגעוואוינט פון בעסערע מאכלים, פערדאַרבט ער זיך ס'רוב שבת און יום־טוב דעם מאָגען און ער קרענקט נעבעך איבער דאָס עסען... ווען מען וויל אַלזאָ אַנווייזען אויף איינעם, אַז יענער איז אַזאַ גרויסער אביון, אַז אַפילו אום שבת לעבט ער אויך נישט בעסער ווי אינדערוואָכען, זאָגט מען דאַן אויף איהם, אַז ער איז „אַ געזונטער אָרימאַן" — ער האָט נישט, הייסט עס, אַפילו אום שבת מיט וואָס דעם מאָגען זיך צו פערדאַרבען...

(רבי משה קאָברינער)

לא תבערו אש בכל מושבותיכם... (לה. ג.)

דעריבער איז נויטיג געווען אַ בעזונדערע אַזהרה אויף לא תבערו אש, ווייל דער טעם פון שבת איז דאָך זכר למעשה בראשית און פייער, ווי עס זאָגען די חז"ל (פסחים נ"ד), איז נישט בעשאַפען געוואָרען אין די ששת ימי בראשית, נאָר ערשט אין מוצאי שבת (און דערפאַר מאַכט מען מוצאי שבת א ברכה „בורא מאורי האש"), וואָלט דאָך, אַלזאָ, געקענט זיין אַ הוה־אַמינא, אַז הבערה איז נישט אין כלל פון די ל"ט מלאכות, איז דערפאַר האָט מען געדאַרפט ספּעציעל אַנזאָגען: „לא תבערו אש"!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

ס'רוב מחלוקת'ן ביי אידען קומען פאָר אום שבת, דען שבת האָט דער עולם צייט, שבת איז דער עולם צוזאַמען און עס איז דעמאָלס די בעסטע געלעגענהייט אויף קריגערייען. מיט'ן „לא תבערו אש בכל מושבותיכם" וואָרענט אונז די תורה אויך וועגען דאָזיגען פייער, וועגען פייער פון מחלוקת, וואָס זאָל נישט אַנגעצינדען ווערען אום שבת...

(עקדת יצחק)

דעריבער האָבען די מסדרי־התפלה מתקן געווען, אַז אום שבת זאָל מען אַזש צוויי מאָל זאָגען דעם מאַמר „אמר רבי אלעזר וכו' תלמידי־חכמים מרבים שלום בעולם" — ווייל שבת, ווען דער עולם האָט צייט און איז אויסגערוהט, פערגעהמט ער זיך דאַן אַממעהרסטען מיט פיהרען קהל'שע מחלוקת...

(רבי אלעזר פלעקעלס)

דער מלבי"ם, אַרויסגעהענדיג איינמאָל יום־טוב פון שוהל, האָט בעגעגענט אין גאַס איניגע בעלי־בתים פון ליבעראַלען לאַגער מיט ציגאַרען אין מויל. די בעלי־בתים, וועלכע האָבען געהערט צו זיינע געגנער, האָבען אָוועקגעדרעהט די קעפּ און איהם נישט בעגריסט. לויפט זיי דער מלבי"ם נאָך און שרייט־אויס: גוט־שבת, אידען!

— איהר האָט אַ טעות אין חשבון, רבי... — שמייכלען זיי — איהר האָט, ווייזט־אויס, פערגעסען, אַז היינט איז יום־טוב...

— אַך, ענטשולדיגט — פערענטפערט זיך דער מלבי"ם — טאַקע פערגעסען... כ'האָב איך געזעהן רויכערן, האָב איך געמיינט, עס איז שבת...

מען איז אַמאָל אַריינגעקומען שבת צו רבי חיים זאַנענפעלד אין ירושלים און איהם דערצעהלט, אַז אין שכנות וואוינט אַ איד, ביי וועלכען מען מאַכט פייער און מען קאָכט אום שבת. כאַפּט רבי חיים די זשופּיצע מיט'ן שטריימעל און לויפט אַהין, אין דער אַנגעוויזענער שטוב, וואו ער האָט שוין אָבער גאָרנישט געפונען, מחמת די שטוב־מענשען, דערזעהענדיג דורכ'ן פענסטער, אַז רבי חיים געהט, האָבען תיכף פערלאָשען דאָס פייער און אַלץ מבער געווען.

— רבי — רופט זיך דאַן אָן צו איהם דער בעל־הבית מיט תרעומות — עס איז דאָך עפּעס נישט מעשה דרך־ארץ!... ווי לויפט מען עס אַריין סתם אין אַ פרעמדער שטוב, נישט אָנקלאַפּענדיג פריהער?

— כ'וועל אייך זאָגען — מאַכט רבי חיים — כ'האָב געהערט, אַז ביי אייך ברענט... און בשעת עס ברענט און מען לויפט ראַטעווען, פאַלען דאַן אַוועק אַלע נימוסים פון דרך־ארץ אַז אַ זייט...

קחו מאתכם תרומה... זהב וכסף ונחשת... (לה. ה.)

דריי מדרגות זענען פאַראַן אין צדקה. די צדקה, וואָס אַ מענש גיט בשעת ער איז פריש און געזונד, פיזיש און גייסטיג — דאָס איז „זהב", די אמת'ע, לויטערע, געוואונשענע צדקה... דאַגעגען איז פאַראַן אַזעלכער, וואָס בעת ער איז געזונד און פיהלט זיך גוט וויל ער אַ גראָשען נישט געבען; ערשט ווען ער ווערט קראַנק און ליעגט צו בעט און הויבט־אָן ציטערן פאַר זיין לעבען, ערשט דאַן ווערט ער פּלוצים אַ בעל־צדקה — די דאָזיגע צדקה איז שוין בבחינת „כסף", אַ פּיעל קלענערע מדרגה... און נאָך איינער איז פאַראַן, וואָס ביים לעבען, כל־זמן זיינע אויגען זענען אָפען, קאָן מען ביי איהם אַ פּרוטה נישט מוציא זיין, און געלד אויף צדקה לאָזט ער איבער פונאַנדערצוטיילען ערשט נאָכ'ן טויט — אַזאַ צדקה איז „נחשת", די סאַמע ערגסטע מדרגה...

(מקור ברוך)

זה הדבר אשר צוה ד' לאמר וכו' קחו מאתכם תרומה... (לה. ד. ה.)

אין די תשובות הרשב"א (ס' תקפ"ב) ווערט געזאָגט, אַז ס'איז אַ מצוה מפרסם צו זיין די נעמען פון די, וואָס זענען מנדב אויף אַ קהל'שע זאַך, אַ דבר־מצוה.

און דאָס איז מרומז טאַקי דאָ אין פסוק: „זה הדבר אשר צוה ד' לאמר", הגם צדקה דאַרף געגעבען ווערען בסתר און „מתן בסתר יכפה אף", דאָך ביים מנדב זיין אויף דברים שבקדושה, אויף געזעלשאַפטליכע צוועקען, איז „צוה ד' לאמר", איז אַ מצוה צו זאָגען, צו דערצעהלען אַלעמען און מפרסם צו זיין, בכדי עס זאָל דינען אַלס גוטער ביישפּיל פאַר אַנדערע...

(פרדס יוסף)

כל נדיב לבו יביאה את תרומת ד'... (לה. ה.)

יעדער נדיב לב, יביאה, זאָל איהר, דאָס נדיבות, מיטברענגען מיט זיך צוזאַמען מיט דער תרומה. ער זאָל געבען נישט־נור מיט דער קעשענע, נאָר אויך מיט'ן האַרץ, מיט רצון און חשק...

(שפת אמת)

וכל חכם לב בכם יבואו ויעשו את כל אשר צוה ד'... (לה, י.)

די גרעסטע חכמה פון אַלע חכמות איז נישט צו זיין צו־ק ל ו ג, נאָר צו טהון דאָס, וואָס דער אויבערשטער הייסט...

(דבש השדה)

דער ווילנער גאון טייטשט דעם פסוק: „חכם לב יקח מצוה ואויל שפתים ילבט" (משלי י, ח.), דער חכם רעדט נישט וועגן דער מצוה, נאָר ער נעהמט און טהוט, אָבער דער אויל שפתים האַלט פריהער וועגען דעם אין איין רײדען און ער רעדט אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט ביני לביני געשטרויכעלט פון פערשידענע מניעות און ער איז נישט ביכולת מעהר מקיים צו זיין די מצוה.

די תורה וואָרענט אַלזאָ די מנדבים אין אַלע צייטען: „וכל חכם לב בכם יבאו ויעשו את כל אשר צוה ד'". וואָס ווענינער רײדען און וואָס וויניגער אסיפות, געזאָגט, געקומען און — געטהון!...

(אמרי חן)

ויצאו כל עדת בני ישראל וכו' ויבאו כל איש אשר נשאו לבו... (לה, כ, כא.)

צו דער דרשה, צום „ויקהל משה", זענען געקומען אַלע אידען, „כל עדת בני ישראל", אָבער ווי נור די דרשה האָט זיך געענדיגט, איז „ויצאו כל עדת בני ישראל", האָט זיך דער גרויסער עולם, אַרויסגערוקט, פונאַנדערגעגאַנגען, און — „ויבאו כל איש אשר נשאו לבו", און צוריקגעקומען זענען בלויז די יחידים, די נדיבי־לב...

(ספר הדרוש)

ווי עס צו זעהען, איז די זאַמלונג זעהר שנעל צוגעגאַנגען. אָט נאָר־וואָס זענען זיי אַוועק פון משה'ן און אָט זענען זיי שוין געקומען צוריק מיט נדבות אין די הענד. דאָס איז דערפאַר, מסתמא, ווייל עס זענען דאַן קיין קאָמיטעטען און קיין גבאים נישט געוועזן...

(שפתי כהן)

וכל אשר נדבה רוחו אותו הביאו... (לה, כא.)

עפ"י רוב איז פונ'ם „נדבה" ביז'ן „הביאו" ענדערט זיך דער מצב. אין ערשטען הייסען מאָמענט, אונטערן איינדרוק פון דער ריהרענדער דרשה, דערוואָרימט זיך דער עולם און יעדער איינער בעשליסט ביי זיך אַנטקעגענצוקומען מיט אַ געהעריגע נתינה. שפעטער, אָבער, קוים געהט־איבער דער ערשטער רושם און עס קומט צו דער קעשענע, ווערען אַ סך אָבגעקיהלט און אָדער מען איז יוצא מיט גראָשענס, אָדער מען האָט חרטה און מען גיט איינגאַנצען נישט. די תורה דערצעהלט אונז דעריבער אַלס רבותא, אַז ביי מלאכת־המשכן איז דאָס נישט פאָרגעקומען, אַז פון אַלע ששים רבוא אידען האָט זיך נישט געפינען קיין איינער, וואָס זאָל האָבען געגעבען וועניגער, וויפיעל ער האָט פריהער, אונטער'ן רושם פון משה'ס אויפפאָדערונג, געהאָט בעשלאָסען אין האַרצען צו געבען. עס האָט קיינער נישט קיין חרטה געהאָט און „וכל אשר נדבה רוחו — אותו הביאו"!...

(נזל קדומים)

ויבואו האנשים על הנשים... (לה. כב.)

די מענער האבען זיך נישט צוגעגלויבט, אז די ווייבער זאלען טאקי פעהיג זיין אראבצונעהמען פון זיך דאס ציהרונג און עס אוועקגעבען אויף א דבר טוב, אויף געזעלשאפטליכע צוועקען, און זיי זענען דעריבער מיטגעקומען מיט די ווייבער, ביי־וואוינען און זעהען דאס וואונדער...

(אמרי חן)

דער דין איז, אז תכשיטי נשים טאר די פרוי נישט פערקויפען, אדער אוועקשענקען אליין, אהן דעם מאן, און דער מאן — אהן דער פרוי, און דעריבער זענען געקומען ביידע, די מענער מיט די פרויען...

(פנים יפות)

פארהאן פערשיעדענע קאטעגאריעס צווישען די נותני־צדקה. פארהאן אזעלכע, וואס אז זיי געהען געבען צדקה, מוזען זיי זיך פריהער אנפרעגען און האבען דערויף דעם ווייב'ס הסכמה — „ויבאו האנשים על הנשים"... פארהאן ווידער אזעלכע, וועלכע וועלען קיינמאל דערויף נישט קריגען די הסכמה פון זייערע ווייבער, און צדקה מוזען זיי געבען אין געהיים, אונטער'ן ווייב'ס וויסען, פון א פערבארגען קניפעל — „וכל אשר נמצא אתו" („אשר נמצא", ער דארף אויסגעפינען, ווי פון א בעהעלטעניש)... דאגעגען אבער זענען פארהאן אזעלכע מענער, וועלכע זענען אין עניני צדקה פאלקאם זעלבסטשטענדיג און אונאבהענגיג פון זייערע ווייבער — „ויבאו כל איש אשר נשא לבו"... און אויך ווייבער, וועלכע זענען נישט אבהענגיג און דארפען זיך נישט היטען פאר די מענער — „וכל הנשים אשר נשא לבן"...

(רבי ישעי' פיק)

ויבאו האנשים על הנשים כל נדיב לב... (לה. כב.)

אין מס' שקלים פרעגען די חז"ל: פארוואס ביי'ם עגל איז „ויתפרקו כל העם", האט געגעבען דאס גאנצע פאלק, דאגעגען ביי'ם משכן האבען בלויז געגעבען „כל נדיב לב", נאר יחידים, די נדיבים? און דערויף ענטפערט די גמרא: „ישראל קדושים הם, נתבעין לעגל ונתנו, נתבעין למשכן ונתנו".

און מיט וואס, אייגענטליך, איז שוין דערמיט פערענטפערט די פריהערדיגע קשיא, פארוואס אויפ'ן עגל האט געגעבען „כל העם" און אויפ'ן משכן נאר „כל נדיב לב"?

האט געזאגט דערויף דער לובלינער רב, רבי מאיר שפירא: עס פאסירט גאנץ אפט ביי פערשידענע אקציעס און געלד־זאמלונגען, רעדט מען איין די נותנים, אז דאס געלד געהט אויף א דבר שבקדושה, אויף א שטרענג רעליגיעזע, אדער נאציאנאלע זאך, און שפעטער זעהען זיי זיך ארום, אז מען האט זיי גענארט, אז די געזאמעלטע געלדער זענען פערווענדעט געווארען אויף גאר אנדערע צוועקען, און אזוי איז אויך געוועזען ביי'ם עגל: נישט אלע אידען האבען געוואוסט, אז מען זאמעלט געלד אויף א קאלב, אויף אנ'אבגאט, מען האט זיי איינגערעדט, אז „אלה אלהיך ישראל", אז דאס איז גאר פאר גאט'ס וועגען, האט דעריבער דאס גאנצע פאלק געגעבען. דערזעהענדיג אבער שפעטער, אז מען האט זיי מיאוס אבגענארט, איז בשעת מען איז געקומען צו זיי זאמלען געלד אויפ'ן משכן, האבען זיי שוין מורא געהאט צו געבען, טאמער נארט מען זיי ווידער אב... און געגעבען האבען דאס מאל בלויז די „נדיבי לב".

אַלע אברים זענען אָבהענגיג פון האַרץ, און דאָס האַרץ איז אָבהענגיג פון דער טאָש...
(ירושלמי תרומות)

פון דער טאָש איז קענטיג, וואָס פאַר האַרץ דער מענש פערמאָגט...

פאַר יעדער מצוה איז מען זיך נוהג צו זאָגען: „הנני מוכן ומזומן לקיים המצוה". פאַרוואָס זאָגט מען עפּיס דאָפּעלט: „מוכן ומזומן"? — פאַרהאַן מענשען, וועלכע זענען גרויסע בעלנים צו טהון מצוות, נאָר עס זאָל זיי קיין געלד נישט קאָסטען, „ביז צו דער קעשענע"... און דעריבער זאָגט מען: „הנני מוכן ומזומן", כ'בין נישט בלויז גרייט צו טהון די מצוה, נאָר אויך צו צאָהלען דערפאַר מיט „מזומנים"...
(מגד ירחים)

כל מרים תרומת כסף ונחשת... (לה. כד.)

דאַגעגען ביי זהב שטעהט: „וכל איש אשר הניף תרומת זהב", נישט „מרים", נאָר „הניף".

דען די תרומת זהב, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש (מדרש רבה פקודי פרשה נ"א), איז געברענגט געוואָרען מכפר צו זיין על חטא העגל און ביי אַ קרבן־כפרה איז דער דין, אַז עס דאַרף האָבען תנופה, דעריבער ווערט דערביי געזאָגט: „אשר הניף תרומת זהב", דאַגעגען די תרומות כסף ונחשת זענען געבראַכט געוואָרען בלויז לשם נדבה און אַ קרבן־נדבה דאַרף נישט האָבען קיין תנופה, און דערפאַר ווערט געזאָגט: „כל מרים תרומת כסף ונחושת"...
(רבי שלמה קלוגער)

וכל אשה חכמת לב בידיה טוו... (לה. כה.)

די בעסערע פרויען, די קלוגע, די סאָלידע, די בעשיידענע, זיי האָבען געבראַכט פאַרטיגע געוועב פון כל־טוב — „את התכלת ואת הארגמן את תולעת השני ואת השש". דאַגעגען „וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה בחכמה", די, וועלכע האָבען שטאָלצירט און געריהמט זיך מיט דער חכמה, וועלכע האָבען גערעדט אַ סך און האָבען געפּילדערט און געטומעלט מיט זייער צדקה, זיי האָבען סוף־כל־סוף געבראַכט נישט מעהר, ווי — „מטוה עזים"...

און אַ סברא, אַז דאָס אויך נישט. דען ביי די ערשטע פרויען שטעהט: „ויביאו מטוה את התכלת ואת הארגמן" וכו', דאָ אָבער ווערט נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „ויביאו", נאָר סתם — „טוו את העזים", זיי האָבען געשפּינען, אָבער עס נישט אוועק־געגעבען...
(מלאכת מחשבת)

וכל הנשים אשר נשא לבן... (לה. כו.)

רבי ישעיה'לע פּראַגער האָט געהאַט אַ ווייב אַ מרשעת, וועלכע איז דערצו געווען מורא'דיג פרום, רק זי איז געזעסען איבער'ן סידור און געזאָגט. האָט ער געוואָלט עסען — האָט זי געזאָגט תהלים; האָט ער געבעטען אַ גלאָז טהיי — האָט זי געהאַלטען

אין מיטען מעמדות, און אַז ער פלעגט זיך קלאָגען אויף איהר אויפפיהרונג, פלעגט זי איהם אָבענטפערען מיט כעס, אַז מחמת דעם, וואָס זי איז עוסק במצוות, איז זי פטור פון צו פאָלגען דעם מאַן. דערויף האָט איהר רבי ישעיה׳לע אָנגעוויזען, אַז אויפ׳ן פסוק „וכל הנשים אשר נשא לבן" ווערט געזאָגט: „שנים במסורה, וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה בחכמה טוו את העזים — וכל הנשים יתנו יקר לבעליהן", אַז אפילו אין דער צייט פון „טוו את העזים", ווען ווייבער האָבען עוסק געווען אין דער מצוה פון מלאכת המשכן, דאָך „וכל הנשים יתנו יקר לבעליהן", האָבען זיי גלייכצייטיג פונדעסט־וועגען אויך געפאָלגט די מענער...

צו רבי ישראל סאַלאַנטער איז אַמאָל געקומען איינער פון זיינע תלמידים און זיך באַקלאָגט פאַר איהם, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי אַ גרויסע מלומדת, וועלכע האָט געענדיגט אַ דייטשע הויכשול, און איצט האָט ער, ליידער, גאַר קיין פנים נישט ביי איהר און זי איז איהם וויט נישט נוהג כבוד.

רופט זיך אָן צו איהם רבי ישראל סאַלאַנטער: אויב דו האָסט געוואָלט אַ געביל־דעטע פרוי, האָסטו געדאַרפט זיין גרייט דערויף. אויפ׳ן פסוק „וכל הנשים אשר נשא לבן אותן בחכמה" זאָגט דער בעל־הטורים: „ב׳ במסורה, הכא ואידך וכל הנשים יתנו יקר וכו׳". ווייל עפ״י רוב איז ביי די געבילדעטע פרויען, „הנשים אשר נשא לבן אותן בחכמה", האָט דער מאַן קיין גרויסע דעה נישט און עס איז נויטיג פאַר זיי אַ ספעציעלע פעראָרדענונג פון אחשורוש׳ן, אַז — „וכל הנשים יתנו יקר לבעליהן"...

טוו את העזים... (לה. כו.)

דאָס איז די איינציגע זאַך, מיט וואָס די פרויען האָבען זיך בעשעפטיגט ביי מלאכת המשכן, אויסער דעם געפינען מיר נישט, אַז זיי זאָלען האָבען געטהון וועלכע עס איז אַנדערע אַרבייט.

דען דער דין איז, אַז אַ דבר־מצוה פון וועלכע אַ פרוי איז פטור, טאָר זי לכתחילה זיך אַפילו נישט בעשעפטיגען מיט דער אַרבייט פון דער דאָזיגער מצוה. אַזוי, למשל, טאָר אַנ׳אשה נישט מאַכען קיין ציצית דערפאַר, ווייל זי איז פטור פון דער דאָזיגער מצוה (זעה רמ״א או״ח סי׳ י״ד), בלויז מיט דער מלאכת הטויה מעג זי זיך יאָ בעשעפ־טיגען.

און היות, ווי אויך פון מאַכען אַ משכן, וועלכער האָט געדאַרפט מכפר זיין אויפ׳ן חטא פון עגל, זענען זיי פטור געווען, דען זיי האָבען דאָך ביי׳ם עגל נישט געזינדיגט, האָבען זיי זיך דעריבער דערביי נישט בעשעפטיגט מיט קיין שום אַנדערע מלאכה אויסער מיט׳ן „טוו את העזים"...

(רבי פנחס הלוי הורוויץ)

וכל אשה חכמת לב בידיה טוו וכו׳ וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה... (לה. כה. כו.)

דאָס איז אַנטקעגען די צוויי קאַטעגאָריעס: די, וואָס זיי געוועלטיגען איבער׳ן האַרץ און די, וואָס דאָס האַרץ געוועלטיגט איבער זיי.

די ערשטע, די „חכמת לב בידיה", וועלכע האָבען שולט געווען איבער די הערצער און עס געהאַט אין זייערע הענד — „טוו ויביאו", האָבען געזאָגט און געטהון, אויס־פיהרענדיג זייער אויפגאַבע בשלמות. דאַגעגען „וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה",

וואס דאס הארץ האט זיי געטראגען און איבער זיי שולט געווען, איז בלויז „טוו את העזים״, אבער „ויביאו״ שטעהט נישט, געגעבען האבען זיי נישט, זיי האבען בינתיים חרטה געהאט...

(אדני פז)

רבי אברהם׳לע סאכאטשאווער, בעת ער איז נאך א קליין יונגעל געווען, האט איהם אמאל דער פאטער, דער ביאלער רב, לערנענדיג מיט איהם חומש, געפרעגט: ווי אזוי האט געמעגט זיין „וכל אשה חכמת לב, בידיה טוו ויביאו מטוה״, ווי אזוי האבען זיי דאס געמעגט אוועקגעבען, דער דין איז דאך „מעשה ידיה לבעלה״?

האט ער איהם מניה וביה געענטפערט:

דער טעם פון מעשה ידיה לבעלה איז דאך דערפאר, ווייל דער מאן איז איהר מפרנס און „תקנו מזונות תחת מעשה ידיה״ (כתובות נ״ט), אין דער מדבר אבער איז דער דאזיגער טעם נישט חל געווען, דען דארט האבען דאך די ווייבער נישט געדארפט אנקומען, אז די מענער זאלען זיי מפרנס זיין, דארט האבען דאך אלע געלעבט פון מן...

והנשאם הביאו את אבני השהם... (לה. כז.)

„והנשאם כתיב — חסר יוד״ (רש״י)

אין אונזערע צייטען איז עס ליידער א גאנץ נארמאלע ערשיינונג. א סך פון אונזערע פערשיעדענע נשיאים, עסקנים און כלל־טהוער פעהלט נעביך אפט דאס דאזיגע סאמע וויכטיגסטע — די „יוד״, דאס „פינטעלע יוד״...

(קניני קדם)

די נשיאים, די גבירים, מיט זייערע געבראכטע בריליאנטען און עדעלשטיינער, האט מען געלאזטווארטען די לעצטע, אויפ׳ן סאמע סוף... זאלען זיי נישט שטעהען אין גרויסען, זאלען זיי וויסען, די רייכע נשיאים, אז די נדבה פונ׳ם מיטעלמאן און זיין ביסעל קופער האט מעהר ווערט און מעהר חשיבות, ווי די עדעלשטיינער פון די גבירים...

(עולת חדש)

ראו קרא ד׳ בשם בצלאל... (לה. ל.)

דערפון דרינגען די חז״ל, אז „אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן נמלכים בצבור״ (ברכות נ״ה).

די מפרשים בעמיהען זיך צו ערקלערען אויף פערשידענע אופנים, ווי אזוי עס איז פונ׳ם דאזיגען פסוק געדרינגען, אז בצלאל איז בעשטימט געווארען מיט דער הסכמה פון פאלק, אבער רבי אברהם סבע הספרדי ווייזט אן גאנץ איינפאך, אז דאס איז משמע פון ווארט „ראו״. זעהט — האט זיך משה געווענדעט צו די אידען — אט דאס איז דער קאנדידאט! און איהר דארפט זאגען אייער מיינונג, צי איהר זענט מסכים אויף איהם...

„אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן נמלכין בצבור... לך אמור להם לישראל!״
(ברכות נ״ה.)

און דעריבער איז דער דין — ערקלערט דערויף דער תשב״ץ (סימן קל״ה) — אז

אויב עס ווערט בעשטימט אין אַ שטאָדט אַ רב מיט׳ן כח פון מלכות, אָהן דעם רשות און רצון פון דער קהלה, האָט ער נישט די קראַפט פון אַ דיין מומחה, וועלכער זאָל פטור זיין צו בעצאָהלען, אויב ער האָט שלעכט גע׳פסק׳ענט און זיך טועה געווען בשקול-הדעת, וכדומה...

בצלאל... למטה יהודה — ואהליאב... למטה דן... (לה. ל. לד.)

בצלאל, דעם זוהן פון חשוב׳סטען שבט, האָט מען צונויפגעפּאָרט מיט אָהליאָב, דעם זוהן פון נידריגסטען שבט — צו וויזען, אַז אויפ׳ן געביעט פון חכמה האָט יחוס קיין בעדייטונג נישט...

(מצח אהרן)

וימלא אותו רוח אלקים בחכמה בתבונה ובדעת... (לה. לא.)

וואָרום געוועהנליך האָט דער, וואָס איז אַ ירא-אלקים, אַ קנאַפּע ידיעה אין וועלט-זאַכען... און דערפאַר טאַקע האָט פרעה געפרעגט: „הנמצא כזה", צי קאָן מען געפינען נאָך אַזעלכען, וואָס זאָל פעהיג זיין אַנצופיהרען מיט מלוכה-ענינים און דערביי זאָל ער אויך זיין „איש אשר רוח אלקים בו", אַ פרומער געטליכער מענש... און אָט דאָס איז געווען די רבותא פון בצלאל, דאָס ער האָט פעראייניגט אין זיך אַלע זאַכען צוזאַמען, „רוח אלקים" צוזאַמען מיט — „חכמה, תבונה ודעת"... און דיזעלבע וואונדערליכע מעלות ווערען אויך פאָראויסגעזאָגט וועגען מלך-המשיח: „ונחה עליו רוח ד׳, רוח חכמה ובינה"...

(אברבנאל)

אַ מענש קאָן זיין אַ גרויסער צדיק און דערביי גלייכצייטיג אויך אַ גרויסער שוטה... דען די גמרא זאָגט, אַז איידער אַ מענש ווערט געבוירען, ווערט אין הימעל בעשלאָסען, צי ער זאָל זיין אַן עושר, אָדער אַן אָרימאַן, אַ חכם, צי אַ נאַר; דאַגעגען צי זאָל ער זיין אַ צדיק, אָדער אַ רשע, ווערט נישט בעשטימט — ד ע ר ו י ף ווערט יעדען מענש פרייע הענד געגעבען, די ברירה איז ביי א י ה ם... נמצא, אַז אַ מענש קאָן זיין אַ צדיק, וואָס דאָס איז דאָך אָבהענגיג פון זיין אייגענעם ווילען און גלייכצייטיג אויך אַ שוטה — מחמת ד אָ ס איז שוין נישט אָן איהם געווענדעט...

(רבי בונם מפשיסכא)

בעמערקונג פונ׳ם זאַמלער:
פערקעהרט געפינען מיר אין אבן-עזרא, פ׳ יתרו. הגם — ווערט דאָרט געזאָגט — יתרו האָט געראַטען משה׳ן, ער זאָל אויסקלויבען יראי אלקים, אנשי אמת וכו׳, האָט משה פון זיך אַליין צוגעגעבען: אויך חכמים ונבונים... מחמת נאַר אַ חכם קאָן זיין אנ׳אמת׳ער ירא-שמים...

כמה וכמה פעמים — פלעגט זאָגען רבי שלמה ראַדאָמסקער — ווערט אין דער דאָזיגער פרשה דערמאָהנט און געריהמט די מדה פון חכמה, דען אַמערגסטען איז אַ פרומער נאַר, מחמת צווישען די זאַכען, וואָס ווערען אויסגערופען אין הימעל קודם יצירת הולד, ווערט אויך אויסגערעכענט, צי „טפה זו תהא חכם או טיפש" (נדה ט״ז). וויבאַלד אַלזאָ אַזאַ איינער איז נאָך דערצו פרום אויך, מיינט ער, אַז וויפיעל נאַר ער איז, איז ער נאָך אַלץ נישט יוצא לגבי דער מצוה, וואָס מען האָט אויף איהם גוזר געווען אין הימעל צו זיין אַ טיפש...

ולהורות נתן בלבו... (לה. לד.)

צוויי מאָל געפינט זיך, לויט דער מסורה, דאָס וואָרט „ולהורות": א) „ולהורות נתן בלבו", ב) „ולהורות את בני ישראל"... אויב עס איז „ולהורות נתן בלבו", אויב השי"ת האָט דיך געבענשט מיט חכמה און דעת, האַלט עס נישט ביי זיך, בבחינת „ותורתך בתוך מעי", נאָר — „ולהורות את בני ישראל", פערשפרייט עס צווישן פאָלק, בעמיה זיך צו ברענגען דערמיט נוצען דעם כלל...

(ספר הדרוש)

ויקרא משה אל בצלאל ואל אהליאב ואל כל איש חכם לב... (לו. ב.)

דער לאָדזער רב, רבי אליהו חיים מייזעל, האָט אַמאָל צונויפגערופען אַן אַסיפה פון פערשידענע כלל־טהוער, אויף וועלכער עס איז בעשלאָסען געוואָרען אַנצוהויבען אַ זאַמעל־אַקציע אויף אַ געוויסען פילאַנטראָפּישען צוועק. אַרומגעהענדיג נאָכהער צו די לאָדזער גבירים נאָך געלד איז ער אויך אַריינגעגאַנגען צו פּאָזנאַנסקי'ן, וועלכער האָט, דערהערענדיג וועגען דער צונויפגערופענער אַסיפה און וועגען דעם בעשלוס, וואָס זי האָט אָנגענומען, זיך שטאַרק בעליידיגט:

— היתכן — מאַכט ער — נאָך געלד קומט איהר צו מיר, דאַגעגען אויף די אַסיפות רופט איהר אַנדערע, פאַרוואָס האָט איהר אויך מיך נישט איינגעלאַדען?

ענטפערט איהם רבי אלי' חיים:

— אויך משה רבינו — דערצעהלט אונז די תורה — האָט זיך אַזוי געפיהרט. בשעת משה האָט גענומען דורכפיהרען די זאַמעל־אַקציע פאַר'ן משכן, האָט ער קיינעם פערזענליך נישט איינגעלאַדען, נאָר ער האָט אויסגערופען סתם: „כל נדיב לבו יביאו", אַז די נדבנים, די גבירים, זאָלען ברענגען געלד און „וכל חכם לב בכם יבואו ויעשו", און די כלל־טהוער זאָלען קומען און מיטהעלפען אין דער אַרבייט. וואָס־זשע אָבער האָט זיך נאָכהער אַרויסגעוויזען? עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די כלל־טהוער זענען מעהר גייציגער נאָך כבוד, ווי די גבירים, מחמת וועגען די גבירים, די נדבנים, דערצעהלט אונז דער פסוק, אַז „ויבואו כל איש אשר נשאו לבו וכל אשר נדבה רוחו אותו הביאו" וכו', אַז זיי זענען געקומען און האָבען געבראַכט זייערע נדבות, כאָטש מען האָט זיי פערזענליך נישט איינגעלאַדען, דאַגעגען די „חכמי לב", די כלל־טהוער, זענען געבליבען זיצען אין דער היים און פריהער נישט געקומען ביז — „ויקרא משה אל בצלאל ואל אהליאב ואל כל איש חכם לב", מען האָט יעדען פון זיי געמוזט פערזענליך איינלאַדען.

— די אמת'ע נדיבי־לב — האָט רבי אלי' אויסגעפיהרט — וועלכע פערנעהמען זיך נישט בלויז מיט כלל־טהוערייי, נאָר זיי געבען טאַקי געלד, זיי דאַרפען נישט קיין ספּעציעלע איינלאַדונגען...

דעריבער זענען די חכמי־לב אַליין נישט געקומען און האָבען געוואַרט, ביז משה וועט זיי איטליכען בעזונדער רופען, ווייל דער אמת'ער חכם־לב ווייסט נישט, אַז ער איז אַ חכם־לב און אַז דאָס מיינט מען איהם...

(קטורת סמים)

והם הביאו אליו עוד נדבה בבקר בבקר... (לו. ג.)

דער בעסטער סימן, דער קלאָרסטער בעוויז, אַז די נדבה ווערט געגעבען מיט

חשק, מיט׳ן גאַנצען האַרצען, איז, ווען דער נותן קומט אַליין צו לויפען מיט זיין נדבה „בבקר בבקר״, אַזש פאַרטאָג...

(כלי יקר)

ביי די אָרימע אַרבייטער, וועלכע האָבען נישט געהאַט וואָס צו שענקען, איז זייער נתינה בעשטאַנען פון „נדבה בבקר בבקר״, פון שענקען פאַר דער מלאכת־המשכן איבער־שטונדען, קומענדיג צו דער אַרבייט פאַרטאָג, פאַר דער בעשטימטער אַרבייטס־צייט...

(ברוך ספח)

ויצו משה ויעבירו קול במחנה וכו׳ אל יעשו עוד מלאכה לתרומת הקדש... (לו. ו.)

אַזאַ פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל נישט ברענגען מעהר קיין גאָלד און קיין זילבער, דען מען נויטיגט זיך נישט מעהר דערין — אַזאַ בעפעהל צום פאָלק האָט נאָך קיין שום מושל און קיין שום הערשער נישט אַרויסגעגעבען!...

(רמב״ן)

איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה... (לו. ו.)

„אַל יעשו עוד מלאכה״ מיינט מען נישט די מלאכת המשכן. די דאָזיגע אַרבייט איז נישט אָבגעשטעלט געוואָרען, פערקעהרט, ווי עס איז צו זעהן פון די ווייטערע פסוקים, האָט זי זיך ערשט אָנגעהויבען. נאָר מען מיינט, מען זאָל מעהר קיין געלד נישט ברענגען און דאָס וואָרט „מלאכה״ בעדייט: געלד, ווי מיר געפינען אין פסוק: „אם לא שלח ידו במלאכת רעהו״, פון וועלכען דער פשט איז, אַז ער האָט נישט צוגעריהרט זיין האַנד צו פרעמד אייגענטום...

(פי׳ הטור על התורה)

ויכלא העם מהביא... (לו. ו.)

דערויף זאָגט דער בעל־מסורה: „ויכלא העם מהביא״ — „ויכלא הגשם״...

דען אַזוי איז דער שטייגער: קוים איז „ויכלא הגשם״, ווי נאָר עס ווערט אַביסעל שוואַכער די שפע פון פרנסה, אַזוי איז דאָס ערשטע — „ויכלא העם מהביא״, הערט מען קודם־כל אויף צו געבען צדקה...

(רבי שמעון סופר)

מיט׳ן מאָמענט ווען עס איז אויסגערופען געוואָרען: „איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה לתרומת הקודש״ און עס איז אָבגעשטעלט געוואָרען די אַרבייט אַרום משכן, דאַן — „ויכלא העם מהביא״, האָט דאָס פאָלק אויפגעהערט געלד צו געבען. דאָס פאָלק איז נאָר דאַמאָלס בעגייסטערט און טראָגט נדבות, ווען עס הערט, ווי דער האַמער קלאַפּט, ווען עס זעהט, ווי פאַר דעם געלד ווערט עפּיס אויפגעטהון, געאַרבייט, געשאַפען, געבויט. זעהט עס נישט קיין ממשות׳דיגע אַרבייט — הערט עס אויף געלד צו געבען...

(רבי מענדעלי רימאַנאָווער)

והמלאכה היתה דים... והותר... (לו. ז.)

„והותר" — די דאָזיגע מדה פון נדבנות איז פון דאַמאָלס אָן איבערגעבליבען ביי אידען, אַלס איינע פון די דריי מדות, מיט וועלכע יעדער איד דאַרף זיך אויסצייכענען, כדי צו זיין אין כלל פון „כי כן יבורך ג׳ב׳ר" — „גומלי־חסדים, בישנים, רחמנים"...
(רבי אלעזר פלעקעלש)

ויעש בצלאל את הארון... (לז. א.)

ביי אַלע אַנדערע כלים פון משכן געפינען מיר נישט דעם אויסדרוק: „ויעש בצלאל, נאר סתם: "ויעש יריעות עזים לאוהל", „ויעש את הקרשים למשכן", „ויעש את בריח התיכון", „ויעש את השלחן", „ויעש את המנורה" א.אַז.וו. בלויז דאָ, ביים אָרון, ווערט געזאָגט: „ויעש בצלאל את האָרון".

דען אַלע אַנדערע כלים זענען שפּעטער, ביים ערשטען און צווייטען בית־המקדש, אויך געמאַכט געוואָרען דורך אנדערע, אָבער אַן אָרון האָט קיינער, אויסער בצלאל, נישט געמאַכט מעהר און בעת דער ערשטער אָרון איז נגנז געוואָרען האָט מען נישט געמאַכט קיין צווייטען, און דערפאַר ווערט געזאָגט: „ויעש בצלאל את הארון", דעם אָרון האָט נור ער איינער, בצלאל, געמאַכט, ווייטער קיינער נישט...
(רבי מאיר שמחה דווינסקער)

פְּקוּדֵי

אלה פקודי המשכן... (לח. כא.)

עס שטעהט נישט: „אשר פקד משה", נאָר — „אשר פקד על־פי משה... ביד איתמר"... כאָטש משה אַליין איז בעשטימט געוואָרען אַלס גזבר, דאָך האָט ער צוגעזעצט צו זיך נאָך אַנדערע פּערזאָנען און צוזאַמען מיט זיי דעם חשבון געמאַכט...

(תנחומא)

צדקה ווערט צונויפגעזאַמעלט דורך צוויי פּערזאָן, און פונאַנדערגעטיילט — דורך דריי...

— אַלס גבאי של צדקה דאַרף געוועהלט ווערען אַזאַ פּערזאָן, ווי רבי חנינא בן־תרדיון (ווּעלכער, אויסער זיין עהרליכקייט, האָט ער אויך אַליין אַ סך צדקה געגעבען)...

— אויב אַ גבאי של צדקה, בשעת ער געהט אַרום מיט דער צדקה־פּושקע, געפינט געלד אין גאַס, אָדער עס צאָהלט איהם ווער אָב אַ פּריוואַטען חוב, טאָר ער דאָס געלד נישט אַריינלעגען צו זיך אין טאַש, נאָר ער מוז עס אַריינוואַרפען אין פּושקע, און ערשט ביי זיך אין שטוב עס אַרויסנעהמען פון דאָרט, כדי די מענשען אין גאַס זאָלען איהם נישט חושד זיין...

— אויב עס בעט ווער דעם גבאי של צדקה, ער זאָל איהם אויסבייטען די צו־נויפגעזאַמעלטע קופּערנע מטבעות אויף זילבערנע — מעג ער עס איהם טהון; דאַ־געגן פאַר זיך אַליין, פאַר'ן אייגענעם געברויך, טאָר ער נישט בייטען, בכדי נישט צו ציהען אויף זיך קיין חשד, אַז ער פערדיענט פונ'ם קורס־דיפערענץ...

— ביים איבערצעהלען די צדקה־געלדער, טאָר מען נישט צעהלען עטליכע מטבעות צוזאַמען, נאָר יעדע בעזונדער...

(בבא בתרא)

אין די צייטען פון בית־המקדש האָט דער גבאי, וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין דער לשכה פון דער עזרה אַרויסצונעהמען פון דאָרט די געשפּענדעטע נדבות, נישט געטאָרט טראָגען קיין לאַנג מלבוש מיט איבערגעבויגענע קאַנטען, און אַפילו קיין שיך האָט ער נישט געטאָרט טראָגען, און קיין תפילין אויפ'ן קאָפּ, און קיין קמיע אויפ'ן האַלז — בכדי אויסצומיידען יעדען מינדעסטען חשד... דען פּונקט ווי אַ מענש דאַרף יוצא זיין פאַר גאָט, אַזוי דאַרף ער יוצא זיין פאַר מענשען — „והייתם נקיים מה׳ ומישראל"...

(שקלים)

משה אליין האָט געהייסען אַלץ איבערצעהלען, קאָנטראָלירען און צושטעלען דעם פאָלק אַ חשבון, אַלס ביישפּיעל און לעהרע פאַר די קינפטיגע דורות, פאַר די גבאים

פון אַלע צייטען, זיי זאָלען וויסען, אַז געזאַמעלטע פאָלקס־געלדער דאַרפען ווערען קאָנטראָלירט, עס זאָל קיינער פון זיי נישט וואַרטען, ביז מען וועט פון איהם פאָדערען אַ חשבון און עס זאָל קיינער פון זיי, אַפילו דער עהרליכסטער מאַן, נישט פערלאַנגען, מען זאָל איהם גלויבען אויפ׳ן וואָרט...

(תורת משה)

לויט דער ערקלערונג פון אייניגע מפרשים (רמב״ן, אבן עזרא און אַנדערע) ווערט אין דער פרשה בלויז אויסגערעכענט, אויף וואָס מען האָט פערנוצט דאָס געזאַמעלטע כסף און נחושת, דאַגעגען וועגען דעם געזאַמעלטען גאָלד ווערט געזאָגט סתם: „ויהי זהב התנופה תשע ועשרים ככר ושבע מאות ושלשים שקל״, כך וכך האָט בעטראָפען די געזאַמעלטע געלד־סומע, אויף וואָס אָבער מען האָט דאָס געלד פערוועגדעט, דאָס שטעהט נישט.

דען אַזוי איז שוין דער שטייגער. דווקא די גראָשענדיגע געבער, די, וואָס זייערע נדבות בעשטעהען פון קופערנע, העכסטענס פון עטליכע זילבערנע מטבעות, די האַלטען אין איין ליאַרמען און אין איין פאָדערען אַ חשבון, די האָבען אַפילו צו משה רבינו קיין צוטרוי נישט... דאַגעגען די אמת׳ע נותנים, די גאָלד־געבער, די זענען אין דער דאַזיגער הינזיכט אַ סך בעשיידענער...

(בית אהרן)

„ר׳ יוסי אומר, יהי חלקי עם גבאי צדקה, ועוד אמר ר׳ יוסי, יהי חלקי עם החושדים אותם ואין בם״ (שבת קי״ח)

דער צווייטער מאמר איז אַ המשך צום ערשטען און אויך דאָ רעדט זיך וועגען גבאי־צדקה. דעם גבאי־צדקה איז מען חושד אַפילו „בשאין בו״, ווען ער האָט באמת ריינע הענד...

(שיחת חכמים)

אַזוי איז שוין דער שטייגער ביי אונז. ביים משכן האָט מען גע׳חשבונ׳ט און נאָכ־קאָנטראָלירט איטליכען גראָשען, דאַגעגען ביים עגל, וואו פון אַזוי פיעל גאָלד איז ס״ה אַרויס איין גאָלדען קעלבעל, האָט קיינער גאָר קיין חשבון נישט געפאָדערט און קיינער האָט קיין קשיות נישט געפרעגט...

(אמרי חן)

דער ט״ז, דער מחבר פון „טורי־זהב״, איז געווען, ווי בעקאַנט, אַנ׳איידעם פון ב״ח, רבי יואל סירקש. דער ט״ז איז געווען רב אין אוסטרהא (וואָהלין), און דער ב״ח — אין בריסק.

ויהי היום, איז דער ט״ז געקומען צו־גאַסט צום שווער קיין בריסק. דער ב״ח האָט זיך, פערשטעהט זיך, זעהר געפרעהט מיט׳ן איידעם און איהם שטאַרק מכבד געווען, פערברענגענדיג מיט איהם גאַנצע טעג אין חדושי־תורה.

פרייטאָג פאַרנאַכט האָט דער ט״ז אויסגעלעדיגט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין די טאַשען, און אָוועקגעגעבען דעם שווער צו בעהאַלטען.

מיטאַמאָל, זינט דעמדאָזיגען מאָמענט, איז אין דער בעציהונג פון שווער צום איידעם אַ שטאַרקע ענדערונג געקומען. אַ גאַנצען שבת איז דער ב״ח אַרומגעגאַנגען, ווי אַנגע׳ברוגז׳ט, כמעט ווי נישט גערעדט מיט׳ן איידעם, כמעט ווי אויסגעמיטען איהם אין פנים אַריין צו קוקען...

דער ט״ז איז געווען אויסער־זיך פון עגמת־נפש, נישט קאָנענדיג בשום־אופן פערשטעהן, וואָס דאָ איז פּלוצים געשעהען, מיט וואָס אַזעלכעס ער האָט זיך געגען שווער פערזינדיגט!... מוצאי־שבת, זעהענדיג, ווי דער שווער געהט נאָך אַלץ אַרום ברוגז, האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט מעהר איינהאַלטען און ער האָט זיך געווענדעט צום ב״ח, ער זאָל איהם זאָגען, מה פשעו ומה חטאתו.

דאָ איז ערשט דער ב״ח אַרויס מיט׳ן אמת׳ען געוואַלד.

— וואָס? ער האָט נאָך די העזה צו פרעגען?... מיט אַזאַ אידעם האָט עס איהם דער רבונו־של־עולם מזכה געווען!... און דאָס איז אַ רב ביי אידען!...

און זאָגענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט דער ב״ח אַרויסגעשלעפּט דאָס פּעקעל פּאַפּירען, וואָס דער ט״ז האָט איהם פּרייטאָג־פאַרנאַכט געגעבען צו בעהאַלטען, און אָנגעוויזען אויף עטליכע אַסיגנאַציעס, וואָס זענען דאָרט געלעגען איינגעוויקעלט, אַסיגנאַציעס אויף אַ סומע פון זעכציג גילדען.

— ווי קומט — האָט ער געשריען — צו אַ רב אַזאַ הון מיט געלד? פונוואַנען נעהמט זיך צו אַ רב זעכציג גילדען?... איז דאָך עס נישט אַנדערש, נאָר אָדער ער האָט גענומען שוחד, אָדער ער האָט געריהרט פון די קהל׳שע צדקה־געלדער!... וואָרום פונוואַנען דען האָט ער זעכציג גילדען?

ערשט ווען דער ט״ז האָט איהם פייערליך פערזיכערט, אַז דאָס געלד איז צו איהם געקומען בהיתר, אַז דאָס האָבען איהם די שטאָדטישע בעלי־בתים געגעבען זעכציג גילדען, ער זאָל פאָהרען קיין קראָקע זיך היילען די קראַנקע אויגען — ערשט דאַן האָט זיך דער ב״ח בערוהיגט...

רבי חיים בריסקער איז געווען אַ׳אויסערגעוועהנליכער בעל־צדקה, וועלכער האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָבגעזאָגט צו שטיצען. האָט ער נישט געהאָט ביי זיך קיין אייגען געלד, איז ער אַרומגעלאָפען איבער דער שטאָדט זאַמלען נדבות, אָדער ער האָט גע־באָרגט, געליהען גמילות־חסדים און געגעבען. אַזוי אַרום איז ער געוואָרען אַ גרויסער בעל־חוב.

— רבי — האָט מען איהם אַמאָל געפרעגט — וואו וועט איהר נעהמען צו בע־צאָהלען אייערע חובות?

— נישקשה — מאַכט רבי חיים — אין בריסק זענען פאַרהאַן גענוג גבירים, וועלכע זענען ביכולת צו בעצאָהלען דאָס, וואָס איך גיב אויס פאַר זייערע אָרימע לייט...

אויף רבי לייב, דעם שפּאָלער זיידע, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פּזרן אין צדקה, צוטיילענדיג זיין גאַנצע הכנסה צווישען אָרימעלייט, דערצעהלט מען, אַז ער פלעגט קיינמאָל נישט מקפיד זיין ווער דער מקבל איז און זאָגאָר גנבים פלעגט ער אַרויסהעלפען און אונטערשטיצען בשעת זיי פלעגען זיך צו איהם ווענדען אין אַ נויט.

די בעלי־בתים איז דאָס נישט געפעלען געווען און מען האָט איהם אַמאָל פאַר־געוואָרפען: סטייטש, רבי, גנבים זאָל מען אויסהאַלטען? היתכן?...

— עס מאַכט נישט אויס — האָט זיי דער שפּאָלער זיידע דערויף געענטפערט — עס טרעפט אַמאָל און עס ווערען איבען צוגעשלאָסען די „שערי־רחמים״, שיק איך דאַמאָלס מיינע גנבים און זיי ברעכען אויף די שלעסער...

אַ גרויסער בעל־צדקה איז, כידוע, געווען רבי חיים צאַנזער. זיין גאַנץ געלד

פלעגט ער פונאַנדערטיילען, אויסהאַלטען גאַנצע פאַמיליעס, ממש אַוועקגעגעבען פון זיך דאָס לעצטע און אַליין געלעבט אין דחקות.

בעת ער האָט אויסגעגעבען זיין טאָכטער פאַר דעם האַרנאָסטאַפּאָלער רב׳ס זוהן, האָט איהר די רביצין געלאָזט מאַכען אַ שענעם חתונה־אויסשטייער, אַ סך קליידער און תכשיטים, מען זאָל נישט פערשעמט בלייבען פאַר די מחותנים.

אַ פּאָר טעג פאַר דער חתונה, קומט אַריין אַן אָרימע אידענע צו רבי חיימ׳ן און קלאָגט זיך:

— הייליקער רבי, כ׳בין אַן אָרימע אַלמנה, כ׳פיהר מיין טאָכטער צו דער חופּה און איך האָב נישט אויף קיין חתונה־הוצאות.

דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָט רבי חיים נישט לאַנג געטראַכט, צוגעלאָפען צו דער קליידער־שאַנק, אַרויסגענומען דער טאָכטער׳ס גאַנצען אויסשטייער און אַוועק־געגעבען דער אַלמנה.

אַז די כלה האָט דאָס דערזעהען האָט זי אָנגעהויבען וויינען:

— סטייטש, טאַטעשי, ווי אַזוי וועל איך איצט פאָהרען צו דער חתונה?

— נישקשה, מיין קינד, נישקשה — טרייסט איהר רבי חיים — דו וועסט זאָגען, אַז דו ביזט מיין טאָכטער...

איינמאָל איז צו רבי חיים צאַנזער געקומען דער זוהן זיינער, רבי ברוך, און זיך געקלאָגט, אַז ער דאַרף חתונה מאַכען אַ טאָכטער און האָט נישט אויף קיין חתונה־הוצאות.

אין עטליכע טעג אַרום זענען צו רבי חיימ׳ען געקומען אַ פּאָר חסידים זיינע, גבירים אַדירים, און איהם איבערגעלאָזען שענע פדיונות.

ווי נור די גבירים זענען אַוועק, האָט רבי חיים געשיקט רופען זיינעם אַ חסיד, וועלכער איז געווען אַן אָרימאַן אַן אביון און אַ מטופל מיט עטליכע בוגרת׳ן און איהם אַוועקגעגעבען ס׳גאַנצע געלד אויף הכנסת־כלה.

אַז דער זוהן, רבי ברוך, האָט זיך דערוואוסט דערפון, איז ער אַריין צום פאָטער מיט אַ טענה: סטייטש, טאַטע, מיט וואָס בין איך ערגער פון אַ פרעמדען? איך דאַרף דאָך אויך חתונה מאַכען אַ קינד!

— אויף דיר — ענטפערט איהם רבי חיים — איז נישט אַזאַ גרויס רחמנות. דו קענסט זיך אַן עצה געבען: וואו דו וועסט קומען און וועסט זאָגען, אַז דו ביזט ר׳ חיימ׳ס זוהן, וועט מען דיר געבען אויף הכנסת־כלה. יענעם אָרימאַן אָבער וועט נעבעך קיינער נישט געבען...

רבי מרדכי לעכעוויטשער פלעגט זיך נוהג זיין צו צעטיילען יעדען טאָג דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער האָט געהאַט, נישט איבערלאָזענדיג זיך אַ גראָשען.

— אַז עס בלייבט ביי מיר — פלעגט ער זאָגען — אַ גראָשען איבער נאַכט, קאָן איך דאַן אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפען. עס רייבט מיר אָב די זייטען...

אלה פקודי המשכן משכן העדות... (לח. כא.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „איש אמונים רב ברכות, איש אמונים זה משה שהוא נאמנו של הקב״ה, שנאמר בכל ביתי נאמן הוא. ואָץ להעשיר זה קרח שהיה לוי ובקש ליטול כהונה גדולה״.

אין פלוג, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ דערדאָזיגער פערגלייך? דער מדרש רעדט דאָך דאָ וועגען משה׳ס עהרליכקייט אין געלד־זאַכען, ביי׳ם צעהלען די נדבות פון משכן, טאָ פונוואַנען איז עס דער בעוויז, אַז קרח, דערפאַר, וואָס ער האָט פער־לאַנגט צו בעקומען די כהונה־גדולה, איז נישט געווען עהרליך און איז געווען דער היפוך פון משה׳ן?

נאָר — ענטפערט דערויף דער מהרש״א — אין שבת ק״כ אויפ׳ן מאמר „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שפסקו ממנה אנשי אמנה", פיהרט אויס די גמרא: „כאן בדברי תורה, כאן במשא ומתן", אַז אין דברי תורה זענען זיי יאָ געווען בעגלויבט, דאָ־גענען אין משא ומתן נישט. דערפון איז, אַלזאָ, משמע, אַז בנוגע עהרליכקייט אין געלד־זאַכען איז אַ מענש גיכער נישט בעגלויבט, ווי אויף עהרליכקייט אין אַנ׳ענין פון כבוד.

און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין פון מדרש: „איש אמונים זה משה". משה איז ביים צעהלען דאָס גאָלד און זילבער פון משכן זעהר עהרליך געווען, און קוים איז ער געווען עהרליך און בעגלויבט אין געלד־זאַכען, איז ער אין אַלע אַנדערע זאַכען אודאי געווען בעגלויבט, אַז אַלץ, וואָס ער טהוט מיינט ער עהרליך און אויפריכטיג און נישט, חלילה, צוליעב כבוד. קרח דאַגעגען, וועלכער האָט זיך אויפגעפיהרט אונעהרליך צוליעב׳ן געיעג נאָך כבוד, צוליעב דער כהונה־גדולה, איז ער אין געלד־זאַכען אַודאי און אַודאי נישט געווען עהרליך...

„משכן העדות", דער משכן אַליין איז געווען אַנ׳עדות, אַז די „פקודי המשכן", דער חשבון און די צעהלונג, איז געווען אַ ריכטיגע, אַז עס זענען דערביי חלילה קיין שום מיסברויכען נישט בעגאַנגען געוואָרען, וואָרום ווען עס וואָלט חלילה געווען דער מינדעסטער שמץ פון גנבה און „קאָרופּציע", וואָלט עס נישט געווען קיין משכן, וואָלט די שכינה דאָרט נישט גערוהט, דען — „אני ד׳ שונא גזל בעולה"...

(מלבים)

„המשכן משכן שתי פעמים — רמז למשכן שנתמשכן" (רש״י)

דאָס וואָרט „משכן" ווערט דאָך ביז איצט, אָנהויבענדיג פון פרשת תרומה, זעהר פיעל מאָל איבערגעחזר׳ט, טאָ פאַרוואָס ווערט דער דאָזיגער דרש פון די חז״ל גע־דרשנ׳ט ערשט דאָ, אין פרשת פקודי?

נאָר — זאָגט דערויף דער דובנער מגיד — עס זענען פאַרהאַן צווייערליי קונים, וואָס קויפען גאָלד און ציהרונג. פאַרהאַן אַ קונה אַנ׳עושר, וועלכער קויפט דאָס ציהרונג מתוך הרחבה, צום בענוצען זיך דערמיט, און פאַרהאַן אויך אַזאַ איינער, וועלכען עס איז צופעליג געלונגען צו פערדינען אַביסעל געלד ביי אַ זייטיג פערדינסטעל, און היות ווי ער האָט נישט קיין זיכערע פרנסה און ער האָט מורא, אַז דאָס ביסעל געלד זאָל איהם נישט צוטרענצעלט ווערען, קויפט ער זיך איין פאַר דעם געלד אַביסעל ציהרונג אַלס פאַרזיכערונג, אַז על כל צרה שלא תבוא זאָל ער האָבען וואָס צו פער־זעצען אין דער לאָמבאַרד... דער חילוק צווישען זיי ביידע איז, וואָס דער ערשטער קונה, דער עושר, ווי נאָר ער קומט אַהיים מיט׳ן ציהרונג, דערלאַנגט ער עס גלייך זיינע בני־בית, זיי זאָלען עס אָנטהון און ער ווינשט זיי דערביי, זיי זאָלען עס טראָגען גע־זונטערהייט. דאַגעגען דער צווייטער, אַהיימקומענדיג מיט׳ן ציהרונג בעהמט ער קודם־כל אַרויס דאָס נאָטיץ־ביכעל און פערצייכענט זיך גענוי, וויפיעל דוקאַטען גאָלד און קאַראַט ברילאַנטען דאָס ציהרונג האָט, אויף וויפיעל מען האָט עס איהם געשאַצט און וויפיעל ער האָט דערפאַר בעצאָהלט, בכדי ער זאָל וויסען אויף וויפיעל ער קאָן

רעכענען צו בעקומען דערויף געבאַרגט בשעת ער וועט דאַרפען, די שעה זאָל נישט זיין, אַוועקטראָגען עס פער׳משכונ׳ען אין דער לאָמבאַרד...

און דאָס מיינט דאָ דער בעל־המדרש: „אלה פקודי המשכן״, זעהענדיג, ווי די תורה פערצייכענט אַזוי גענוי און פּינקטליך אַלע איינצעלנע טיילען פון משכן, וויפיעל קרשים ער האָט און וויפיעל קרסים, וויפיעל עמודים און וויפיעל בריחים, פערשטעהען מיר, אַז מיר האָבען דאָ פאַר זיך דעם צווייטען קונה — „רמז למשכן שנתמשכן״, אַז דאָס מאַכט מען דעם חשבון פאַר דער לאָמבאַרד...

ובצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה... (לח. כב.)

דעריבער ווערט ביי בצלאל׳ן אויסגערעכענט דער גאַנצער יחוס, נישט נאָר ווער דער פאָטער, נאָר אויך ווער דער זיידע איז געווען, ווייל — „כל העוסקים בצרכי צבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים, שזכות אבותם מסייעתם״. עוסקים בצרכי־צבור דאַרפען האָבען זכות־אבות, זיי זאָלען נישט קאַליע ווערען. מען דאַרף זיי שטענדיג דערמאָהנען: געדענקט פון וועמען איהר שטאַמט, ווער אייערע טאַטעס און זיידעס זענען געווען...
(לקט אמרים)

בשעת רבי יעקל געזונדהייט איז געווען רב אין וואַרשא, איז אַמאָל ענטשטאַנען אַ סכסוך וועגען אַ קהל׳שען פּאָסטען, אויף וועלכען די חסידים האָבען פערלאַנגט עס זאָל בעשטימט ווערען אַ געוויסער חסידישער יחסן, אַ בנן של קדושים. רבי יעקל האָט אויף דעם קאַנדידאַט נישט מסכים געווען, מחמת מען האָט געמורמעלט אויף איהם, אַז ער איז נישט שטאַרק נזהר אין דיני ממונות, און ער האָט אונטערגעשטיצט אַ צווייטען קאַנדידאַט, אַ בעקאַנטער מתנגד.

אין דעם ענין האָט זיך אַריינגעמישט דער חדושי הרי״ם, וועלכער האָט געהאַלטען מיט׳ן חסידישען קאַנדידאַט און ער האָט וועגען דעם פערפיהרט אַ שמועס מיט׳ן וואַרשאווער רב, זאָגענדיג:

— עס איז דאָך אַ בפירוש׳ע משנה: „כל העוסקים בצרכי צבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים שזכות אבותם מסייעתם״, זעהען מיר דאָך, אַז אַנ׳עוסק בצרכי צבור דאַרף זיין אַ יחסן און האָבען זכות־אָבות, און דאָס זעלבע געפינען מיר אויך ביי בצלאל, וועגען וועלכען די תורה רעכענט אויס, וואָס פאַר אַ גרויסער יחסן ער איז געווען.

ענטפערט איהם דערויף רבי יעקל:

— לעולם איז דאָך דער דאָזיגער מאמר אַ סתירה צו אַ צווייטער גמרא, וואו עס ווערט געזאָגט פערקעהרט: „אין ממנין פרנס על הצבור, אלא אם כן קופה של שרצים תלויה לו מאחוריו״?... נאָר באמת איז דער פשט פון דער משנה אין אבות גאַנץ אַנדערש. דער פשט איז: „כל העוסקים בצרכי צבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים״. נאָכוואָס דאַרף מען עס זיי אָנזאָגען, אַז זיי זאָלען אַרבייטען לשם־שמים? ווייל „שזכות אבותם מסייעתם״, ווייל ס׳רוב ווערען בעשטימט אַלס עוסקים בצרכי צבור אַזעלכע, וואָס דער זכות־אבות העלפט זיי צו בעקומען די דאָזיגע פּאָסטענס, ווייל די רביים מיט זייערע חסידים פאַרען זיך פאַר זייערט וועגען, און מיט׳ן בלויזען זכות־אָבות, מיינען זיי, איז מען שוין יוצא און מען קאָן שוין אויסקומען אָהן דעם לשם־שמים... און וואָס ס׳איז שייך ווידער די ראיה פון בצלאל׳ן, זעהען מיר דאָך, אַז מען האָט טאַקי גלייך צוגעזעצט צו איהם אהליאב׳ן פון שבט דן, און דוקא נישט קיין יחסן, „מן הירודין שבשבטים מבני השפחות״, און צוגעזעצט האָט מען איהם דערפאַר, כדי — ער זאָל אַכטונג געבען אויף בצלאל דעם יחסן...

דערויף — זענען חסידים מוסיף — זאָל איהם דער חדושי הרי״ם האָבען צוריק־געענטפערט מיט אַ שטאָך:

— איהר, וואַרשאוּוער רב, האָט דאָך שוין נישט קיין זכות־אבות און פונדעסט־וועגען זענט איהר אויך נישט אויסען מיט אייערע רייד לשם־שמים, וואָרום והא ראיה — איהר זענט תמיד אַ געגנער פון פשט׳לעך, טענה׳ענדיג, אַז זיי פיהרען אַראָב פון דרך־האמת, ולסוף בענוצט איהר זיך אַליין מיט אַ פשט׳ל...

ואתו אהליאב בן אחיסמך... (לח. כג.)

מיר געפינען גאַרנישט אין פסוק, אַז אָהליאָב זאָל האָבען עפּיס געטהון. געטהון האָט בלויז בצלאל און אָהליאָב׳ן, ווייזט אויס, האָט מען צוגעזעצט צו איהם נור צוליעב דעם, ווייל — „אין עושין שררות על הצבור פחות משנים״ (בבא בתרא ח׳).

(פנים יפות)

ויהי זהב התנופה... (לח. כד.)

„זהב התנופה״, דאָס גאָלד איז אַ דאַנק דעם הייליגען צוועק און די גוטע כוונות דערהויבען געוואָרען און האָט בעקומען אַנ׳עליה און אַ תיקון.

דען עפ״י רוב, ווען מען ווייסט נישט, ווי מיט׳ן גאָלד זיך אומצוגעהן, שלעפּט עס דעם מענש צו דער טיפסטער ירידה ר״ל...

(רבי בער, המגיד ממעזריטש)

ויהי מאת ככר הכסף לצקת את אדני הקדש... (לח. כז.)

פאַרוואָס ווערט בלויז אָנגעגעבען אַ חשבון, אויף וואָס עס איז בענוצט געוואָרען דאָס זילבער און דער קופּער און וואָס מען האָט געמאַכט דערפון, דאַגעגען ווערט דאָ אין חשבון נישט אָנגעוויזען וואָס מען האָט געמאַכט פון גאָלד?

נאָר אין מדרש ווערט געזאָגט, אַז דערפאַר האָבען די אידען געפאָדערט אַ חשבון, ווייל זיי האָבען חושד געווען די בעלי־מלאכות, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט אויס־צואַרבייטען די אַלע כלים, אַז פיליכט האָבען זיי דערפון עפּיס נהנה געווען. די כלי־זהב זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען בלויז דורך בצלאל, און איהם האָט קיינער נישט חושד געווען...

(אור תורה)

ויעשו על שולי המעיל רמוני תכלת... (לט. כד.)

די רמונים, זאָגט דער ילקוט, האָבען מכפּר געווען אויף די פושעי־ישראל, וועגען וועלכע עס ווערט געזאָגט: „הריקנים שבך מלאים מצוות כרמון״ (ערובין י״ט).

און דערפאַר איז אויך „ויתנו את הפעמונים בתוך הרמונים״, האָבען זיך די רמונים געפינען אין די גלעקער, דען די פושעי־ישראל, טאָמער טהוען זיי אַמאָל אַ גוטע זאַך, אַ מצוה, פערקלינגען זיי דערמיט די וועלט. „איסתרא בלגינא קיש קיש קריא״...

רבי גרשון העניך פלעגט זאָגען: דעריבער איז „פושעי ישראל מלאים מצוות

כרמון״, דען דער רמון איז אַ זעהר אונגעשמאַקע און אונבעטעמ׳טע פרי און אַזאַ טעם האָבען אויך די מצוות פון די פושעי ישראל...

„מלאים מצוות כרמון״ — תמיד זענען די פושעי ישראל פול מיט מצוות: אויף דעם איז אַ מצוה אויסצורײדען אַלדאָס בייז, דעם איז אַ מצוה צו מסר׳ן, יענעם איז אַ מצוה צו בעגראָבען...

(ר׳ אליעזר ריינעס)

ויברך אותם משה... (לט. מג.)

„אמר להם יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם ויהי נועם ד׳ אלקינו עלינו״ (רש״י)

און אין תורת־כהנים פ׳ שמיני אויפ׳ן פסוק „ויבא משה ואהרן וכו׳ ויברכו את העם״ איז דער נוסח אַנדערש: „אמר להם תשרה שכינה במעשה ידיכם והם אמרו לו ויהי נועם וכו׳״, און אַזוי איז אויך משמע פון דער רש״י אויפ׳ן דאָרטיגען פסוק...

(דברי חנוך)

אויף אַ כלי־ריק קאָן קיין ברכה נישט חל זיין. סיי ביי עבודת־חול, סיי ביי עבודת־הקדש, ווערט געפאָדערט, אַז דער מענש זאָל אַליין קודם־כל עפּעס טהון, נישט זיצען מיט פערלעגטע הענד, און דאַן וועט איהם השי״ת צוהעלפען.

„יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם״, נאָר בתנאי און נאָר דאַמאָלס, ווען איהר וועט זיך דערביי בעטייליגען מיט „מעשה ידיכם״!...

(אמרי שפר)

אום שבת ויו״ט ובכלל בעת מען פערזאַמעלט זיך אין אַ רעליגיעזער, אָדער געזעלשאַפטליכער פייערונג, איז יעדער איד דאַמאָלס אין אַ געהויבענער שטימונג, יעדער איז דאַמאָלס גוט און פרום, אָבער — „יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם״, די שכינה זאָל אויך רוהען אין אייערע וואָכעדיגע מעשים, אינ׳ם טאָג־טעגליכען משא־ומתן...

(ספר הדרוש)

ויפרוש את האהל על המשכן... (מ. יט.)

„אין הקב״ה משרה שכינתו אלא על גבור ועשיר וחכם ועניו, וכולן ממשה וכו׳ דכתיב ויפרוש את האהל על המשכן״ (נדרים ל״ח)

דער רמב״ם (הלכות יסודי התורה פ״ז) איז נישט גורס דאָס וואָרט „עשיר״, שטיצענדיג זיך אויף דער גמרא (סנהדרין י״א), וואו עס ווערט געזאָגט: „יש כאן אחד שראוי שתשרה עליו שכינה, אלא שאין דורו ראוי לכך, ונתנו חכמים עיניהם בהלל הזקן״, און הלל איז דאָך, כידוע, געוועזען אַ גרויסער אָרימאַן, נמצא, אַז צו השראת השכינה דאַרף מען נישט זיין קיין עושר...

דערויף בעמערקט דער „פרח לבנון״ בדרך צחות, אַז די גמרא אין סנהדרין איז כלל נישט קיין סתירה צום מאמר אין נדרים, דען די כוונה איז: „יש כאן אחד שראוי שתשרה עליו שכינה אלא שאין דורו ראוי לכך״, דעריבער איז דער דור נישט ראוי דערצו, ווייל מען זעהט נישט, אַז אַזאַ מענש ווי הלל, זאָל דורך די מענשען פון זיין

דור פערזאָרגט ווערען מיט פרנסה און מיט עשירות, כדי די שכינה זאָל קענען רוהען אויף איהם...

אין אַ צווייט אָרט (שבת צ״ב) ווערט אָנשטאָט „עניו״ צוגעגעבען „ובעל קומה״.
איז דאָך עס אין פלוג אונפערשטענדליך: היתכן, ווי געשיקט זיך עס אַז צו השראת־השכינה זאָל מען אַנדערש נישט קענען צוקומען נאָר מיט געלד און גבורה און חכמה און שענקייט?

נאָר בשעת אַן׳איינפאַכער, פּראָסטער מענש איז פרום און אַבגעהיטען, קענען מאַנכע זאָגען: וואס איז די רבותא? ער איז נישט בעוואוסטזיניג, נישט אויפגעקלערט, נישט געבילדעט, איז ער דעריבער נוטה צו גלויבען אין אַלעם, וואס מען זאָגט איהם, פּראָסטע מענשען זענען פרום. דאָס זעלבע זאָגט מען אויף אַן׳אָרימאַן: וואס איז דער וואונדער? ער איז אַן׳אָרימאַן, אויף צו געניסען פון די תענוגי עולם הזה האָט ער נעביך קיין געלד נישט, איז וואו דען זאָל ער פערברענגען זיינע פרייע שעה׳ן, אויב נישט אין שוהל און אין בית־המדרש? און איז דער פרומער איד קראַנק און שוואַך, זאָגט מען: קיין חידוש נישט, ער איז פרום דערפאַר, ווייל ער האָט נעביך קיין כח און קיין לוסט נישט צו זינדיגען; דאָס זעלבע זאָגט מען אויף אַ קאַליקע און פיזיש־העסליכען מענש: די נאַטור האָט איהם נעביך געשטראָפט, אין געזעלשאַפט האָט ער צוליעב זיין העסליכקייט קיין ערפאָלג נישט, אויף פערוויילונגען שעמט ער זיך צו קומען, און אויך פאַר איהם בלייבט דעריבער קיין אַנדער אָרט נישט, ווי נאָר די שוהל און דער בית־המדרש... ווען אָבער אַ מענש איז געבענשט מיט אַלע מעלות, מיט וועלכע מען קען גאָר אַ סך געניסען פון לעבען: ער איז קלוג און רייך און פיזיש שטאַרק און שען, און דאָך איז ער אַ שומר תורה ומצוות און אַ ירא־שמים, און צו דעם אַלעם איז ער נאָך אַן׳עניו, וועלכער שטאָלצירט נישט מיט די אַלע געבענשטע מעלות און גוטע מדות, אַזאַ איינער פערדיענט אַליבא דכל הדעות, אַז די שכינה זאָל רוהען אויף איהם!...

(הרב ד״ר וואָלף מישעל)

רבי נחום טשערנאָבילער פלעגט זאָגען, אַז אינ׳ם דערמאָהנטען מאמר ווערט געמיינט דער „גבור ועשיר וחכם״, וואס ווערען אויסגערעכענט אין דער משנה און וואס יעדער איינער קאָן דערגרייכען. „איזהו גבור? — הכובש את יצרו״, „איזהו עשיר? — השמח בחלקו״, און „איזהו חכם? — הלומד מכל אדם״...

„רבי מכבד עשירים״ (עירובין פ״ו)

אַז ער האָט מקרב און מכבד געווען די אָרימעלייט, וועגען דעם איז גאָר איבריג געווען צו דערמאָהנען, דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך, אָבער די רבותא איז, אַז ער איז געווען אַזוי טאַקטיש און העפליך צו מענשען, דאָס אַ פ י ל ו עשירים האָט ער אויך מכבד געווען...

(מילי דשמיא)

רבי, דער נשיא הדור, האָט זוכה געווען צו „תורה וגדולה במקום אחד״, ער איז אי געווען דער גדול־הדור בתורה, אי איינער פון די רייכסטע עשירים אין זיין צייט, וממילא האָט מען איהם פון אַלע זייטען גרויס כבוד צוגעטיילט, און היות ווי ער האָט נישט געוואָלט נהנה זיין פון כבוד־התורה, איז ער דעריבער געווען אַ מכבד עשירים,

בכדי אויך אַנדערע זאָלען נאָכטהון זייןביישפּיעל און עס זאָל הייסען, אַז מען גיט איהם אָב כבוד, נישט פאַר זיין תורה, נאָר פאַר זיין עשירות...

(לקוטי מהרי״ל)

רבי נחום טשערנאָבּילער פלעגט נישט מאַכען קיין גרויס וועזען מיט די נגידים. בעת עס פלעגען קומען צו איהם אַנ׳עושר און אַנ׳ארימאַן, האָט ער פריהער אויפגענומען דעם אָרימאַן מיט וועלכען ער פלעגט טיילמאָל אָבזיצען שעה׳ן־לאַנג און דעם עושר האָט ער געלאָזט שטעהן אין דרויסען וואַרטען און נאָכהער אָב׳פּטר׳ן איהם אין עטליכע מינוט. קיין פדיונות האָט ער נישט גענומען. אַז אַנ׳עושר האָט איהם אַוועקגעלעגט אַ רייכען פדיון האָט ער איהם געהייסען ער זאָל צוריקנעהמען דאָס געלד און אַוועקפאָהרען אין דעם און דעם שטעדטעל, וואו עס וואוינט אַנ׳ארימאַן מיט אַזאַ און אַזאַ נאָמען, און אָט יענעם אָרימאַן זאָל ער אַוועקגעבען דעם פדיון, וועט ער אין דעם זכות געהאָלפען ווערען, דערביי האָט ער געהאַט ליגען אַ פערצייכענטע רשימה פון הונדערטער בכבוד׳ע אָרימעלייט אין די פערשידענע שטעדטלעך, צו וועלכע ער פלעגט כסדר שיקען די גבירים מיט זייערע פדיונות...

איינמאָל האָבען איהם די מקורבים געפרעגט, פאַרוואָס ער זאָל זיך נישט אָראָבנעהמען אַ ביישפּיעל פון רבי, עס ווערט דאָך בפירוש געזאָגט, אַז „רבי מכבד עשירים״. האָט ער זיי דערויף געענטפערט:

— ערשטענס, וויל איך מיר ליעבער אָראָבנעהמען אַ ביישפּיעל פון רבונו־של־עולם, וועלכער חבר׳ט זיך דוקא מיט אָרימע לייט: „אני אשכון את דכא ושפל רוח״ און „כי יעמוד לימין אביון״. צווייטענס, האָט דער זעלבער רבי אויפגעהויבען זיינע צעהן פינגער און עדות געזאָגט אויף זיך: „שלא נהניתי מן העולם הזה אפילו באצבע קטנה״. דריטענס, האָב איך מעהר מורא פאַר די מצוות, פון וועלכע כ׳האָב הנאה, איידער פון דער דאָזיגער עבירה (די עבירה פון נישט מכבד זיין קיין עשירים), פון וועלכע כ׳האָב קיין שום הנאָה נישט...

ויעל הנרות לפני ד׳... (מ. כה.)

בשעת רבי אריה לייב, דער בעל „קצות החושן״, איז געווען רב אין סטרי, האָט זיך דאָרט געפונען אַ רייכער בעל־הבית, וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער עוסק במצוות און אַ גרויסער בעל־צדקה, ער האָט אָבער ליעב געהאַט, אַז יעדע גוטע זאַך, וואָס ער טהוט, זאָל מפורסם ווערען און די שטאָדט זאָל רעדען דערפון. האָט איהם דער רב איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ביי טהון אַ מצוה דאַרף מען נישט האָבען קיין פניות.

— וואָס שאַדט עס דען — פרעגט איהם דער עושר — אַ מצוה איז דאָך געגליכען צו אַ ליכט, „כי נר מצוה ותורה אור״, און וואָס איז דער אונטערשיעד, מיט וואָס מען צינדעט־אָן דאָס ליכטעל, מיט אַ שוועבעלע, צי מיט סמאָלע?

— עס איז יאָ — ענטפערט איהם דער „קצות״ — אַנ׳אונטערשיעד, עס שטעהט בפירוש: „ויעל הנרות לפני ד׳״, דאָס ליכט דאַרף מען אָנצינדען לפני ד׳, לשם שמים, אָהן שום פניות...

וכבוד ד׳ מלא את המשכן... (מ. לד.)

אין וויען האָבען די רעפאָרמירער אויפגעשטעלט אַ סינאַגאָגע, אויף וועלכער זיי

האָבען אויף דער אויסערליכער וואַנד ביים אַריינגאַנג אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות דעם פסוק: „וכבוד ד׳ מלא את המשכן״.

בשעת רבי צבי חיות האָט, פאַרבייגעהענדיג פאַר דער סינאַגאָגע, דערזעהען די דאָזיגע אויפשריפט, האָט ער זיך אָנגערופען, אַז מען האָט געדאַרפט אויף דעם אָרט אַוועקשטעלען דעם צווייטען פסוק: — „ולא יכול משה לבוא אל המשכן״.

ובהעלות הענן מעל המשכן יסעו בני ישראל בכל מסעיהם... (מ. לו.)

„בכל מסעיהם״, שטענדיג, אין אַלע צייטען, פונ׳ם מדבר ביז היינט זענען די מסעי בני ישראל פערנעבעלט און פערהילט אין אַנ׳ענן. עד־היום איז פערהוילען פאַר אונז דער אייגענטליכער צוועק און זין פון די אונאויפהערליכע אידישע וואַנדערונגען...

(יסוד עולם)

בכל מסעיהם...

„מקום חנייתן — אף הוא קרוי מסע״ (רש״י)

אַפילו בשעת אידען רוהען אויף אַנ׳אָרט — „אף הוא קרוי מסע״, איז עס אויך אין כלל פון וואַנדערונג, איז עס נישט מעהר, ווי אַ צייטווייליגע רייזע, בעת וועלכער מען דאַרף אין יעדען מאָמענט זיין גרייט צו ריהרען זיך ווייטער אין וועג אַריין...

(ילקוט יהודה)